STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07612

FUN EYBIGEN KVAL

Harris L. Selig

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון אייביגען קוואל

געדאנקען און מיינונגען פון דער „אגדה" איבער די סדרות פון דער וואָך און ימים טובים.

געזאַמעלט און דערקלערט

פון

ה. ל. זעליג

נויאָרק — תרצ"ט

מוינעשטער פּאַבלישינג קאָמפּ.

Copyright by
H. L. SELIG
1938
New York, N. Y.

Printed by
MOINESTER PUBLISHING COMPANY
1569 East New York Avenue
Brooklyn, N. Y.

צו מיין

ליבע פרוי מאשע

א מתנה

די השפעה פון דער אגדה אויף דעם אידישען לעבען

(אנשטאַט א הקדמה)

„רצונך להכיר את מי שאמר והיה העולם למוד אגדה", אויב דו ווילסט זיך באַקאַנען מיט די גרויסקייט פון דעם בורא עולם, לערען די אגדה (ספרי עקב). „האגדות הנם אמצעים יקרים לקדש על ידיהן שמו של הקב"ה", די אגדות זיינען די טייערסטע מיטלען, דורך זיי צו פאַר־הייליגען דעם נאָמען פון דעם אויבער־שטען (ילקוט תהלים תרע"ב). די גרויסע השפעה וואָס די אמונה האָט אויסגעאיבט אויף דעם אידישען לעבען, קאָן נור דאַן פאַרשטאַנען און ריכטיג אָפּגעשאַצט ווערען, אז מען באַקאַנט זיך מיט דעם אידישען געדאַנקען־גאַנג וועגען דער גאָטהייט און דעם מהות פון לעבען, ווי ער ווערט איבערגעגעבען דורך דער „אגדה".

די „הלכה", אָדער דער טהייל פון אונזער „תורה שבכתב" און „תורה שבעל פה", וואָס שליסט איין אַלע דינים און באַפעלען, „עשה'ס" און „לא תעשה'ס", ווי א איד זאָל דערפילען זיינע פליכטען צו גאָט און צו מענש, האָט געמאַכט פון דעם אידען א „חטיבה אחת בעולם", אַן אייגענאַרטיגען טהייל פון דער מענש־ליכער געזעלשאַפט אויף דער ערד. די „אגדה" מיט איהרע מערקווירדיגע רעליגיעזע אנשויאונגען, מאָראַלישע לעקציעס און העלע באַלייכטונגען איבער דעם זין פון „שכר ועונש", פון פאַרדינטע שטראָפען אָדער באַלוינונגען, וואָס דער אויבערשטער טיילט אויס די מענשען פאַר זייערע מעשים, האָט דעם אידען גע־געבען א באַזונדערען פּלאַץ אויך אין הימעל... אויב די „הלכה" האָט געוויזען דעם אידען ווי צו קאָנען לעבען אייביג, האָט איהם די „אגדה" געגעבען דעם תכלית, דעם מאָטיוו פאַרוואָס ער זאָל וועלען לעבען אייביג.

„אגדה אינו אוסר ואינו מתיר", די אידישע אגדה פארוועהרט קיין זאך ניט און דערלויבט קיין זאך ניט (ירושלמי הוריות ה"ג). זי דיקטירט ניט און באפעהלט ניט, זי ראט בלויז, ווי א מענש זאל זיך אויפפיהרען, אום ער זאל קאנען געניסען און הנאה האבען פון דער וועלט און יענער וועלט. זי טרייסט איהם אויך אין זיין נויט און לערענט איהם ניט צו פארצווייפלען, אויב עס געהט איהם ניט אזוי גוט. „דער הויפט ציעל פון דער „אגדה", זאגט דר. צונץ, איז צו פארבינדען דעם הימעל מיט דער ערד, צו ברייגנען די הימלען נעהענטער צום מענשען און דערהויבען דעם מענשען נעהענטער צום הימעל" (גאטעסדינסטליכע פארטרעגע דער יודען).

עס איז ווערטה צו באמערקען, אז די „אגדה" האט זיך אימער מעהר און מעהר פארשפרייט צווישען דעם פאלק אין א „שעת חירום", אין צייטען פון רדיפות און אומגליקען. ווען שווארצע כמארעס פון פארפאלגונגען האבען זיך אנגערוקט אויף די אידישע הימלען, זיינען עס געוועזען די בעלי אגדה, די דרשנים, וואס האבען געטרייסט דעם פאלק און מיט די שעהנע הימלישע בילדער וואס זיי האבען פאר איהם געשילדערט, פארטריבען דעם יאוש און איהם געגעבען האפנונג ווייטער צו לעבען און קעמפען פאר זיינע הויכע אידעאלען.

גלייך נאך דעם ערשטען חורבן זעהען מיר ווי די אגדה האט זיך גענומען פארשפרייטען צווישען פאלק. פון די גרעסטע בעלי אגדה צווישען די תנאים זיינען דאן געוועזען: רבי יוחנן בן זכאי, רבן גמליאל, ר' יהושע בן חנניה, ר' ישמעאל, ר' עקיבא, ר' טרפון, ר' אליעזר בן הורקנוס, ר' יוסי הגלילי, ר' אלעזר בן עזריה און פילע אנדערע. זייער ביישפיל איז נאכגעפאלגט געווארען פון די אמוראים, גאונים, רבנים און מגידים פון אלע צייטען. זייערע ווערטער האבען געהאט א גרויסע השפעה איבער דעם אידישען לעבען און האבען פיעל מיטגעהאלפען אנצוהאלטען דעם אידישען מוטה און גלויבען אין זיינע כחות, וועלכע האבען איהם געמאכט אומשטערבליך.

אין דער אויסטייטשונג פון די פסוקים פון דער תורה אונטערשיידעט זיך די „אגדה" פון דער „הלכה" מיט דעם וואס די צווייטע זוכט צו דערקלערען דעם „פשט" פון פסוק, און די ערשטע די „כוונה". „הלכה" איז „נגלה", דער עפענטליכער מיין פון די ווערטער, „אגדה" אבער, איז „נסתר", זייער באהאלטענער געדאנק. „הלכה" קאן אויך באצייכענט ווערען אלס די פראזע פון דער תורה, ווייל זי רעדט פון מח, פון שכל, דאגעגען די „אגדה" איז די פאעזיע און אפעלירט צום הארצען, צום געפיהל.

איך וויל דא ברייננען אייניגע קורצע ביישפילען ווי די „אגדה" דערקלערט א פסוק און ברייננט פון איהם ארויס דער־האבענע געדאנקען, וואס ליגען, אייגענטליך, ניט אין די אפענע ווערטער, נור זיינען בעהאלטען צווישען די שורות:

„וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאד", און גאט האט געזעהען אלץ וואס ער האט געמאכט, און עס איז געוועזען זעהר גוט. דוכט זיך א פשוט'ער פסוק, וואס איז גאנץ פארשטענדליך. זאגט אבער אויף דעם דער מדרש: „טוב מאד — זה יצר הרע", מיט די ווערטער „זעהר גוט" ווערט געמיינט אויך דער יצר הרע, ווייל „בלי יצר הרע לא היה ישוב בעולם", אהן דעם יצר הרע וואלט די וועלט קיין באפעלקערונג ניט געהאט (ב"ר מ"ב). וואס פאר א טיפער געדאנק דא ווערט אויסגעדריקט אין זייערע ווערטער.

ווארום האט אונזער ערשטער פאטער געהייסען „אברהם העברי"? ווייל „כל העולם כולו מעבר אחד והוא מעבר אחד", די גאנצע וועלט איז אויף איין זייט און ער אויף דעם צווייטען. די גאנצע וועלט איז קעגען דעם אידען און ער איז קעגען דער גאנצער וועלט (ב"ר מ"ב). מיר דוכט, אז דיזע דרשנות'דיגע דערקלערונג וועגט אריבער אלע פלפולים און פירושים פון אונזערע בלשנים און שפראכען קענער.

גב"ה זאגט וועגן אדמ'ען „אעשה לו עזר כנגדו", איך וועל פאר איהם באשאפען א פרוי וואס זאל פאר איהם זיין א הילף ביי זיין זייט. גיט דער מדרש א דריק: „זכה עוזרתו, לא זכה כנגדו", איז א מענש ווערטה, איז זיין פרוי א הילף פאר איהם און מאכט זיין לעבען פיעל גרינגער, איז ער אבער ניט ווערטה איז זי זיין געגנערין, וואס פארבי־מערט איהם די יאהרען (יבמות ס"ג). וויפיל אמת ליגט אין זייערע ווערטער?

עס טרעפט אויך דאס די אגדה דריקט אוים א טיפערען מיין אין א „דבר הלכה", און דערקלערט דעם זין פון א געוויסען געזעץ: „כקטן כגדול תשמעון", איהר זאלט געבען דיזעלבע אויפמערקזאמקייט צו דעם קליינעם אזוי גוט ווי צו דעם גרויסען, זאגט אויף דעם די אגדה: „שיהא חביב עליך דין של פרוטה כדין של מאה מנה", עס זאל ביי דיר זיין ליב דער אמת'ער אורטהייל וועגען א קליי־ניגקייט וואס איז בלויז ווערטה א פרוטה אזוי גוט ווי אן אנגעלעגענהייט וואס טרעפט אן הונ־ערטע דאלארען (סנהדרין דף ח').

איבערהויפט האט די „אגדה" פיעל בייגעטראגען צו דער אויפהאלטונג פון דעם נאציאנאלען געדאנק ביי די אידען. א דאנק איהרע וואונדערליכע ליבגעזאנגען וועגען ארץ ישראל און די שעהנע אינספּירירענדע מעשה'לאך וואס זי דערצעהלט וועגען דעם לאנד, האבען אידען קיינמאל ניט אויפגעגעבען זייער האפנונג, ווען עס איז, זיך צוריקצוקערען צו זייער אייגען היים. כאטש זיי זיינען איצט אונטערדריקט איבעראל, אויב זיי וועלען אויספאלגען די פארשריפטען פון דער תורה, און האלטען טייער זייער **אמונה**, וועט ענדליך די גאולה קומען, און זייער נאציאנאלער לעבען וועט צוריק אויפגעבויט ווערען.

ווען די רעדאקציע פון „טאָג" האָט מיר איינגעלאַדען צו שרייבען וועגען די סדרות פון דער וואָך, האָב איך מיר געשטעלט אַלס מיין אויפגאַבע איבערצוגעבען די געדאנקען און מיינונגען פון דער אגדה איבער מאַנכע טהיילען פון דער וועכענטליכער סדרה, איבערהויפט וועגען די פסוקים, וואו עס ווערט גערעדט איבער דעם אידישען נאציאָנאַלען געדאנק. זעלבסטפאַרשטענדליך, אז בלויז א קליינער טהייל פון די פסוקים זיינען באריהרט געװאָרען. יעדער ארטיקעל האָט געדאַרפט זיין ניט מעהר ווי צוויי קאָלומס, און אין אזא קורצען פּלאַץ איז פאסט אוממעגליך געוועזען צו באריהרען מעהר. איך האָף אָבער, מיט דער צייט, אָנצופאַנגען א נייע סעריע, וועלכע וועט באַלייכטען די פילע גרויסע און דער־האבענע אידעאַלען, וואָס ווערען אויסגעדריקט אין אונזער תורה, און ווי די „אגדה" דערקלערט זיי.

אין צוזאַמענשטעלען די פילע מאמרים, אגדות און מדרשים, האָב איך זיך באַמיהט אָנצוצייגען דעם מקור פון יעדען. אין די באַלייכטונגען פון די אגדות האָב איך געזוכט ארויסצובריינגען דעם אמת'ן זין ווי איך פאַרשטעה איהם און וואָס לייגט זיך אויפ'ן שכל. איך האָב זיך אויך באַנוצט מיט די דערקלערונגען פון באַוואוסטע דרשנים און רעדנער פון אַלע צייטען, אָנגעבענדיג די ספרים פון וואַנען איך האָב זיי גענומען און די נעמען פון זייערע מחברים.

אויב איך וועל האָבען בייגעשטייערט צו דער ריכטיגער פאַרשטענדיגונג פון א פסוק אין דער תורה אָדער א מאמר אין דער גמרא און מדרש, „והיה זה שכרי", און איך וועל זיך שעצען העכסט גליקליך.

ה. ל. זעליג

שנת תרצ"ט, ניו יאָרק.

בראשית

פון אייביגען קוואל

בראשית

געשיכטע מיינט קאמף פאר עקזיסטענץ

„זה ספר תולדות האדם" — מיט דעם הויבט זיך אָן פאַנאַנדערבלעטערן דער בוך פון דער מענשליכער געשיכטע:

אדם און חוה נאַשען פון „עץ־הדעת" און ווערען ארויסגעטריבען פון גן־עדן. איבער דעם „עץ־החיים", דעם בוים פון לעבען ווערט אויפגעהאַנגען א „חרב המתהפכת", א פאָכענדער שווערד, און צו איהם צוצוקומען מוז מען ארבייטן „בזעת אפים", מיט שוויים און מיה.

כאָטש די וועלט איז גרויס און רייך, קאָנען זיך אָבער די ברידער קין און הבל מיט איהר ניט איינטיילען און עס ברעכט אויס א ברודער־קריג, מיט דעם טרויעריגען רעזולטאַט, דאָס הבל ווערט געטויט פון זיין ברודער קין און זיין אומשולדיג בלוט שרייט ארויס פון דער ערד.

תובל־קין, א שמידער און מיהזאַמער מעכאַניקער פון קופער און אייזען, ווערט אומשולדיגערוויז געטויט פון זיין בלינדען טאַטען למך, וועלכער ווערט נאָכדעם אויסגעריסען פון זיינע צוויי ווייבער עדה און צלה.

„אלו תולדות ואין הראשונות תולדות" — אָט די זיינען געשיכטע, די ערשטע פאסירונגען מאַכען ניט קיין געשיכטע (ב"ר פ"ד). כל־זמן אדם און חוה האָבען געלעבט אין גן־עדן און האָבען געקאָנט געניסען „מכל עץ־הגן", פון אלע בוימער פון גאָרטען, ניט דאַרפענדיג ארבייטען און קעמפען עס צו באַקומען, איז זייער לעבען ניט געווען אינטערעסאַנט גענוג פארשריבען צו ווערען אין דער היסטאָריע.

גליקליכע שאַפען ניט קיין געשיכטע. די, וואָס האָבען אלץ פון גרייטען, עקזיסטירען בלויז, אָבער לעבען ניט. ווען אדם הראשון נעהמט ארום א צופרידענער אין גן־עדן און געניסט פון

אלדאס־גוטס אהן מיה, אהן אנשטרענגונג, איז ער טויט פאר דער געשיכטע פון מענשליכער אנטוויקלונג.

ווי שעהן דער מדרש דריקט אויס אט דעם געדאנק מיט א קנייטש אין פסוק: „וישמעו את קול ה׳ מתהלך בגן", זיי האבען געהערט די שטימע פון גאט ארומגעהענדיג אין גארטען. „מלאכי השרת אומרים מת הלך בגן", די מלאכים שפאטען פון אדם'ען און זאגען „מת הלך" א טויטער געהט ארום אין גארטען (ב"ר י"ט).

פאר דעם יחיד, פאר דעם מענשען זעלבסט, איז טאקע א לעבען אין „גן־עדן" גאנץ גוט, פיל אנגענעמער. ער האט אמת הנאה פון אזא לעבען. ער דארף ניט הארעווען און אנשטרענגען זיינע כחות צו קריגען זיין חיונה. ער לעבט פון פארטיגען, פון וואס אנדערע האבען פאר איהם צוגעגרייט. פאר דער מענשהייט אבער, פאר די קומענדע דורות האט ער גארניט צוגעטראגען. פאר אזעלכע מענשען איז די וועלט סטאגנענט, שטילשטעהענד, אומ־באוועגליך און שאפט גארניט.

א באקוועמליכער לעבען איז טאקע אנגענעם, אבער איז צו שוואך, צו אומאקטיוו צו שאפען געשיכטע. דער גן־עדן איז גוט פאר יחידים, פאר איינצעלנע. פאר דעם כלל אבער שאפט דער גיהנום פיל מעהר. א לעבען פון קאמף און שטרייטיגקייטען ברענגט גרעסערע אויפטואונגען, וואס בלייבען לדורות. „וירא אלקים כי טוב — זה גן עדן, והנה טוב מאד — זה גיהנום", גאט אליין זעהט איין, אז דער גן־עדן איז גוט, אבער דער גיהנום איז נאך בעסער (ב"ר פ"ט).

אום די מענשהייט זאל קאנען געניסען די ליכט פון טאג, מוז זי פריהער דורכמאכען א צייט פון „ערב", פון נאכט, פון פינסטערניש: „יום אחד האמור במעשה בראשית היום הולך אחר הלילה, שנאמר ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד", דער טאג, וואס ווערט דערמאנט ביי דער באשאפונג פון דער וועלט, געהט נאך דער נאכט ווי עס איז געשריבען: עס איז געווארען אווענט, עס איז געווארען מארגענס, איין טאג (חולין פ"ג).

ווען איינעם געהט צו גוט און ער פארברייגנגט א לעבען פון נחת און פארגעניגען, קאן ער ניט באגרייפען דעם פראצעס פון אנטוויקלונג, וואס די וועלט האט דורכצומאכען. ביי דעם ערשטען דורכפאל, ביי די ערשטע שוועריגקייטען ווערט ער פארצווייפעלט און אפהענגיג. די גמרא דערצעהלט, אז אדם הראשון האט זיך שטארק דערשראקען, ווען ער האט דעם ערשטען טאג געזעהן, ווי די זון געהט אונטער און עס ווערט פינסטער. „כיון ששקעה עליו חמה, אמר אוי לי", אזוי נאר ווי די זון האט אנגעפאנגען אונטער־געהן, האט ער אויסגעשריען: וועה איז מיר! „היה יושב ובוכה כל הלילה", ער איז געזעסען און געוויינט א גאנצע נאכט (ע"ז ח').

העכסט אינטערעסאנט איז דער אויספיהר פון דער גמרא: „כיון שעלה עמוד השחר אמר", אזוי גיך ווי דער מארגענשטערן האט אנגעפאנגען אויפגעהן, האט ער געזאגט: „מנהגו של עולם הוא", אזוי פיהרט זיך די וועלט. „עמד והקריב שור שקרניו קודמין לפרסותיו", האט ער זיך אויפגעשטעלט און געבראכט א קרבן אן אקס, וועמעס הערנער קומען פריהער פאר זיינע קאפיטעס (ע"ז ח').

וואס פאר א שעהנעם געדאנק עס ווערט דא אויסגעדריקט! אומוויסענקייט פיהרט צו צווייפעל און קריטיק. א מענש דארף זיך ניט אויפפיהרען ווי דער אקס, וואס געהט מיט זיינע הערנער פאר־אויס, פארטיג צו שטעכען, איידער ער טרעט נאך אריין ערגעץ־וואו. מען דארף ניט קריטיקירען און זוכען חסרונות, אויב מען וויים ניט גענוי די גאנצע אנטוויקלונג פון א פאסירונג אדער אן אונטער־נעהמונג.

און ענדליך אנערקענט טאקע אדם אויך, אז מיט דעם, וואס ער איז פאראורטיילט געווארען צו ארבייטען שווער פאר א לעבען צו מאכען, איז ער גאר דערהויבען געווארען צו א פיל העכערער מדרגה, צו ווערען דער „בחיר היצורים", דער אויסדער־וועהלטער פון אלע באשעפענישען. ווען גאט האט געזאגט צו אדם'ען, אז די ערד וועט פאר איהם געבען דערנער און ווילדע גראזען „זלגו עיניו דמעות", האבען פון זיינע אויגען גערונען טרעהרען. „אמר, אני וחמורי נאכל מאבוס אחד", ער האט גע־

קלאַגט: „איך און מיין אייזעל וועלען מוזען עסען פון איין קאַרעטע. „כיון שאמר לו בזעת אפיך תאכל לחם נתקררה דעתו", אזוי גיך אָבער ווי גאָט האָט איהם געזאָגט, אז מיט דעם שוויים פון זיין געזיכט וועט ער עסען זיין ברויט, האָט זיין געמיט זיך בארוהיגט (פסחים קי"ח).

מיט דעם טאָקע איז דער מענש העכער פאַר אַלע אנדערע ברואים. ער מוז ארבייטען פאַר זיין עקזיסטענץ. ניט אַלץ קאָן ער עסען, ניט איבעראַל קאָן ער וואוינען. ער מוז דענקען, טראַכ־טען און אויספלאַנען דעם מקור פאַר זיין חיונה. אָבער מיט דעם שאַפט ער ניט נאָר פאַר זיך, נאָך אויך פאַר די קומענדע דורות. ער אַנטוויקעלט דעם באָדען פאַר זיינע קינדער צו קאָנען פאַרזעצען און פאַרגרעסערען זיינע אויפטואונגען, און אזוי איבערלאָזען א בעסערע וועלט פאַר זייערע אייגענע קינדער.

די וועלט מוז זיין פריי פאַר אַלעמען

„זה ספר תולדות האדם", אין דעם באַשטעהט דער איינ־האַלט פון דער מענשליכער געשיכטע.

א מענש טאָר זיך ניט איבערנעמען און דענקען, אז די וועלט איז זיינע און אַן אנדערער האָט אין איהר קיין חלק ניט. „אדם הראשון מכל העולם הוצבר עפרו, אדום, שחור, לבן, ירקרק", פון אַלע טיילען פון דער וועלט איז צוזאַמענגעקליבען געוואָרען די ערד, פון וועלכער אדם הראשון איז באַשאַפען געוואָרען: רויטע ערד, שוואַרצע, ווייסע און געלע (סנהדרין ל"ח). מענשען פון אַלע ראַסען און קאָלירען שטאַמען אָפּ פון אדם הראשון און האָבען איין טאַטען. די שטאָף, מיט וועלכער גאָט האָט זיי באַשאַפען, איז גענומען געוואָרען פון אַלע טיילען פון דער וועלט, דאַרום זיינען זיי באַרעכטיגט צו לעבען און געניסען פון דער גאַנצער וועלט.

צוליב דער פאַראויסגעזעהענער ענגהאַרציגקייט פון דעם מענשען און זיין אייגגעבוירענעם וואונש צו וועלען אימער צו־פרידענשטעלען זיינע אייגענע אמביציעס, ניט אַכטענדיג די באַ־קוועמליכקייטען פון אנדערע, איז אין הימעל אויסגעבראָכען א מחלוקה, צי זאָל דער מענש אין גאַנצען באַשאַפען ווערען. „חסד

אומר יברא", געגאָד זאָגט, ער זאָל באשאפען ווערען; „אמת אומרת אל יברא", די ווארהייט זאָגט, ער זאָל ניט באשאפען ווערען; „צדק אומר יברא", גערעכטיגקייט זאָגט, ער זאָל יאָ באשאפען ווערן; „שלום אומר אל יברא", פרידען אָבער זאָגט, ער זאָל ניט באשאפען ווערען. „אמר להם הקב"ה מה אתם מדיינים", זאָגט גאָט צו זיי, וואָס קריגט איהר זיך ארום, „כבר נעשה אדם", דער מענש איז שוין באשאפען געוואָרען (ב"ר פ"ח).

מיט אלע מעלות און חסרונות איז דער מענש באשטימט געוואָרען צו באהערשען די ערד, און אלע כחות פון הימעל מוזען איהם העלפען. ווי די גוטע און בארימהארציגע תורה בעט זיך ביי גאָט: „האדם הזה קצר ימים ושבע רוגז ובא לידי חטא", דער מענש האָט קורצע יאָהרען, איז זאט מיט זאָרג, וואָס ברייננגט איהם צו זינדיגען; „אם אין אתה מאריך אפך עמו הרי הוא כאילו לא בא לעולם", אויב דו וועסט מיט איהם ניט האָבען קיין געדולד, איז בעסער, ער זאָל אויף דער וועלט ניט קומען. גאָט אָבער ענטפערט איהר: „לא לחנם אני נקראתי ארך אפים", ניט אומזיסט ווער איך גערופען גרויס-מוטיג (פדר"א). איך וועל זיך ניט שטארק רעכענען מיט דעם מענשען, זאָגט גאָט, וויל ער איז בלויז פון פלייש און בלוט, און איך וויים זיינע שוואכקייטען — „לא ידון רוחי באדם בשגם הוא בשר" (בראשית ו' ג').

דער מענש אָבער מוז וויסען, אז ער האָט אויף זיך פליכטען, אז ער מוז דורכפיהרען א געוויסע פונקציע אין זיין לעבען. ער מוז אויך זיין גרייט צו בריינגען קרבנות און זיך אָפפערן פאר דעם וואויל און בעסטען פון דער גאנצער מענשהייט. „מלא תרוד אחד עפר נטל הקב"ה ממקום המזבח וברא את האדם", א הויפען פול מיט ערד האָט גאָט גענומען פון אונטער דעם מזבח, און דערמיט באשאפען דעם מענשען (ירושלמי נזיר פ"ז).

דאָס גאנצע לעבען איז איין גרויסער מזבח, אויף וועלכען יעדער מענש מוז עפּוואָס אָפּפערן פון זיין הייגט פאר דעם מאָרגען, פאר דעם צוקונפט, אויב ער וויל אז די וועלט זאָל א קיום האָבען.

———o———

נח

א בילד פון דעם אידישען גלות

פיל פון די בעלי אגדה אין דער גמרא און מדרש זעהען אין דער געשיכטע פון נח מיט דעם מבול א פארשטעלונג פון דעם אידישען לעבען אין גלות. זיי זעהען אין דעם דור המבול די פאר־שיידענע פעלקער פון דער וועלט. דער מבול ווערט פון זיי באַ־שריבען אלס א גרויסע וועלט־קאטאסטראפע, וואס די מענשען פון דעם דור האבען אויף זיך אליין געבראכט. נח ווערט געשילדערט אלס דאס אידישע פאלק און די תבה אלס די אידישע היים אין וועלכער ער ראטעוועט זיך מיט זיינע קינדער.

מיר וועלען פראבירען ארויסנעמען פון די פיל אגדות און מדרשים די נויטיגע שטריכען פאר דעם בילד, וואס נח און דער מבול שטעלען פאר, לויט זייערע געדאנקען און מיינונגען, אנצייר־גענדיג אויף וויפיל מעגליך די מקורים פון וואנען מיר האבען די שטריכען גענומען.

אלע מענשען, וואס האבען געלעבט אויף דער וועלט פאר דעם מבול האבען זיך געפונען אין א וואונדערבארער לאגע. די רייכע נאטור האט זיי באזארגט מיט אלע גוטסקייט און עס האט זיי קיין זאך ניט געפעלט. זייערע פעלדער זיינען געווען באלאדען מיט תבואה, די גערטנער — מיט פרוכט און די וועלדער — מיט פיל שאף און רינדער. די צופיל גוטס אבער, וואס גאט האט זיי גע־געבען, האט זיי אראפגעפיהרט פון גלייכען וועג. זיי האבען זיך גענומען יאגען נאר אלערליי תאוות און קערפערליכע פארגעניגענס, האבען ניט געאכטעט איינער דעם צווייטען און האבען זיך גרוים געהאלטען אויך קעגען גאט (סנהדרין ק״ח).

קנאה און שנאה האבען געהערשט אין דער גאנצער וועלט. אויב דער שטארקערער האט באמערקט, אז דער שוואכערער פאר איהם האט א שעהן הויז, א שעהנע קוה אדער א שעהן ווייב, האט ער דאס אוועקגערויבט פון איהם. גנבה און גזלה האבען זיך שטארק פארשפרייט צווישען אלע קלאסען מענשען. זייער מאראל

איז געפאלען צו דער נידעריגסטער שטופע. אפילו די „בני אלקים", די העכערע שיכטען פון פאלק, די געבילדעטערע צווישען זיי, זיינען געווארען „נפילים", נידעריגע ברואים מיט געפאלענע כאראקטערען, וואס האבען אונטערגעגראבען אלע יסודות פון דער מענשליכער געזעלשאפט. אויב זיי האבען באמערקט אויף די גאסען „בנות האדם כי טובות הנה", שעהנע מענשען-טעכטער שפאצירענדיג, „ויקחו מכל אשר בחרו", האבען זיי גענומען וועלכע זיי האבען אויסגעקליבען, ניט פרעגענדיג ביי קיינעם, „בלי נשואים ובלי חיי משפחה", אהן הייראט און אהן פאמיליע-לעבען (סנהדרין נ"ז, מ"ר ל"א).

אַן עהרליכער און שטילער מענש

צו יענער צייט האט געלעבט אויף דער וועלט איין עהרליכער שטילער מענש, א „צדיק תמים", וואס האט געהייסען נח. ער איז אויך געווען באקאנט מיט דעם נאמען „נחמני", דער טרייסט, ווייל ער האט דערפונדען דעם אקער-אייזען, וואס האט פיל פארגרינגערט די ארבייט אויף די פעלדער און געהאלפען צו פראדוצירען מעהר תבואה און מעהר גרינסען. מען האט וועגען איהם גערעדט: „זה ינחמנו מעצבון ידינו", ער האט אונז געטאן טרייסטען פון דעם טרויער פון אונזערע הענט. ביז איהם האט מען געמוזט גראבען די פעלדער מיט די הענט אדער מיט שארפע שטעקענס, וואס פלעגען פאראורזאכען מאזאליעס און וואונדען אויף די הענט. מיט זיינע דערפינדונגען אבער האט ער געמאכט די ארבייט פיל לייכטער און באררייכערט די אגריקולטור פון דער וועלט (מדרש אגדה ס' ח').

ווען נח האט געזעהן די שלעכטע אויפפירונגען פון זיינע שכנים האט ער זיך ביי זיי געבעטען זיי זאלען פארבעסערען זייערע וועגען און האט זיי געווארענט, אז מיט זייערע מעשים רעים, מיט זייערע שלעכטע טאטען, וועלען זיי ברענגען א קאטאסטראפע אויף דער וועלט, וואס וועט פארניכטען די גאנצע מענשהייט. זיי האבען זיך אבער פון איהם אויסגעלאכט און פארגעזעצט צו טאן זייערע זינדיגע מעשים ביז „ותמלא הארץ חמס", די גאנצע וועלט איז פול געווארען מיט רויב און מארד (מ"ר ל"א).

אום צו שיצען זיך מיט זיינע קינדער פון דער דראהענדער געפאר, האט ער פאר זיך געבויט א „תבה", א באזונדער היים מיט א שוהל, וואו ער האט געלערענט זיינע קינדער צו זיין גוט און פרום, און זיך האלטען ביי די טראדיציעס פון זייער גרויסען זיידען „חנוך", וואס איז צוליב זיין עהרליכקייט און פרומקייט ארויף אויפ'ן הימעל. זיין תבה האט ער געבויט פון צעדער האלץ, וואס גאט האט איהם אנגעוויזען, און האט צו איהר ניט צוגעלאזט קיין „דבר עבירה", קיין זינדיגע זאך (סנהדרין ק"ט).

ווען די מענשען האבען געזעהן, אז ער האט זיך אפגעזונדערט פון זיי, לאזט ניט זיינע קינדער נעמען פרעמדע פרויען און געהן אין דיזעלבע דרכים, ווי די איבעריגע שכנים, האבען זיי זיך געווארפען אויף איהם און געזוכט צו פארברענען זיין „תבה" און צעשטערען זיין הויז. ער האט זיך אבער געוועהרט קעגען זיי און מיט דער הילף פון זיין גאט איז איהם געלונגען אויפצוהאלטען זיין היים און זיין ריינעם פאמיליע לעבען (מדרש שוחר טוב).

טויט און פארניכטונג

ענדליך איז די קאטאסטראפע געקומען. עס האט אויסגע־בראכען א שרעקליכער מבול, וואס האט ארומגעכאפט „את כל היקום", די גאנצע באפעלקערונג פון דער וועלט און האט אנגע־האלטען א גאנץ יאהר. שטעט זיינען חרוב געווארען. הייזער, פעל־דער און וועלדער זיינען אפגעמעקט געווארען פון דער ערד. מענשען און חיות זיינען אויסגעשטארבען. די מיה און די ארבייט פון לאנגע דורות זיינען אוועק מיט'ן שטראם. די ברויזענדע כוואליעס האבען אלץ פארניכטעט אין זייער וועג.

נח האט מיט זיין פאמיליע געמוזט עוקר זיין פון דעם פלאץ, וואו ער איז געבארען געווארען, און געטראגען פון די רוישענדע וואסערען איז ער אין זיין „תבה" ארומגעשוואומען איבער אלע ימים פון דער וועלט. די „תבה" האט זיך אבער ארויסגעוויזען צו זיין שטארק גענוג ווידערצושטעהן די גרויזאמע ווינטען און כוואל־יעס פון דעם שרעקליכען מבול, און נח מיט זיינע קינדער זיינען געראטעוועט געווארען.

אין זיין וואנדערן האָט ער דורכגעמאַכט פאַרשידענע צייטען. מאַנכעסמאָל האָט ער דערגרייכט הויכע פּאָזיציעס, ביז די „הרי אררט", די העכסטע בערג אין יענער צייט. ער האָט אָבער זיין „תבה" ניט פאַרלאָזען, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז כל־זמן ער וואוינט אין איהר און פיהרט זיך אויף ווי זיין גאָט האָט איהם געהייסען, איז ער געזיכערט פון אונטערגאַנג (צרור המור י"ז).

נאָך אַ לאַנגער צייט פון טויט און פאַרניכטונג האָט ענדליך דער מבול אָפּגעלאָזט. „וישכו המים", די שלעכטע וואַסערען זיינען שטילער געוואָרען און די וועלט האָט פרייער אויפגעאָטעמט. נח האָט אָבער אַלץ מורא צו פאַרלאָזען זיין תבה. ער שיקט אַרויס אַ טייבעלע צו זעהן: „הקלו המים", זיינען די וואַסערען גרינגער געוואָרען אויך פאַר איהם און פאַר זיינע קינדער. אָבער די טייבעלע ברענגט איהם די טרויעריגע בשורה: „לא מצאה מנוח לכף רגלה", זי האָט ניט געפונען אַ רוה־פּלאַץ פאַר איהרע פיס. פאַר אַלע מענשען פון דער וועלט איז שוין דער מבול פאַראיבער, אָבער ניט פאַר נח'ן. ער מוז נאָך זיין אויסגעשלאָסען און אָפּגעטיילט פון די איבעריגע מענשען.

דאָס טייבעלע — אַ סימבאָל פון אידישען פאָלק

און דאָס טייבעלע איז דאָך דער סימבאָל פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק: „נמשלו ישראל ליונה", די אידען זיינען געגליכען צו דער טויב. און זי פליהט נעבעך אַרום גאַנצענע טעג און זוכט אַ פּלאַץ פאַר זיך, פאַר נח'ן מיט זיינע קינדער און פאַר דער אידי־שער „תבה", אָבער געפינט ניט. איינמאָל ברענגט זי אַן אויילבערט־בלאַט און קלאָגט זיך: „רבש"ע, יהי מזונותי מרורין כזית ויהיו מסורין בידך, ואל יהיו מתוקים כדבש ומסורין ביד אדם", — „האַר פון דער וועלט! זאָל מיין שפּייז זיין ביטער ווי דער אויילבערט בלאַט, אָבער עס זאָל קומען פון דיין האַנט, איידער צו האָבען זיסע שפּייז ווי האָניג, וואָס קומט פון מענשליכער האַנט (סנהדרין כ"ח). ווען וועט שוין קומען די צייט, אַז איך מיט דיין פרומען נח זאָלען אויסגעלייזט ווערען פון דעם פינסטערן גלות און ווערען זעלבסט־

שטענדיג ווי אלע אנדערע פעלקער פון דער וועלט, און האבען אן אייגענע היים אין אונזער אייגען לאנד?"

א העכסט אינטערעסאנטע דערקלערונג גיט אונז דער ירושלמי איבער דער פראגע: „למה נמשלו ישראל ליונה?" פארוואס זיינען די אידען געגליכען צו א טויב? „מפני שכל העופות כשהן עפות ויגעות", ווייל אלע אנדערע פייגלען, ווען זיי פליהען און ווערען פארמאטערט, „הן נחות על גבי אילן או על גבי סלע", רוהען זיי זיך אפ אויף א בוים אדער אויף א פעלז „אבל יונה זו קופצת אחת מאגפיה ופורחת באחת מאגפיה", אבער דאס טייבעלע פאר־מאכט איינס פון איהרע פליגלען און פליהט מיט דעם צווייטען פליגעל (ירושלמי שבת).

אלע פעלקער פון דער וועלט מוזען האבען צוויי פליגלען אום זיך צו קאנען האלטען אלס נאציע, א לאנד און א קולטור. האט איינע פון זיי פארלארען איהר לאנד, איז אויך איהר קולטור אונטערגעגאנגען, איהרע קינדער האבען זיך צעמישט צווישען די אנדערע פעלקער, די שטארקערע, די רייכערע, „סלע", „אילן", און פון דער גאנצער נאציע איז קיין זכר ניט געבליבען. דאס אידישע פאלק, אבער, ווען עס האט זיין לאנד פארלארען, האט עס זיין קולטור, זיין תורה ניט אויפגעגעבען. „פורחת באחת מאגפיה". און מיט דעם גייסטיגען פליגעל, וועלכער איז איהם געגעבען גע־ווארען, אויפ'ן בארג סיני, האלט עס זיך אין דער לופטען אלס אן „עם ישראל", א גאנצע און שטארקע נאציע. מיט דעם פליגעל איז עס דורכגעפליוגען הונדערטער יאהרען פון גלות, אין פארשיידענע לענדער, און וועט ענדליך דערפליהען צוריק צו זיין אייגענער היים אין ארץ ישראל.

———o———

לך לך

דער אידישער שיקזאל

„לך לך", געה דיר, פון דיין לאנד, פון דיין געבורט־פלאץ. מיט דעם הויבט זיך אן די געשיכטע פון אברהם, און דאס איז אויך דער שיקזאל פון זיינע קינדער אין די לאנגע דורות פון זייער עקזיסטענץ. „מה שאירע לאברהם אירע לבניו", וואס עס האט פאסירט מיט אברהם'ען, האט אויך פאסירט מיט זיינע קינדער.

ער האט געהייסען „אברהם העברי", ווייל „כל העולם מעבר אחד והוא מעבר אחד", די גאנצע וועלט איז פון איין זייט און ער אויף דער צווייטער זייט (ב"ר מ"ד). זיינע קינדער הייסען אויך „עברים" און זיינען געגען דער גאנצער וועלט, און די גאנצע וועלט איז געגען זיי.

איינגעלוויז נאך אנטזאגט זיך אברהם צו אנערקענען דעם מעכטיגען „נמרוד" פאר א גאט. ער ווערט פאר דעם חטא געוואר־פען אין קאלך־אויוועג און ווערט געראטעוועט דורך א נס. זיינע קינ־דער האבען זיך אויך שטענדיג אנטזאגט צו אנערקענען דעספאָ־טישע מענשען־געטער אדער אנדערע עבודה־זרה'ס, און ווערען דערפאר געברענט און געבראטען אויף שייטער־הויפענס און אויטא־דא־פע'ס און ווערט געראטעוועט דורך נסים.

און די ישועה קומט אימער פון גאט אליין. „מיכאל", „גבריאל" און אנדערע מלאכים בעטען זיך ביי גאט, ער זאל זיי לאזען ארונטער אויף דער ערד צו ראטעווען אברהם'ען פון קאלך־אויוועג. ער ענטפערט זיי אבער: „אני יחיד בעולמי והוא יחיד בעולמו", איך בין איינער אין מיין וועלט און ער איז איינער אין זיין וועלט, „נאה ליחיד להציל את היחיד", פאסט זיך פאר איין „יחיד" צו ראטעווען דעם צווייטען „יחיד" (ילקוט שמעוני). אויך זיינע קינדער אין די שפעטערדיגע דורות האבען געקראגען פילע אנבאטען פון פרעמדע זיי ארויסצוהעלפען פון זייער נויט, זיי האבען אבער קיינמאל ניט געוואלט לעבען פון „חסד לאומים", פון

פרעמדע טובות, און געזוכט זיך צו שיצען אונטער די פליגלען פון זייער איינציגען גאָט.

צוליב די רדיפות פון נמרוד'ן אין „אור כשדים", די שטאָדט פון זייער געבורט, באַשליסט תרח, דער פאָטער פון אברהם, צו נעמען זיינע קינדער און געהן נאָך דעם לאַנד כנען, אָבער „ויבאו עד הרן וישבו שם", זיי זיינען געקומען ביז חרן און האָבען זיך דאָרט באַזעצט. אַזוי אויך פאַסירט עס מיט אברהם'ס קינדער. נאָך אַ גרויסע פאָלקס־קאַטאַסטראָפע באַשליסען זיי צו געהן נאָך „כנען", נאָך ארץ־ישראל און צוריקבויען דאָרט זייער נאַציאָנאַלע היים, אָבער אויפ'ן וועג שטעלען זיי זיך אָפּ, צוליב עקאָנאָמישע אורזאַכען, אין פרעמדע לענדער, וואָס ווערט פאַר זיי ווייטער אַ „חרן", אַ פּלאַץ פון גרימצאָרן און פאַרפאָלגונגען. (חרון אף של עולם, רש"י, ויצא).

און דער גלות רופט זיך זעהר שלעכט אָפּ אויף דער גאַנצער עקזיסטענץ פון דעם פאָלק. „הדרך ממעטת פו"ר, ממעטת את הממון וממעטת את השם", די וואַנדערונגען פאַרקלענערען די צאָל קינדער, פאַרקלענערען דעם פאַרמעגען און פאַרקלענערען דעם נאָמען. (ב"ר מ"ד).

הרב יצחק ניסענבוים גיט זעהר אַ זאַכליכע ערקלערונג איבער אָט דעם מדרש:

„דער גלות פאַרקלענערט אונזער צאָל. אין דער צייט פון חורבן בית שני האָט דאָס אידישע פאָלק געצעהלט לערך זעקס מיליאָן נפשות. לויט דעם נאַטירליכען וואוקס האָט אונזער פאָלק געדאַרפט יעצט באַשטעהן פון אַ באַפעלקערונג פון לכל הפחות אַ הונדערט מיליאָן. דער גלות אָבער מיט זיינע גרויזאַמע רדיפות, מערדעריליכע שחיטות און פּאָגראָמען, וואָס האָבען אויך פאַראורזאַכט שמד־עפּידעמיעס, האָט אונז ניט געלאָזט וואַקסען, און מיר צעהלען יעצט קוים אַכטצעהן מיליאָן נפשות".

„דער גלות האָט אויך צעשטערט אונזער פאָלקס־פאַרמעגען. וויפיל קאַפּיטאַל און רייכטימער האָט דאָס ענערגישע און אַרבייט־זאַמע אידישע פאָלק צונויפגעזאַמעלט אין דעם משך פון טויזענטער

יאהרען? דאך זיינען מיר דאס אָרימסטע פאָלק אין דער וועלט, ווייל דער גלות האט שוין געזעהן, אז פון אונזערע קאפיטאלען זאָל אונז גאָרנישט בלייבען".

„דער גלות" האט אויך פארניכטעט אונזער גרויסען נאָמען. פון אונזער אמאָליגען „עם סגולה", איין אויסדערוועהלט פאָלק, וואָס האט דער וועלט געגעבען א גלויבען, גרויסע נביאים און הויכע אידעאלען, איז אין לויף פון גלות געוואָרען א „שה פזורה ישראל", א פארוואָרפענע שעפסעלע, וואָס געפינט זיך אימער צווישען בייזע וועלף, און איז „ללעג וקלס בגוים". זי ווערט פאר־שפאָטעט און אָפּגעלאכט פון אלע פעלקער און ווערט אויך בארויבט פון אלע מענשליכע רעכטען".

ביי אונז אידען איז דאָ א דין: „מי שהחשיך לו בדרך מוסר כיסו לנכרי", ווער עס געהט פרייטאָג פארנאכט אין וועג און עס ווערט פינסטערליך, זאָל ער איבערגעבען זיין בייטעל געלט צו א גוי, ער זאָל עס פאר איהם טראָגען. אָט דעם דין האָבען אידען אלעמאָל אויסגעפאָלגט. קוים איז זיי געוואָרען פינסטער אויף זייער וועג אין גלות, האָבען זיי איבערגעלאָזט זייער האב און גוטס פאר די גוים און אליין קוים אנטלאָפען מיט'ן לעבען.

דער ברית בין הבתרים

און אברהם פאָלגט די שטימע פון גאָט, און הויבט אָן געהן נאָך זיין לאנד. ער זעהט אָבער פאר זיך א צעריסען פאָלק, איינ־געטיילט אין פארשיידענע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּאַרטייען, „עגלה משולשת, עז משולשת ואיל משולש", שטיקער פלייש פון פעטע קעלבער, ציגען און באראנען. יעדע איינע פון זיי פּארטאָן מיט זיך און אָפּגעזונדערט פון דער צווייטער. „ויתן איש בתרו לקראת רעהו", ער זוכט צוזאמענצובריינגען די שטיקער איינע צו די אנדערע. ער קימערט זיך פאר דעם „צפור לא בתר", פאר די קליינע פויגעלאך, די קליינע קינדער, וועלכע זיינען נאָך ניט צע־שניטען, אָבער וועלען אויך מיט דער צייט צעריסען ווערען אזוי ווי זייערע עלטערען. און איין „אימה חשכה", א פינסטערע שרעק באפאלט איהם.

ער הערט ווי די שונאים זאָגען צו די אידען „כתבו על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל", שרייבט־אויף אויף דעם האָרן פונ'ם אָקס, אז איהר האָט קיין חלק ניט אין דעם גאָט פון אידען (ב"ר מ"ד). אויב איהר ווילט געניסען פון דעם פעטען אָקס, פון אַלע עקאָנאָמישע רעכטען אין אונזערע לענדער, דאַן אָפּזאָגט זיך פון אייער אמונה, פון אייער תורה, און נעמט אָן אונזער גלויבען. „ותרדמה נפלה על אברהם", און עס באַפאַלט איהם א שלאָף.

דער דובנער מגיד זאָגט: איינער פון די גרעסטע אידישע אומגליקען איז אַלעמאָל געווען, וואָס אין אַן עת־צרה, אָדער ביי א גרויסער געלעגענהייט, אַנשטאָט צו זיין וואך און ארבייטען מיט אַלע כחות פאַר זייער באַפרייאונג, ליגען גאָר די אידען איינגע־וויקעלט אין א „תרדמת מרמיטה", א לעטארגישען שלאָף, מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט, און טוען קיין זאַך ניט פאַר זייער פאָלק.

און דער טרויעריגער רעזולטאט איז: „ועבדים וענו אותם בארץ לא להם", ניט נאָר ליידען די אידען פון די איינגעבוירענע בירגער אין יעדען לאַנד, וואו זיי געפינען זיך, זיי ווערען אויך פאַרשקלאַפט און אויסגעריסען פון פרעמדע איינוואַנדערער, וואָס דאָס לאַנד איז „לא להם", ניט זייערס. ערשט אָנגעקומענע, און דאָך באַטראַכטען זיי זיך שוין פאַר גאַנצע באַלעבאַטים און טוען אָן נגישות די אידען (מדרש שמואל).

אין זיין פאַרצווייפלונג שרייט אויס אברהם צו גאָט: „מה תתן לי ואנכי הולך ערירי", וואָס וועסטו מיר געבען, אז איך גיה אָרום אַליין? ווי וועל איך קענען אויספיהרען דיין באַפעהל, אָט די גרויסע אונטערנעמונג פון באַזעצען און בויען דאָס לאַנד, ווען דאָס פאָלק איז צעריסען אויף שטיקער, און קיינער הערט זיך צו מיר ניט צו?

ווי ער איז אַזוי געשטאַנען און גערעדט צו גאָט, האָט ער דערזעהן: „לפיד אש עבר בין הגזרים", א פאַקעל־פייער איז דורכ־געגאַנגען צווישען די שטיקער. דער העלישער פייער פון האָס און פאַרפאָלגונג געהט דורך די פאַרשיידענע טיילען פון פאָלק און פאַר־איינִיגט זיי. דאַן האָט גאָט געשלאָסען א בונד מיט אברהם'ען:

„לזרעך נתתי את הארץ הזאת", צו דיינע קינדער וועל איך געבען אַט דאָס לאַנד, „מנהר מצרים עד נהר פרת, א גאַנץ לאַנד, ניט א צעטיילטע, וועט זיין זייערס, פאַר זייער נאַציאָנאַלער קיום.

איך וועל מסיים זיין מיט א שעהנעם וויץ פון ר' לוי יצחק בערדיטשעווער, וואָס ער האָט געזאָגט אויף א פסוק אין היינטי־גער סדרה:

אין דער וואָך פון לך־לך איז ר' לוי יצחק אמאָל ארוים קלייבען געלט פאַר הכנסת כלה. ער איז אריין צו א קאַרגען גביר, וועלכער אנשטאָט צו געבען א שעהנע נדבה, האָט גענומען בענטשען ר' לוי יצחק'ן און ווינשען די פאַר־פאָלק גליק. רופט זיך אָפּ ר' לוי יצחק צו איהם: אין היינטיגער סדרה שטעהט „ומלכי צדק הוציא לחם ויין — ויברכהו", מלכי צדק האָט ארויסגעבראַכט צו אברהם'ען ברויט און וויין און האָט איהם געבענשט. זייט מוחל, גיט מיר פריהער אויף חתונה הוצאות, און דאַן קענט איהר געבען ברכות וויפיל אייער הארץ גלוסט.

---o---

וירא

די מצוה פון הכנסת אורחים

און דער אלטער אברהם זיצט ביי דער טיר פון זיין געצעלט און ווארט אויף אורחים. ער פילט זיך שוואך אין געזונט, ווייל ערשט מיט דריי טעג צוריק האט ער זיך מל געווען, און פאר אן אלטען מאן פון ניין־און־ניינציג יאהר איז עס א גאנץ שווערע אפעראציע. איהם קימערן אבער ניט זיינע וועהטאגען. ער איז נייגעריג מקיים צו זיין די מצוה פון הכנסת אורחים. כאטש דער טאג איז זעהר א הייסער און די זון ברענט און דער געהן איז פאר איהם שווער, ווען ער דערזעהט אבער אורחים אנקומען פון וועג, איז „וירץ לקראתם”, לויפט ער אנטקעגען זיי, און בעט זיך ביי זיי, „אל נא תעבורו”, געט ניט פארביי מיין הויז. קומט אריין, וואשט אייערע פיס, שפארט זיך צו אונטער דעם בוים און איך וועל אייך ארויסטראגען עפעס צו עסען און טרינקען.

ווען זיי נעמען אן זיין איינלאדונג, פיהלט ער זיך גליקליך. ער לויפט גלייך אין געצעלט אריין צו זיין פרוי שרה, בעט איהר זי זאל צוגרייטען פונ׳ם שעהנסטען און בעסטען וואס זי האט אין הויז. לויפט אליין אין שטאל און קלייבט אויס א יונגען רינד, „רך וטוב”, א ווייכען און א גוטען. ווען דאס עסען ווערט פארטיג, סערווירט ער עס אליין. ער באדינט זיינע אורחים מיט דער גרעסטער גאסטפריינדליכקייט, שטעהט איבער זיי און בעט זיך, זיי זאלען עסען און טרינקען וואס מעהר. ווען זיי ווערען פארטיג מיט׳ן עסען און קלייבען זיך אין וועג, איז „אברהם הולך עמהם לשלחם”, געהט אברהם זיי באגלייטען און ווייזען דעם וועג.

דער „דובנער מגיד”, אין זיין הקדמה צו „שמות”, גיט א וואונדערבארע דערקלערונג וועגען דעם שווערען פסוק אין פרשה „ראה”, וואו די תורה זאגט אונז אן, אז מען מוז העלפען דעם נויט־באדערפטיגען און איהם געבען „די מחסורו, אשר יחסר לו”, וויפיל ער דארף און וואס איהם פעהלט. אויף זיין אייגענארטיגען שטייגער

גער דערקלערט ער דעם אונטערשייד פון „די מחסורו" און „אשר יחסר לו":

„פאראן מענשען וואס גיבען צדקה מיט'ן הארצען. זיי זיינען בטבע גוט־הארציג און קענען ניט פארטראגען צו זעהן ווי אנדערע ליידען. אויב דער ארימאן איז הונגעריג, גיבען זיי איהם עסען, איז ער נאקעט און אפגעריסען, גיבען זיי אהם קליידער. זייער הילף אבער איז בלויז ציטווייליג, באגרעניצט צו דער געגענוואַרט און האט גארניט צו טאן מיט זיין מארגען, מיט זיין צוקונפט. אנדערע אבער גיבען צדקה מיט'ן קאפ. זיי געהען אריין אין דער לאגע פון דעם ארימאן, זוכען איהם אוועקצושטעלען אויף די פיס, און איהם מאכען זעלבסטשטענדיג, ער זאל ניט דארפען מעהר אנקומען צו פרעמדע. די ערשטע גיבען דעם ארימאן „די מחסורו", וויפיל ער דארף פאר דער ווייל. די צווייטע אבער גיבען אהם „אשר יחסר לו", וואס איהם פעהלט און וואס ער דארף האבען, אום צו ווערען לייטען גלייך".

אברהם אבינו האט זיך ניט באנוגענט בלויז מיט געבען זיינע אורחים צו עסען און טרינקען און א פלאץ וואו זיך צוצושפארען און אויסרוהען. ער האט זיך פאראינטערעסירט מיט זייער לאגע, און זיי אנגעוויזען דעם וועג וואס פיהרט צו אויסבעסערונג און פאר־לייכטערונג. זיין מאטא אין לעבען איז געווען איבעראל צו פלאנ־צען אן „אשל", וואס מיינט „אכילה, שתיה און לויה", עסען, טרינקען און באגלייטען, מיטגעהן מיט דעם ארימאן, מיט דעם פרעמדען און איהם אנצייגען דעם ריכטיגען וועג.

זיין טאג־טעגליכער לעבען איז געווען ריין־אידעאליסטיש

„אברהם אבינו אוכל חולין בטהרה היה", אברהם אבינו האט אויך זיינע וואכענדיגע מאלצייטען געגעסען אין ריינליכקייט (בבא מציעא פ"ז). אויך אין זיין טאג־טעגליכען לעבען איז ער געווען ריין און שטארק אפגעהיט, לויט זיינע געטליכע באגריפען. ער האט ליב געהאט אלע מענשען און ניט געקאנט פארטראגען קיין עולות. ווען ער האט געהערט פון גאט, אז ער קלייבט זיך חרוב מאכען די זינדיגע „סדום ועמורה", איז ער געווארען אן אויפגעציטערטער.

ער בעט זיך ביי איהם: „חלילה לך מעשות כדבר הזה", עס פאסט ניט פאר דיר צו טאן אזא זאך. „האף תספה צדיק עם רשע?", „וועסטו אויך פארניכטען דעם אומשולדיגען צוזאמען מיט דעם שולדיגען? איז עס מעגליך, אז אין די ביידע שטעדט געפינען זיך ניט וואסערע פופציג, פערציג, דרייסיג, צוואנציג אדער אפילו צעהן עהרליכע מענשען, אין וועמענס זכות דו דארפסט שאנעווען דאס לעבען פון די איבעריגע?" און בלויז נאכדעם, אז ער קריגט די פארזיכערונג פון גאט, אז אויב עס וועלען זיך געפינען אין סדום צעהן צדיקים, וועט ער די שטאדט ניט אומברייננגען, איז ערשט דאן „שב למקומו", געהט ער צוריק צו זיין ארט.

רש"י וויל האבען, אז אברהם איז געווען א פיל גרעסערער צדיק ווי נח: „כאטש אויף נח ווערט געזאגט „את אלקים התהלך נח", נח איז געגאנגען מיט גאט, און וועגען אברהם איז געשריבען „אשר התהלכתי לפניו", איך בין געגאנגען פאר איהם, ווייזט דאך אין פלוג אויס, אז נח איז געווען גרעסער, ווייל ער איז ארומ־געגאנגען מיט גאט ווי זיינס א גלייכען, און מיט אברהם האט גאט קיינמאל ניט ארומשפאצירט, איז עס אבער א טעות אזוי צו דענקען".

„נח איז געווען שוואך אין זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען, און ווען גאט וואלט איהם ניט געהאלפען וואלט ער אפשר געווארען אוים צדיק און זיך אויפגעפירט ווי די אנדערע פון דעם דור המבול. „את אלקים", מיט גאט, מיט זיין „סמך וסעד", מיט זיין הילף „התהלך נח", האט נח געקאנט געהן אין גלייכען וועג און זיין דער צדיק פון זיין דור. אברהם אבער איז געווען אזויפיל אנגעזאפט מיט דער גאטהייט, אז ער האט ניט געדארפט קיין הילף צו זיין אצדיק. „אשר התהלכתי", ער איז זיך געגאנגען זיין וועג און האט אנגעפירט זיינע פארשיידענע געשעפטען, אבער אלעס איז געווען „לפניו", פאר איהם. ער האט תמיד געהאט גאט אין זינען. וואס ער האט געטאן און וואו ער האט זיך געפונען, האט ער זיך פעסט געהאלטען ביי זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען. די מענשען ארום איהם, און מיט וועלכע ער איז געקומען אין טעגליכע בארירונגען,

האבען איהם ניט געקאנט אראפפירען פון וועג צו ווידערשפעניגען דעם ווילען פון גאט.

איך האב אמאל געהערט פון דעם „קאמעניצער מגיד" א שעהנע דערקלערונג וועגען דעם מאמר פון דער גמרא „גדול הנהנה מיגיעו יותר מירא שמים", דער וואס לעבט פון זיין אייגענער מיה איז גרעסער פאר דעם, וואס האט מורא פאר גאט (ברכות ח'). „דעם יעניגען, וואס זיין געשעפט איז „יראת־שמים", קומט קיין דאנק ניט וואס ער איז א פרומער איד. א רב, א דיין, א שוחט אדער די וואס האנדלען מיט כשר'ע זאכען איז א סך לייכטער צו טראגען זייער אידישקייט ווי דעם מאנופערקטשורער, דעם געשעפטסמאן און דעם ארבייטער. אזעלכע מענשען קומען טאג־טעגליך אין צו־זאמענשטוים מיט אויסערליכע דרוקען, וואס זיינען מאנכעסמאל געגען די אידישע לעהרען און פרינציפען. זיי האבען פולע נסיונות בייצושטעהן, און אויב זיי בלייבען אוסגעהאלטען אין זייער אידיש־קייט, איז זייער שכר פיל גרעסער".

אברהם געדענקט זיינע שלעכטע צייטען

לוט דער טראדיציע האט אונזער פאטער אברהם זעהר פיל דורכגעליטען אין זיין לעבען. זיינע שוועריגקייטען האבען זיך אנ־געפאנגען נאך איידער ער איז געבוירען געווארען. פראפעסאר לוי גינזבורג, פון טעאלאגישען סעמינאר אין ניו יארק, אין זיין קאלא־סאלען ווערק „די אידישע לעגענדען", וואס זיינען פון איהם צו־זאמענגעשטעלט געווארען פון די אלטע מקורים פון אונזערע אגדתות און מדרשים, שילדערט פאר אונז די טרויעריגע אומ־שטענדען פון אברהם'ס געבורט, לויט דער לעגענדע און אידישע טראדיציע:

„א צייט לאנג, איידער אברהם איז געבוירען געווארען, האט דער דעספאטישער „נמרוד", דער דעמאלטדיגער קעניג פון בבל, וועלכער האט זיך אויך געהאלטען פאר א גאט, ארויסגעלייענט פון די שטערען, אז א זוהן וועט באלד געבוירען ווערען צו איינעם פון זיינע אונטערטאנען, וואס וועט צונישט מאכען זיין געטליכקייט און וועט אונטערגראבען זיין אלמעכטיגקייט. דאן האט נמרוד

אַרויסגעגעבען אַ באַפעל צוזאַמענצוברענגען אַלע שוואַנגערע פרויען אין איין גרויס הויז, וואו זיי זאָלען וואוינען ביז זיי וועלען דאַרפען ענטבונדען ווערען. די היבאַמעס האָט ער אָנגעזאָגט צו טויטען יעדען זכר, וואָס וועט געבוירען ווערען".

„ווען אמתלאי, די מוטער פון אברהם, האָט געפיהלט, אַז זי איז שוואַנגער, האָט זי זיך אויסבאַהאַלטען, און אַז די צייט איז געקומען פאַר איהר אַנטבונדען צו ווערען, איז זי אַוועק אין וואַלד צווישען די בערג און געלעבט אין אַ הייל. דאָרטען האָט זי געבוירען איהר זוהן און האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „אברם", אויס־דריקענדיג מיט דעם איהר תפילה, אַז דער „הויכער פאָטער" זאָל איהר שיצען. זי האָט איהם איבערגעלאָזט אין דער הייל אויף גאָט'ס באַראָט און אַליין איז זי אַוועק צוריק צו איהר מאַן אין שטאָט אַריין".

אָט אַזוי איז געבוירען געוואָרען דער פאָטער פונ'ם אידישען פאָלק. אָהן אַ היים, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענער הייל, אין אַ פאַר־לאָזענעם וואַלד. דאָרטען האָט ער זיך מיט נסים אויסגעהאָדעוועט, און דאָרט, אין זיין גרויסער איינזאַמקייט, האָט ער דערקענט די אמת'ע גאָטהייט, וועלכע ער האָט נאָכהער פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. ער האָט תמיד געדענקט זיין טרויעריגע יוגענט, ווען ער איז געווען אין גרויס נויט, און נאָכדעם, אַז ער איז רייך געוואָרען, האָט ער זיין פאַרמעגען געטיילט מיט אַנדערע, איבער־הויפּט מיט די אָרימע און נויטבאַדערפטיגע.

ווי אברהם האָט אָריינגעקראָגען גרים

דער רמב"ם, אין הלכות דעות, הלכה ז', דערקלערט אונז דאָס אברהם האָט קיינמאָל ניט געזוכט צו פאַרשפּרייטען זיין אמונה, באַנוצענדיג זיך מיט דרוק מיטלען, וואָס זאָלען אַרויפצווינגען זיינע לעהרען אויף אַנדערע. זיין וועג איז תמיד געווען דער „שביל הזהב", דער מיטעל־וועג, וואָס האָט בהדרגה, גראַדענווייז, דורך דערקלערונגען און פריינטליכער באַהאַנדלונג באַקערט זיינע מיט־מענשען צו זיין גלויבען. ווי די גמרא זאָגט אונז: „משהיו אוכלים ושותים — היה אומר להם ברכו", נאָכדעם אַז זיי האָבען ביי

איהם געגעסען און געטרונקען, האָט ער זיי געהייסען בענשען (בבא מציעא פ"ו). ער האָט זיך ניט באַנוצט מיט זייער שווערער לאַגע, מיט זייער הונגער און נויט זיי אריינצוּנאַרען און באַקערען צו זיין אמונה. ער האָט זיי פריער געהאָלפען און געשפּייזט און מיט פריינטשאַפט און איידעלקייט זיי געלערענט זיין גרויסען אידעאַל.

דער „בעל התניא" זאָגט: „קשים גרים לישראל כספחת", שווערע גרים זיינען אַ וואונד אויף דעם אידישען קערפּער. די וואָס ווערען געצוואונגען אָנצונעמען אַן אנדער גלויבען זיינען ניט געטריי. די וואָס זיינען באַקאַנט מיט די צוואַנג־מיטלען, וואָס אַנ־דערע גלויבענס האָבען זיך באַנוצט ארויפצודריקען זייער אמונה אויף אַנדערע, וועלען צוגעבען די ריכטיגקייט פון זיין באַהויפּטונג. דאָס איז ניט געווען דער וועג פון אברהם און אויך ניט דער וועג פון זיינע קינדער אין די שפּעטערדיגע דורות.

וואו אברהם האָט איינגעוואַנדערט האָט ער געגרינדעט אַן אַנשטאַלט וואו מענשען האָבען זיך אויפגעהאַלטען און צו דער זעלבער צייט געלערנט זיין אמונה. „ויטע אשל — חד אמר פרדס וחד אמר פונדק", ער האָט אויפגעשטעלט אַן „אשל", איינער זאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ לעהר־אַנשטאַלט און אַ צווייטער זאָגט, אַז דאָס איז געווען אַן אַריינפאָר־הויז (סוטה י').

דאָס וואָרט „אשל" מיינט דאָ ניט אַ בוים, ווי אונזערע רביים אין חדר האָבען אונז געלערנט. דאָס וואָרט געפינט זיך אין פילע אַנדערע שפּראַכען. אין ענגליש ווערט עס אויסגעשפּראָכען „האָסטעל" אָדער „האָטעל". דער ערשטער מיינט אַ פּאַנסיאָן, אַ דאָרמיטאָרי אין וועלכער עס וואוינען סטודענטען פון קאָלעדזשעס. דער צווייטער מיינט אַן אַריינפאָר־הויז פאַר רייזענדע, פאַר דורכ־פאָרער, אַ „פונדק".

„אזעלכע „אשל'ס" האָט אברהם געגרינדעט איבעראַל וואו עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען גרים, וואַנדערער און נויטבאַדערפ־טיגע, אויך די וועלכע זיינען ספּעציעל געקומען צו לערנען פון איהם זיין נייעם גלויבען, וואָס האָט זיי שטאַרק צוגעצויגען. מיט אָט די

„חניכי ביתו", וועלכע זיינען איהם געוועזן שטארק געטריי, האט ער באזיגט די פיר מלכים, וואס האבען אוועקגערויבט דעם פארמעגען פון זיין קאזין לוט, און מיט זיי האבען זיך אנגעפאנגען די סעמי־טישע שבטים, וואס זיינען נאכגעגאנגען די בני אברהם, יצחק ויעקב.

די דריי געסט, וואס זיינען איהם געקומען באזוכען, זיינען ניט געוועזן אבי ווער. זיי זיינען געוועזן מלאכים, מיכאל, גבריאל און רפאל. ער האט אבער פון דעם ניט געוואוסט. ער האט געמיינט, אז זיי זיינען געוויינליכע מענשען, און ער האט זי אויפגענומען מיט דער גרעסטער גאסטפריינטליכקייט. אין אזא אומגעבונג און אונ־טער אזעלכע אידעאלע באדינגונגען האט ער באקומען די בשורה פון „כעת חיה ולשרה בן", אז זיין פרוי וועט איהם געבוירען א זוהן, א יורש, וואס וועט איבערנעמען זיין גרויסע גייסטיגע ירושה.

———o———

חיי שרה

אברהם ווערט א תושב אין כנען

ענדליך איז די צייט געקומען, ווען אונזער פאטער אברהם האט געמוזט אויפגעבען זיין נאמאדישען לעבען, אויפהערען זיינע לאנגע און אפטע נסיעות און זוכען צו ווערען א תושב, א לאנד באזיצער אין כנען. ווען ער און זיין זוהן יצחק האבען זיך צוריקגעקערט פון דער עקדה נאך באר שבע, האבען זיי שוין דארט אונזער מוטער שרה ניט געפונען. זי איז אוועק זיי זוכען אין חברון און דארטען איז זי געשטארבען. „ראה מלאך המות מתרים כנגדו" — אברהם האט איינגעזעהן, אז דער טויט פארשטעלט איהם דעם וועג (ב"ר נ"ח).

ווי קאן ער דא איבערלאזען זיין ליבע פרוי שרה און געהן ווייטער? זי איז דאך געווען זיין לעבענס באגלייטערין: וואו ער איז געגאנגען, אויף זיינע רייזעס איז זי מיט איהם מיטגעגאנגען און געטיילט זיין שיקזאל. וויפיל מאל האט זי איינגעשטעלט איהר אייגענעם לעבען צו ראטעווען זיינעם, ווי עס האט פאסירט אין מצרים ביי פרעה און אין גרר ביי אבימלך? אויסער דעם איז זי דאך געווען זיין בעסטע ארויסהעלפערין אין זיין לעבענס־אויפגאבע, צו פארשפרייטען זיין גרויסען געטליכען אידעאל. אין דער צייט, וואס ער האט געזוכט צו באקערען די מענער צו זיין אמונה, האט שרה געווירקט אויף די פרויען צו טאן דיזעלבע (אברהם מגייר אנשים ושרה מגיירת נשים, רש"י, לך לך). ניין, ער קאן זיך פון איהר ניט שיידען אויף אייביג. ער מוז זיך דא באזעצען אויף שטענדיג, און באזארגען איין „אחוזת קבר", א באערדיגונגס־פלאץ פאר זיין ליבער פרוי און פאר זיך.

פון דעם מאמענט אן, וואס גאט האט איהם געהייסען פארלאזען די שטאט חרן, וואו ער מיט זיין פאטער האבען זיך באזעצט, און געהן „אל הארץ אשר אראך", צו דעם לאנד, וואס ער וועט

איהם אָנווייזען, האָט אברהם געהאַלטען אין איין ארומוואַנדערען. ער האָט באַזוכט פילע שטעט און לענדער. פון חרן איז ער געפאָרען נאָך שכם, נאָך אלון מורה, נאָך בית אל. ווען עס ברעכט אויס א הונגער אין לאַנד וואַנדערט ער אויס נאָך מצרים, און דאַן צוריק נאָך בית אל, נאָך חברון, נאָך גרר, נאָך באר שבע.

מאַנכע פון די לענדער, וואָס ער האָט באַזוכט, זיינען איהם זעהר שטאַרק ניט געפעלען און ער טוט תפילה: „הלואי לא יהיה חלקי בארץ הזאת" — ער זאָל ניט דאַרפען זיך באַזעצען אין דעם לאַנד. אַנדערע זיינען איהם דוקא שטאַרק געפעלען און ער בעט: „הלואי שיהיה חלקי בארץ הזאת" — אַז דאָס לאַנד זאָל טאַקע זיין זיינע. ער האָט אָבער אַלץ ניט געוואוסט וואו צו בויען זיין שטענדיגע היים. ער האָט ניט געקראָגען דעם ריכטיגען צייכען פון גאָט, וואָסער לאַנד ער האָט געמיינט, און האָט דאַרום געהאַלטען אין איין ארומרייזען (ב"ר ל"ט).

ווען זיינע פריינט און נאָכפאָלגער, וואָס האָבען איהם אימער באַגלייט אויף אַלע זיינע נסיעות, פרעגען איהם: „הארץ היכן היא" — וואו איז דאָס לאַנד, וואָס דיין גאָט האָט דיר פאַרשפּראָכען? וואָרום ווייזט ער דיר ניט אָן דעם פּלאַץ, וואו דו זאָלסט זיך באַזעצען און מאַכען א סוף צו דיינע לאַנגע און שווערע וואַנדערונגען? ענטפערט זיי אברהם: „אַז איהר וועט קומען צו א „שדה קברות", וואו טויטע זיינען באַערדיגט, זאָלט איהר וויסען, אַז דאָרטען הויבט זיך אָן דאָס לאַנד (ילקוט שמעוני).

„מיט דעם — זאָגט דר. שמריה לעווין, ע"ה, — האָט אברהם געלערענט זיינע קינדער, אַז אום צו ערוואָרבען א לאַנד און עס פאַרוואַנדלען אין א נאַציאָנאַלער היים מוז א פאָלק זיין גרייט צו ברייגען די גרעסטע קרבנות, זאָגאַר צו געבען דאָס לעבען פאַר דעם „אויב נויטיג". מיט דעם טויט פון אונזער מוטער שרה ווערט פאַרלייגט דער ערשטער קבר פון דעם נייעם היימלאַנד, און עס פאַנגט זיך אָן דער אמת'ער „ישוב הארץ". אברהם באַזעצט זיך אין כנען, בויט דאָרט זיין שטענדיגע היים, וועלכע געהט נאָכדעם איבער בירושה צו זיינע קינדער.

געשיכטע ווידערהאָלט זיך

אין דאָס בילד, וואָס ווערט געשילדערט אין דער היינטיגער סדרה, ווי אַזוי אברהם איז געקומען אין באַזיץ פון דעם לאַנד, ווי אויך די פאַרשיידענע פאַרהאַנדלונגען, וואָס ער האָט געהאַט מיט די אַמאָליגע אַראַבער, די „בני חת", און דעם דאַמאָלסדיגען מופטי „עפרון החתי", שפּיגלען זיך אָפּ די זעלבע שוועריגקייטען, וואָס מיר אידען מאַכען איצט דורך אין אונזער הייליג לאַנד. די גרויסע אויפגאַבע פון „ישוב הארץ", וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אונטערגענומען, די קאָלאָסאַלע אַרבייט פון באַזעצען ארץ־ישראל און איהר פאַרוואַנדלען אין אַ נאַציאָנאַלער היים פאַר אונזער פאָלק, שטויסט זיך אָן אין די זעלבע שטערונגען, וואָס אונזער פאָטער אברהם האָט געהאַט מיט טויזענטער יאָהרען צוריק.

אברהם איז ניט געקומען מיט ליידיגען נאָך כנען. ער איז געווען „כבד מאד במקנה, בכסף ובזהב" — שווער באַלאָדען מיט פיה, זילבער און גאָלד (לך לך י"ג). זיין גאַנצען פאַרמעגען, וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט אין גלות, האָט ער מיטגענומען. ער האָט געהאַט בדעה, אַז ווען ער וועט ענדליך גרייכען דאָס לאַנד, וואָס זיין גאָט וועט איהם אָנווייזען ער זאָל זיך דאָרט באַזעצען, זאָל ער האָבען די נויטיגע קאַפּיטאַלען און מיטלען, מיט וועלכע צו קאָנען אַנטוויקלען דעם באָדען פאַר זיך אַזוי גוט ווי פאַר זיינע שכנים.

כאָטש ער האָט געהאַט אַ היסטאָריש און געטליך רעכט אויף דעם לאַנד, ווייל גאָט האָט איהם פאַרשפּראָכען, „לזרעך אתן את הארץ הזאת" — צו דיינע קינדער וועל איך געבען דיזען לאַנד, זוכט אָבער אברהם ניט דיזע רעכט אַרויסצוצווינגען אויף קיינעם. ער בעט זיך ביי דעם „עם הארץ" — ביי די איינוואוינער פון לאַנד, „ופגעו לי בעפרון בן צוחר" — פאַרהאַנדעלט פאַר מיר מיט אייער פירער עפרון, „סרסוני לי" — זייט איהר מיינע פאַרמיטלער (ב"ר נ"ח). זאָלען מיר צוזאַמענקומען אַרום אַ רונדען טיש און געמיינשאַפטליך אויסאַרבייטען פּלענער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם לאַנד, וואָס זאָלען זיין גוט פאַר ביידע צדדים.

די הייליגע פלעצער אין לאנד

אין די פארהאנדלונגען, וואס געהען אן צווישען אברהם און די „בני חת" וועגען לאנד־קויף, שווימט פלוצלונג ארויף די פראגע פון די הייליגע פלעצער, וואס האבען זיך געפונען אין געוויסע טיילען פון לאנד. זיי זיינען שטארק באזארגט, אז ווען די קינדער פון אברהם וועלען ארייגקריגען דאס לאנד אין זייער באזיץ, וועלען זיי מיט דער צייט פארלעצען די קדושה פון זייערע הייליגטימער, און זיי פארלאנגען פון איהם: „כרות עמנו שבועה שאין בני ישראל יורשים את עיר יבוס" — גיב אונז א שבועה, א באוואר־רעניש, אז די אידען וועלען ניט פארנעמען די שטאט יבוס, וואו עס האבען זיך געפונען די „גלולים של נחושת", וואס זיי האבען באטראכט פאר זעהר הייליג. און אברהם פארשפרעכט זיי, אז ער וועט זייער ווילען מקיים זיין. ער גיט זיי די נויטיגע פארזיכערונגען, אז זיינע קינדער וועלען די שטאט יבוס אויסלאזען, סיידען איהרע איינוואוינער וועלען אליין צושטימען צו ווערען א טייל פון דעם לאנד (פרקי דר"א פל"ו).

אויך איצט האבען מיר דיזעלבע צרות. צוליב דעם אויסרייד, אז די הייליגע פלעצער, וואס געפינען זיך אין לאנד, סיי מאהמע־דאנישע, סיי קריסטליכע, קאנען נאך פארלעצט ווערען, נעמט זיך ענגלאנד דאס רעכט צו פארנעמען פאר זיך אלע שטעט, וואס זיינען פאר דורות לאנג פארהייליגט געווארען אין אונזער היסטאריע. אפילו דאס הייליגסטע פון אלע הייליגע שטעט, ירושלים, וואו דער בית המקדש איז געשטאנען און וואו אונזערע גרויסע נביאים און לערער האבען געלעבט און פון דארט פארשפרייט גאט'סווארט איבער דער גאנצער וועלט, שטעהט אין סכנה אויסגעשלאסען צו ווערען פון דער אידישער מדינה.

צו רעכטפערטיגען פאר דער וועלט דיזען שריט איהרען, וואס איז געגען אלע היסטארישע רעכטען, און אויך געגען דעם מאנדאט, וואס זאגט בפירוש, אז איהר אויפגאבע אין לאנד איז בלויז צו העלפען די אידען גרינדען א נאציאנאלע היים אין זייער אלטען היסטארישען לאנד, רופט ענגלאנד אן דעם טייל פון ארץ־

ישראל, וואס זי זוכט צו פארהאלטען פאר זיך, מיט דעם אומ־שולדיגען נאמען „קארידאר". זי וויל דערמיט מאכען דעם איינ־דרוק, אז זי מיינט אונזער טובה. זי וויל כלומרשט זיין אין א סטראטעגישער פאזיציע צו קאנען באשיצען די אידישע מדינה געגען אנפאלען מצד די אראבער. אבער דערוייל ווערען אויס־געשלאסען פילע וויכטיגע היסטארישע פונקטען פון אונזער נאצי־אנאלער היים, און די אידישע מדינה ווערט איינגעשרומפען און פארקלענערט אויף בלויז פינף מיליאן דונאם לאנד, וואס איז ווייט צו קליין פאר אונזער פאלק.

אברהם צאהלט פיל געלט פאר קברים לאנד

פאר דעם באערדיגונגס־פלאץ, וואס אברהם וויל האבען פאר זיין פרוי שרה, איז ער צופרידען צו באצאהלען „בכסף מלא" — מיט פיל געלד. ער באט זיי אן גרויסע פרייזען פאר זייער וויסטען באדען. שטרעקעס לאנד, וואס זיינען פארנאכלעסיגט געווארען פאר טויזענטער יאהרען, און וועלכע מוזען פריהער פארלייגט ווערען מיט היבשע קברים ביז זיי וועלען ווערען צוריק פרוכטבאר צו קאנען שפייזען א גרעסערע באפעלקערונג, וויל ער אפקויפען און באצאהלען פאר זיי גרויסע פרייזען.

און ער קריגט טאקע דעם ענטפער: „במבחר קברינו קבור את מתך — מתים הרבה" — אין אונזערע בעסטע קברים קאנסטו באגראבען דיינע פילע טויטע (ב"ר נ"ח). זיי זיינען העכסט צופרי־דען צו פארקויפען זייערע פארוויסטעטע לענדערייען צו די אידען פאר אומגעהויערע גרויסע פרייזען. אין דער ארבייט פון זוכען געזונט צו מאכען דאס לאנד פאר אלע איינוואוינער, אויסצוטרי־קענען די זומפען אין די פארפעסטעטע געגענטען, אויסלייגען „כבישים" און וועגען פאר א גרינגערען פארקער און טראנס־פארטאציע, האבען טאקע פילע פון אונזערע פאטריאטישע חלוצים געגראבען פאר זיך קברים אין די וויסטע מדבריות, פאר וועלכע מיר האבען באצאהלט גוטע געלט.

די בליהענדע קאלאניעס, וואס די אידען האבען אויסגעבויט אין לאנד און די פילע איגדוסטריעס, וואס זיי האבען אריינגעפירט,

האָבען געגעבען באַשעפטיגונג און גרויסע פאַרדינסטען פאַר די אַראַבער. זיי זיינען רייך און געזונט געוואָרען אויף אונזער **חשבון.** זייער אייגענע באַפעלקערונג איז שטאַרק געוואַקסען צוליב **די** סאַניטאַרע איינריכטונגען, וואָס אונזער „הדסה" האָט געגרינדעט איבער'ן גאַנצען לאַנד. און דאָך האָבען זיי צו אונז טענות און לייגען שטייער אין אונזער וועג.

אַ געטליכער פּרינץ, ניט אַ תושב

אומרים הרבה ואפילו מעט אינם עושים" — זיי פאַרשפּרעכען פיל, אָבער טוען קיין זאַך ניט (ב"מ פ"ז). פאַר יעדען שפּאַן לאַנד מוז אברהם באַצאָהלען „כסף עובר לסוחר" — גוטע געלט, פיל מעהר ווי דער ווערט איז, און דאָס אויך קומט איהם אָן מיט גרויסע שוועריגקייטען. אויף זיין פאַרלאַנג „תושב אנכי עמכם" — איך וויל זיך דאָ באַזעצען און בויען מיין נאַציאָנאַלע היים. ענטפערט מען איהם: „נשיא אלקים אתה בתוכנו" — דו קאָנסט זיין אַ געט־ליכער פּרינץ צווישען אונז. אויב דו ווילסט פאַרבלייבען אַ רעלי־גיעזע מינדערהייט אין לאַנד און זיך בלויז אָפּגעבען מיט דינען דיין גאָט און לערנען זיין תורה, ביזטו אונז ווילקאָמען. אויך היינט טענה'ן די אַראַבישע פיהרער, אַז זיי האָבען ניט דאַגעגען, אַז אידען זאָלען זיך דאָרט באַזעצען אַלס אַ רעליגיעזע גרופּע. אָבער וועגען ווערען אַ „תושב", אַריינברייננגען אַ גרויסע באַפעלקערונג פון אידען און בויען דאָס לאַנד פאַר זייער נאַציאָנאַלער היים, דאָס דערמאָנען ניט די אַלטע „בני חת", און דאָס ווילען אויך ניט די היינטיגע אַראַבשע פיהרער.

אברהם אָבער גיט זיך ניט אונטער. ער שטרענגט אָן אַלע זיינע כחות, פאַרהאַנדעלט מיט די „בני חת" איינמאָל און נאָכ־אַמאָל. צאָהלט גרויסע סומען פאַר אַלץ וואָס ער באַקומט, געווינט איין פּאָזיציע נאָך דער צווייטער, ביז ער דערגרייכט זיין ציל: „ויקם שדה עפרון אשר במכפלה, אשר לפני ממרא, השדה והמערה אשר בו, וכל העץ אשר בשדה, אשר בכל גבולו סביב, לאברהם למקנה" — אפרון'ס גאַנצע נחלה, דאָס פעלד, די הייל, און אַלע

בוימער אין דעם גאנצען געגענט ארום ווערט דאס אייגענטום פון אברהם און זיינע קינדער.

אויך אין אונזער צייט, אויב די אידען וועלען שטעהן פעסט פאראייניגט ארום דער שאפונג פון אונזער נאציאנאלער היים, ניט רעכענענדיג זיך מיט די שטערונגען און פארטזעצען זייער גערעכטען קאמף, וועלען מיר ענדליך איבערקומען אלע שוועריגקייטען, און דאס לאנד, וואס גאט האט פארשפראכען צו אונזער פאטער אברהם פאר זיינע קינדער, וועט ווערען אונזערס, מדן ועד באר שבע.

———0———

תולדות

יצחק ווערט דער גייסטיגער יורש פון זיין פאָטער אברהם

„אלה תולדות יצחק בן אברהם — אברהם הוליד את יצחק"; דאָס איז די געשיכטע פון יצחק דער זוהן פון אברהם — אברהם האָט געבוירען יצחק. די הויפּט־כאַראַקטעריסטישע שטריכען פון יצחק'ס לעבען זיינען געווען דיזעלבע ווי די פון זיין פאָטער אברהם. „יצחק האָט געהאַט אַ שטאַרקע עהנליכקייט צו זיין פאָטער אין קערפּער און אין גייסט. ער איז געווען עהנליך צו איהם אין שעהנ־קייט, אין חכמה, אין כח, אין רייכטום און אין מעשים־טובים" (ב"ר ס"ד).

יצחק האָט אויך דורגעמאַכט דעמזעלבען שטורמישען לעבען פון זיין טאַטען אברהם. אויך ער איז געצוואונגען געווען ארומצו־וואַנדערען פון איין אָרט צום צווייטען. אויך ער האָט געהאַט רדיפות און פאַרפאָלגונגען פון זיינע שכנים אין די פאַרשיידענע לענדער, וואו ער האָט צייטווייליג געוואוינט. איבערהויפּט האָבען זיי זיך צו איהם געטשעפּעט און פאַרפאָלגט ביי יעדער געלעגענהייט וואָס האָט איהם באַגליקט און זיינע אַן אונטערנעהמונג האָט גע־האַט ערפאָלג.

ווען עס ברעכט אויס אַ הונגער אין לאַנד, וואַנדערט ער אויס נאָך גרר. ער באַזעצט זיך דאָרט אַלס אַן ערד־אַרבייטער. „ויזרע יצחק בארץ ההיא" — ער אַקערט, ער זייהט, ער גיט זיך ניט אָפּ מיט שווינדעל, מיט געלט־לייהען, ער זוכט ניט קיינעם אָפּצונאַרען אָדער עקספּלואַטירען. ער לעבט „מיגיע כפּו", פון שווערער אַרבייט, האָרעוועט ווי אַלע ערד־אַרבייטער פון דער פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט, און מישט זיך ניט אין דער פּאָליטיק פון לאַנד. אָבער אזוי גיך ווי עס גילט איהם אָפּ, און „וימצא מאה שערים", ער באַקומט גרויסע פּראָפיטען און אַ רייכען איינקונפט פון זיין אַר־בייט, הייסט מען איהם געהן. „לך מעמנו כי עצמת ממנו" —

געה פון אונז, דו ביזט צו שטארק פאר אונז. אָדער ווי דער מדרש ערקלערט: „כל אותן עצמות שעצמת לא ממנו הוא לך?" — אַט די אַלע רייכטימער, וואָס דו האָסט ערוואָרבען זיינען דען ניט אונזערע? (ב"ר ס"ד). טראָץ זיין שטילקייט און עהרליכקייט ווערט ער דאָך באַשולדיגט אַלס אַ שווינדלער, אַ בלוט־זויגער.

מען קריגט זיך מיט איהם צוליב וואַסער

יצחק געהט פון דאָרטען אַוועק און באַזעצט זיך אויף איינעם פון זיין פאָטער'ס אַלטע גיטער אין „נחל גרר". ער מיט זיינע באַדינער הויבען־אָן צוריק אויפגראָבען די ברונימער פון זיין פאָטער, וואָס די פלשתים האָבען פאַרשאָטען. אַזוי גיך אָבער ווי ער געפינט וואַסער, באַפאַלט מען איהם און מען נעהמט עס אַוועק פון איהם. ער רופט אָן דעם ברונעם „עשק", קריג, ווייל דאָס האָט פאַראורזאַכט אַ קריג צווישען איהם און זיינע שכנים; און אַזוי ווי ער וויל פון קריגעריי ניט וויסען, לאָזט ער דעם ברונעם איבער און געהט אַוועק.

ער גראָבט אָן אַנדער ברונעם, און דיזעלבע מחלוקות ברעכען־אויס. ער רופט אָן דעם ברונעם „שטנה", פיינדשאַפט, צוליב דער גרויסער שנאה, וואָס דאָס האָט אַרויסגערופען געגען איהם מצד די פלשתים, און ער לאָזט איהם אויך איבער און ציהט זיך אַרויס פון דאָרט. ער גראָבט ווייטער, און ווען מען לאָזט איהם ענדליך צורוה, גיט ער שוין דעם ברונעם אַ נאָמען „רחובות", דערלייכטערונג — „כי הרחיב ד' לנו" — גאָט האָט אונז באַפרייט, און מיר וועלען איצט קאָנען לעבען בשלום. „אַזוי איז עס אימער", זאָגט דר. אהרון יעלינעק, „אידישע „רחובות" באַשטעהט אין דעם וואָס מען טשעפּעט זיי ניט און מען לאָזט זיי צורוה".

שפּעטער־צו, אַז „אבימלך", דער קעניג פון גרר, דאַרף האָבען זיין הילף, קומט ער צו איהם מיט זיין קאָמאַנדיר „פיכל" און מאַכט איהם אַ פאָרשלאָג: „נכרת ברית עמך" — מיר ווילען מיט דיר שליסען אַ בונד. דו זאָלסט אונז קיין שלעכטעס ניט טאָן „כאשר לא נגענוך" — ווי מיר האָבען דיר ניט אָנגעריהרט.

„די טענה פון אבימלך" — זאָגט ב. יאושזאָהן — „גילט

ביז היינטיגען טאָג, אויב אַ מלוכה פון וועלכען עס איז לאַנד טוט אידען קיין שלעכטס ניט, האַלט זי דאָס אַליין שוין פאַר אַ גרויסען חסד, פאַר אַ זעלטענער גוטסקייט, מיט וועלכער זי הערט זיך ניט אויף צו ריהמען ביי יעדער געלעגענהייט. בנוגע צו אידען ווערט אָט דער בלויזער „כאשר לא נגענוך", מיר האָבען דיך ניט אָנגע־ריהרט, אַן אויסערגעוועהנליכע פּריווילעגיע".

און אַז יצחק באַרוהיגט זיך, טוט ער דאָסזעלבע וואָס זיין פאָטער אברהם האָט געטאָן: „ויבן שם מזבח ויקרא בשם ה'" — ער בויט דאָרט אַן אַלטאַר און פּראָקלאַמירט דעם נאָמען פון גאָט. דאָס איז געווען דער הויפּט־ציל, די הויפּט־אויפגאַבע אין דעם לעבען פון זיין פאָטער, און דאָס איז אויך דער ציל פון זיין לעבען.

די דריי הויפּט אידייען וואָס האָבען באַאיינפלוסט אידישע געשיכטע

דער מדרש גיט אונז אַ טיפזיניגע אָפּשאַצונג וועגען די דריי גרונט־אידייען, וואָס האָבען באַאיינפלוסט דעם לעבענס־גאַנג פון דעם אידישען פאָלק — אמונה, נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציע: „מוניטון של אברהם — זקן וזקנה מכאן ובחור ובתולה מכאן" — דער עמבלעם, דער סימבאָלישער צייכען פון אברהם איז געווען: אַן אַלט פּאָר־פאָלק פון איין זייט און אַ יונג פּאָר־פאָלק פון דער צווייטער זייט. „מוניטון של דוד המלך — מקל ותרמיל מכאן ומגדל מכאן" — דער עמבלעם פון קעניג דוד איז געווען: אַ שטעקען און רענצעל פון איין זייט און אַ טורעם פון דער צווייטער זייט. „מוניטון של מרדכי — שק ואפר מכאן ועטרת זהב מכאן" — דער עמבלעם פון מרדכי איז געווען: אַ זאַק מיט אַש פון איין זייט און אַ גאָלדענע קרוין פון דער צווייטער זייט (ב"ר מ"ד).

אברהם אבינו, וועלכער איז באַהערשט געוואָרען פון זיין גרויסען אידעאַל „אחדות הבורא", דעם גלויבען אין איין גאָט, האָט זיך געשטעלט פאַר זיין הויפּט־אויפגאַבע צו געווינען וואָס מעהר אָנהענגער פאַר זיין גרונט־אידייע: אַזוי ווי פאַר גאָט זיינען אַלע גלייך, האָט ער ניט געטרוימט פון מדינות און קעניגרייכען, פון איינטיילען די מענשהייט אין הערשער און באַהערשטע. איהם

האָט אויך ניט אינטערעסירט צו באַגרעניצען די וועלט אין פאַר־שיידענע לענדערייען און נאַציאָנאַליטעטען. ביי איהם זיינען „סדום" און „עמורא" אזוי ליב און טייער ווי „חברון" און „בית־אל". ווען ער באַזיגט דעם מעכטיגען קעניג אמרפל מיט זיינע אַליאַרטע, גיט ער צוריק זיין קאַזין לוט און דעם קעניג פון סדום זייערע מענשען און רייכטימער, וואָס אמרפל האָט פון זיי פאַר־נומען. ער אליין וויל ניט נהנה זיין פון זיין זיג „מחוט ועד שרוך נעל" — פון אַ פאָדעם ביז אַ שוך־בענדעל.

זיין הויפּט־אידעאַל איז: „הרימותי את ידי אל ה' קונה שמים וארץ" — איך הויב מיין האַנט צו גאָט, וואָס האָט באַשאַפען הימעל און ערד. רייכטום אָדער גרויסקייט, וואָס איינער ערווערבט פאַר זיך דורך כח און דרוק, דורך באַזיגען דעם צווייטען און איהם צווינגען צו טאָן זיין פאַרלאַנג, איז אָפּשטויסענד צו דער אמונה. איינטיילען די מענשהייט אין פאַרשיידענע קאַסטען פון שקלאַפען און פאַרשקלאַפער, פון אונטערטאַנען און בעלי־בתים, איז געגען די לעהרען פון אַן איינציגען גאָט, דער פאָטער פון אַלע מענשען־קינדער. אברהם'ס מטבע האָט אויף זיך געטראָגען דעם סימבאָלי־שען צייכען פון „בחור ובתולה, זקן וזקנה" — יונג און אַלט, אָרעם און רייך, אַלע זיינע באַרעכטיגט צו געניסען פון דער וועלט און לעבען פריי אומגעשטערט.

דער נאַציאָנאַלער געדאַנק

מיט יאָהרען שפּעטער, ווען דאָס אידישע פאָלק איז זיך צע־וואַקסען אין דער לענג און ברייט פון כנען, און די אַרומיגע פעל־קער האָבען איהם ניט געלאָזט רוהען, פלעגען זעהר אָפט באַפאַלען זייער לאַנד, אוועקרויבען זייערע שאָף און רינדער און זיי אָנגעטאָן אַלערליי נגישות, ווערט ביי אידען אַנטוויקעלט דער נאַציאָנאַלער געדאַנק. זיי באַשליסען צו גרינדען אַן אייגענע מלוכה מיט אַ זעלבסטהערשאַפט. זיי קומען צו שמואל הנביא, זייער גייסטיגען פירער, און פאַרלאַנגען פון איהם: „שימה לנו מלך לשפטנו ככל הגויים" — באַשטים פאַר אונז אַקעניג, וואָס זאָל אונז ריכטען און פאַרוואַלטען, ווי אַלע אַנדערע פעלקער.

שמואל אָבער, וועלכער איז געווען א „רואה", דער זעהער פון גלויבען און א געטרייער נאָכפאָלגער פון זיין גרויסען זיידען אברהם און זיין געדאנק, אז בלויז גאָט איז דער איינציגער הערשער, ווערט אויפגעציטערט. „וירע הדבר בעיני שמואל" — איהם געפעלט זעהר ניט זייער פאָרשלאָג, וואָס ער האָט באטראכט פאַר א גרויסער פאַרלעצונג פון דער ריינער אמונה. „ויתפלל אל ה'" — און ער טוט תפילה פאַר גאָט. און גאָט ענטפערט איהם: „טו דעם ווילען פון פאָלק, „כי לא אותך מאסו, כי אותו מאסו ממלוך עליהם" — ניט דיר האָבען זיי באליידיגט. נאָר מיר, זיי ווילען מיך מעהר ניט האָבען פאַר א קעניג איבער זיי", זיי זיינען געוואָרען שוואך אין דער אמונה און ווילען בעסער באהערשט ווערען פון א מענשען איידער פון גאָט.

שמואל רופט צוזאַמען די פאָרשטעהער פון פאָלק און שילדערט פאַר זיי א טרויעריג בילד: „זה יהיה משפט המלך" — דאָס זיינען די רעכט וואָס א קעניג וועט זיך נעהמען — „אייערע זיהן וועט ער באצווינגען פאַר זיינע אַרמייען, אייערע טעכטער וועט ער נעהמען פאַר נוירסעס און קעכינס. ער וועט פאַרכאַפּען אייערע בעסטע פעלדער און וויינגערטנער, אייער פאַרמעגען וועט ער באשטייערען, און איהר וועט זיין פאַרשקלאַפט צו איהם". אָבער „וימאנו העם לשמוע בקול שמואל" — דאָס פאָלק וויל ניט הערען די שטים פון שמואל. זיי ווילען א קעניג, אַן אייגענעם הערשער; „והיינו גם אנחנו ככל הגויים" — זאָלען מיר אויך זיין ווי אַלע אַנדערע פעלקער (שמואל א', ח').

דער נאַציאָנאַלער געדאַנק ווערט וואָס ווייטער און ווייטער מעהר אנטוויקעלט און גרייכט זיין העכסטע שטופע אין די צייטען פון דוד. „בן שלשים שנה דוד במלכו, ארבעים שנה מלך" — דרייסיג יאָהר איז דוד אַלט געווען ווען ער איז געוואָרען קעניג, און פערציג יאָהר האָט ער געקעניגט. פאַר דער צייט האָט ער אָנגעפיהרט פיעל מלחמות, האָט אויסגעברייטערט די גרעניצען פון לאַנד און האָט אונטערטעניגט די פעלקער ארום ארץ־ישראל. זיין „מוניטון", זיין סימבאָלישע מטבע איז געווען „מקל ותרמיל מכאן ומגדל מכאן" — אַמוניציע און קריגס־געוועהר פון איין זייט און

א טורעם פון דער צווייטער זייט. ער האָט געוואָלט האָבען גרויסע ארמייען מיט פיעל גענעראלען, וואָס זאָלען פאַר איהם אריינקריגען די „מצודות ציון", די פעסטונגען פון ציון, און זיי פארוואַנדלען אין א „מגדל דוד" — א טורעמדיגע און מעכטיגע רעגירונג.

די אמונה אָבער איז גלייכגילטיג צו אַזעלכע דערגרייכונגען. ווען דוד באַשליסט צו בויען דעם בית־המקדש און זאַמעלט צונויף די אַלע נויטיגע מאַטעריאַלען פון זילבער, גאָלד, קופּער און האָלץ פאַר די געביידעס, קומט צו איהם דער נביא „גד" און זאָגט איהם: „לא תבנה הבית לשמי" — דו קאָנסט ניט בויען דאָס הויז פאַר מיר — „הרבה דמים שפכת" — צופיעל בלוט האָסטו פארגאָסען. א הויז פאַר גאָט קאָן ניט געבויט ווערען פון פארנומענע מאַטעריאַלען. „ביתי בית תפילה יקרא לכל העמים" — מיין הויז איז באַשטימט צו זיין א געבעט־הויז פאַר אַלע פעלקער. גלויבען, אמונה וויל ניט וויסען פון נאַציאָנאַלע גרעניצען. זי איז געגען האָבען אונטערדריקטע און פאַריאָכטע פעלקער. דיין זוהן שלמה, וועלכער איז א „שר שלום", א פּרינץ פון פרידען, ער וועט בויען מיין הויז פאַר מיר, דאָרט צו וואוינען צווישען די אידען".

אַסימילאַציע און טשאַריטי

אין די שפּעטערדיגע דורות, ווען די אידען געפינען זיך שוין אין גלות צווישען אַנדערע פעלקער, ווערט ביי זיי אַנטוויקעלט א נייע פּסיכאָלאָגיע. אמונה ווערט אָפּגעשוואַכט, נאַציאָנאַליזם ווערט פארגעסען. די הויפּט־ראָלע שפּילט שוין דער פילאַנטראָפּ, דער רייכער מאַן. דער אידישער פיהרער ווערט שוין א „מרדכי", א „איש יהודי", וועלכער זיצט „בשער המלך" און שפּאַרט־אָן אין די הויכע פענסטער. זיין פלימעניצע, וואָס האָדעוועט זיך ביי איהם, גיט ער א וועלטליכע ערציהונג. ער בייט איהר אידישען נאָמען „הדסה" אויף דעם פערזישען נאָמען „אסתר", דער נאָמען פון א געטין. ווען זי ווערט גענומען צום קעניג פאַר א פרוי, זאָגט זי ניט אויס איהר „עמה ואת מולדתה" — איהר פאָלק און איהר שטאַם — „כי כן צוה עליה מרדכי" — ווייל מרדכי האָט איהר אַזוי אָנגעזאָגט.

בלויז אין אן עת צרה, אז ער ברעכען אויס גרויסע גזרות אויפ'ן פאָלק, וועלכע דראָהען אויך זיין אייגענעם לעבען, ווערט מרדכי באַזאָרגט איבער דער אידישער לאַגע. ער, אזוי גוט ווי אסתר המלכה, הויבען זיך אָן משתדל צו זיין פאר זייער פאָלק און בעטען דעם קעניג, ער זאָל מבטל זיין די גזרות פון דעם שלעכ־טען המן.

„מוניטון של מרדכי שק ואפר מכאן ועטרת זהב מכאן" — דער סימבאָלישער צייכען פון דעם אידישען פאָלק אין די צייטען פון מרדכי איז שוין א גאַנץ אַנדערער. „א זאַק מיט אש פון איין זייט און א גאָלדענע קרוין פון דער צווייטער". די געזעלשאַפט ווערט שוין איינגעטיילט אין רייכע און אָרימע, אין געבער און נעהמער. די פיהרער זיינע די, וואָס זיינען באַגליקט מיט דער „עטרת זהב", מיט א גאָלדענער קרוין, און וואָרפען־צו פון צייט צו צייט עטליכע גראָשען אין דעם „שק", אין דער טאָרבע פון די אָרימע און נויטליידענדע פון דער באַפעלקערונג.

עס ווערט געשאַפען א נייער קולט. פון דעם אידישען גלויבען אין גאָט ווערט א גלויבען אין דעם מענשליכען וואוילזיין. פון דער אידישער טראַדיציע ווערען אַרויסגעוואָרפען אַלע גרונט־אידייען. מען דינט שוין ניט צו דעם גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב, נאָר צו דעם „עגל הזהב". „טשאַריטי", „פילאַנטראָפּיע" ווערט דער הויפּט־מאָטיוו פון דעם אידישען גלויבען. די פאַרשיידענע צדקה־אַנשטאַלטען ווערען די פאַרהייליגטע טעמפּלען און בתי־מדרשים, וואו אידען קומען זיך צוזאַמען צו הערען א אידיש וואָרט. די כהנים, וואָס פיהרען־אָן די אידישע עבודה, זיינען ניט די געלערנ־טע, די תלמידי־חכמים, נאָר די גבירים, די וואָס באַזיצען די „עטרת זהב", די גאָלדענע קרוין.

אברהם בלייבט דער סימבאָל פון אידישער אמונה

דאָס אידישע פאָלק פאַרהייליגט שטאַרק דעם אָנדענק פון אברהם. ער רופט אָן די גאָטהייט מיט דעם נאָמען „מגן אברהם", דער פאַנצער פון אברהם, און דערמאָנט עס דריי מאָל א טאָג. די אידישע לעגענדע וויסט צו דערצעהלען פיעל אַנעקדאָטען פון דעם

אידישען לעבען אין גלות, ווען אברהם איז ערשינען און האט גע־ראטעוועט זיינע קינדער פון גרויסע סכנות. איך וויל דא פאר די לעזער איבערגעבען איינע פון די אינטערעסאנטע מעשה׳לעך, וואס ווערען דערצעהלט וועגען אונזער פאטער אברהם, פון פראפעסאר לוי גינזבורג, אין זיין בוך „אידישע לעגענדען״:

„אין דער שטאדט חברון האט אמאל געהערשט א גרויזאמער קעניג, וואס האט זעהר אונטערדריקט די אידען. איינמאל האט ער ארויסגעגעבען א באפעהל, אז די אידען זאלען איהם ברייגנען א גרויסע סומע פון גאלדענע מטבעות, אלע פון גלייכען געוויכט און אלע פון דעמזעלבען יאהר און דאטום. ער האט געוואוסט, אז דאס איז כמעט אוממעגליך, אבער זיין כונה איז געווען צו טויטען די אידען אדער זיי צו פארטרייבען פון שטאדט.

„די גזרה האט געווארפען אלע אידען אין גרוים פארצווייפ־לונג, זיי האבען געמיינט, אז דער סוף איז שוין געקומען. וואו וועלען זיי נעהמען אזא גרויסע סומע פון גאלדענע מטבעות, און נאך אלע פון דעמזעלבען דאטום און געוויכט? זיי האבען מיט צעבראכענע הערצער פארורופען א „תענית ציבור״, צו פאסטען און תפילה צו טאן צו גאט, ער זאל זיי העלפען אין זייער גרויסער סכנה. דיזעלבע נאכט האט זיך צום גבאי פון דער אידישער גע־מיינדע באוויזען אין חלום אן אלטער פאטריארך, אנגעטאן אין ווייסע זיידענע קליידער, און האט איהם געזאגט: „איך בין אייער פאטער אברהם. זייט רויסען, אז גאט האט זיך צוגעהערט צו אייער געוויין און האט מיר געשיקט אייך צו העלפען. געהט צום טויער פון דעם קעניגליכען פאלאץ, און דארט וועט איהר אין א פאר־בונדענעם זאק געפינען די פארלאנגטע געלטער״.

דער גבאי האט זיך שטארק דערשראקען. ער איז ארונטער־געשפרונגען פון זיין בעט און האט געזוכט דעם אלטען מאן, וואס האט איהם אנגעזאגט די בשורה. ער האט אבער קיינעם ניט גע־פונען. באלד האט ער פאררופען אלע פארשטעהער פון דער קהלה און זיי איבערגעגעבען זיין מערקווירדיגען חלום. ווי איבעראשט זיינען זיי אלע געווארען, אז ווען זיי זיינען צוגעקומען צו דעם

אנגעוויזענעם פלאץ האבען זיי געפונען דאס געלט, ווי דער אלטער מאן האט געזאגט.

דער דעספאטישער קעניג איז ערשטוינט געווארען צו זעהן, אז די אידען האבען זיין גרויזאמען באפעהל אויסגעפאלגט. ער האט פארשטאנען, אז דאס האט דער אידישער גאט פאר זיי דעם נס געשאפען, און זיין הארץ איז ווייכער געווארען צו די אידען. אט אזוי האט אברהם געראטעוועט א אידישע קהלה פון א זיכע־רען טויט".

און יצחק נעהמט־איבער די גייסטיגע ירושה פון זיין גרוי־סען פאטער, און גיט איהר נאכדעם איבער צו זיין זוהן יעקב. ער בענשט איהם מיט דער ברכה „ויתן לך אלקים מטל השמים ומשמני הארץ" — גאט זאל דיר געבען טוי פון די הימלען און פעטקייט פון דער ערד. און די ברכה בלייבט מיט די אידען פאר דור־דורות. ווען נאר זיי האבען פארהייליגט דעם „טל השמים", דעם געטליכען טוי, האבען זיי אויך געהאט „משמני הארץ", די פעטס פון דער ערד. מיט זייער גייסטיגער שטארקייט האבען זיי אימער געזיכערט זייער עקאנאמישער מצב.

———o———

י״ז

ויצא

יעקב פארזוכט דעם ערשטען טעם פון גלות

„ויצא יעקב" — יעקב מוז געהן, ער מוז פארלאָזען זיין פאָטער׳ס הויז און אַפּריכטען גלות אין אַ פרעמד לאַנד. זיין זיידע אברהם און זיין פאָטער יצחק, אַז זיי האָבען געוואָלט באַזוכען אַן אַנדער לאַנד, איז געווען אָדער „ויסע" אָדער „וילך"; זיי זיינען געפאָהרען אָדער געגאַנגען מיט זייער אייגענעם ווילען, קיינער האָט זיי ניט געצוואונגען דאָס צו טאָן. ביי יעקב׳ן אָבער איז די לאַגע אַ גאַנץ אַנדערע. „ויצא יעקב", ער מוז געהן, אָדער בעסער געזאָגט לויפען, ווייל אין זיין שטאָדט באר שבע איז ער ניט זיכער מיט׳ן לעבען. זיין מוטער רבקה, וועלכע האָט איהם זעהר ליב געהאַט, האָט ערפאָהרען, אַז זיין ברודער עשו האָט איהם פיינט — פאַר די ברכות וואָס זיין פאָטער האָט איהם געגעבען — און איז „מתנחם להרגו", ער מאַכט פּלענער איהם צו טויטען. זי ראָט איהם: „קום ברח לך אל לבן אחי" — לויף וואָס שנעלער צו מיין ברודער לבן — „וואוין מיט איהם עטליכע יאָהר, ביז דער כעס פון דיין ברודער וועט זיך איינשטילען".

כדי אַז יצחק, וועלכער האָט ניט געוואוסט פון עשו׳ס שלעכ־טע כונות, זאָל אויך איינשטימען צו איהר פּלאַן, זאָגט איהם רבקה, אַז איהר געפעלען ניט די „בנות הארץ" — די טעכטער פון די אָרטיגע איינוואוינער — און זי קאָן ניט פאַרטראָגען דעם געדאַנק, אַז יעקב זאָל הייראַטען איינע פון זיי. יצחק שיקט רופען יעקב׳ן צו זיך, בענשט איהם און זאָגט איהם אָן, „לא תקח אשה מבנות כנען" — דו זאָלסט ניט הייראַטען איינע פון די כנענ׳ישע טעכטער. „געה נאָך פּדן ארם, צו דעם הויז פון דיין זיידען בתואל, און נעהם דיר דאָרט איינע פון דיין פעטער לבן׳ס טעכטער פאַר אַ פרוי".

פון באר־שבע נאָך חרן איז ניט אַזאַ ווייטער מהלך. מען קאָן עס מאַכען אין אַ משך פון עטליכע טעג. אליעזר, דער קנעכט פון אברהם, ווען ער איז געפאָהרען ברייגנען רבקה׳ן פאַר אַ פרוי צו

יצחק'ן, האט דיזעלבע נסיעה געמאכט אין א גאנץ קורצער צייט. אבער וואס אנדערע קאנען טאן, קאן יעקב ניט דערווייזען. „ויפגע במקום", אז יעקב וויל ערגעץ אנקומען, מוז ער זיך פריהער גוט אנפלאגען אויפ'ן וועג. ער ווערט באפאלען פון אלערליי פגעים רעים און צרות, וואס שטערען איהם צו דערגרייכען זיין ציל. „וילן שם", ער מוז דארטען דורכמאכען לאנגע פינסטערע נעכט. כל זמן ער האט געלעבט אין זיין אייגענער היים, אין זיין אייגען לאנד, האט פאר איהם די זון געשיינט ווי פאר אלע מענשען גלייך. אזוי גיך אבער ווי ער האט זיין לאנד פארלאזען, איז „בא השמש", געהט פאר איהם די זון אונטער פאר דער צייט און ער קאן דעם וועג ניט געפינען. אט די קורצע רייזע פון עטליכע טעג געדויערט איהם גאנצע פערצעהן יאהר (ב"ר ס"ט).

איידער יעקב פארלאזט זיין היים גיט איהם זיין מוטער רבקה פיעל געלט און שעהנע מתנות פאר זיין כלה, און פאר איהר ברודער לבן מיט זיינע קינדער. אויפ'ן וועג אבער ווערט ער באפאלען פון אליפז, עשו'ס עלטערען זוהן, וועלכער בארויבט איהם פון אלץ; ער נעהמט ביי איהם אוועק זיין געלט, זיינע קליידער, און לאזט איהם איבער הויל און נאקעט. ער איז געצוואונגען אריבערצושווימען דעם ירדן און וואנדערען א לאנגע צייט אין דעם גרויסען מדבר פון ארם (ילקוט שמעוני). וואו ער קומט געפינט ער גרויסע שטיינער אויף זיין וועג. אויב ער באשליסט שוין יא אמאל זיך צו לייגען אפרוהען צווישען די „אבני המקום" — די שטיינער פון דעם ארט — הויבען זיי אן זיך ארומצוקריגען איבער איהם און שטערען איהם זיין רוה (רש"י).

עס טרעפט אפילו אמאל, אז די „אבני המקום", די פארשטיינערטע און הארטע הערשער פון לאנד זוכען דוקא אריינצוקריגען יעקב'ן ביי זיך (עלי יניח צדיק את ראשו, חולין צ"א); זיי מיינען אבער דאן מעהרסטענס זייער אייגענע טובה. זיי וויסען גאנץ גוט, אז ווען יעקב וועט זיך אביסעל אויסרוהען און קומען צו זיך, וועט ער זיי גוט באלוינען פאר זייער שטיקעל גאסטפריינדליכקייט. ער וועט פון זייערע שטיינער בויען מצבות, גרויסע און שעהנע מאנומענטען, און „ויצק שמן על ראשה" — ער וועט גיסען

בוימעל אויף זייער קאָפּ. זיי וועלען פון איהם קאָנען אָפּלעקען א פעט ביינדעל.

„מה שאירע ליעקב, אירע לבניו" — וואָס עס האָט פּאַסירט מיט יעקב'ן האָט אויך פּאַסירט מיט זיינע קינדער שפּעטער; די אידישע געשיכטע וועיסט צו דערצעהלען, אַז אין מיטעלאַלטער האָט זעהר אָפט פּאַסירט, אַז א מושל פון איין מדינה פלעגט אָפּקויפען ביי דעם צווייטען דאָס רעכט איבער זיינע אידען. ער פלעגט זיי דאַן אַריבערפיהרען צו זיך אין לאַנד, זיי פאַר א קורצער צייט געבען אַלע פרייהייטען זיך צו קאָנען איינאָרדענען; אַזוי גיך אָבער ווי זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו אַנטוויקלען די אינדוסטריען פון זיין לאַנד, פלעגט ער זיי שינדען די הויט דורך שווערע צינזען און רייסען דעם ביסען פון מויל. זיי זיינען געווען זיינע הויף־אידען, און ער האָט מיט זיי געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט (גרעטץ).

די מלאכים פון ארץ־ישראל פאַרלאָזען איהם

נאָך זיין לאַנגען וואַנדערען אין דעם טרוקענעם מדבר שטעלט זיך יעקב אָפּ אין א געוויסען פּלאַץ, „וישכב במקום ההוא" — ער לייגט זיך דאָרט אָפּצורוהען. ער פיהלט מיד און איינזאַם. די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט געוואוינט ביי זיינע עלטערען „היו מלאכי ארץ־ישראל משמרין אותו ומלוין אותו" — האָבען איהם די מלאכים פון ארץ־ישראל באַהיט און באַגלייט וואו ער איז גע־גאַנגען. „כיון שהגיע לחוץ לארץ נסתלקו" — אַזוי גיך אָבער ווי ער האָט אַריבערגעטראָטען די גרעניץ פון זיין לאַנד, זיינען זיי פון איהם אַוועק (תנחומא וישלח ג'). איינדערהיים האָט ער געהאַט פיעל פריינד און באַשיצער. ער האָט געלעבט רוהיג און האָט געקאָנט זיין א „יושב אוהל", זיצען אין זיין געצעלט און עוסק זיין אין לערנען תורה. דאָ אין דער פרעמד אָבער איז ער פאַר־וואָגעלט און אומבאַשיצט. קיינעם קימערט ניט פאַר איהם. און ער איז אויסגעזעצט צו אַלערליי געפאַהרען.

ער קאָן אויך ניט אָפּהיטען זיין תורה ווי עס באַדאַרף צו זיין, ווייל „ישראל שבחוץ לארץ עובדי עבודה זרה בטהרה הם" — די אידען וואָס וואוינען אין פרעמדע לענדער דינען פרעמדע געטער

אומשולדיגערהייט (ע"ז ח'). דער פּראַצעס פון צופּאַסען זיך אין יעדען אָרט וואו מען קומט, איז זעהר אַ שווערער און געפעהרליכער. ער שטעלט אין סכנה די אַלע גייסטיגע און קולטורעלע דערגריי־כונגען פון לאַנגע דורות. ניט ווילענדיג מוז מען מאַנכעסמאָל נאַכטאָן די שכנים און פאַרבויגען אַ טייל פון די אייגענע מנהגים און זיטען. מען קאָן ניט בלייבען אַזוי אָריגינעל ווי מען איז גע־ווען אין דער אייגענער היים.

איך וויל דאָ איבערגעבען אַ שעהנע מעשה'לע, וואָס איך האָב געהערט פון פּראָפעסאָר חיים וויצמאַן: „מיין שטעדטל מאָטעלע — האָט ער געזאָגט — געפינט זיך האַרט ביי דער דייטשער גרעניץ. די אידען פון שטעדטל פלעגען טאָן געשעפטען מיט די דייטשען, און כדי צו קאָנען אַריבערגעהן די גרעניץ אומ־געשטערט, פלעגט מען דאַרפען קויפען אַ „פּעסעל" פון דער פּאָ־ליציי, וואָס האָט געקאָסט דריי רובל און איז גוט געווען פאַר אַ צייט פון דריי מאָנאַטען.

„יענקל דעם רב'ס זוהן איז ניט געווען פון די געשעפטסלייט, וואָס האָבען געדאַרפט אָפט באַזוכען דייטשלאַנד. איינמאָל אָבער האָט ער געמוזט דאָרט פאָהרען פאַר זעהר אַ נויטיגען אינטערעס. איהם איז אָבער געווען שווער צו באַצאָהלען דריי רובל פאַר איין מאָל אַריבערגעהן די גרעניץ, איז ער אַוועק צו זיינעם אַ פריינד און ביי איהם געליהען זיין „פּעסעל".

דער פריינד אָבער האָט געהייסען פּרץ, האָט ער איהם אָנגע־זאָגט: „געדענק, אַז מען וועט דיר פרעגען ווי איז דיין נאָמען, זאָלסטו זאָגען פּרץ, ניט יענקל". ווען יעקב דעם רב'ס איז צוגע־קומען צו דער גרעניץ, און דער סאָלדאַט האָט איהם אַ פרעג געטאָן: „קטאָ טי?" — ווער ביזטו? — איז ער צעטומעלט געוואָרען און געענטפערט: „יענקל געוויס ניט".

„יאָ" — האָט פאַרענדיגט דר. וויצמאַן — „אַזוי גיך ווי אַ איד געהט אַריבער די גרעניץ פון זיין אייגען לאַנד און וואוינט אין פרעמדע מקומות, איז ער שוין ניט דערזעלבער יעקב, דער־זעלבער „איש תם" — גאַנצער מענש — ווי ער איז געווען אין זיין אייגענער היים".

זיין גרויסער געטליכער חלום

יעקב פיהלט יזך אפגעשוואכט און נידערגעשלאגען. ער זעהט פאר זיך א לאנגען, שווערען וועג, ביז ער וועט דערגרייכען זיין ציל. איבערהויפט איז ער שטארק באזארגט, צי וועט ער קאנען אפהיטען די לעהרען פון זיינע עלטערען. רבי לוי יצחק בארדי־טשעווער האט אמאל געזאגט אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה „ונתן לי לחם לאכול והיה ד׳ לי לאלקים״ — „בשעת א איד האט „לחם לאכול ובגד ללבוש״, ברויט צום עסען און א קלייד אנצוטאן, איז ער דאן ביכולת צו דינען גאט. אויב עס פעהלט איהם אבער די נויטיגע הצטרכות׳ן, דאן קאן חלילה טרעפען, אז פון גרויס פארביטערונג און פון פיעל דאגות און עגמת נפש זאל ער, חס ושלום, דעריין פארגעסען״.

ליגענדיג אזוי אויף די הארטע שטיינער ווערט יעקב איינ־געשלאפען. גאט אבער האט אויף איהם שטארק רחמנות. ער קאן ניט צוזעהן דעם גרויסען צער פון זיין געטרייען קנעכט. „קיפל הקב״ה ארץ ישראל תחתיו״ (חולין צ״א) — גב״ה וויקעלט צוזאמ־מען גאנץ ארץ ישראל ווי א קאלדרע און לייגט איהר אונטער יעקב׳ן, עס זאל איהם זיין ווייכער צו ליגען. אזוי שנעל ווי יעקב דערפיהלט ארץ ישראל אונטער זיך, ווערט ער לעבעדיגער. זיין מרה־שחורה פארשווינדט, זיין געבויגענער רוקען ווערט אויסגע־גליכען, און ער הויבט אן צו חלום׳ען פון הימעל.

ער זעהט אין חלום א „סולם מוצב ארצה״ — א לייטער וואס שטעהט אויף דער ערד — „וראשו מגיע השמימה״ — און זיין שפיץ גרייכט ביז די הימלען. עס מאכט ניט אויס וואו ער געפינט זיך, אויב ער פיהרט מיט זיך זיין ארץ ישראל, איהר תורה און איהרע אידעאלען, איז ער אלץ פאראייניגט מיט׳ן הימעל. ער באמערקט אפילו ווי „מלאכי אלקים עולים ויורדים בו״ — אז די געטליכע מלאכים שטייגען ארויף און ארונטער איבער איהם. די מלאכים, וואס ער איז געווען געוועהנט צו זעהן אין ארץ ישראל, זיינען געווען „עולים, מעהר ערהאבען, מעהר גייסטיג, און די מלאכים פון חוץ לארץ זיינען שוין „יורדים״, געפאלענע, מעהר

מאטעריאליסטיש, מעהר ערדיש. ער פיהלט אבער, אז „והנה ד' נצב עליו", אז גאט שטעהט איבער איהם אויך דא. אז אויך אין דעם גרויסען מדבר וואכט ער איבער איהם און שיצט איהם פון אלע צרות און אומגליקען.

ער הערט די שטים פון גאט וואס רויפט איהם איין א סוד אין אויער: „הארץ אשר אתה שוכב עליה לך אתננה ולזרעך" — דאס לאנד, אויף וועלכען דו ליגסט איצט, וועל איך אפגעבען צו דיר און דיינע קינדער. מיין צוזאג צו דיינע עלטערען, אברהם און יצחק, וועט געוויס דורכגעפיהרט ווערען. זיי ניט פארצווייפעלט, „הנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר תלך" — איך בין מיט דיר און איך וועל דיר היטען וואו דו וועסט געהן. מיין פאטער ע"ה האט געטייטשט דעם פסוק אזוי: „אנכי עמך", אויב דער „אנכי" וועט זיין מיט דיר, אויב דו וועסט זיך האלטען אן דיין אמונה, אן דיין גלויבען, „ושמרתיך בכל אשר תלך" — וועסטו אפגעהיט ווערען וואו דו וועסט געהן".

זיין אמונה האט אימער באשיצט דעם אידען פון אונטער־גאנג. ווען ניט זיין גלויבען, ווען ניט זיין תורה, וואלט אונזער פאלק שוין לאנג פארשוואונדען פון דער וועלט. א דאנק זיין שבת, זיין כשרות, זיין טהרת המשפחה, איז דער איד געבליבען גאנץ. רבי צבי הירש קאלישער זאגט: „והיה זרעך כעפר הארץ" — דער גלות האט געמאכט פון די בני ישראל אזוי ווי שטויב פון דער ערד. באטש מען האט גרויסע נוצען פון דער ערד, דאך טרעט מען אויף איהר. די אידען האבען אימער בייגעטראגען מעהר ווי זייער חלק צו דער אנטוויקלונג פון יעדען לאנד וואו זיי האבען זיך געפונען — דאך פארפאלגט מען זיי. אבער פונקט ווי די ערד לעבט איבער אלעמען און אלץ, אזוי אויך וועט דער איד אימער בלייבען לעבען".

יעקב הערט אויך ווי גאט זאגט צו איהם: „דיינע װאנדע־רונגען וועלען אייביג ניט אנהאלטען. די צייט וועט קומען און „והשיבותיך אל האדמה הזאת" — איך וועל דיך צוריקברייננגען צו דעם דאזיגען לאנד — „לא אעזבך עד אשר אם עשיתי את אשר דברתי לך" — איך וועל דיר ניט פארלאזען ביז איך וועל דער־

פילען מיין פאַרשפּרעכען צו דיר. ארץ ישראל וועט זיין דיינס, און זי וועסט נאָך דאָרט שיינען ווי אַמאָל.

„וויקץ יעקב משנתו״ — יעקב כאַפּט זיך אויף פון זיין שלאָף. דער חלום האָט איהם געגעבען נייע האָפענונגען. ער זעהט פאַר זיך אַ ליכטיגערע צוקונפט. ער קומט צו דער איבערצייגונג, אַז „אכן יש אלקים במקום הזה״ — אַז אויך דאָ געפינט זיך גאָט. אויב ער זאָל איבעראַל זיך האַלטען אָן זיינע געטליכע פאַרשריפטען און אויספאָלגען די געזעצען פון זיין תורה און זיין אמונה, קאָן פון יעדען אָרט ווערען אַ „שער השמים״, אַ געטליכער טויער, וואָס זאָל איהם פיהרען צו זיין הייליגען לאַנד און צו דעם „בית אלקים״, וואָס געפינט זיך דאָרט.

———o———

וישלח

יעקב זוכט זיך איבערצובעטען מיט זיין ברודער עשו

פיער־און־דרייסיג יאָהר איז יעקב געווען אוועק פון זיין היים אין כנען. פערציג יאָהר האָט ער זיך געוואָלגערט אויפ׳ן וועג פון באר שבע צו ארם נהרים; פערצעהן יאָהר האָט ער געדינט זיין שווער לבן פאַר זיינע צוויי טעכטער רחל און לאה, און זעקס יאָהר האָט ער געארבייט פאַר זיך און איז שטאַרק רייך געוואָרען.

לבן איז געווען אַ היבשער אָרימאַן, ווען יעקב איז צו איהם געקומען. זיין אייגענע טאָכטער רחל האָט געמוזט פאַשען די שאָף, כאָטש פאַר אַ באַלעבאַטיש מיידעל האָט עס ניט געפאַסט. זיינע זיהן אָבער זיינען נאָך דאַן געווען צו קליין, און ער האָט ניט פאַר־מאָגט גענוג צו קאָנען דינגען אַ פאַסטוך (ב״ר ס״ג). מיט׳ן אָנקומען פון יעקב׳ן אָבער האָט זיך זיין לאַגע געביטען, און ער איז געוואָרען אַ גרויסער גביר. ווי יעקב דערקלערט עס: „כי מעט אשר היה לך לפני, ויפרץ לרב״ — וויניג האָסטו געהאַט איידער איך בין געקומען צו דיר, אָבער איצט ביסטו זעהר רייך (ויצא ל״א). און לבן גיט עס טאַקע אַליין צו: „נחשתי ויברכני ה׳ בגללך״ — איך האָב זיך איבערצייגט, אַז גאָט האָט מיך באַגליקט צוליב דיר (דאָרט).

כל זמן יעקב האָט געדינט ביי לבנ׳ען און האָט פאַר איהם שווער געאַרבייט טאָג און נאַכט, ווי ער באַקלאָגט זיך: „הייתי ביום אכלני חורב וקרח בלילה, ותדד שנתי מעיני״ — ביי טאָג בין איך פאַרצערט געוואָרען פון דער ברענענדיגער זון און ביי נאַכט פון קעלט, און דער שלאָף איז פאַרוואָגעלט געוואָרען פון מיינע אויגען, — זיינען לבן מיט זיינע זיהן שטאַרק צופרידען געווען. איבער־הויפט האָט זיי הנאה געטאָן זיין גרויס ערליכקייט. „טרפה לא הבאתי אליך, אנכי אחטנה״ — אַ פאַרצוקטע שאָף האָב איך צו דיר ניט געבראַכט, איך האָב איהר אַליין געפעהלט; פון זיין איי־גענעם געהאַלט האָט ער אימער גוט־געמאַכט דעם שאָדען.

אזוי גיך אָבער ווי יעקב האָט אָנגעפאַנגען ארבייטען פאַר זיך, און „ויפרץ האיש מאד" — ער איז זעהר רייך געוואָרען, האָט מען איהם אָנגעפאַנגען מקנא צו זיין. זיי האָבען שוין פאַר־געסען דעם פאַקט, אַז ער האָט זיי אויך רייך געמאַכט. די בני לבן טענה'ן שוין פאַרקעהרט: „לקח יעקב את כל אשר לאבינו, ומאשר לאבינו עשה את החיל הזה" — יעקב האָט צוגענומען אַלעס וואָס אונזער פאָטער האָט געהאַט, און פון דעם וואָס באַלאַנגט צו אונזער פאָטער האָט ער דערוואָרבען זיין גרויס רייכטום. אויך לבן אַליין זאָגט עס איהם שפּעטער: „הבנות בנותי, והבנים בני, והצאן צאני, וכל אשר אתה רואה לי הוא" — די טעכטער זיינען מיינע, די זיהן זיינען מיינע, די שעפּסען זיינען מיינע, און אַלעס וואָס דו זעהסט באַלאַנגט צו מיר.

אָט אַזוי איז שוין דער טרויעריגער שיקזאַל פון אַ גר, פון אַ פרעמדען. ער מעג ברענגען גליק און רייכטום אין דעם אָרט וואו ער האָט זיך באַזעצט, קוים אָבער האָט ער זיך ארויפגע־ארבייט און איז רייך געוואָרען, באַשולדיגט מען איהם אין שווינ־דעל און מ'פאַרגינט איהם ניט וואָס ער האָט.

און זיין רייכטום בייט אויך זיין כאַראַקטער. מיט זיין גרויס פאַרמעגען קומט אויך אַן אומוועלצונג אין זיין געדאַנקען־גאַנג. ער ווערט אַלץ ווייניגער אידעאַליסט און מעהר חומר'דיג, מעהר מאַטעריאַליסטיש. ווען יעקב איז געווען אָרים און האָט זיך גע־וואַלגערט צווישען די שטיינער אין מדבר, האָט ער געטרוימט פון הימעל, פון מלאכים, פון גאָט וואָס שטעהט איבער איהם. איצט אָבער, אַז ער איז רייך געוואָרען, און זיינע געשעפטען האָבען זיך פאַרשפּרייט, האָט ער שוין גאַנץ אַנדערע חלומות: „וארא בחלום והנה העתודים העולים על הצאן עקודים, נקודים וברודים" — איך זעה אין חלום, אַז די בעק וואָס קומען זיך צוזאַמען מיט די שעפּסען וועלען ברענגען געקנעבעלטע, געפינטעלטע און געפלעק־טע שאָף (ויצא ל"א). ער האָט שוין דעם הימעל ווייניג אין זינען, ער טרוימט שוין פון מעהר רייכטום, פון גרעסערע איינקונפטען.

פלוצלונג דערהערט זיך די שטימע פון גאָט וואָס זאָגט צו איהם: „חמיך אין מסביר לך פנים, שוב אל ארץ אבותיך ואהיה

עמך" — דיין שווער קאָן דיך שוין מעהר ניט דולדען; קער זיך צוריק אין דיין פאַטערלאַנד, און איך וועל דאָרט זיין מיט דיר (ב"ר ס"ד). סוף כל סוף וועט דאָס גאַנצע פאַרמעגען וואָס דו האָסט דאָ אָנגעזאַמעלט ניט בלייבען דיינס; מען וועט עס פון דיר אַוועקנעמען. „נכסי חוץ לארץ אין בהם ברכה" — די גיטער וואָס אַ איד זאַמעלט אויף אין גלות, האָבען ניט קיין מזל־ברכה, זיי האַלטען זיך ניט לאַנג. אין דיין אייגען לאַנד — וואָס דו וועסט פאַרדינען, וועט ביי דיר בלייבען. דאָרט וועסטו קאָנען פאַרזאָרגען אַ ריכטיגע צוקונפט פאַר זיך און פאַר דיינע קינדער.

יעקב פאַרלאָזט ארם נהרים און געהט נאָך כנען

יעקב קומט צו אַ פאַרשטענדיגונג מיט לבנ׳ען, שליסט מיט איהם אַ בונד פון פריינטשאַפט, נעהמט זיינע פרויען, קינדער, קנעכט, שאָף און רינדער, און לאָזט זיך געהן נאָך זיינע עלטערענ׳ס היים אין כנען. לבן אָבער איז איהם נאָך אַלץ געבליבען אַ שונא. איהם האָט שטאַרק פאַרדראָסען פאַרוואָס יעקב האָט איהם פאַרלאָזען. אויך האָט ער איהם ניט פאַרגונען זיין רייכטום. אַזוי גיך ווי זיי צעשיידען זיך, שיקט ער דורך זיין זוהן בעור אַ געהיימען פאַסקוויל צו עשו׳ן. ער שרייבט: „האָסטו געהערט וואָס דיין ברודער יעקב האָט מיר אָפּגעטאָן? ווען ער איז געקומען צו מיר, איז ער געווען אָרים און נאַקעט. איך האָב איהם אויפגענומען מיט גרויס פריינטשאַפט, איהם געגעבען מיינע צוויי טעכטער און אויך מיינע צוויי דינסטען פאַר פרויען. גאָט האָט איהם באַגליקט צוליב מיר. איצט, אַז ער איז זעהר רייך געוואָרען, האָט ער מיר איבערגעלאָזט און איז אויפ׳ן וועג קיין כנען, ער געפינט זיך אין די בערג, לעבען דעם טייך יבוק, און פיהרט זיין גרויס פאַרמעגען מיט זיך. טו מיט איהם וואָס דו ווילסט".

זיין ליבע מוטער רבקה, אָבער, דערוויסט זיך פון דעם און זי שיקט שליחים צו איהר זוהן יעקב, איהם צו וואָרענען, אַז ער זאָל זיין פאָרזיכטיג. זי גיט איהם אַן עצה, ער זאָל זיין אָפּענהאַרציג מיט זיין ברודער עשו און ניט ריידען צו איהם מיט אַ שטאָלצען טאָן. „עס איז דיין פליכט", זאָגט זי איהם, „צו רעס־

פעקטירען דיין עלטערען ברודער. אפשר וועט גב"ה רחמנות האָבען, ווייך מאַכען זיין הארץ, און זיין כעס אויף דיר וועט זיך איינ־שטילען". (ילקוט ספורים).

יעקב שיקט ארויס מענשען זיך צו דערקונדיגען וואו זיין ברודער עשו געפינט זיך, און אויסגעפינען וואָסערע הכנות ער מאַכט מיט איהם זיך צו טרעפען. זיי קומען צוריק און גיבען איהם איבער די טרויעריגע בשורה: „באנו אל אחיך אל עשו" — מיר זיינען געקומען צו דיין ברודער עשו. „היית אומר אחיך הוא, אבל הוא נוהג עמך כעשו הרשע, עודנו בשנאתו" — דו האָסט געדענקט, אַז ער איז נאָך דיין ברודער, ער איז אָבער דערזועלבער עשו הרשע, ער האָט דיר נאָך אַלץ פיינט (ב"ר ע"א). זיי האָבען איהם אויך אינפאָרמירט, אַז ער געהט קעגען איהם מיט אַן ארמיי פון פיער הונדערט מאַן און האָט בדעה איהם צו באַקעמפען.

יעקב האָט זיך ניט דערשראָקען פאַר די נייעס, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז קוים האָט איהם גאָט געהייסען געהן צוריק אהיים, און האָט איהם פאַרשפּאָרכען „והייתי עמך" — איך וועל זיין מיט דיר, וועט איהם אַליין עשו גאָר ניט קאָנען טאָן. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר זיינע קינדער („פּן יבא עשו והכני אם על בנים"). און ער טוט תפילה צו גאָט: „הצילני נא מיד אחי, מיד עשו" — ראַטעווע מיך פון מיין ברודער'ס האַנט, פון עשו'ס האַנט. הרה"ג ר' יאָשע בער בריסקער זצ"ל, האָט אויף דעם גע־זאָגט: „יעקב האָט זיך געוואָלט פאַרהיטען פון עשו'ס האַנט, ער זאָל איהם ניט אַנגרייפען קערפּערליך, און אויך פון זיין ברודער'ס האַנט, ער זאָל ניט ווערען צו פריינטליך, צופיל ברידערליך מיט זיינע קינדער און זיי אַראָפּפיהרען פון גלייכען וועג".

יעקב בעט עשו'ן אָנצונעמען זיינע מתנות

אַז יעקב וויל פועל'ן ביי זיין ברודער עשו, ער זאָל איהם קיין שלעכטס ניט טאָן, מוז עס איהם טייער קאָסטען. ער מוז זיין גרייט „לדורון, לתפלה ולמלחמה" — צו געבען פיל כאַבאַר, בעטען ביי איהם טובות, און צו קעמפען פאַר זיין רעכט. עשו לאָזט זיך אימער גוט באַצאָלען פאַר דעם גרויסען חסד, וואָס ער טשעפּעט זיך

ניט צו יעקב׳ן און לאזט איהם צורוה. אז עשו מאכט ניט קיין פּאָ־גראַמען אָדער אָרגאַניזירט ניט קיין עקזאַמישען באַיקאָט קעגען איהם, דארף זיך יעקב שעצען גליקליך און זיין העכסט דאנקבאר פאר אזא איידעלער בעהאנדלונג.

יעקב קלייבט אוים אַ גרויסע צאָהל שאָף און רינדער, קעמ־לען און אייזלען און טיילט זיי איין אין „עדר עדר לבדו״ — אין באזונדערע סטאַדעס, און שיקט זיי אַ מתנה צו עשו׳ן. „למה לא הכניסן כלן כאחת?״ — פּארוואָס האָט ער זיי ניט אריינגע־בראַכט אַלע צוזאַמען? — פרעגט דער מדרש, און ענטפערט: „כדי להשביע עיניו של רשע״ — אום אָנצוזעטיגען די אויגען פון רשע (ב״ר ע״ו). עשו׳ס אויגען זיינען גרוים, און ער שטעלט זיך ניט צופרידען מיט נעמען איינמאָל כאבאר, ער וויל עס האָבען אָפּט; און וואָס מעהר, אַלץ בעסער.

יעקב זאָגט אָן יעדען פון זיינע מענשען: „כי יפגשך עשו אחי״ — ווען מיין ברודער עשו וועט דיך באַגעגענען און וועט דיך פרעגען, ווער דו ביסט, און צו וועמען עס באלאנגען די אלע זאכען, זאָלסטו איהם ענטפערען: „לעבדך ליעקב, מנחה שלוחה לאדוני לעשו״ — אז דאָס באַלאַנגט צו זיין קנעכט יעקב, און ער שיקט עס אַ מתנה צו זיין האר עשו. ער איז שוין ניט זיין גלייכען, זיין ברודער פון איין טאַטע־מאַמע. ער מוז זיין דער האר, דער מושל, און יעקב דער אונטערטעניגטער, דער קנעכט.

יעקב אָבער מאַכט אויך הכנות צו קעמפען מיט זיין ברודער, אויב נויטיג. ער וויל טאַקע אויסמיידען מחלוקות — זאָל עס בעסער אויסגעהן צו געלט; ער איז בטבע אַ שטילער מענש און האָט פיינט קריג, אָבער בדלית ברירה, וועט ער זיך שטעלען קעגען איהם. ער טיילט איין זיינע מענשען אין צוויי מחנות, אין צוויי סטראַטעגישע לאַגערען, „והוא עבר לפניהם״ — און ער געהט מוטיג פאָראוים. אויף דעם באַמערקט דער מדרש: „כהדא תרנגולתא דמנערא אגפה מן קיטמא״ — ווי די הון וואָס טרייסעלט אָפּ איהרע פליגלען פון זאמד (ב״ר ע״ה). וואָס דער מדרש וויל דאַ אָנדייטען איז: אַזוי ווי די הון קאָן ניט גערייניגט ווערען פון דעם זאמד אין וועלכען זי ליגט, סיידען זי שטעלט זיך אַליין אויף און גיט

זיך א גוטען טרייסטעל, אזוי אויך יעקב קאן ניט קריגען זיין אמת׳ע ישועה, סיידען ער זאל זיך אליין אויפהויבען און אפטרייסלען פון זיך דאס זאמד פון גלות און קעמפען פאר זיין פרייהייט.

עשו׳ס האלטונג איז העכסט כאראקטעריסטיש. אין אנפאנג וויזט ער זיך ארויס צו זיין זעהר פריינטליך און העכסט גרויס־מוטיג. ער קושט יעקב׳ן און זאגט איהם: „יש לי רב, אחי; יהי לך אשר לך" — איך האב גענוג, מיין ברודער; האלט דיר דיינס, איך דארף עס ניט. אבער יעקב ווייסט, אז זיינע קושען זיינען פול מיט פינטעלעך, און ער מיינט ניט וואס ער זאגט. „ויפצר בו ויקח" — ער בעט זיך שטארק ביי עשו׳ן, און ער טוט איהם טאקע די טובה און נעמט אן זיין גרויסע מתנה.

יעקב בלייבט איבער אליין

יעקב פאקט איין זיין גאנצען פארמעגען, שיקט זיינע פרויען און קינדער אריבער דעם טייך יבוק, און אליין פארבלייבט ער אויפ׳ן פלאץ. „נשתייר על פכין קטנים" — ער איז פארבליבען צוליב עטליכע קלייניגקייטען וואס ער האט פארגעסען איינצופאקען. די גמראווארפט איהם אויף, אז ער איז געווארען פון די מענשען, וואס „חביב עליהם ממונם יותר מגופם" — זייער געלט איז זיי ליבער ווי זייער געזונט (חולין צ"א). און אז יעקב ווערט צופיל באהערשט פון געלט־גייץ און גיט זיך מייסטענס אפ מיט זיין רייכטום, מיט זיין פארמעגען, איז „ויותר יעקב לבדו" — בלייבט ער איבער אליין. זיינע ווייבער און קינדער דערווייטערען זיך פון איהם, און אויף דער עלטער איז ער איינזאם און פארלאזען.

„תלמיד חכם אל יצא יחידי בלילה" — א פרומער, געביל־דעטער מענש זאל ניט ארומגעהן אליין ביינאכט (חולין צ"א). „אין דעם", פלעגט זאגען מיין פאטער, ע"ה, „שפיגעלט זיך אפ די טראגעדיע פון אונזערע ארטאדאקסישע אידען היינטיגע צייטען. דער פינסטערער גלות האט צוריסען דאס אידישע פאלק. די השפעה וואס די אויסערליכע וועלט איבט אויס אויף אונזערע קינדער נעהמט זיי אוועק פון זייערע עלטערען. וואלטען די פרומע טאטעס און מאמעס גענומען א שטארקען אינטערעס אין דער דערציהונג

פון זייערע קינדער, וואָלטען זיי געזוכט אין זיי איינצופלאַנצען ליבע און אַכטונג צו זייער פאָלק׳ס גלויבען און טראַדיציעס, וואָלט אונזער עקזיסטענץ געווען מעהר געזיכערט און אונזער צוקונפט מעהר האָפנונגספול.

זיינען אָבער אונזערע עלטערען פאַרטאָן אין זייערע געשעפ־טען, און ווי יעקב אַמאָל, איז „חביב עליהם ממונם יותר מגופם" — זייער געלט איז זיי ליבער ווי זייער אייגענער מענש. אויב זיי געהען שוין אַמאָל אין שוהל אריין, אָדער טוען א וויכטיגע כלל־זאַך, זיינען זיי „הולכים יחידי" — געהען זיי אליין און נעהמען זייערע קינדער ניט מיט. אונזערע שוהלען ווערען פאַרוואַנדעלט אין מושב־זקנים׳ס, אונזערע גייסטיגע אַנשטאַלטען האַלטען זיך מיט נסים. איז עס דען א וואונדער, אַז ווען עס רוקט זיך אונטער די נאַכט, און די עלטער קומט אָן, בלייבען אונזערע טאַטעס און מאַמעס „יחידי בלילה" — אליין אין דער נאַכט, פאַרלאָזען און פאַרגעסען פון זייערע קינדער, וואָס לעבען אין פאַרקערען אין גאַנץ אַנדערע וועלטען"?

„ויאבק איש עמו" — אימיצער ראַנגעלט זיך מיט איהם. אין זיין איינזאַמקייט מאַכט יעקב דורך א שווערען געדאַנקען קאַמף. ער מאַכט א חשבון הנפש און קומט צו דער איבערצייגונג, אַז „ותקע כף ירך יעקב" — זיינע „יוצאי ירכו", זיינע קינדער, האָבען זיך אָפּגערוקט פון איהם. די שווערע געראַנגלען, וואָס ער האָט אָנגעפירט פאַר זיין עקאָנאָמישער עקזיסטענץ אין די איינגערע יאָהרען, „העלו אבק ברגליהם עד כסא הכבוד" — האָבען פאַר־אורזאַכט א שטויב, וואָס גרייכט ביז די הימלען (חולין צ״א). רעפאָרם, אַסימילאַציע און אַנדערע פרעמדע באַוועגונגען האָבען זיך אַריינגעריסען צווישען זיינע קינדער און מאַכען אָן חרבנות אויך אין זייערע הימלען, אין זייער גלויבען.

און אַז יעקב וויל דערגעהן די אורזאַכען, וואָס האָבען געפירט צו אַזאַ לאַגע, פרעגט ער ביי דעם אימיצען וואָס ראַנגעלט זיך מיט איהם: „הגידה נא שמך" — זאָג מיר דיין נאָמען, ווער ביסטו און פון וואַנען קומסטו? ער באַקומט אָבער דעם ענטפער: „למה זה תשאל לשמי?" — וואָס פרעגסטו אויף מיין נאָמען? „אין לנו

שם קבוע״ — מיר האָבען ניט קיין באשטימטען נאָמען, „משתנין שמותינו״ — אונזערע נעמען בייטען זיך (ב״ר ע״א). אין יעדען לאנד טראָגט די אסימילאציע אן אנדער נאָמען, אן אנדער כאראק־טער. די פארשידענע רעפאָרם־באוועגונגען אין די גלות־לענדער האָבען צעבראָכען די איינהייט פון פאָלק. אַנשטאָט צו זיין אן „עם ישראל״ — א גאנצע, פאראייניגטע אומה, זיינען מיר „עדר עדר לבדו״ — באזונדערע סטאדעס, באזונדערע לאנדסמאנשאפ־טען, וועמען עס פעהלט א פאראייניגטער ציל.

יעקב אבינו אָבער קעמפט מיט דעם פרעמדען „עד עלות השחר״ — ביז עס דערשיינט א נייער מאָרגענשטערן. ער גיט זיך ניט אונטער. און פון „יעקב״ ווערט א „ישראל״. ער גיט אויף זיינע פריוואטע „יעקב״־אינטערעסען. ער נעמט זיך צו זאָרגען פאר „ישראל״, פאר׳ן כלל, און ער זאָגט: „שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל״ — דו האָסט געקעמפט מיט אידייען און מיט מענ־שען און ביסט זיי בייגעקומען.

כאָטש ער איז א „צולע על ירכו״, כאָטש ער הינקט אביסעל אונטער אויף זיינע קינדער, „ויזרח לו השמש כאשר עבר את פנואל״ — שיינט דאָך פאר איהם אויף די זון, ווען ער געהט אריבער דעם גרעניץ ביי פנואל, און מארשירט נאָך זיין אייגען לאנד. „שמש שבאה בעבורו, זרחה בעבורו״ — די זון וואָס איז אונטערגעגאנגען פאר איהם, ווען ער איז אוועק אין גלות, שיינט־אויף צוריק פאר איהם, ווען ער קערט זיך אום אין זיין אלטער, נאציאָנאלער היים (חולין צ״א).

———o———

וישב

די גרויסע טראגעדיע פון „מכירת יוסף"

„וישב יעקב בארץ מגורי אביו, בארץ כנען", יעקב האָט זיך באַזעצט אין זיין פאָטער־לאַנד, אין כנען. נאָך פיל יאָהרען פון זיין נע ונד, פון ארומוואַלגערן זיך אין דער פרעמד און אויסשטעהן כל'ערליי רדיפות און פארפאָלגונגען פון אומזיסטע שונאים, ווערט יעקב ענדליך א פרייער מענש. ער בויט זיין היים אין דעם וואוינונגס־אָרט פון זיינע עלטערען און פיהלט זיך געזיכערט.

יעקב האָט זיך מעהר ניט צו שרעקען פאר דעם ביטרען לבן און זיינע קינדער, וואָס האָבען איהם קיינמאָל ניט פארגונען דעם לעבען און אימער געזוכט צו באַשווינדלען איהם און אויסנאַרען זיין געלט. ער ווערט אויך סוף כל סוף געראטעוועט פון זיין שלעכטען ברודער עשו, כאָטש נאָך פיל שרעק און שווערע קאָסטען; ער דארף אָבער שוין מעהר זיך ניט היטען פאר זיינע קושען מיט פינטעלעך, אָדער זיינע חברים, וואָס האָבען איהם געוואָלט שלעכטס טאָן ער איז אויך ארוים בשלום פון דער שרעקליכער געשעהעניש מיט זיין טאָכטער „דינה", וואָס איז פארנארט געוואָרען פון דעם לעביונג „שכם", און האָט פאראורזאכט א מלחמה צווישען זיינע קינדער מיט די נאָכפאָלגער פון „חמור" און זיין זוהן „שכם".

„בקש יעקב לשבת בשלוה", יעקב האָט שוין געוואָלט זיצען רוהיג, אויסלעבען זיינע יאָהרען אין זיין אייגען לאַנד און זיך אָפּגעבען מיט פארשפרייטען די גייסטיגע אמונה פון זיינע עלטערן. ער האָט געוואָלט פאָרטזעצען די גרויסע אויפגאַבע פון זיין זיידען אברהם און זיין פאָטער יצחק, וועלכע איז באַשטאַנען פון בויען „מזבחות" און אויפקלערען די אַרומיגע שכנים די אידייע פון „אחדות הבורא", אום צו געווינען פיל אָנהענגער פאר דעם גאָט פון זיינע עלטערן; איהם איז אָבער ניט באַשערט געווען אזא פארגעניגען. יעקב טאָר רוהיג ניט לעבען. „קפץ עליו רוגזו של יוסף", רוקט זיך איהם אונטער די שרעקליכע טראַגעדיע מיט זיין

זוהן יוסף, און די גרויסע מחלוקה, וואס ברענגט אויס צווישען איהם און זיינע ברידער, וועלכע פיהרט ענדליך צו טרויעריגע רעזולטאטען (מ"ר פ"ד).

אין דער געשיכטע פון יוסף מיט זיינע ברידער, זאגט הרב יצחק ניסענבוים, שפיגעלט זיך אפ דער טרויעריגער שיקזאל פון אונזער פאטער יעקב אין די טויזענטער יאהרען פון זיין עקזיס־טענץ. ער האט אימער געליטען פון זיינע אייגענע קינדער מעהר ווי פון פרעמדע. פון זיינע אויסערליכע שונאים איז יעקב'ן שטענדיג געלונגען זיך ארויסצודרעהען. מיט די קינדער פון עשו'ן קאן ער ווי עס איז דורכקומען. דער קאמף איז טאקע א לאנגער און בלוטי־גער, אבער זיין מוט פארלאזט איהם ניט און זיין אויסדויער דינט איהם זיי ענדליך צו באזיעגען. דער הויפט קוואל פון יעקב'ס צרות קומט אבער פון זיינע אייגענע, און ער שעפט זיך קיינמאל ניט אויס. דער גרויסער קעמפער מיט דער אייזערנער געדולד בלייבט שטעהן שוואך און הילפלאז קעגען דער שנאה און קנאה, וואס הערשט צווישען זיינע אייגענע קינדער, און שטערען איהם פון קומען אמאל צו זיך. „מחריביך ומהרסיך ממך יצאו", דיינע שטערער און ברעכער וועלען ארויסקומען פון דיר אליין. אט די קללה פון דער „תוכחה" האט יעקב'ן שטענדיג פארפאלגט און געהאלטען איינגעקלאמערט אין דעם שרעקליכען גלות פאר דורות און דורות לאנג".

די געשיכטע פון יעקב ווערט פארטגעזעצט דורך יוסף

„אלה תולדות יעקב—יוסף", די ווייטערע אנטוויקלונגען פון יעקב'ס געשיכטע ווערט פארטגעזעצט אין דעם לעבען פון זיין זוהן יוסף. מיט איהם הויבט זיך אן פאנאנדערצוואוויקלען דאס פארבענרייכע בילד פון יעקב'ס אייגענארטיגען לעבען, וואס האט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער גאנצער וועלט. ניט זיין זוהן ראובן, כאטש ער איז דער בכור, דער עלטערער, אויך ניט זיינע איבעריגע קינדער שפינען ווייטער די קייט פון רעטזעלהאפטע דער־פארונגען און מערקווירדיגע געשעהענישען, וואס זייער פאטער האט דורכגעמאכט אין זיין לעבען. אין דעם שטילען „ירדן" שפיג־

לען זיך ניט אָפּ די שטורמישע כוואַליעס פון ברויזענדען ים „אוקינוס". דאָס לעבען פון די איבעריגע ברידער איז געווען אַ צו־שטילס, אַ צו־רוהיגס, אַז אין איהם זאָלען זיך קאָנען ארויס־זעהן די אמת'ע כאַראַקטער שטריכען פון יעקב אבינו. יוסף איז דער איינציגער פּראָטאָטיפּ פון זיין פּאָטער יעקב. זיין לעבען רע־פלעקטירט די אומדערקלערבאַרע און אומפאַרשטענדליכע פּאַסירונ־גען, מיט וועלכע די לעבענס געשיכטע פון יעקב'ן צייכענט זיך אויס.

יוסף היה דומה לאביו בכל דבר, וכל מה שעבר על יעקב עבר על יוסף", יוסף איז געווען גלייך צו זיין פּאָטער אין אַלעם, און אַלץ וואָס האָט פּאַסירט מיט יעקב'ן, טרעפט אויך מיט יוסף'ן. „יעקב קנא בו עשו, ויוסף קנאו בו אחיו". יעקב האָט שטאַרק געליטען צוליב דער קנאה פון זיין ברודער עשו פאַר די ברכות, וואָס זיין פּאָטער יצחק האָט איהם געבענשט; אויך יוסף ווערט פאַרפאָלגט צוליב דעם, וואָס זיינע ברידער האָבען איהם מקנא געווען און ניט פאַרגונען די ליבע, וואָס זיין פּאָטער יעקב האָט איהם אַרויסגעוויזען. „יעקב גלה לחרן בשביל אחיו, יוסף גלה למצרים בשביל אחיו", צוליב דער פיינטשאַפט פון עשו'ן מוז יעקב פאַרלאָזען זיין פּאָטער'ס הויז און אויסוואַנדערען נאָך חרן. אויך יוסף ווערט פאַרטריבען אין גלות נאָך מצרים צוליב דער פיינט־שאַפט פון זיינע ברידער (תנחומא וישב).

און וואָס ס'איז נאָך ערגער — „זה הוליד בנים בחוץ לארץ, וזה הוליד בנים בחוץ לארץ", אַלע יעקב'ס קינדער זיינען געבוירען געוואָרען אין דער פרעמד און אויך יוסף'ס קינדער זיינען געבוירען געוואָרען אין אַ פרעמד לאַנד (מ"ר פ"ד). די קינדער, וואָס אַ פאָלק האָט אין גלות, זיינען ניט אַזוי צוגעבונדען צו זייערע על־טערן, ווי די וואָס ווערען געבוירען אין זיין אייגען לאַנד. די גרויסע השפעה, וואָס די פרעמדע גאַס און די פרעמדע סביבה איבט־אויס אויף די יונגע קינדער, דערווייטערט זיי פון זייערע טאַטעס און מאַמעס. ווען זיי ווערען עלטער, פאַרשטעהען זיי זיך שוין ניט איינע די אַנדערע און קאָנען זיך ניט צוזאַמענרעדען. די אַנשויאונגען פון די איינגערע דורות ווערען שטאַרק פאַרשיידען פון

די פון דעם עלטערן דור. זייערע אַנזיכטען אויפ׳ן לעבען זיינען ווייט ניט אין איינקלאַנג מיט דעם געדאַנקען־גאַנג פון זייערע עלטערן.

צוליב וואָס די ברידער רייסען זיך אַרום

יוסף איז געווען אַ גאַנץ יונגער אינגעל בשעת זיין פאָטער האָט זיך באַזעצט אין כנען, בלויז זיבעצעהן יאָהר אַלט. זייענדיג אַ „בן זקונים" און דער זוהן פון זיין ליבסטער פרוי רחל, האָט איהם יעקב שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט איהם אָנגעטאָן אין זיידענע העמדעלעך און איהם געצערטעלט מעהר ווי די אַנדערע קינדער. דאָס האָט שטאַרק געקרענקט די איבעריגע ברידער און זיי האָבען יוסף׳ן פיינט געקראָגען. ווי אַלע פאַרצערטעלטע און צע־לאָזענע קינדער טרוימט יוסף פון גדולה און הערשאַפט. ער חלום׳ט, אַז ער וועט איבערשטייגען אַלע זיינע ברידער עקאָנאָמיש און גייסטיג. און ער דערצעהלט זיינע חלומות פאַר דעם טאַטען און זיין גאַנצער פאַמיליע.

אין חלום זעהט ער, ווי ער מיט זיינע ברידער „מאַלמים אלומים", בינדען גאַרבען אין פעלד, „והנה אלומתי קמה וגם נצבה", און אַז זיין גאַרב בלייבט שטעהן העכער פאַר די פון זיינע ברידער, און זייערע גאַרבען בוקען זיך צו זיינע. מיט דעם האָט ער געוואָלט אָנדייטען, אַז מיט דער צייט וועט ער עקאָנאָמיש שטעהן פיל העכער פאַר זיי און אַז זיי וועלען מוזען אָנקומען צו איהם פאַר זייער חיונה. אין זיין צווייטען חלום זעהט ער, ווי די זון מיט דער לבנה און עלף שטערן בוקען זיך צו איהם, מיינענדיג דערביי, אַז אויך גייסטיג וועט ער זיי מיט דער צייט באַהערשען. ווען זיינע ברידער הערען־אויס די חלומות, האָבען זיי איהם נאָך מעהר פיינט. „ויגער בו אביו", יעקב זיין פאָטער, שרייט אויף איהם און בייזערט זיך שטאַרק אויף זיינע נאַרישע רייד. ער פרעגט איהם: „מה החלום הזה אשר חלמת?" וואָס פאַר אַ באַטייט האָבען די פוסטע חלומות, מיט וועלכען דו טראָגסט זיך אַרום?

אין דער וואָלאָזשינער ישיבה פלעגט מען דערצעהלען דעם פאָלגענדען אַנעקדאָט: איינמאָל איז אַ חסיד געקומען צו ר׳ יאָשע־

בער בריסקער ע"ה און איהם דערצעהלט, אז ער האט געזעהן אין חלום, אז די חסידים אין שטאט האבען איהם אויפגענומען פאר זייער רבי'ן: זאגט איהם ר' יאשע־בער מיט א שמייכעל: „שוטה איינער, ווען די חסידים וואלטען אזוי גע'חלום'ט וועגען דיר, קאן זיין, אז פון דעם וואלט מיט דער צייט עפעס ארויסגעקומען; אבער ווען דו אליין חלום'סט וועגען זיך, איז עס ניט ווערט אן אויס־געבלאזען איי".

די שנאה אבער פון די ברידער צו יוסף'ן ווערט גרעסער פון טאג צו טאג, און פיהרט ענדליך צו דער גרויזאמער טראגעדיע פון „מכירת יוסף", פון פארקויפען יוסף'ן צו די מדינים, וועלכע פאר־פיהרען איהם אזש קיין מצרים און פארקויפען איהם דארט פאר א קנעכט. ברידער פארקויפען א ברודער און ברענגען דערמיט אויף זיך אליין מיט דער צייט א גרויס אומגליק. די פארשקלאפונג פון איין ברודער פיהרט ענדליך צו דער פארשקלאפונג פון די איבעריגע ברידער מיט זייערע קינדער — צו דעם שרעקליכען „גלות מצרים".

הרב א. מ. עמיאל, אין זיין „דרשות אל עמי", זאגט אויף דעם: „ביז היינטיגען טאג ציהט זיך אהן אויפהער דידאזיגע טרויעריגע געשיכטע פון „מכירת יוסף", וועלכע האלט זיך אין איין איבער'חזר'ן אין אלע דורות און צייטען, יעדעס מאל לויט אן אנדער נוסח. נישט נאר די „עשרה הרוגי מלכות" האבען, לויט'ן מדרש, א שייכות צו „מכירת יוסף", נאר זיי זיינען דער דירעקטער און אומדירעקטער גורם פון טויזענטער און טויזענטער אנדערע „הרוגי מלכות", פון אהן א שיעור קרבנות און חורבנות אין אידישען לעבען".

„ביז דעם היינטיגען טאג ציהט זיך דידאזיגע קעגענזייטיגע אידישע שנאה פון די פארשיידענע גרופען און ריכטונגען אין די אלע גלות לענדער, וואו אידען געפינען זיך. און דאס טרויעריגסטע דערביי איז, וואס אט די פארביסענע שנאה שטיצט זיך על פי רוב אויף חלוקי דעות וועגען אבסראקטע ענינים, נעכטיגע טעג, פוסטע חלומות. „ויוסיפו עוד שנוא אותו על חלומותיו ועל דבריו", די ברידער פון יוסף האבען איהם אלץ מעהר פיינט געקראגען צוליב זיינע חלומות און רייד. מען קריגט זיך צוליב דברים בטלים, צוליב

זאכען, וואָס האָבען קיין ממשות ניט אין רעאַלען לעבען. פריהער ווערט געבויירען די שנאה, און ערשט נאָכדעם זוכט מען די סיבה און דעם אויסרייד, וואָס זאָל די שנאה באַרעכטיגען און פאַר־ענטפערען".

„פריהער איז: „וישנאו אותו ולא יכלו דברו לשלום", מען האָט זיך פיינט איינע די אַנדערע און מען קאָן זיך פרידליך ניט צוזאַמענרעדען; מען גיט זיך ניט די מיה אויסצוהערען און פאַר־שטעהן איינער דעם צווייטען. נאָכדעם קומט דעם „ויקנאו בו אחיו", מען פאַרגינט זיך ניט דעם לעבען איינע די אַנדערע און מען האַלט זיך פון דערווייטענס. „בטרם יקרב עליהם ויתנכלו אותו להמיתו", איידער ער טרעט נאָך צו צו זיי פלאַנען זיי שוין איהם צו טויטען. מען מיידט־אויס יעדע דערנעהנטערונג. די גאַנ־צע שנאה איז מעהר ניט ווי אַ „שנאת חנם", וואָס האָט קיין זין און קיין יסוד ניט, און ברענגט בלויז שאָדען און חורבן פאַר אַלע צדדים אָהן אויסנאַם".

ביי דעם ערשטען ברודער־קריג באַשאַפט גאָט דאָס ליכט פון משיח

אונזער מיסטישע ליטעראַטור, וועלכע שוועבט אימער צווי־שען הימעל און ערד, און פון יעדען וואָרט אין דער תורה ציהט זי אַ מוסר השכל פאַר אידען, שילדערט פאַר אונז פאַנטאַסטישע בילדער איבער דער טראַגעדיע פון „מכירת יוסף". זי שטראָפט און ווייזט־אויף, אַז אין יעדען אומגליק, וואָס קומט אויף אונזער פאָלק, זיינען די אידען אַליין שולדיג. אויך טרייסט זי און באַרוהיגט אונז, ניט צו פאַרצווייפלען, ווייל גאָט האָט אונז אימער אין זינען און שאַפט פאַר אונז די אמת'ע ישועה.

„קודם שירדו השבטים למצרים, היו מבזין את בני השפחות ולא נהגו בהם מנהג אחוה", איידער די שבטים האָבען אַרונטער־גענידערט אין מצרים, פלעגען זיי גרינגשעצען די קינדער פון די דינסטען בלהה און זלפה, און האָבען זיך מיט זיי ניט אויפגעפיהרט ווי ברידער. דאָס האָט אַרויסגערופען דעם צאָרן פון גאָט קעגען זיי און ער האָט ביי זיך אָפגעמאַכט: „אורידם למצרים ויהיו כלם

עבדים", איך וועל זיי ארונטערהנידערען נאָך מצרים און זיי וועלען דאָרט אַלע זיין קנעכט. „ובשעה שאגלם יאמרו כלם עבדים היינו לפרעה, נמצא כלם שוים", און אז איך וועל זיי אויסלייזען, וועלען זיי אַלע זאָגען: קנעכט זיינען מיר געווען צו פרעה, קומט־אוים, אז אַלע זיינען גלייך (פסיקתא חדתא).

אונזער אמונה קאָן ניט פאַרטראָגען די גרינגשעצונג פון איין ברודער צום צווייטען. איבערהויפּט איז זי שטאַרק אויפגע־רעגט אויף די, וועלכע האַלטען זיך גרוים און קוקען פון אויבען ארונטער אויף די אָרימערע פון זיי. אזא פיינדליכע האַלטונג פון ברודער צו ברודער גראָבט־אונטער דעם נאַציאָנאַלען יסוד פון א פאָלק און פאַרשקלאַפּט איהם צו אַנדערע פעלקער. א פאָלק, וועמעס קינדער רייסען זיך ארום און גרויסען זיך איינע איבער די אַנדערע, ווערט איינגאַנצען אָפּגעשוואַכט און קאָן זיך שוין מעהר ניט באַ־פרייען דורך זיינע כוחות. עס מוז אָנקומען צו נסים, צו א משיח, וואָס זאָל איהם באַפרייען פון זיין אויסערליכען און אינערליכען גלות, פון די פרעמדע אזוי גוט ווי די אייגענע שונאים.

און דאָס ליכט פון משיח ווערט באַשאַפען גלייך נאָך מכירת יוסף: „השבטים עסוקים במכירת יוסף; ראובן עסוק בשקו ותעניתו; יהודה עסוק לישא אשה; והקב"ה בורא אורו של משיח". די שבטים, די פאַרשיידענע פראַקציעס, זיינען באַשעפטיגט מיט פאַרקויפען יוסף'ן צו די אַראַבער; דער אַלטער ראובן וויקעלט זיך איין אין א זאַק און פאַסט תעניתים; דער גביר יהודה זוכט א נייע פרוי, א נייע היים; אָבער קודשא בריך הוא באַשאַפט דערווייל דאָס ליכט פון משיח (ב"ר וישב).

וואָס פאַר א טיפזיניגען וואונק אונזער מדרש גיט דאָ אונז פאַר דער איצטיגער צייט . . .

———o———

מקץ

יוסף׳ס חלומות ווערען מקוים, ער ווערט הערשער אין מצרים

ויהי מקץ—ענדליך איז די צייט געקומען. „קץ שם לחושך", עס מוז נעמען אמאל א סוף צו דער פינסטערניש. אויך די גרענע־צען פון דעם שיקזאל, וואס באהערשט דעם מענשען׳ס לעבען, ווערען אנגעצייכענט פון א העכערער קראפט און ער טאר זיי ניט אריבערטרעטען. ער קאן זיך ניט שפילען מיט דער לאגע פון א מענשען א מינוט לענגער ווי עס איז איהם באשערט. „זמן נתן לעולם כמה שנים יעשה באפילה", בלויז א באשטימטע צייט איז געגעבען געווארען אין דער וועלט, וויפיל יאהר איינער דארף לייד־דען און פארשווארצט ווערען (מ"ר פ"ט). אזוי גיך ווי די אנגע־צייכענטע צייט געהט פאריבער מוז זיך זיין לאגע בייטען. די שווערע וואלקענס, וואס זיינען געהאנגען איבער איהם, ווערען צע־טריבען און די זון הויבט אן שיינען אויך אין זיינע פענסטער.

יוסף׳ס שטונדע האט געשלאגען. די צייט איז ענדליך גע־קומען פאר איהם אויפגעריכט צו ווערען. צוועלף יאהר האט ער אפגע׳חושב׳ט אין מצרים, פריהער אלס קנעכט ביי פוטיפרע, ביי וועמען ער האט געהאט אויסצושטעהן שווערע נסיונות צוליב זיין האר׳ס פרוי „זליכה", וועלכע האט זיך אין איהם פארליבט, און האט איהם געהאלטען אין איין פארפאלגען. און נאכדעם אין תפיסה צוליב די בלבולים, וואס דיזעלבע זליכה האט אויף איהם אויסגעטראכט. אבער סוף כל סוף האט זיך אויף איהם גאט מרחם געוועזן און ער ווערט א פרייער מענש.

„הקב"ה במה שהוא מכה הוא מרפא", מיט דעם וואס גאט שלאגט איינעם, מיט דעם היילט ער איהם. „יוסף לא נמכר אלא ע"י חלום, ולא מלך אלא ע"י חלום", יוסף איז פארקויפט געווארען צוליב א חלום, און איז אויפגעריכט געווארען צוליב א חלום (תנחומא וישב). דער כעס, וואס זיינע ברידער האבען אויף איהם געטראגען צוליב זיינע חלומות, וועלכע האבען פאראויסגעזאגט,

אז ער וועט זיי באהערשען, האט געפירט צו זיין פארשקלאפונג. דער חלום, וואס פרעה האט געטרוימט און קיינער האט ניט פאר־שטאנען ביז יוסף איז געקומען און האט געגעבען דעם ריכטיגען „פתרון", האט איהם געבראכט זיין באפרייאונג און די פארווירק־ליכונג פון זיינע אייגענע חלומות.

אט אזוי ציהט זיך די קייט פון אידישע חלומות איבער אלע דורות און אלע צייטען. צוליב א געטליכען חלום וואנדערט ארום אונזער פאטער אברהם שעהנע עטליכע יאהר צו זוכען א לאנד, וואו ער זאל איהם קאנען פארווירקליכען און דורכפירען אין לעבען. יעקב אבינו וואלגערט זיך אין דער פרעמד פיר־און־דרייסיג יאהר, שקלאפט און ארבייט פרעמדע רייך צו מאכען, אבער די גאנצע צייט האלט ער אין איין חלום'ען זיינע עלטערענ'ס גרויסען חלום, ביז ער קומט צוריק צו זיין אייגען לאנד. צוליב א חלום ווערט יוסף פארטריבען נאך מצרים, פון א קנעכט ווערט ער א הערשער און פירט ענדליך זיין פאטער מיט זיינע קינדער צוריק אין גלות אריין.

דער גאנצער אידישער לעבען וויזט אוים צו זיין איין גרוי־סער חלום, וואס ווארט אויף א געלעגענהייט, איינמאל פאר אלע־מאל ענדגילטיג באשיידען צו ווערען. דערווייל האט זיך נאך קיי־נער ניט געפונען וואס זאל דעם אומפארשטענדליכען חלום קאנען ריכטיג פותר זיין, און ער ציהט זיך שוין פאר טויזענטער יאהרען לאנג. באטש אויפ'ן וואר זעהט דער איד גארניט, וואס זאל איהם געבען מוט און האפענונג צו לעבען ווייטער, געפינט ער אבער אין דעם קאשמאר, אין דעם סוד פון זיין גרויסען חלום, דעם ענטפער פאר זיין אומאונטערגעבראכענער עקזיסטענץ. ער ליידט און לעבט, ווערט פארפאלגט אדער באפרייעט ניט נאר צוליב זיינע אייגענע חלומות, נאך אויך צוליב די חלומות, וואס אנדערע טראגען זיך מיט זיי ארום . . .

פון וואס דער אידישער גורל איז אפהענגיג

צוויי יאהר פאר דער באפרייאונג פון יוסף ווערט דער „שר המשקים" אריינגעזעצט אין תפיסה, וויל „נמצא זבוב בפיילי

פוטירין שלו", א פליג האט זיך געפונען אין דעם כוס וויין, וואס ער האט געבראכט פאר'ן קעניג (רש"י). „אט פון וואס דער אידי־שער גורל איז אפהענגיג, פון א מעשה מיט א פליג — ווען ניט די פליג, וואלט דער שר המשקים ניט אריינגעזעצט געווארען אין תפיסה, פרעה וואלט זיך ניט דערוואוסט, אז יוסף איז א פותר חלומות, יוסף וואלט ניט געווארען קיין משנה למלך און ער וואלט ניט אראפגעבראכט דעם טאטען מיט'ן גאנצען הויזגעזינט קיין מצרים, און דאס אידישע פאלק וואלט אפשר פארבליבען אויף אימער אין זיין אייגען לאנד" (כרם הצבי). גאט האט אבער אנ־דערש געוואלט. א „פליג" ווערט דער שליח אויסצופירען זיין ווי־לען, און די אידישע געשיכטע נעמט א נייע ווענדונג.

דער שר המשקים דערצעהלט יוסף'ן, אז ער האט געזעהן אין חלום א שעהנעם וויינשטאק פון דריי צווייגען באלאדען מיט גרויסע וויינטרויבען, וועלכע ער קוועטשט אויס אין א כוס פאר פרעה'ן. יוסף דערקלערט איהם, אז די דריי צווייגען מיינען דריי טעג און אז אין דריי טעג ארום וועט ער באפרייט ווערען פון תפיסה, און צוריקגעשטעלט ווערען אויף זיין פאסטען אלס „שר המשקים". ער איז העכסט צופרידען מיט דעם „פתרון" און פארשפרעכט יוסף'ן, אז אויב זיינע ווערטער וועלען מקוים ווערען, וועט ער רעדען פאר איהם צום קעניג און בעטען פאר זיין באפרייאונג. אבער „ולא זכר שר המשקים את יוסף", דער שר המשקים געדענקט ניט יוסף'ן, „וישכחהו", ער זוכט איהם צו פארגעסען. זאל א איד פארשווארצט ווערען אין תפיסה, ווע מען קימערט עס? . . .

ערשט אין צוויי יאהר ארום, אז „פרעה חולם חלום ואין פותר אותו", דער קעניג אליין זעהט עפעס א חלום, וואס קיינער פארשטעהט ניט, און ער בייזערט זיך אויף זיינע חכמים דערפאר, דערמאנט זיך דער שר המשקים אן יוסף'ן. ער שמייכעלט זיך צו צו פרעה'ן און זאגט איהם: „את חטאי אני מזכיר", איך מוז דא דערמאנען מיינע אמאליגע זינד. ווען איך און דער „שר האופים" זיינען אריינגעזעצט געווארען אין תפיסה, האבען מירביידע געזעהן אין חלום אן אומפארשטענדליכע זאך: „ושם אתנו נער עברי — עבד לשר הטבחים", און דארט איז מיט אונז געווען

א יונגער איד, א קנעכט ביי דעם קעניג׳ס בוטשער, וואס האט אונז דעם חלום דערקלערט. „כאשר פתר לנו כן היה״, ווי ער האט אונז פותר חלום געווען, אזוי האט עס טאקי פאסירט.

„ארורים הרשעים״, פארשאלטען זאלען זיין די רשעים, זאגט דער מדרש, אפילו ווען זיי טוען שוין אמאל א אידען א טובה, פארגינען זיי איהם ניט. דער שר המשקים האט ביי זיך געטראכט: עס קאן דאך טרעפען, אז דער קעניג זאל יוסף׳ן געבען א גרויסע באלוינונג, דארום מאכט ער איהם שוין צו קליינגעלט. ער רופט איהם אן „עברי״, „עבד״, א איד, א קנעכט, ווי אייגער וואלט זאגען: „דו דארפסט איהם ניט געבען פיל געלט אדער גרויסע מתנות פאר זיין טרחה; גיב איהם עפעס, א קלייניגקייט, וועט זיין גענוג פאר איהם״ (ב״ר פ״ט).

די עטליכע גרינגשעצענדע ווערטער, וואס דער שר המשקים לאזט פאלען אויף דעם חשבון פון יוסף׳ן, מאכען ניט קיין גרויסען איינדרוק אויף פרעה׳ן, אבער זיי בלייבען איינגעקריצט אין די מוחות פון די איבעריגע מיניסטארען און ראטגעבער. שפעטער, ווען פרעה שלאגט־פאר צו מאכען יוסף׳ן פאר א משנה למלך, א וויצע־קעניג איבער מצרים, זאגען איהם זיינע „איצטגנינים״: „עבד שלקחו רבו בעשרים כסף תמשילהו עלינו״, א קנעכט, וואס זיין באלעבאס האט איהם געקויפט פאר צוואנציג גילדען, געהסטו מאכען פאר א הערשער איבער אונז! ער ענטפערט זיי אבער: „גנוני מלכות אני רואה בו״, איך זעה אין איהם די געשטאלט פון א קעניג (סוטה ל״ו). ער איז דער פעהיגסטער מענש אין מיין מלוכה און איז ראוי פאר דעם אמט.

פראפעסאר לוי גינזבורג, אין זיין בוך „אידישע לעגענדען״, דערצעהלט, אז „פרעה׳ס טראן האט געהאט זיבעציג טרעפ, און אויף יעדער טרעפ האט מען געמוזט קענען רעדען אן אנדער שפראך. אום ארויפצושטייגען ביז דעם קעניגליכען שטול האט איינער געמוזט באזיצען אלע שבעים לשונות. אז פרעה האט באשלאסען צו מאכען יוסף׳ן פאר זיין וויצע־קעניג, האבען איהם זיינע מיניסטארען געפרעגט: „יהא יודע בשבעים לשון?״ וויים ער דען זיבעציג שפראכען צו קענען ארויפקומען צו דיר און זיצען

ביי דיין זייט? „בא גבריאל ולימדו שבעים לשון", איז געקומען דער מלאך גבריאל צו יוסף'ן אין חלום און האט איהם אויסגע־לערנט אלע זיבעציג לשונות" (סוטה ל"ו).

ניט אזוי לייכט קומט־אן א אידען צו קאנען באטרעטען א הויכען אמט אין די גלות לענדער. רבי יצחק יעקב ריינעס זצ"ל זאגט אויף דעם פסוק: „הנמצא כזה איש אשר רוח אלקים בו?" געפינט זיך נאך אזא מאן, ווי יוסף, וואס באזיצט א געטליכען גייסט? אז מיט דעם האט זיך פרעה געזוכט צו פארענטפערען פאר זיינע מענשען: „ווען איך וואלט געוועזען געפונען אן אנדרען, וואס איז פעהיג פאר אזא ארבייט, וואלט איך אודאי ניט אוועק־געזעצט א אידען אויף אזא הויכען פאסטען. וואס זאל איך אבער טאן, אז איך קאן קיין אנדערען ניט קריגען?"

יוסף ראטעוועט דאס לאנד פון הונגער

די חז"ל ווילען האבען, אז די אורזאך פארוואס יוסף האט אזוי פינקטליך צוגעטראפען דעם חלום פון פרעה'ן איז, ווייל הראה לו הקב"ה בחלומו את חלום פרעה", גאט האט איהם געוויזען אין חלום דעם חלום פון פרעה'ן (ילקוט שמעוני). יוסף האט נאך פון זיין יוגענט־אן גע'חלום'ט וועגען עקאנאמישע אויסבעסערונגען, וואס זאלען פארהיטען די מענשהייט פון הונגער און נויט. זיין ערשטער חלום וועגען „די גארבען אין פעלד, אז זיינע גארבען זיינען געבליבען שטעהן און די פון זיינע ברידער האבען זיך גע־מוזט בוקען צו זיי", ווייזט, אז ער האט זיך דערטראכט צו א פלאן, וואס וועט פארהיטען עקאנאמישע קריזיסען. זיינע ברידער, וואס האבען איהם פיינט געהאט, האבען זיך פון זיינע פלנער אויסגע־לאכט, אבער „יעקב שמר את הדבר", זיין פאטער האט זיי גענומען ערנסט און האט געווארט פאר ווייטערע אנטוויקלונגען.

אויסער זיין שעהנקייט איז יוסף געוועזען א העכסט פעהיגער מענש, ווי דער פסוק דערקלערט עס: „ויהי איש מצליח", אין אלעם האט איהם געגליקט. אז ער האט איבערגענומען די פארוואלטונג פון פוטיפרע'ס גיטער, „ויברך ה' את המצרי בגלל יוסף" — בכל אשר יש לו בבית ובשדה", האט גאט געבענשט דעם עגיפטער

צוליב יוסף'ן אין אלץ וואס ער האט פארמאגט, אין הויז און אין פעלד. ער וואלט זיך נאך פריהער ארויפגעארבייט און זיין נאמען וואלט געווען גרויס אין מצרים, אבער זיין אידישקייט איז איהם געשטאנען אין וועג. זליכה, פוטיפרע'ס פרוי, האט גוט געוואוסט, אז איהרע לאנדסלייט האסען א אידען, האט זי זיי אויפ־גערייצט מיט דעם באקאנטען פזמון: „הביא לנו איש עברי לצחק בנו", ער האט אונז געבראכט א אידען, וואס מאכט חוזק פון אונז און וויל ברענגען איבערקערענישען אין לאנד. איהם געפע־לען ניט אונזערע עקאנאמישע איינריכטונגען און ער זוכט צו שטירצען די מלוכה.

דאס איז געווען גענוג צו פאר'סמ'ען די מוחות פון די ריכטער און אויך פון פוטיפרע אליין, כאטש ער האט שטארק פראפיטירט פון יוסף'ס פארוואלטונג. „ויתנהו אל בית הסוהר מקום אשר אסירי המלך אסורים", ער האט איהם אריינגעזעצט אין תפיסה, וואו די פאליטישע פארברעכער ווערען איינגעשפארט. זיי האבען גארנישט געהאט אויסצוזעצען קעגען זיין עהרליכקייט אדער פעהיגקייט, זיי האבען אבער איהם באשולדיגט אין אומטריי־קייט צו פרעה'ן. אזוי איז שוין אימער דער גורל פון די אידען: זייערע פעהיגקייטען ווערען אויסגענוצט פון אנדערע און זיי אליין שטעהען אונטער א חשד, א פארדאכט, און מען באשולדיגט זיי אלס די אנפיהרער פון יעדער ראדיקאלער באוועגונג.

די צייטען זיינען געווען זעהר גוטע אין מצרים, פראספע־ריטי האט געהערשט איבער'ן גאנצען לאנד. דער טייך נילוס האט גוט באוואסערט זיינע ברייטע ברעגען און די פעלדער זיינען געווען באלאדען מיט תבואה. פרעה אבער, וועלכער איז געווען א פאר־נינפטיגער קעניג, האט זיך געזארגט פאר דער צוקונפט. ער האט געזעהן, אז זיינע אונטערטאנען לאזען זיך וואוילגעהן און טראכ־טען גאר ניט וועגען שפעטער — וואס וועט זיין, אויב די פראס־פעריטי וועט פארשווינדען? ווי וועט זיך דאס לאנד פארהיטען פון אן אומגעריכטען קריזיס, וואס קאן אנקומען אין א יאהר אדער צוויי ארום? ער האט די פראגע געשטעלט זיינע חרטומים, זיינע ראטגעבער, אבער זיי האבען איהם מיט זייערע ענטפערס ניט צו־

פרידענגעשטעלט. ער איז ארומגעגאנגען שטארק באזאָרגט, ביז יוסף איז געקומען און האָט פאָרגעשלאָגען זיינע עקאָנאָמישע פּלענער, וואָס האָבען מיט דער צייט טאַקי געהאָלפען ראטעווען מצרים אזוי גוט ווי די שכנ׳ישע לענדער פון א הונגער נויט.

יוסף האָט זיין פּלאַן איינגעטיילט אין צווייען: ערשטענס, האָט ער געראָטען דעם קעניג: „וחמש את ארץ מצרים בשבע שני השבע", ער זאָל ארויפלייגען א שטייער פון צוואנציג פּראָצענט, א פינפטעל פון דער גאנצער פּראָדוקציע, אלס א פארזיכערונגס־פאָנד, וועלכער זאָל צוריקגעצאָלט ווערען די פּארמערס פון לאַנד אין שלעכטע צייטען. צווייטענס, „ויצברו בר תחת יד פרעה", די רעגירונג זאָל עפענען גרויסע שפּייכלערס, וואו דער איבערפלוס פון תבואה זאָל אויפגעזאַמעלט ווערען, „לפקדון לשבע שני הרעב", אין סטאָרעדזש, אין זאפּעס, פאר הונגער־יאָהרען. כמעט דער־זעלבער פּלאַן איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען פון דער רוזוועלט־אדמיניסטראציע אין איהר ערשטען טערמין. איבערהויפּט דער פארזיכערונגס־פּלאַן פון אינערן־מיניסטער איקעס איז פון מאנכע גרויסע עקאָנאָמיסטען באצייכענט געוואָרען אלס דערזעלבער, וואָס יוסף האָט פאָרגעשלאָגען פרעה׳ן.

———o———

ו י ג ש

דער גלות מצרים פאנגט זיך אָן

יוסף לאָזט זיך ענדליך דערקענען פון זיינע ברידער, בעט זיך מיט זיי איבער און ווערט מיט זיי גוט־פריינט. ער פיהרט זיי ארום איבער'ן לאַנד און ווייזט זיי זיין גרויסקייט און זיין רייכטום. ער גיט זיי אויך איבער די גוטע בשורה אַז זיין קעניג פרעה האָט איינגעשטימט זיי אָפּצוגעבען די שעהנע שטאָדט „גושן", וואו זיי קאָנען זיך אַלע באַזעצען, און ער וועט זיי שוין באַזאָרגען מיט אַלע נויטיגע הצטרכות'ן. ער גיט זיי אויך קאָסטבאַרע מתנות און זאָגט זיי אָן: „והגדתם לאבי את כל כבודי במצרים ואת כל אשר ראיתם", איהר זאָלט דערצעהלען מיין פאָטער וועגען דעם גרויסען כבוד, וואָס איך האָב אין מצרים, און אַלץ וואָס איהר האָט געזעהן. „ומהרתם והורדתם את אבי הנה", און איהר זאָלט וואָס שנעלער ארונטערברענגען מיין פאָטער אהער. אויף דעם באַפעל פון פרעה'ן שיקט ער אויך מיט זיי מיט אַ גרויסען טראַנס־פּאָרט „עגלות", וועגענער, און „צדה לדרך", רייזע קאָסטען, צו ברענגען זיין פאָטער מיט זיין גאַנצער פאַמיליע נאָך מצרים".

. . . אָט אַזוי הויבט־אָן מקוים צו ווערען די שרעקליכע נבואה, וואָס אברהם אבינו האָט געהערט ביי דעם „ברית בין הבתרים", ווען גאָט האָט איהם געזאָגט: „ידע תדע כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם, ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה". דו זאָלסט וויסען־זיין, אַז דיינע קינדער וועלען זיין גרים אין אַ פרעמד לאַנד, וואו מען וועט זיי פאַרשקלאַפען און פייניגען פיער הונדערט יאָהר (בראשית ט"ו).

„לא בשלשלאות של ברזל", ניט געשמידט אין אייזערנע קייטען, זאָגט דער מדרש, איז יעקב אראָפּגעבראַכט געוואָרען קיין מצרים. מיט זיין אייגענעם ווילען און פולען באַוואוסטזיין פאַר־לאָזט יעקב זיין פאָטער־לאַנד און וואַנדערט אויס נאָך מצרים. אידישע גלות'ן הויבען זיך געוויינליך אָן מיט אַ זוהן, וואָס פאַהרט־אָוועק אין אַ פרעמדער מדינה ארבייט זיך דאָרט ארויף, ווערט רייך

און שיקט נאָך זיין פאָטער מיט זיינע ברידער, וועלכע וואנדערן־אויס צוליב פרנסה און פארבלייבען דאָרט אין דער פרעמד ביז... ביז, אין עטליכע דורות שפעטער, ווערט זיי אויך דאָרטען ענג און איינער פון די געוואגטע יונגעלייט זוכט זיך אויס אן אנדער לאַנד און ברענגט־אריבער זיינע עלטערן און קרובים אהין, און אַ נייער גלות פאנגט זיך אָן.

אזוי דרעהט זיך די ראָד פון אידישע גלות'ן, פון אידישען וואנדערען איבער אלע לענדער און אַלע ימים. אויף דעם פסוק „ויוסף הורד מצרימה", יוסף איז ארונטערגענידערט געוואָרען קיין מצרים, באַמערקט דער מדרש: „אל תקרי „הורד" אלא „הוריד" את אביו והשבטים למצרים (תנחומא וישב). כאָטש יוסף איז טראַץ זיין ווילען פארשיקט געוואָרען קיין מצרים, איז ער אָבער געווען דער גורם, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אז זיין פאָטער מיט אַלע ברידער און זייערע קינדער האָבען סוף כל סוף עוקר געווען פון זייער אייגען לאַנד און שפעטער פארשקלאפט געוואָרען אין מצרים.

דער קלוגער יוסף, דער גרויסער „חכם ונבון", וואָס האָט געהאַט ביכולת פאָראויסצוזעהן די צוקונפט פאר אנדערע פעלקער, האָט דעם עתיד פון זיין אייגען פאָלק ניט פארשטאַנען. ער האָט פארפעהלט אָפּצושאַצען דעם גרויסען אומגליק, וואָס ער ברענגט אויף זיין פאָטער'ס הויזגעזינט מיט דעם, וואָס ער רייסט איהם אויס פון זיין וואָרצעל און פיהרט איהם אין דער פרעמד. ווי אַנדערש וואָלט אויסגעזעהן די אידישע געשיכטע, ווען יוסף וואָלט געהאַט די פּאָליטישע וויזיע און ניט געבראַכט דערצו, אז זיין פאָטער מיט די שבטים זאָלען אַלע פארלאָזען זייער לאַנד און אויסוואנדערן נאָך מצרים. ער האָט עס זעהר לייכט געקאָנט דורכפיהרען. מיט זיין גרויס רייכטום און פּאָליטישען פארנעם האָט ער זיי געקאָנט שפייזען אין זייער אייגען לאַנד, און דאָס אידיש פאָלק וואָלט פיליייכט קיינמאָל ניט פארזוכט דעם ביטערן טעם פון גלות.

פראָפעטיש קלינגען די ווערטער פון יוסף'ן צו זיינע ברידער! ער זאָגט זיי: „והורדתם אבי הנה", נידערט אַרונטער מיין פאָטער אהער. אזוי גיך ווי יעקב פארלאָזט זיין אייגענע היים

און זוכט זיך צו באזעצען אין א פרעמד לאנד, ווערט ער א „יורד", א געפאלענער באלעבאס. ער נידערט־ארונטער צו דער מדרגה פון א גר, א וואנדערער, אהן א באדען אונטער זיינע פיס, וואס ווערט, אין בעסטען פאל, בלויז געדולדעט, אבער ניט געאכטעט. אין גלות פארלירט ער זיין זעלבסטשטענדיגקייט און מאנכעס מאל אויך זיין זעלבסט־רעספעקט. אז איינער מוז שטענדיג זיין א „תולה בדעת אחרים", אפהענגיג פון דעם ווילען פון אנדערע, מוז ער אונטער־דריקען זיינע אייגענע געפילען און נאכטאן יענע. קינדער פון א פאלק, וואס מוזען לעבען פון „חסד לאומים" און האלטען אין איין ציטערן פאר שלעכטע גזירות, פאר באשרענקונגען, וואס קאנען קעגען זיי געמאכט ווערען צו יעדער צייט, איז זייער לאגע א נידע־ריגע, א געפאלענע.

און וואס ס'איז נאך טרויעריגער, אז אין גלות מוז אויך דער גייסט פון א פאלק ארונטערגעבראכט ווערען צו א נידעריגערער מדרגה. ניט נאר איז דער פאליטישער און עקאנאמישער מצב פון א פאלק א געפאלענער אין דער פרעמד, אויך זיין אמונה, זיין גלויבען נידערט מיט איהם ארונטער אין גלות. „אנכי ארד עמך מצרימה", אויך איך וועל מיט דיר ארונטערנידערן אין מצרים, זאגט גאט צו יעקב'ן. דער גורל פון זיין גאטהייט איז פארבונדען מיט דעם גורל פון ישראל. שטייגט דאס פאלק, שטייגט אויך די שכינה מיט איהם; פאלט חס ושלום דאס פאלק, איז אויך „שכינתא בגלותא", ליידט זיין שכינה אויך מיט איהם (מ"ר צ"ג).

דער „זוהר הקדוש" זוכט צו טרייסטען דאס אידישע פאלק און הייסט איהם ניט צו זיין פארצווייפעלט. אויף דעם פסוק „אנכי ארד עמך מצרימה, ואנכי אעלך גם עלה", איך וועל מיט דיר ארונטערנידערן קיין מצרים, און איך וועל דיך אויך ארויפברענגען צוריק, זאגט ער: „תרין נדרין נדר קב"ה ליעקב", צוויי פאר־שפרעכונגען האט קב"ה געמאכט צו יעקב'ן איידער ער האט פאר־לאזען כנען צו געהן נאך מצרים. „חד דייחות עמיה למידר עמיה בגלותא" — איין פארשפרעכען, אז ער וועט מיט איהם ארונטער־געהן צו וואוינען מיט איהם אין גלות; „וחד דיסקיניה מקבריה למחמי חדוותא דסייעתי קדישא עם בנייהי" — און דעם צווייטען

פארשפרעכען, אז ער וועט איהם ארויפברייגנען פון זיין קבר צו זעהן די גרויסע פרייד פון זיינע קינדער, ווען ער וועט זיי העלפען צו קומען צו זייער אייגענער היים.

ביידע, סיי יעקב און סיי יוסף, לאזען איבער א צוואה צו זייערע קינדער, אז נאכ'ן טויט זאל מען זיי מקבר זיין אין ארץ־ישראל. זיי האט זיך זעהר ניט געוואלט, אז זייערע טויטע ביינער זאלען פארבלייבען אין חוץ־לארץ, אבער לעבען זיינען זיי פאר־בליבען אין מצרים. דיזעלבע זאך האבען אונזערע פרומע אידען געטאן און טוען נאך ביז היינטיגען טאג. לעבען אין גלות און שטארבען אין ארץ־ישראל איז פון דורות און דורות לאנג געווען דער וואונש פון זיי. די בעסטע געלעגענהייט זיך צוריקצוקעהרען צו זייער אייגען לאנד און דארט אויפבויען זייער היים זיינען פון זיי פארנאכלעסיגט געווארען. זיי שטעלען זיך צופרידען מיט געבען נדבות פאר ארץ־ישראל און מיט אונטערלייגען א זעקעלע ארץ־ישראל־ערד צוקאפענס אין דעם ארון וואס אנטהאלט זייער טויטען קערפער.

ווי גערעכט איז געווען רבי ברוקיא מיט זיין באמערקונג צו רבי אליעזר, ווען ער האט געזעהן ארונות מיט טויטע קערפערס אנקומען קיין ארץ־ישראל: „מה הועילו אלו? בחייהן הניחו אותה ובמיתתן באו לה" — וואס האבען די דאזיגע אויפגעטאן פאר זייער לאנד? פאר'ן לעבען האבען זיי איהם פארלאזען און צום שטארבען זיינען זיי געקומען צו איהם (פסיקתא רבתי פ"א). אויב מיר אידען ווילען אמאל אויפגעריכט ווערען און האבען אן אייגענע היים מיט אלע פעלקער צוגלייך, מוזען מיר זוכען צו לעבען אין ארץ־ישראל, צו אנטוויקלען איהרע רעסורסען און איהר געבען די מעגליכקייטען אריינצונעהמען וואס מעהר אידישע באזיצער. א מאיאריטעט פון אידישע איינוואוינער אין ארץ־ישראל וואלט דאס לאנד אויפגעבויט עקאנאמיש און פאליטיש, און אונזער נאציאנאלע היים וואלט געווען געזיכערט.

ווי יוסף נעמט־אויף זיינע ברידער

אז געשיכטע ווידערהאלט זיך איז אן אנגענומענער פאקט פון אלע וואס גיבען זיך אפ מיט שטודירען און פארשען דעם אנהויב

און די אנטוויקלונג פון אלע פעלקער אין דער וועלט. אויך אונזערע חז"ל זיינען מיט דער מיינונג, אז אין דער לעבענס־געשיכטע פון אונזערע פאטערס שפיגעלט זיך אפּ די געשיכטע פון זייערע קינדער און די שפּעטערדיגע דורות. „מעשה אבות סימן לבנים" — די געשעהענישען פון די עלטערען זיינען א סימבאל פאר זייערע קינדער. דער דאזיגער אנעקדאט ווערט אומצעהליגע מאל ווידער־האלט אין דער גמרא, אזוי גוט ווי אין די פארשיידענע מדרשים. אונזערע חכמים האבען נאכגעפאָרשט יעדען פּראזע, זאגאר יעדען וואָרט, פון די באשרייבונגען אין דער תורה איבער דעם לעבען פון אונזערע אבות, ווייל זיי האבען געגלויבט, אז אין יעדער פון זייערע פּאסירונגען איז דא א וואונק פאר דער צוקונפט.

ווען מיר לייענען די מעקווירדיגע כאראקטער־שטריכען, מיט וועלכע די תורה גיט־איבער דעם קאלטען אויפנעהם וואס יוסף האט געגעבען זיינע ברידער, ווען זיי זיינען געקומען זוכען ברויט אין מצרים, זעהען מיר אין זיי א געטריי בילד פון דעם אידישען לעבען אין אלע גלות־לענדער.

איבעראל, וואו אידען האבען איינגעוואנדערט, האבען די יעניגע וואס זיינען דארט צוערשט געקומען זיך אימער באטראכט אלס די אריסטאקראטען פון דער געזעלשאפט, און האבען געקוקט פון אויבען־ארונטער אויף די „גרינע", די ניי־אנגעקומענע. אידי־שע אימיגראנטען זיינען תמיד אויסגעשטאנען קאלט און וואָרעם אויך פון זייערע אייגענע ברידער, וואס האבען געהאט דאס גליק זיך דארט פריהער צו באזעצען. איבערהויפּט די רייכערע פון זיי האבען שטארק ליב ארויפצוצווינגען זייער ווילען אויף די ניי־אנגעקומענע; און אויב די לעצטע פּראטעסטירען און לאזען זיך ניט פיהרען פאר דער נאז, באשולדיגט מען זיי אין אומטרייקייט און אומדאנקבארקייט.

יוסף האט ניט געזעהן זיינע ברידער פאר צוויי־און־צוואנציג יאהר. זיבעצעהן יאהר איז ער אלט געווען, ווען זיי האבען איהם פארקויפט צו די מדינים. דרייצעהן יאהר האט ער זיך אפּגעוואל־גערט אין מצרים אלס שקלאף ביי פוטיפרע'ן און אין תפיסה, וואו ער איז אריינגעזעצט געוואָרען אונטער דעם פארדאכט אז ער איז

א פאליטישער פארברעכער. צו זיין דרייסיגסטען יאהר איז ער גע־בראכט געווארען פאר פרעה'ן, ער זאל איהם פותר זיין זיינע צוויי אומפארשטענדליכע חלומות, וואס האבען זיך איהם גע'חלומ'ט; און ניין יאהר ווי ער איז געווען משנה־למלך און עקאנאמישער פארוואלטער פון לאנד.

יוסף איז פאר דער צייט געווארען רייך און מעכטיג אין מצרים. זיינע פארגעשלאגענע פלענער, ווי צו פארהיטען דעם לאנד פון דעם גרויסען הונגער, וואס ער האט ארויסגעלייענט פון פרעה'ס חלומות, זיינען פון איהם דורכגעפיהרט געווארען העכסט ערפאלג־רייך. שוין צוויי יאהר ווי עס הערשט א שרעקליכער הונגער איבער אלע לענדער פון דער דעמאלסטדיגער וועלט. בלויז מצרים איז געראטעוועט געווארען דורך דער חכמה און פעהיגער פארוואלטונג פון יוסף'ן. פון אלע לענדער האט מען זיך געצויגען נאך מצרים צו קויפען תבואה. „כל כסף וזהב שבעולם לקט יוסף והביאם מצרימה" — דאס גאנצע זילבער און גאלד פון דער וועלט האט יוסף אויפגעקליבען און געבראכט נאך מצרים (פסחים קי"ט). פרעה'ס רעגירונג האט געטאן וואונדערבארע געשעפטען.

פרעה האט יוסף'ן שטארק באלוינט פאר זיין געטריישאפט און גרויסע פעהיגקייטען. ער מאכט איהם פאר זיין „שני למלך", גיט איהם זיין געוועזענעם האר'ס טאכטער אסנת פאר א פרוי, און שטעלט דאס גאנצע לאנד אונטער זיין פיהרערשאפט. יוסף איז שטאלץ אויף זיינע דערגרייכונגען און איז שטארק צופרידען מיט זיין גרויסען ערפאלג. דעם ערשטען זוהן זיינעם גיט ער א נאמען „מנשה" — „כי נשני אלקים את כל עמלי ואת כל בית אבי" — ווייל גאט האט מיר געמאכט צו פארגעסען דאס גאנצע הויזגעזינט פון מיין פאטער. ער איז גליקליך מיט זיין עגיפטישער בירגערשאפט און וויל ניט וויסען פון זיין פאטער־לאנד און פון זיינע ברידער.

מיט אייניגע יאהר שפעטער, אז די מצריים הויבען אן איהם ארויסצווייזען א געוויסען גראד פון פאראכטונג און ווילען מיט איהם געזעלשאפטליך ניט פארקעהרען — „כי לא יוכלון המצרים לאכול את העברים לחם, כי תועבה הוא למצרים" — די עגיפטער קאנען ניט עסען ברויט צוזאמען מיט די אידען, ווייל זיי באטראכטען עס

פאר אומווירדיג — דאן זעהט זיך יוסף ארום, אז מצרים איז דאך ניט זיין היים. דעם צווייטען זוהן גיט ער שוין א נאמען „אפרים״ — „כי הפרני אלקים בארץ עניי״ — גאט האט מיר געמעהרט אין דעם לאנד פון מיין פיין. מיט אלע זיינע גליקען און טראץ זיין הויכער פאזיציע, קאן ער דאך ניט מאכען דעם „סאשעל רעדזשים־טער״ און זיין נאמען ווערט אויסגעשלאסען פון דער העבערער געזעלשאפט.

יוסף מאכט זיך פרעמד צו זיינע ברידער

„ויבאו בני ישראל לשבר בתוך הבאים, כי היה הרעב בארץ כנען״ — יעקב׳ס קינדער זיינען געקומען נאך מצרים איינצוקויפען שפייז, ווייל דער הונגער האט אויך דערגרייכט דעם לאנד כנען. צעהן זיינען זיי געווען, דעם אינגערען ברודער בנימין האט יעקב ניט געלאזט געהן מיט זיי. איידער ער האט זיי אויסגעריכט אין וועג האט זיי יעקב אנגעזאגט: „אל תכנסו כולכם בפתח אחד, כדי שלא תשלט בכם עין הרע״ — איהר זאלט ניט אריין אלע צוזאמען דורך איין טיר, כדי עס זאל אויף אייך ניט הערשען א בייז אויג. עס איז תמיד פיעל געזינטער פאר אידען ניט צו ווארפען זיך צופיעל אין די אויגען פון די גויים, „כדי שלא יקנאו בכם״ — אום ניט ארויסצורופען קנאה אדער פארדאכט קעגען זיי (תענית י׳).

יוסף דערקענט גלייך זיינע ברידער, אבער „ויתנכר עליהם״—ער מאכט זיך פרעמד צו זיי, „נעשה להם כנכרי״ — ער באַ־האנדעלט זיי ווי א פרעמדער, ווי א ניט־איד (ב״ר צ״ג). „וידבר אתם קשות״ — ער רעדט מיט זיי הארטע רייד, אין א שטרענגען טאן, אזוי ווי זיי וואלטען געווען פארברעכער. ער פרעגט זיי „מאין באתם״ — פון וואנען קומט איהר? און וואס איז אייער אבזיכט דא אין מצרים? אויף זייער ענטפער, אז זיי קומען פון כנען און זייער צוועק איז „לשבר אוכל״ — צו קויפען שפייז — טשעפעט ער זיך צו זיי און באשולדיגט זיי אין שפיאנאזש. „מרגלים אתם, לראות את ערות הארץ באתם״ — איהר זייט שפיאנען, אויסצו־פארשען די שוואכע פונקטען פון לאנד זייט איהר אהער געקומען. די ברידער באקלאגען זיך: „בעלילה אתה בא עלינו״ — מיט אויס־

געטראַכטע באַשולדיגונגען פּאַלסטו אָן אויף אונז. „כמה מדינות ירדו לכאן ליקח אוכל, כלום שאלת להם כמו ששאלת לנו?" — מענשען פון פאַרשיידענע מדינות קומען אהער קויפען שפּייז, פרעגסטו זיי אויך דיזעלבע פראַגען?" (מ"ר צ"ג).

האָט די דאָזיגע פרשה ניט געקאָנט געשריבען ווערען אויך אין אונזערע צייטען — אין דייטשלאַנד, אין פּוילען, אין רומעניע און פיעל אַנדערע מדינות? ווערען מיר דען אויך היינט ניט באַצייכענט אַלס די „מרגלים" פון דער וועלט? יעדע ראַדיקאַלע באַוועגונג, וואָס וואַגט צו קריטיקירען די „ערות הארץ", די שוואַכקייטען פון אַ לאַנד, ווערט צוגעשריבען צו אונז. איבערהויפּט שטעכט זיי אין די אויגען דער „כלנו בני איש אחד נחנו", ווייל מיר האַלטען זיך אַלס קינדער פון איין פאָטער און אסימילירען זיך ניט מיט זיי. מען רעדט וועגען אַ כלומר'שטער אידישער סאָלידאַריטעט, פון „זקני ציון", וואָס זוכען איינצונעהמען די וועלט, און מען פאַרשפּרייט וועגען אונז אַלערליי בלבולים.

און „ווי עס קריסטעלט זיך, אַזוי אידעלט זיך". אונזערע יוסף'ס, אונזערע אייגענע אסימילאַטאָרען אין אַלע לענדער, באַהאַנדלען זייערע ברידער ווי „נכרים", ווי פרעמדע. עס נעהמט גאַנץ לאַנג ביז זיי איבערציינגען זיך, אַז מיט זייער האַנדלונג ברייגגען זיי „את שיבת אבינו ביגון שאולה" — די עלטער פון אונזער פאָטער מיט טרויער אין גרוב אריין. מיט דעם וואָס זיי שטעהען אָפּגעזונדערט און פאַרפרעמדט גראָבען זיי אונטער די עקזיסטענץ פון זייער פאָלק. אין פאַראייניגונג ליגט אונזער כח, אונזער שטאַרקייט. אויב מיר ווילען, אַז עס זאָל שטענדיג זיין „עוד אבי חי" — אונזער פאָטער, אונזער פאָלק זאָל אויפלעבען — מוז קומען דער „התודע יוסף אל אחיו" — די יוסף'ס, די רייכע, די גליקליכערע מוזען זיך לאָזען דערקענען צו זייערע ברידער אין אַלע לענדער, און קעמפען צוזאַמען פאַר אונזערע רעכט אַלס אַ פאָלק, אַלס אַ נאַציע.

———o———

ויחי

יעקב'ס נבואה איבער דער צוקונפט פון זיינע קינדער

„ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה" — יעקב האט אפגעלעבט אין מצרים זיבעצעהן יאהר. דאגעגען, ווען יעקב איז געקומען צוריק נאך כנען, שטעהט געשריבען „וישב יעקב בארץ מגורי אביו" — יעקב האט זיך באזעצט אין דעם וואוינונגס־לאנד פון זיין פאטער. אין גלות קאן יעקב בלויז עקזיסטירען פאר א געוויסער צייט, צייטווייליג זיך דארט אויפהאלטען, אבער ניט באזעצען זיך, ווערען א „תושב", א באלעבאס מיט לייטען גלייך. דאס לעבען אין דער פרעמד האט קיין האפט ניט, עס פעהלט איהם די פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט, וואס אן אייגענע היים גיט. דער וואס דארף אנקומען צו פרעמדע טישען, קאן קיין הנאה ניט האבען פון זיין לעבען. ער שטילט בלויז זיין הונגער פון צייט צו צייט, זיין חומר, זיין קערפער ווערט צופרידענגעשטעלט, אבער זיין גייסט, זיין נשמה, ליידט. א מענש, וואס מוז זיין כפוף און אונטערוואָרפען צו דער השפעה פון אנדערע, פיהלט זיך געצווימט און אנטווישט. זיין לעבען איז בלויז א „ויחי", אפגעלעבט, אבער ניט „וישב", באזעצט און אייגענ־ארטיג.

דער מדרש פרעגט: „למה פרשה זו סתומה מכל הפרשיות של תורה?" — ווארום איז די פרשה „ויחי" צוזאמענגעשלאסען מיט דער פריהערדיגער סדרה און ניט אפגעזונדערט ווי די אנדערע פרשיות אין דער תורה? און גיט אויף דעם א טיפזיניגע ערקלערונג: „משום שהתחילה שעבוד מצרים על ישראל" — ווייל מיט דער פרשה ויחי פאנגט זיך אן די אידישע אונטעריאָכונג אין מצרים — און יעקב'ס אפגעזונדערטקייט און זעלבסטשטענדיגקייט פארשווינדט (ב"ר צ"ו). ער איז שוין ניט א פרשה פאר זיך, ער ווערט שוין אפ־הענגיג און אנגעשלאסען אן אנדערע פרשיות. זיין לעבען ווערט

איינגעפלאָכטען אין דעם לעבען פון מצרים. זיין אייגנאַרטיגקייט ווערט אונטערדריקט און אונטעריאָכט אין גלות.

„מצרת השעבוד נסתמו עיניהם ולבם של ישראל" — צוליב דעם דרוק פון גלות ווערען פאַרמאַכט די אויגען און די הערצער פון די אידען (רש"י). פיעל ערגער פאַר דעם „שעבוד" גופא איז, וואָס די אויגען און הערצער פון די אידען ווערען פאַרשלאָסען און זיי זעהען און פיהלען שוין מעהר ניט זייער דערנידעריגונג. זיי ווער־רען צוגעוועהנט צו דעם שפּל'דיגען מצב פון א גר, א פרעמדען, וואָס מוז שטענדיג האַלטען דעם קאָפּ געבויגען. דער זוהר הקדוש זאָגט: „צלמא דבר נש אשתחשך, ודיוקנא דאתחזי בארעא אתמענת", דאָס געזיכט פון א מענשען וואָס לעבט אין דער פרעמד ווערט פאַר־חושכ'ט, און זיין געשטאַלט, וואָס האָט זיך אזוי בולט ארויסגעזעהן אין זיין אייגען לאַנד, ווערט אָפּגעריבען און פאַרמינערט.

זיבעצעהן יאָהר האָט יעקב מיט זיין גאַנצער פאַמיליע אָפּגע־לעבט אין מצרים און קיין זאַך ניט אויפגעטאָן. מיר געפינען ניט ערגעץ וואו פאַרצייכענט עטוואָס פון זייערע דערגרייכונגען דאָרט. גרויסע איבערקעהרענישען זיינען פאַר דער צייט פאָרגעקומען אין מצרים. היבשע טיילען פון דער באַפעלקערונג זיינען איבערגעזידעלט געוואָרען פון איין טייל לאַנד צו א צווייטען. די גאַנצע עקאָנאָמישע סטרוקטור פון דער מדינה איז דורך די זיבעצעהן יאָהר איבערגעבויט געוואָרען. יעקב מיט זיינע איבעריגע קינדער אָבער זיינען זיך גע־זעסען אין גושן און געלעבט פון דער קצבה, וואָס יוסף האָט זיי געגעבען. כמעט א גאַנצען דור אָפּגעלעבט אין א לאַנד און גאָרנישט פועל געווען. אויב זיי האָבען יאָ עפּעס צוגעטראָגען צו די געשעהע־נישען פון לאַנד, איז עס וואהרשיינליך געווען אלס מצריים, אלס עגיפּטישע בירגער, אָבער ניט אלס אידען. די געשיכטע, לויט ווי זי איז באַשריבען אין אונזערע היסטאָרישע ארכיווען, גיט זיי וועניג קרעדיט און פאַרפעהלט זאָגאר צו דערמאָנען זייערע נעמען.

יעקב ווערט קראַנק און זיינע טעג זיינען געצעהלטע. ער שיקט רופען צו זיך זיין זוהן יוסף און זאָגט צו איהם: „בשבילך ירדתי למצרים" — צוליב דיר האָב איך ארונטערגענידערט אין מצרים — „אל נא תקברני במצרים" — באַגראָב מיר ניט אין מצרים. „אפילו

אדם מת בספינה הנפש הולכת אל אבותיו" — אויך אז א מענש שטאַרבט אויף א שיף, קערט זיך זיין נשמה צוריק צו זיינע על־טערן (מדרש תנחומא). יעקב ערקלערט דערמיט יוסף'ן, אז זינט ער האָט צוליב איהם פאַרלאָזען זיין פאָטער־לאַנד לעבט ער אויף א שיף, וואָס האָט ניט קיין באָדען אונטער זיך, און ווערט פון צייט צו צייט אויפגעטרייסעלט פון די ברויזענדיגע כוואַליעס פון ים. אונטער אַזעלכע אומשטענדען קאָן א פאָלק זעהר ווייניג דערגרייכען. „אדם מת בספינה" — דער מענש וואָס איז פאַראורטיילט געוואָרען פון שיקזאל צו לעבען אויף א שיף — איז טויט און קאָן ווייניג אויפטאָן. זיין נפש אָבער, דער גייסטיגער טייל פון איהם לעבט און שטרעבט „אל אבותיו" — צוריק צו זיינע עלטערן.

„ויקרבו ימי ישראל למות" — די טעג האָבען זיך דערנעהנטערט פאַר יעקב'ן צו שטאַרבען. „כל מי שנאמר בו קריבה למות לא הגיע לימי אבותיו" — אויף וועמען עס ווערט געזאָגט, אז ער „דערנעהנטערט" זיך צו שטאַרבען, האָט ניט דערגרייכט די טעג פון זיין עלטערן (מ"ר צ"ו). זיין זיידע אברהם און זיין פאָטער יצחק זיינען ביידע געשטאָרבען „זקן ושבע ימים" — אַלט און זאַט מיט יאָהרען — ווייל זיי האָבען אויסגעלעבט זייערע טעג אין זייער אייגענער היים. יעקב אָבער האָט געלעבט אין דער פרעמד, און דער גלות איז מקצר ימים. זיינע טעג האָבען זיך „דערנעהנטערט" צו שטאַרבען, ניט אין דעם עלטער פון זיינע עלטערן.

יעקב וויל ניט באַגראָבען ווערען אין מצרים „שלא יעשו אותו עבודה־זרה" — מען זאָל פון איהם ניט מאַכען א פרעמדען גאָטעס־דינסט (ב"ר צ"ו). גענוג איז, אז אַלע זיינע אויפטואונגען פאַר'ן לעבען זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין ארבייטען פאַר פרעמדע, און זיינען ניט צוגעשריבען געוואָרען אויף דער קאָנטאָ פון זיין פאָלק, זאָל ער אליין כאָטש, זיין אייגענע גרויסקייט, געבראַכט ווערען צו קבר אבות אין זיין אייגען לאַנד און קרעדיטירט ווערען צו זיין פאָלק. „מי שמת בחוץ־לארץ ונקבר שם — שתי מיתות יש בידו" —

ווער עס שטארבט אין חוץ־לארץ און ווערט דארט באגראבען, שטארבט, צוויי מאל (מדרש תנחומא). איינמאל פאר דער געגענ־ווארט, וועלכע איז ניט זיינע, און איינמאל פאר דער צוקונפט, וואס בלייבט אויך פרעמד פאר איהם. זיין לעבען, אזוי גוט ווי זיין טויט, באלאנגען ניט צו זיין פאלק.

די שכינה געהט אוועק און קומט צוריק

יעקב רופט צוזאמען אלע זיינע קינדער און זאגט זיי: „האספו כלכם ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים״ — פאר־זאמעלט זיך אלע און איך וועל אייך פאראויסזאגען וואס מיט אייך וועט פאסירען אין דער וייטער צוקונפט. דער מדרש באמערקט אויף דעם פסוק: „היו אגודה אחת, התקינו עצמכם לגאולה״ — זייט פאראייניגט, גרייט זיך צו דער באפרייאונג (מ״ר צ״ח). דער אידישער „אחרית הימים״ איז שטארק אפהענגיג אן דעם „האספו כלכם״. אויב די אידען וועלען זיין פאראייניגט צווישען זיך, אויב אין אלע לענדער וואו זיי געפינען זיך וועלען זיי שטרעבען צו דעם „היו אגודה אחת״, א געמיינשאפטליכע קערפערשאפט, וואס זוכט איין און דעמזעלבען ציל, איז זייער „אחרית הימים״, זייער צוקונפט, א געזיכערטע. „התקינו עצמכם לגאולה״ — מען מוז זיך צוגרייטען צו דער גאולה. אלע מוזען ארבייטען און ביישטייערען צו דעם באפרייאונגס־געדאנק.

איך האב געהערט פון דר. שמריהו לעווין ע״ה א שעהנע ער־קלערונג איבער דעם דרש פון דער גמרא: „אל תגעו במשיחי אלו תינוקות של בית רבן״ — איהר זאלט ניט אנריהרען מיינע משיחים — דאס מיינט מען אלע חדר־אינגלעך. „דער אידישער משיח״ — האט ער געזאגט — „וועט ניט קומען פון איין מענשען, אדער פון א געוויסער גרופע מענשען. אלע אידישע מאמעס מוזען אויסטראגען אונזער משיח. דאס גאנצע פאלק מוז ביישטייערען פון זיינע כחות צו דער באפרייאונג און דערלייזונג פון אונזער אומה״.

די גמרא אין פסחים, דף נ״ו, שילדערט פאר אונז א גייסטרייך בילד פון דאס וואס עס איז פארגעקומען אין די לעצטע שטונדען פון יעקב׳ס לעבען: „בקש יעקב לגלות לבניו את קץ הימין, ונסתלקה

ממנו שכינה" — יעקב האָט געוואָלט אַנטדעקען פאַר זיינע קינדער דעם סוף פון די גלות־טעג, אָבער די שכינה האָט זיך אָפּגעטאָן פון איהם און איז אַוועק. די געטליכע וויזיע, וואָס ער האָט געזעהן איידער זיינע קינדער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, איז פון איהם פאַרשוואונדען אַזוי גיך ווי זיי האָבען זיך אַרומגעשטעלט אַרום זיין בעט. יעקב האָט זיך שטאַרק דערשראָקען: „אמר חס ושלום יש במטתי פסול" — ער האָט ביי זיך געטראַכט, פיליכט געפינט זיך אַ פלעק אין מיין משפחה. אפשר זיינען דאָ צווישען די קינדער און אייניקלעך אַזעלכע, וואָס גלויבען שוין ניט אין דעם גאָט פון זייערע עלטערען, און דערפאַר איז די שכינה אַוועק. זי וויל ניט שטעהן אין דער געזעלשאַפט פון אפּיקורסים, פון אומגלויבער, וואָס לייקענען אין דעם גרויסען אידישען אידעאַל פון „אחדות הבורא"?

די שבטים מיט זייערע קינדער האָבען באַמערקט זיין פאַר־לעגענהייט און פאַרשטאַנען די אורזאַך פון זיין שרעק. „אמרו שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד — כשם שאין בלבך אלא אחד, כך אין בלבנו אלא אחד" — זיי האָבען אַלע צוזאַמען געזאָגט „שמע ישראל" און האָבען איהם פאַרזיכערט, אַז אַזוי גוט ווי אין זיין האַרץ איז ניטאָ קיין אַנדער גלויבען ווי אין דעם איינציגען גאָט, אַזוי אויך איז אין זייערע הערצער דאָ נאָר איין גלויבען. זיי האָבען איהם בארוהיגט, אַז ער זאָל חס ושלום ניט דענקען, אַז צווישען זיי געפינען זיך מאַנכע ניט־גלויבער. אַלע זיינען מיט דעמזעלבען גלויבען וואָס ער, און שטרעבען צו דעמזעלבען ציל. ווען יעקב האָט דאָס דער־הערט, „פתח ואמר, ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד" — האָט ער אָנגעפאַנגען און געזאָגט: געבענשט זאָל זיין דער נאָמען פון זיין קעניגליכער עהרע פאַר אימער און אייביג.

וואָס פאַר אַ טיפזיניגער רעיון דאָ ווערט אויסגעדריקט אין דער גמרא! יעקב ליגט אויף זיין טויטען־בעט און זיינע שטונדען זיינען געצעהלטע. ער שטאַרבט אין אַ פרעמד לאַנד און לאָזט איבער זיינע קינדער אין גלות, צווישען אַ פאָלק וואָס דינט צו אלילים, צו אָפּגעטער. ווער וויים אויב די ריינע אמונה, פאַר וועלכער ער און זיינע עלטערען האָבען אַזוי פיעל געאָפּפערט און מקדיש געווען זייערע טעג און יאָהרען, זאָל חלילה ניט אָפּשטאַרבען מיט איהם.

ער שרעקט זיך זעהר פאר דעם געדאנק, אז די היילינע שכינה, וואס איז מיט איהם מיטגעגאנגען אויף אלע זיינע וואנדערונגען, פאר־לאזט איצט זיינע קינדער און זיי בלייבען אויסגעזעצט צו אלערליי געפאהרען פון שמד און אסימילאציע צווישען זייערע שכנים אין מצרים. „חמא למרחוק ואזדעזע" — ער האט געקוקט אין דער ווייטער צוקונפט און איז אויפגעציטערט געווארען (מ"ר צ"ח).

ער הערט אבער אן ערהאבענע תפילה ארויסקומענדיג פון די מיילער פון זיינע קינדער, א תפילה, וואס דריקט אויס אין קורצע אבער קלינגענדיגע ווערטער דעם גרויסען רעיון, וואס זיינע על־טערען און ער האבען דורכגעטראגען זייער גאנצען לעבען לאנג: „שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד" — הער ישראל, גאט איז אונזער גאט, גאט איז איינער! און ער אטעמט פרייער אויף. ער זעהט מיט זיין פראפיטישען אויג, ווי מיט דער תפילה אויף זייערע ליפען שפרינגען זיינע קינדס־קינדער אין פייער און אין וואסער פאר זייער אמונה. זיין לעבען איז, אלזא, ניט געוועזן אומזיסט. זיין גרויסער געטליכער אידעאל וועט לעבען אין זיינע קינדער „לעולם ועד" — פאר אימער און אייביג — און די שכינה קומט צוריק און שטעלט זיך ביי איהם צוקאפענס.

---0---

שמות

שמות

די ערשטע שריט פאר יציאת מצרים

צוויי הונדערט מיט צעהן יאהר זיינען פאריבער זינט יעקב מיט זיינע קינדער האבען אויף יוסף'ס איינלאדונג ארונטערגעגי־דערט קיין מצרים. בלויז „שבעים נפש" — זיבעציג נפשות זיינען זיי דאן געווען. אין דעם ווערען שוין אויך אריינגערעכענט יוסף מיט זיינע קינדער. פאר דער צייט אבער זיינען זיי אויסגעוואקסען אין א היפש פאלק פון „ששים רבוא" — א באפעלקערונג פון זעקס הונדערט טויזענט נפשות.

פון אנפאנג איז זיי גאנץ גוט געגאנגען אין מצרים. יוסף האט זיי געגעבען א פיינע נחלה אין „גושן", „וישבו ויאחזו בה" — זיי האבען זיך באזעצט און איינגעבירגערט אין איהר, „ויפרו, וירבו מאד" — געפרוכפערט און פארמערט זעהר פיל. פרעה'ס דינאסטיע, וואס יוסף האט געראטעוועט פון אונטערגאנג און מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטען רייך און שטארק געמאכט, האט צוערשט פיל מטיב געווען מיט די ברידער און קינדער פון זיין „שני למלך". מ'האט זיי געלאזט פאשען זייערע שאף אומגעשטערטערהייט, און מ'האט נאך מאנכע פון זיי געגעבען באשעפטיגונג ביי פרעה'ס אייגענע שאף און רינדער.

„ויקם מלך חדש על מצרים, אשר לא ידע את יוסף", עס איז אבער אויפגעשטאנען א נייע דינאסטיע איבער מצרים וואס האט יוסף'ן ניט געקענט, „דהוי דמי כמאן דלא ידע לו כלל" — א קעניג וואס האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג פון יוסף'ן און אלע זיינע אויפטואונגען (סוטה י"א). ביסלעכווייז אין ארויפ־געשוואומען די פראגע פון „הבה נתחכמה לו" — לאמיר זיך קליגען ועגען איהם. מען האט אנגעפאנגען טראכטען

וואָס צו טאָן מיט די אידען — ווי ווערט מען פון זיין פטור ? „ויקוצו מפני בני ישראל" — ז י י א י ז ע נ ג ג ע װ ו א ָ ר ע ן פ ו ן ד י א י ד ע ן . „היו בעיניהם כקוצים" — זיי זיינען געוואָרען ווי דערנער אין זייערע אויגען (סוטה י"א).

אזוי איז שוין ב"ה, אַלעמאָל. כל זמן אידען געפינען זיך אין אַ לאַנד אין אַ קליינער צאָל, ווערען זיי געדולדעט. אזוי גיך אָבער ווי „ותמלא הארץ אותם" — זייער צאָל ווערט פאַרגרע־סערט, קומט דער „הבה נתחכמה", און מיר ווערען גרוים אין די אויגען פון אַלע אַנדערע בירגער. מ'הויבט זיך אָן צו באַקלאָגען: „הנה עם בני ישראל רב ועצום ממנו" — דאָס אידישע פאָלק ווערט גרויס, און ז י י ן ש ט א ַ ר ק י י ט , ז י י ן ר י י כ ־ ט ו ם ק ו מ ט „ מ מ נ ו " — פ ו ן א ו נ ז . דיזעלבע טענה האָט געהאַט אבימלך, דער קעניג פון גרר, ווען ער האָט גע־זאָגט צו יצחק'ן: „לך ממנו" — געה אוועק פון אונז, „כי עצמת ממנו" — ווייל דו ביסט רייך געוואָרען פ ו ן א ו נ ז . לבן'ס קינדער האָבען זיך באַקלאָגט: „לקח יעקב את כל אשר לאבינו" — יעקב האָט פאַרנומען אַלץ וואָס באַלאַנגט צו אונזער פאָטער. דער נייער פרעה מיט זיינע ראַטגעבער קומען אויך צו דעמזעלבען באַשלוס, אז „עם בני ישראל רב ועצום—ממנו", ד י ג ר ו י ס ־ ק י י ט א ו ן ר י י כ ק י י ט פ ו ן ד י א י ד ע ן ק ו מ ט פ ו ן ז י י . די אידען פאַרכאַפּען אַלע צווייגען פון אינדוסטריע און האַנדעל, און באַשווינדלען די איבעריגע איינוואוינער פון לאַנד.

עס פאַנגט זיך אָן אַ סדרה פון רדיפות און פאַרפאָלגונגען קעגען די אידען. צוערשט באַשליסט מען צו מאַכען נייע געזעצען, וואָס זאָלען באַשרענקען און באַגרעניצען זייערע רעכט אַלס ביר־גער. „וישימו עליו שרי מסים למען ענותו בסבלותם" — מ'לייגט אויף זיי אַרויף באַזונדערע שטייערען און מ'באַשטימט אויך ספּע־ציעלע טעקס־קאָלעקטאָרס, זיי צו פּייניגען אין זייער שווערער אַרבייט. די האָרעוואַניע פון דעם אידען געהט לאיבוד. ער אַרבייט שווער, אָבער עס שטעלט זיך איהם גאַנץ ווייניג אָפּ פון זיין מיה. די שווערע שטייערען, וואָס מען לייגט אויף איהם אַרויף, פאַר־צערען אַלץ. אויסער די שטייערען וואָס מען מוז צאָהלען דער

רעגירונג, מוז מען אויך „שמירען" און אונטערקויפען די „שרי מסים", וועלכע שינדען די הויט און לאָזען דעם אָטעם ניט אָפּ־כאַפּען (שמ"ר ב').

וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרץ" — אָבער וואָס מעהר מען פייניגט איהם, אַלץ גרעסער און שטאַרקער ווערט ער. דער איד איז א „קשה עורף" — א האַרטנעקיג פאָלק. מיט פרייהייט און פריינטשאַפט קאָן מען איהם נאָך אמאָל אָראָפּפיהרען פון וועג; דריקט מען איהם אָבער, שטאַרקט זיך אין איהם דער אידישער גייסט און האַלט איהם געשלאָסען מיט זיין פאָלק, מיט זיין גאָט. די גמרא פרעגט: „כן רבו וכן פרצו מבעי' לי'?" — דער פסוק האָט דאָך געדאַרפט געשריבען ווערען בלשון עבר — „אַזוי האָבען זיי זיך געמעהרט, אַזוי האָבען זיי זיך געשטאַרקט". „רוח הקודש מבשרתן — כן ירבה וכן יפרץ", דער הייליגער גייסט אָבער לאָזט דאָ וויסען אונזערע שונאים, אַז אַזוי וועט עס אימער זיין: וואָס מעהר מען וועט דעם אידען דריקען אין די גלות־לענדער, וואו ער געפינט זיך, אַלץ גרעסער און שטאַרקער וועט דער איד אין איהם ווערען (סוטה י"א).

שטראַהלען פון דער גאולה

„וישמע אלקים את נאקתם, ויזכר את בריתו" — גאָט הערט דעם געשריי פון די אידען און דערמאָנט זיך אָן דעם בונד, וואָס ער האָט געשלאָסען מיט די אבות — אברהם, יצחק און יעקב. דער סכום יאָהרען פאַר די אידען צו ליידען אין גלות, וואָס ער האָט אָנגעגעבען אברהמ'ען ביי דעם „ברית בין הבתרים", איז שוין דערפילט געוואָרען. צורעכענענדיג די צייט וואָס די אבות אַליין האָבען זיך געוואַלגערט אין פרעמדע לענדער צו די הונדערטער יאָהרען פון גלות מצרים, ווערט מקוים דער „גר יהיה זרעך בארץ לא להם" — ארבע מאות שנה", גרים וועלען דיינע קינדער זיין אין א פרעמד לאַנד — פיער הונדערט יאָהר. די פולע צייט פון

שעבוד פון שקלאפעריי איז שוין פאראיבער, און עם הויבען זיך אן צו ווייזען די ערשטע שטראלען פון דער גאולה.

דער מדרש זאגט, אז דער טעם פארוואס די תורה אין אנפאנג סדרה רעכענט אויס די נעמען פון די שבטים איז, ווייל אין יעדען פון זייערע נעמען איז דא אן אנדייטונג פאר גאולה:

ר א ו ב ן — „ראה ראיתי את עני עמי" — אין ראובן איז דא דאס ווארט „ראו", זעהן — ג א ט ה א ט ג ע ז ע ה ן ד י פ י י ן פ ו ן ז י י ן פ א ל ק.

ש מ ע ו ן — „וישמע אלקים את נאקתם" — די ערשטע דריי בוכשטאבען זיינען „שמע", הערען — ג א ט ה א ט ג ע ה ע ר ט ד ע ם א י ד י ש ע ן ג ע ש ר י י.

ל ו י — „עמו אנכי בצרה, שנתחבר הקב"ה לצרתם", לוי מיינט באהעפטונג — ג א ט ה א ט ז י ך ב א ה ע פ ט מ י ט ד ע ם א י ד י ש ע ן פ א ל ק א י ן ז י י ן נ ו י ט.

י ה ו ד ה — „שהודו הקב"ה", יהודה מיינט—דאנק. ד י א י ד ע ן ה א ב ע ן ג ע ד א נ ק ט ג ב"ה, נ א כ ד ע ם ו ו ע ן ע ר ה א ט ז י י ב א פ ר י י ט.

י ש ש כ ר — „שנתן להם הקב"ה שכר שעבודם" — די לעצטע דריי בוכשטאבען מיינען „שכר" — געהאלט. ג א ט ה א ט ז י י ב א צ א ל ט ג ר ו י ס ג ע ה א ל ט פ א ר ז י י ע ר פ א ר-ש ק ל א פ ט ז י י ן צ ו ד י מ צ ר י י ם.

ז ב ו ל ו ן — „שהשכין הקב"ה שכינתו בקרבם" — „זבול" איז דער טייטש א וואוינונג. ג א ט ה א ט ג ע ל א ז ט ז י י ן ש כ י נ ה ו ו א ו י נ ע ן צ ו ו י ש ע ן ד י א י ד ע ן.

ב נ י מ י ן — „ימינך ה' נאדרי בכח" — די לעצטע פיער בוכ-שטאבען זיינען „ימין", וואס מיינט די רעכטע האנט. גאט האט געוויזען די מצריים די שטארקייט פון זיין רעכטער האנט, און די אידען האבען נאכדעם געזונגען: „גאט'ס האנט איז באשיינט מיט כח".

ד ן — „וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי" — דן איז דער טייטש אורטייל. גאט האט געזאגט, א ז ד א ס פ א ל ק

וואס וועט פארשקלאפען די אידען וועט ער אורטיילען.

נפתלי — „תורה ומצוות שנתן להם הקב"ה, שמתוקים מנפת צופים" — די ערשטע דריי בוכשטאבען זיינען „נפת", וואס מיינט האניג. נאך דער גאולה האט גאט געגעבען די אידען תורה און מצוות, וועלכע זיינען זיסער פון דעם געשמאקסטען האניג.

גד — „על שם המן שהיה כזרע גד" — גד מיינט אליענדער. דער מן וואס די אידען האבען געגעסען אין מדבר האט אויסגע־זעהן ווי אליענדער.

אשר — „ואשרו אתכם כל הגוים" — אשר מיינט לויב. די פעלקער וועלען לויבען די אידען נאך דער גאולה.

יוסף — „שעתיד הקב"ה להוסיף ולגאול את ישראל" — יוסף מיינט מעהרען. גאט וועט ווייטער אויסלייזען די אידען פון אלע זייערע צרות (שמו"ר ב').

די נעמען פון די שבטים האבען פאר אלע אידען אין מצרים סימבאלירט די אידישע גאולה, און זיי האבען זייערע נעמען ניט געביטען. דער מדרש זאגט טאקע: „משום שלא שנו את שמם, זכו להגאל" — ווייל זיי האבען ניט געענדערט זייערע נעמען, דערפאר האבען זיי זוכה געווען אויסגעלייזט צו ווערען פון גלות מצרים (שם).

דער אידישער באפרייער משה ווערט געבוירען

די „אצטגנינים", די ווארזאגער פון פרעה, לייענען ארויס פון די שטערען, אז באלד וועט געבוירען ווערען א אידיש קינד, וואס וועט מיט דער צייט באפרייען די אידען פון זייער קנעכטשאפט און וועט ברענגען א גרויסע מפלה אויף פרעה'ן און גאנץ מצרים (שמו"ר ב'). פרעה ווערט דערשראקען און גיט ארויס א באפעהל צו די אידישע הייבאמען: „בילדכן את העבריות — אם בן הוא והמתן אותו", ווען מען רופט אייך צו א אידישער קימפעטארין— אז איהר זעהט, אז דאס איז א זוהן, זאלט איהר איהם טויטען.

שפעטער, אז ער געפינט אוים, אז זיין באפעהל איז ניט דורכגע־פיהרט געוואָרען, גיט ער ארוים א גזירה: „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו" — יעדער זוהן וואָס ווערט געבוירען, זאָל מען ווארפען אין טייך אריין.

אָבער אויך די שרעקליכע גזירה העלפט ניט—דער אידישער באפרייער קומט. „בשעת שנולד משה, נתמלא כל הבית כולו אורה" — ווען משה איז געבוירען געוואָרען, איז דאָס גאַנצע הויז פול געוואָרען מיט ליכט (שמ"ר ב'). זיין מוטער יוכבד באמערקט גלייך, א ז ע ר א י ז א נ ד ע ר ש פ ו ן א נ ד ע ר ע ק י נ ד ע ר, און זי באהאַלט איהם גאַנצע דריי מאָנאטען. אז זי קאָן איהם שוין מעהר ניט אויסבאהאַלטען, לייגט זי איהם אריין אין א גומענעם קעסטעלע און לאָזט איהם שווימען ביים ברעג טייך. צו יענער צייט דאַרף פרעה'ס טאָכטער געהן זיך באָדען. זי באַ־מערקט דאָס קעסטעלע און שיקט איהר דינסט ארויסנעמען עס. אז זי זעהט „והנה נער בוכה — ותחמול עליו", א קינד וויינט — דערבאַרעמט זי זיך אויף איהם און זאָגט: „מילדי העברים זה" — דאָס מוז זיין איינס פון די אידישע קינדער.

„בשעת פרעה'ס טאָכטער האָט דערזעהן א „ילד", א קליין קינד, וואָס וויינט ווי א „נער", ו ו י א ד ע ר ו ו א ק ס ע נ ע ר, האָט זי פארשטאַנען, אז דאָס מוז זיין א איד..." (ב. יאושזאָן). און זי באשליסט איהם צו לאָזען לעבען. משה'ס שוועסטער מרים, וועלכע האָט צוגעזעהן די גאַנצע פאסירונג, פרעגט זי, אויב זי וויל האָבען פאר איהם א זויגערין. פרעה'ס טאָכטער גיט איהר איבער דאָס קינד, און זי ברענגט איהם צוריק צו זיין מוטער. „ויגדל הילד ותביאהו לבת פרעה ויהי לה לבן"— אז דאָס קינד וואקסט אונטער, ברענגט זי איהם צו פרעה'ס טאָכטער, וועלכע אדאָפּטירט איהם אַלס איהר אייגען קינד, און משה האָדעוועט זיך אין פרעה'ס הויז.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען ווערט געבוירען „אברהם אבינו", דער גרינדער פון דעם אידישען פאָלק, און אונטער די־זעלבע אומשטענדען וועט געבוירען „משה רבנו", דער באפרייער און לערער פון דעם אידישען פאָלק. דער גרויזאמער קעניג נמרוד

הייסט טויטען יעדען זוהן, איידער אברהם אבינו ווערט געבוירען, און דער שלעכטער פרעה גיט ארויס דיזעלבע גזירה, איידער משה ווערט געבוירען. אמתלאי, אברהמ'ס מוטער, מוז באהאלטען איהר קינד אין וואלד, און יוכבד לאזט איהר קינד שווימען אויפ'ן וואסער.

אט אזוי ווערען געבוירען די גרינ־דער און באפרייער פון א פאלק, וואס לעבט מיט נסים זיין גאנץ לעבען לאנג.

———o———

וארא

די אידישע גאולה ווערט פאַרבאַרייטעט

„וידבר אלקים אל משה״ — און גאָט רעדט צו משה׳ן. ער פאַרטרויט איהם אַ נייעס, וואָס איז ביז איצט ניט באַקאַנט געוועזען. „כל מקום שנאמר לשון דבור, חדוש מקרא יש שם״ — אין יעדען אָרט, וואו עס ווערט געזאָגט מיט דעם „דבור״, איז דאָ עטוואָס נייעס אין פסוק (ירושלמי מכות פ״ב). און די נייעס באַשטעהט אין דעם, וואָס גאָט גיט אָן משה׳ן זיין ריכטיגען נאָמען. „אז איך האָב זיך געוויזען צו אברהם, יצחק און יעקב״, זאָגט גאָט צו איהם, „האָב איך גערעדט צו זיי אין נאָמען פון „אל״ און „שדי״, אָבער „ושמי ה׳ לא נודעתי להם״ — מיט מיין נאָמען „יוד הא ואו הא״ האָב איך זיך צו זיי ניט געלאָזט דערקענען״.

די באַדייטונג פון גאָט׳ס נאָמען, וואָס באַשטעהט פון די פיער אותיות „יוד הא ואו הא״ און וואָס מיינט „אייביגע עקזיס־טענץ״, קאָן מען ערשט ארויסזעהן נאָך אַ לאַנגע און שווערען גלות, ווען טראָץ אַלע צרות און אומגליקען, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט דורכצומאַכען, איז עס דאָך געבליבען לעבען. דאַן ערשט קאָן מען באַגרייפען דעם גרויסען געטליכען כח, וואָס האָט איהם געגעבען מוט און אויסדויער צו קאָנען דורכטראָגען די שרעקליכע רדיפות און פאַרפאָלגונגען. „וידעתם כי אני ה׳ אלקיכם המוציא אתכם מתחת סבלות מצרים״ — איהר וועט דאַן וויסען, אז איך בין אייער גאָט, וואָס האָט אייך באַפרייט פון אונטער דעם דרוק פון מצרים.

דער מדרש פרעגט: „למה גלה אותו למשה?״ — פאַרוואָס האָט גאָט אַנטדעקט זיין נאָמען צו משה׳ן און ניט צו די אבות? און ענטפערט: „על שהלך לגאול את ישראל״ — ווייל ער איז געגאַנגען באַפרייען די אידען (מדרש תנחומא). משה אַליין האָט עס געפאָדערט פון גאָט, בשעת ער האָט איהם אַנפאַרטרויט די גרויסע מיסיע: צו פאָדערן פון פרעה׳ן, אז ער זאָל באַפרייען

די אידען און זיי ארויסלאזען פון מצרים. משה האט זיך געשראקען מעהר פאר די אידען ווי פאר פרעה'ן. ער האט, ווי עס ווייזט אוים פון די פסוקים וואס גיבען איבער דעם שמועס, וואס ער האט דאן געהאט מיט גאט, מורא געהאט, אז די אידען וועלען איהם ניט גלויבען און ניט געבען די ריכטיגע שטיצע, וואס פאדערט זיך פאר אזא שווערער אונטערנעמונג. כדי צו קאנען ארויסנעמען א פאלק פון גלות, מוז דאס פאלק אליין אויך וועלען באפרייט ווערען און מיטהעלפען אין דער ארבייט. דאס צו קאנען באווייזען, מוז יעדער מיטגליד פון א פאלק זיין איבערצייגט אין דער גערעכטיגקייט פון זיינע פאדערונגען און האבען פולען צוטרוי צו זיינע פיהרער. אט ווי אזוי דער פסוק שילדערט די ערשטע באגעגעניש פון משה'ן מיט דער גאטהייט:

משה'ס ערשטע געטליכע וויזיע

משה געפינט זיך אין מדבר, ביים בארג חורב, וואו ער פאשעט די שעפסען פון זיין שווער יתרו. פלוצלונג דערזעהט ער א „לבת אש מתוך הסנה" — א פלאם פייער, וואס שלאגט ארויס פון א קוסטע דערנער. ער וואונדערט זיך: „הסנה בוער באש והסנה איננו אוכל" — די דערנער ברענען אין פייער און ווערען דאך ניט פארברענט. ער הערט א שטימע פון גאט ארויסקומענדיג פון דעם ברענענדיגען „סנה", וועלכע זאגט איהם: „ראה ראיתי את עני עמי אשר במצרים" — איך האב געזעהן די ארימקייט פון מיין פאלק, וואס געפינט זיך אין מצרים. „גם אני שרוי בצער כשם שישראל שרויין בצער" — אויך איך בין איינגעוויקעלט אין טרויער אזוי גוט ווי די אידען. „אני מדבר מתוך הקוצים" — איך רעד צו דיר ארויס פון די דערנער (שמו"ר ב'). דאס אידישע פאלק וואלגערט זיך נעבעך צווישען שטעכיגע דערנער, און איך טייל זיך מיט זיין שיקזאל.

גאט טרייסט איהם אבער און הייסט איהם ניט זיין פארצווייפעלט. „צעקתם שמעתי וארד להצילו מיד מצרים" — זייער

געשריי האָב איך געהערט, און איך נידער אַרונטער זיי צו רעטען פון דער האַנט פון מצרים. „כשם שהסנה בוער באש ואיננו אוכל, כך המצרים אינם יכולים לכלות את ישראל" — פונקט ווי דער סנה ברענט אין פייער און ווערט דאָך ניט פאַרניכטעט, אַזוי וועלען אויך די מצריים ניט קאָנען פאַרניכטען די אידען (שמ"ר ב'). נאָט זאָגט צו משה'ן: דער סנה שטעלט פאָר דאָס לעבען פון דעם אידישען פאָלק. אויך ער ווערט געברענט און געבראָטען אין די פייערען פון זיינע שונאים, אָבער זיי זיינען אוממעכטיג איהם אונטער־צובריינגען.

„ועתה לכה ואשלחך אל פרעה, והוצא את עמי בני ישראל ממצרים" — און איצט געה, און איך וועל דיר שיקען צו פרעה'ן, ער זאָל אַרויסלאָזען די אידען פון מצרים. פרעה איז דער קעניג פון לאַנד. אין זיינע הענט ליגט דער גורל פונ'ם אידישען פאָלק. אויב עס דאַרפען פאָרקומען פאַרהאַנדלונגען וועגען דער אידישער באַפרייאונג, מוזען זיי זעלבסטפאַרשטענדליך געמאַכט ווערען מיט פרעה'ן. משה אָבער ענטפערט גאָט: „הנה אנכי בא אל בני ישראל ואמרתי להם, אלקי אבותיכם שלחני אליכם, ואמרו לי מה שמו? מה אומר אליהם?" — איך וועל קומען צו די אידען און וועל זיי זאָגען, אַז דער גאָט פון אייערע עלטערען האָט מיך גע־שיקט צו אייך, וועלען זיי מיך פרעגען — וואָס איז זיין נאָמען? וואָס זאָל איך זיי ענטפערען? משה פאַרשטעהט, אַז זיין הויפט־אויפגאַבע איז ניט מיט פרעה'ן — מיט איהם וועט ער שוין ווי־עס־איז דורכקומען, וואָס זאָל ער טאָן מיט די אידען, אַז אויך זיי זאָלען איהם פאָל־גען און מיטהעלפען?

ווי קלאָר משה האָט אַרויסגעוויזען דעם כאַראַקטער פון די אידען. ווען נאָר עס הויבט זיך אָן אַ באַוועגונג צו באַפרייען דאָס פאָלק פון גלות און ווידער אויפבויען זיין נאַציאָנאַלע היים, הויבען זיך אָן צו מעהרען פאַרטייען און פראַקציעס, יעדע מיט אַן אַנדער

אידייע, מיט אן אנדער לאזונג. אז מען רעדט צו א אידען ווענען זיין חוב צו זיין פאלק, וועט ער אייך גלייך פרעגען — „מה שמו?״ — אין נאמען פון וועלכען פראקציע אדער פארטיי רעדט איהר צו איהם?

גאט ענטפערט דאן משה'ן: „כה תאמר לבני ישראל, אהיה שלחני אליכם״ — אזוי זאלסטו זאגען צו די אידען, „אהיה״ האט מיך געשיקט צו אייך. דער גאט, וואס האט אייך געלאזט „זיין״ און אייך געגעבען די כחות צו קאנען עקזיסטירען דורך דער צייט פון דעם לאנגען און שווערען גלות, וויל אייך איצט באפרייען. משה לאזט זיך אבער אזוי לייכט ניט נעמען. ער קען די אידען און ווייסט וואס פאר א שווערע אויפגאבע דאס איז. „ויען משה ויאמר, והן לא יאמינו לי ולא ישמעו בקולי״ — און משה ענטפערט גאט און זאגט איהם: די אידען וועלען מיר דאך ניט גלויבען און וועלען זיך ניט צוהערען צו מיין שטים. אידען לאזען זיך ניט אזוי לייכט איינרעדען. ארגומענטען, ווי אמת און לאגיש זיי זאלען ניט זיין, וועלען ניט ברענגען קיין רעזולטאטען.

אז גאט האט געזעהן, אז משה צעגערט אנצונעמען זיין שליחות, ראט ער איהם, אז ער זאל ווייזען מופתים פאר'ן פאלק. ער זאל פאר זייווארפען זיין שטעקען, און ער וועט פארוואנדעלט ווערען אין א שלאנג. ער זאל גיסען וואסער, און עס וועט דערפון ווערען בלוט. אז די אידען וועלען זעהן וואס פאר א גרויסער בעל מופת דו ביסט, וועלען זיי ווערען דיינע חסידים און הערען וואס דו האסט זיי צו זאגען.

משה אבער וויל קיין בעל מופת ניט ווערען. אויב די אידען פארשטעהען ניט אפצושאצען זייער איינענע לאגע, אויב זיי ווילען ניט זוכען קיין מיטלען זיך צו באפרייען און ווערען א פאלק מיט אלע פעלקער צוגלייך, וועט ער אויף זיך די אויפגאבע ניט נעמען. ער וויל ניט פארבלענדען זייערע אויגען

מיט אומפארשטענדליכע מופתים, און בעט זיך ביי גאט: „בי ה׳ שלח נא ביד תשלח״ — איך בעט דיר, גאט, שיק עס דורך וועמען דו ווילסט. באפריי מיך פון אזא אומדאנקבארער שליחות.

גב״ה זעהט ענדליך איין, אז משה האט רעכט: פאר דעם פאלק מוז מען האבען אנדערע מיטלען. מען מוז אנפיהרען א שטארקע אגיטאציע צו דערוועקען אין יעדען אידען דעם פרייהייטסגעפיהל. משה, וועלכער איז געווען א „כבד פה״, א שוואכער רעדנער, וועט עס ניט קאנען דורכפיהרען. זאגט גאט צו איהם: „הלא אהרן אחיך, ודבר הוא לך—אל העם״ — דו האסט דאך דיין ברודער אהרן, ער וועט פאר דיר ריידען — צום פאלק. פאר פרעה איז גוט משה אויך, כאטש ער איז א „כבד פה״; פאר׳ן פאלק אבער מוז מען האבען אן אהרן, א פאלקס־רעדנער, וועלכער זאל וועקען און באגייסטערען צו וועלען באפרייט ווערען.

די אידען הערען זיך ניט צו צו משה׳ן

וידבר משה כן אל בני ישראל, ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה״ — און משה רעדט אזוי צו די אידען, אבער זיי הערען זיך ניט צו צו איהם, צוליב קורצען געמיט און שווערער ארבייט. הרב יצחק ניסענבוים זאגט אויף דעם א פארטרעפליכען רעיון:

„אז משה האט איבערגעגעבען די אידען וואס גאט האט איהם געזאגט: „אעלה אתכם מעני מצרים אל ארץ זבת חלב ודבש״ — איך וועל אייך ארויפברענגען פון אייער ארימקייט אין מצרים צו א לאנד וואס פליסט מיט מילך און האניג, האבען די אידען פארשטאנען פון זיינע ווערטער, אז די גאולה וועט לאנג ניט נעמען. אין א גאנץ קורצער צייט וועט ער זיי באפרייען פון מצרים און זיי גלייך ברענגען אין דעם שעהנעם לאנד פון זייערע אבות. דאן האבען זיי געגלויבט די בשורה און האבען זיך גערן צוגעהערט צו אליץ, וואס משה האט זי געהאט צו זאגען.

אזוי גיך אבער ווי משה האט פאר זיי אויסגעלייגט דעם פראגראם פון דער גאולה, ווי גאט איהם האט דערקלערט, וועלכע באשטעהט פון „והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים״— צוערשט וועל איך אייך באפרייען פון דער שווערער ארבייט פאר מצרים (א פאלק, כדי צו זיין פריי, דארף ניט אפגעבען זיינע כחות פאר אנדערע); נאכהער „והצלתי אתכם מעבודתכם״— און איך וועל אייך ראטעווען פון אייער שקלאפעריי (א פאלק מוז האבען א פרייען גייסט, ניט אונטערווארפען דער השפעה פון פרעמדע); „וגאלתי אתכם בזרוע נטויה״ — איך וועל אייך אויסלייזען מיט אן אויס־געשטרעקטען ארעם (זיך צו באפרייען, מוז מען קעמפען און אויב נויטיג, ברענגען שווערע קרבנות); „ולקחתי אתכם לי לעם והייתי לכם לאלקים״ — און איך וועל אייך נעמען צו מיר פאר א פאלק, און איך וועל זיין אייער גאט; אז איהר וועט זיך אויסאיידלען און ארונטערווארפען פון זיך די „טומאות מצרים״, די אומריינליכקייט פון גלות, און וועט ווערטה זיין איך זאל ווערען אייער גאט, דאן „והבאתי אתכם אל הארץ״ — וועל איך אייך ברענגען אין דעם לאנד אריין, — אז די אידען האבען דערהערט, אז דאס איז א לאנגע פראצעדורע, וואס וועט נעמען א לאנגע צייט, און איז פאר־בונדען מיט שוועריגקייטען און אפפערווילליגקייט, האבען זיי חרטה געהאט. אזא פראגראם פאדערט געדולד און שווערע ארבייט. „ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה״ — האבען זיי מעהר ניט געהערט משה׳ן, צוליב קורצען געדולד און צוליב דער שווערער ארבייט. באפרייט צו ווערען דורך נסים איז עפעס אנדערש, אבער הארעווען פאר דער גאולה — אויף דעם האבען זיי קיין געדולד ניט. „עבודה קשה״ — שווער צו ארבייטען פאר מצרים איז מען שוין געוואוינט דערצו, אבער אוועקצוגעבען כחות פאר זייער אייגען פאלק, פאר זיין באפרייאונג — דאס איז צו־פיל בדרך־הטבע׳דיג, צו־נאטירליך פאר א פאלק וואס ווארט אויף נסים״.

---o---

ב א

די אידען ווערען באפרייט און פארלאָזען מצרים

„ויאמר ה' אל משה: בא אל פרעה" — און גאָט זאָגט צו משה'ן: קום אריין צו פרעה'ן און פרעג איהם: „עד מתי מאנת לענות מפני" — ביז ווי לאנג וועסטו בלייבען איינגעשפארט און זיך ניט אונטערגעבען מיין פארלאנג? „שלח עמי ויעבדוני" שיק ארויס מיין פאָלק און זאָלען זיי מיר דינען. זינט משה איז צום ערשטען מאָל געקומען צו פרעה'ן און איהם איבערגעגעבען דעם באפעהל פון גאָט, אז ער זאָל די אידען באפרייען און ארויס־לאָזען פון לאנד, האָט מצרים דורכגעמאכט א סך אומגליקען. א רייע עפידעמיעס, איינע גרעסער און מורא'דיגער פון דער צווייטער, האָבען אויסגעבראָכען אין משך פון א קורצער צייט. פיל מענשען זיינען אויסגעשטאָרבען; חיות, בהמות און עופות זיינען געפאלען ווי די פליגען, די פעלדער זיינען געשטאנען לער און פארטריקענט, און דאָס גאנצע לאנד איז שטארק פאראָרימט גע־וואָרען. די „עבדי פרעה", זיינע אונטערטאנען, זיינען געוואָרען פארצווייפעלט. זיי האָבען געפילט, אז דער גאָט פון די „עברים" שטראָפט זיי צוליב דעם, וואָס זייער קעניג פרעה האָט זיך איינ־גע'עקשנ'ט און וויל די אידען ניט פרייען לאָזען. זיי האָבען אָבער גאָרנישט געקאָנט טאָן. פרעה האָט רעגירט דאָס לאנד מיט אן אייזערנער האנט, און האָט בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבען דעם פארלאנג פון משה און אהרן — צו באפרייען די בני ישראל און זיי לאָזען געהן דינען זייער גאָט אין מדבר.

„פרעה הרשע עשה את עצמו אלקים" — דער שלעכטער פרעה האָט זיך באטראכט פאר א גאָט (שמו"ר ח'). ווי אלע אנדערע דעס־פאָטישע דיקטאטאָרען אין דער געשיכטע, וואָס האָבען פארכאפט די ממשלה דורך גוואלד און האָבען געהערשט מיט'ן כח פון שווערד, האָט זיך אויך פרעה איינגערעדט, אז ער באזיצט איבערמענשליכע כחות, און קאָן טאָן

וואס ער וויל. די אומבאגרעניצטע מאכט וואס ער האט אריינגעקראגען האט איהם געפירט צו דענקען, אז ער שטעהט העכער פאר אלע געטער. די אמונות און גלויבענס פון אנדערע איז ער מבטל און זוכט זיי אפצוראמען פון וועג.

פרעה'ס ראטגעבער, וועלכע האבען איהם געהאלפען פאר־כאפען די מאכט, זיינען ניט געווען פיל בעסער פאר איהם. אויך זיי האבען שטארק געהאסט די אידען, און האבען געהאלפען שווער מאכען פרעה'ס הארץ קעגען זיי. כדי דאס פאלק זאל האבען צוטרוי צו זייער פיהרער, האבען זיי געזוכט איהם איינצורעדען, אז ער באזיצט געטליכע כחות, און אז ער וועט מיט דער צייט ברענגען גליק פאר'ן לאנד. אויף זייערע קלאגען: „הטרם תדע כי אבדה מצרים?" — ווייסטו דען ניט, אז מצרים איז פארלוירען? אז דאס לאנד ווערט ארימער פון טאג צו טאג, און וועט באלד צוזאמענ־ברעכען? — האבען זיינע געבעלסעס און געריכגס איין ענטפער: „האט צוטרוי צו אייער פיהרער!" זיי האבען פראקלאמירט איבער'ן לאנד, אז דער גילוס, וואס איז איינע פון פרעה'ס שאפונגען, וועט זיך באלד אריבערגיסען איבער זיינע ברעגען, און וועט צוריקברענגען די שפע אין לאנד.

גאט שיקט משה'ן צו פרעה'ן און זאגט איהם: „אתה אמרת לי יארי, אראה אותך אם הוא שלי או שלך" — דו בארימסט זיך, אז דער טייך איז דיינער, וועל איך דיר ווייזען וועמעס ער איז, מיינער אדער דיינער (שמו"ר י'). משה'ס ווערטער אבער מאכען אויף איהם א גאנץ קליינעם רושם. פארקעהרט: ער ווערט שטארק אויפגערעגט — „ויגרש אותם" — ער טרייבט זיי ארויס, און זאגט זיי: „יהי כן ה' עמכם, כאשר אשלח אתכם ואת טפכם" — זאל אזוי גאט זיין מיט אייך, ווי איך וועל אייך ארויסשיקען מיט אייערע קינדער. אט אזוי איז תמיד דער טרויעריגער שיקזאל פון די אידען. כאטש מען האט זיי שרעקליך פיינט און מען

רודפ'ט זיי עד חרמה, אָבער ארויס־לאָזען זיי וויל מען ניט.

שפעטער־צו, אז עס הויבען זיך אָן הערען קלאַגען פון אַלע זייטען: „עד מתי יהיה זה לנו למוקש?" — ביז וואַנען וועט ער זיין פאַר אונז א שטרויכלונג? — שיקט פרעה רופען משה'ן און אהרן'ען צו זיך און באַט זיי אָן: „לכו, עבדו את ה'" — געהט זיך דינען אייער גאָט, „רק צאנכם ובקרכם יצג" — בלויז אייערע שאָף און רינדער זאָלט איהר דאָ אָפּשטעלען. איהר מיט אייערע קינדער קאָנט דאָס לאַנד פאַרלאָזען, אָבער אייער פאַרמעגען מוז דאָ פאַרבלייבען, קיין געלט קאָנט איהר פון לאַנד ניט ארויספירען... און ביז היינטיגען טאָג ווערט אָט די טאַקטיק פון פרעה'ן דורכגעפיהרט — אין דייטשלאַנד, פוילען און אין אַנדערע לענדער.

די אידען און די גאולה־באַוועגונג

לויט דער אויפפאַסונג פון אונזערע תלמוד'יסטען און בעלי אגדה, זיינען ניט אַלע אידען געווען איינפאַרשטאַנען מיט דער באַפרייאונגס־באַוועגונג, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרען פון משה און אהרן. פיל פון די רייכערע האָבען ניט געוואָלט פאַרלאָזען דאָס לאַנד, און האָבען אפילו געשטערט די ארבייט פון די פיהרער. „היו להם פטרונין והיה להם עושר וכבוד ולא היו רוצים לצאת" — צווישען זיי האָבען זיך געפונען אידישע בעאַמטע, רייכע און בכבוד'יגע לייט, וואָס האָבען ניט געוואָלט ארויסגעהן. גאָט האָט זיי אָבער באַשטראָפט, און זיי זיינען אַלע אויסגעשטאָרבען אין דער צייט פון דער גרויסער פינסטערניש, וואָס האָט אָנגעהאַלטען גאַנצע דריי טעג (שמו"ר י"ג).

אויף די פסוקים „ויהי חושך אפלה בכל ארץ מצרים, ולכל בני ישראל היה אור במושבותם" — און עס איז געווען אַ שטאַרקע פינסטערניש אין גאַנצען לאַנד מצרים, אָבער ביי די אידען איז געווען ליכטיג אין זייערע וואוינונגען — דערקלערען די חז"ל, אז די אידישע ליכטיגקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס „ובחושך

קברו את מתיהם ולא היו רואים אותם שונאיהם" — אין דער פינסטער האָבען די אידען באַגראָבען זייערע טויטע און זיינען ניט באַמערקט געוואָרען פון זייערע פיינט. אז די מצריים וואָלטען געזעהן, אז די אידען זיינען מקבר פיל טויטע, וואָלטען זיי געדענקט, אז אויך זיי ליידען פון די עפּידעמיעס, און דאָס וואָלט פאַרשפּעטיגט די גאולה (שמו"ר י"ג).

מאַנכע פון די אידישע פיהרער אין מצרים, וועלכע זיינען אין אָנפאַנג צוגעשטאַנען צו משה און אהרן און זיי פאַרשפּראָכען צו העלפען, האָבען זיי נאָכדעם פאַרלאָזען. דער מדרש פרעגט: „היכן הלכו הזקנים?" — וואו זיינען אהינגעקומען די עלטערע, די פיהרער, וואָס האָבען לכתחילה איינגעוויליגט מיטצוגעהן מיט משה'ן צו פרעה'ן ? „אמרו רבותינו: היו מגנבין את עצמן ונשמטין אחד אחד והלכו להם" — אונזערע געלערענטע דער־קלערען, אז די פיהרערס האָבען זיך ארויסגע'גנב'עט און ארויס־גערוקט איינציגווייז, און זיינען אוועק (שמו"ר ה'). אזוי איז שוין ב"ה תמיד. מאַנכע פון די זקנים, די פאַרנעמע באַלעבאַטים, פאַרשפּרעכען פיעל און טוען גאָרנישט. זיי לאָזען אַנדערע טאָן די ארבייט, און אליין שטעהט מען פונדערווייטענס. זעהט איהר, ווען עס קומען אָן שוועריגקייטען, איז מען די ערשטע צו קריטי־קירען משה און אהרן, און זיי באַשולדיגען: „הבאשתם את ריחנו בעיני פרעה ובעיני עבדיו לתת חרב בידם להרגנו" — איהר האָט פאַר'מאיאוס'ט אונזער געשמאַק אין די אויגען פון פרעה'ן און אין די אויגען פון זיינע קנעכט, צו געבען אַ שווערד אין זייער האַנט אונז צו דער'הרג'ענען.

די גרויסע אידישע מאַסען, כאָטש זיי האָבען מיט'ן גאַנצען הארצען געהאָפט, אַז די אונטערנעמונג זאָל ענדליך געקרוינט ווערען מיט דערפאָלג, האָבען אָבער אליין ניט פיעל צוגעטראָגען צו דער ארבייט. „כל ישראל כולן נתעסקו בביזה" — אַלע אידען זיינען

געווען פארנומען מיט אריינכאפען וואס זיי האבען נאר געקאנט פון די מצריים (סוטה י"ג). ווען דער גרויסער ציוניסטישער פיהרער, נחום סאקאלאוו, ע"ה, איז דא געווען, האט ער זיך אויסגעדריקט, „אז די גמרא האט אויך געמיינט די אידען פון אמעריקא, וועלכע זיינען צו „ביזי" אנטייל צו נעמען אין דער באפרייאונגס־ארבייט". משה'ס ארבייט ווערט ענדליך אנערקענט. „האיש משה גדול מאד בארץ מצרים, בעיני עבדי פרעה, ובעיני העם" — משה ווערט זעהר גרויס אין מצרים, אין די אויגען פון פרעה'ס קנעכט און אין די אויגען פון דעם פאלק.

משה דערקלערט די באדייטונג פון דער גאולה

משה זאגט צו די אידען: „החודש הזה לכם, אין לכם חודש אחר גדול מזה" — דער דאזיגער מאנאט איז אייערער, איהר האט ניט קיין גרעסערען מאנאט פאר דעם (שמו"ר י"ט). אלע חדשים וואס די אידען האבען געלעבט אין מצרים זיינען ניט געווען זייערע. זיי האבען געמוזט צעהלען די טעג נאך דער צייט־רעכענונג פון די מצריים. דער שיין פון דער לבנה האט ניט באלאנגט צו זיי. איבער פרעמדע ערד הענגען פרעמדע הימלען. „כל זמן שאורו של עשו מבהיק, אין אורו של יעקב מתפרסם" — כל זמן דאס ליכט פון עשו'ן שיינט אין זיין פולען גלאנץ, איז דאס ליכט פון יעקב'ן ניט באוואוסט (ילקוט שמעוני, בא). א פאלק, וואס לעבט אין גלות, לעבט אין דער פינסטער. יחידים, איינצעלנע מענשען, קאנען דא און דארט אמאל זיין גליקליך, אבער ניט דאס גאנצע פאלק. „אין היחיד מקדש את החודש" — א יחיד קאן ניט באשטימען דעם אנפאנג פון זיין פאלק'ס מאנאט (ר"ה כ"ה). דער געבורט פון א פאלק'ס לבנה קאן ניט אויסגערעכענט ווערען פון יחידים, פון איינצעלנע מענשען, אדער גרופען. „החודש הזה לכם" — דער חודש מוז זיין אייער אלעמענס.

ער זאָגט זיי אויך אָן, אַז זיי זאָלען ברענגען אַ קרבן פסח, וועלכען זיי מוזען עסען צוזאמען, ניט אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע. גאַנצע פאַמיליעס מוזען זיך פאַרזאַמלען און אַנטייל נעמען אין דעם קרבן פסח. „אל תאכלו ממנו נא" — איהר זאָלט איהם ניט עסען האלב־געבראָטען. אַ פאָלק'ס קרבן, אויב ער איז בלויז האלב פאַרטיג און ניט פאַרגעברייטעט געוואָרען ווי עס דאַרף צו זיין, איז ער ניט מכפר אויף דעם גאַנצען פאָלק. ער טאָר אויך ניט זיין „בשל מבושל במים" — געקאָכט אין וואסער. אַ פאָלק'ס קרבן מוז געבראכט ווערען אָריגינעל און ניט געמישט מיט אַנדערע שטאָפען. ער מוז זיין „צלי אש" — געבראָטען אויפ'ן פייער, גאַנץ ווי ער איז; דאַן ערשט אַנטהאלט ער זיין אייגענעם געשמאַק (שמו"ר י"ח). כל בן נכר לא יאכל בו" — אַ פרעמדער טאָר פון איהם ניט עסען. אויב איינער פיהלט זיך פרעמד צו זיין פאָלק און איז ניט איינפאַרשטאַנען מיט זיינע אידייען און איבערצייגונגען, זאָל ער ניט אַנטייל נעמען אינ'ם קרבן פסח. ער קאָן נאָך אַריינברענגען נייע שטרע־מונגען, וואָס זאָלען שטערען די אַנטוויקלונג פון דעם פאָלק, לויט זיין כאַראַקטער און טראַדיציעס.

„ככה תאכלו אותו" — אַזוי זאָלט איהר אימער עסען, אייער באפרייאונגס־קרבן. „פסח לדורות" — אין יעדען דור, צו יעדער צייט, ווען איהר וועט זיך פאַראייניגען צו אַרבייטען פאַר אייער גאולה, פאַר דעם בנין האומה. אויב דער קרבן פסח ווערט געבראַכט פון דעם גאַנצען פאָלק און איז צוגע־גרייט געוואָרען לויט די פאַרשריפטען און געזעצען פון דעם פאָלק, איז ער „דוחה את הטומאה" — שטויסט ער פון זיך אָפּ אַלע אומריינקייטען (פסחים צ"ו).

„ושמרתם את המצות״ — היט די מצות, לאזט זיי ניט איינזייערען. „כחרך שאין מחמיצין את המצה, כך אין מחמיצין את המצוה״ — אזוי ווי מען טאר ניט לאזען זויער ווערען דאס טייג פון די מצות, אזוי טאר מען אויך ניט לאזען זויער ווערען די מצוות. „אם באה מצוה לידך, עשה אותה מיד״ — אויב ס'קומט דיר א מצוה צו דער האנט, טו איהר גלייך. פיל גרויסע מאמענטען אין דעם אידישען לעבען זיינען פארפאלען געגאנגען, ווייל מען האט פארשפעטיגט די צייט, מען האט געלאזט די געלעגענהייטען זויער ווערען, אלט ווערען, און פון זיי האט זיך גארנישט אויסגעלאזט. צו ווערען פריי, מוז זיין „ושמרתם את המצות״ — ניט פאר־פעהלען די געלעגענהייט.

———o———

בשלח

די אידען פארלאזען מצרים און וואנדערען דורך דעם מדבר

ויהי בשלח — „כל מקום שנאמר ויהי אינו אלא לשון צער" — אין יעדען אָרט, וואו עס ווערט געזאָגט מיט'ן לשון „ויהי", איז עס אַן אויסדרוק פון וועהטאָג (מגילה י'). און דער צער, דער פארדרוס איז באשטאנען אין דעם, וואס דאָס אַלץ האָט געמוזט געטאָן ווערען דורך צוואנג. אַלע, סיי פרעה, סיי די אידען, זיינען געצוואונגען געוואָרען צו דעם.

ויהי בשלח — „אמר הקב"ה: ווי ששלח פרעה את העם" — גאָט האָט געזאָגט: ליידער איז פרעה געווען געצוואונגען דאָס פאָלק ארויסצושיקען (ילקוט שמעוני). נאָך אַלע צרות, וואָס די אידען האבען זיך אָנגעליטען אין מצרים, איז זיי דאָס לאַנד געווען איינגעבאקען אין זייער הארצען, און האָבען עס ניט געוואָלט פארלאָזען. אויף דעם פסוק „וחמושים עלו בני ישראל" זאָגט דער „מדרש תנחומא", אז דאָס וואָרט „חמושים" מיינט ניט באוואָפענט, ווי מיר טייטשען עס, נאָר „אחד מחמשה, ויש אומרים אחד מחמישים" — בלויז איינער פון פינף, און מאנכע זאָגען אפילו, אז איינער פון פופציג, איז צוגעשטאנען צו דער באפרייאונגס־באוועגונג. „ואימתי מתו? בימי האפילה" — און ווען זיינען זיי פארשוואונדען? אין די טעג פון פינסטערניש. זיי זיינען אונטער־געגאנגען צוליב זייער אומוויסענקייט און קורצען פארשטאנד, וואָס האָט פארבלענדט זייערע אויגען — ניט צו זעהן די צוקונפט פון אַ פאָלק, וואָס לעבט אין גלות. אזעלכע, ווי געוועהנליך, ווערען פאר־כאפט אין דער נעץ פון פינסטערניש, וואָס דער פרעמדער פאטרי־אָטיזם און די שקלאפען־טרייקייט פארשפרייטען פאַר זיי.

„ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים, כי קרוב הוא" — און גאָט האָט זיי נישט געפירט אויפ'ן וועג דורכ'ן לאַנד פון די

פלישתים, ווארים ער איז געווען צו נאהענט. א פאלק, וואס פאר־שטעהט נישט אפצושאצען דעם ווערטה פון פרייהייט און זעלבסט־שטענדיגקייט, קאן זיין ציל ניט גרייכען אזוי גרינג. עס מוז זיך ארומוואלגערען יאהרען־לאנג אין א מדבר פון פוסטען לעבען און אינהאלטסלאזע דערגרייכונגען, ביז ער דערשלאגט זיך צו דעם ארט, וואס ס'איז פאר איהם באשטימט געווארען פון זיין גאט. „זכו עם ענני שמיא" — איז א פאלק ווערטה, קומט זיין גאולה לייכט, מיט די וואלקענס פון די הימלען. „לא זכו, עני רוכב על החמור" — איז אבער א פאלק ניט ווערטה, איז זיין משיח אן ארימאן, װעלכער רייט אויף אן א י י ז ע ל, ו ו א ס ק א ן ש נ ע ל נ י ט ג ע ה ן, א ו ן ש ל ע פ ט ז י ך א ל א נ ג ע צ י י ט. (סנהדרין צ"ח).

וואס פאר א וואונדערבארער כאראקטער־שטריך פון דעם אידישען פאלק ווערט אונז איבערגעגעבען אין די פאלגענדע צוויי פסוקים אין דער תורה: איידער די גאולה־באוועגונג האט זיך אנגעפאנגען, האט פרעה געזוכט מיטלען ווי די אידען אונטערצו־דריקען, ווייל ער האט מורא געהאט: „פן ירבה ונלחם בנו ועלה מן הארץ" — טאמער ווערען זיי גרויס און וועלען קעמפען קעגען אונז, און פארלאזען דאס לאנד. נאכדעם, אז די גאולה איז שוין געקומען, האט גאט מורא זיי צו פיהרען אויף א נאהענטען וועג: „פן ינחם העם בראותם מלחמה ושבו מצרימה" — טאמער וועט דאס פאלק חרטה האבען, ווען ס'וועט דערזעהן א קאמף, און וועט זיך צוריקקערען קיין מצרים. פ ר ע ה פ א ר ש ט ע ה ט, א ז א י ד ע ן ד א ר פ ע ן ק ע מ פ ע ן פ א ר ז י י ע ר פ ר י י ־ ה י י ט. ג א ט א ב ע ר ו ו י י ס ט, א ז ז י י װ ע ל ע ן א נ ט ל ו י פ ע ן פ ו ן א ז א ק א מ ף.

און משה ווערט טאקע פון זיי אויסגעריסען אין מדבר. ביי יעדער שוועריגקייט באפאלען זיי איהם און האבען צו איהם טענות, פארוואס ער האט זיי ארויסגענומען פון מצרים. אז זיי זעהען פרעה מיט זיינע חילות יאגען זיך נאך זיי, שרייען זיי אויף משה'ן: „מה זאת עשית לנו להוציאנו ממצרים?" — וואס האסטו אזוינס געטאן צו אונז, ארויסצופיהרען אונז פון מצרים? פעהלט זיי

וואסער אין מדבר, איז „וילנו העם על משה" — קריגט מען זיך מיט משה'ן. פעהלט זיי עסען, איז „ויצעק העם אל משה" — שרייט מען אויף משה'ן. ביי יעדער געלעגענהייט באקלאגען זיי די גוטע צייטען, וואס זיי האבען געהאט אין מצרים, „בשבתנו על סיר הבשר, באכלנו לחם לשבע" — אז מיר זיינען געזעסען ביים טאפ פלייש און געגעסען ברויט צו זאט. ליידען פאר פרייהייט האבען זיי ניט געוואלט. זיי האבען געהאלטען אין איין פאדערען נסים, איבער־נאטירליכעס. און אויך דאס איז ניט געווען אנ־געלייגט.

ווי ריכטיג איז די באמערקונג פון רבי שמואל מאהליווער, זצ"ל, אויף דעם פסוק „וישב הים לפנות בוקר לאיתנו" — און דער ים האט זיך צוריקגעקערט קעגען פרימארגען צו זיין שטאר־קייט. ער זאגט: „פארוואס האט זיך דער ים אזוי מקדים געווען זיך אומצוקערען צו זיין פריערדיגען צושטאנד? וויל טראץ אלע נסים וואס מען האט די אידען געוויזען, איז מען נאך אלץ מיט זיי ניט זיכער געווען, אז זיי וועלען זיך ניט אומקערען קיין מצרים. דעריבער—ווי נאר עס איז געווארען ליכטיג, האט זיך דער ים שנעל צוריקגעקערט „לאיתנו"—צו זיין שטארקייט, כדי אפצו־שניידען זיי דעם וועג".

וואס עס האט געטראפען ביי קריעת ים סוף

משה פיהרט די אידען אויפ'ן וועג צום מדבר, און קומט צום ים סוף. „וישאו בני ישראל את עיניהם, והנה מצרים נוסעים אחריהם, וייראו מאד" — און די אידען האבען אויפגעהויבען זייערע אויגען און האבען באמערקט ווי די מצרים יאגען זיך נאך זיי, האבען זיי זיך שטארק דערשראקען. זיי לויפען צו משה'ן און שרייען: „המבלי אין קברים במצרים לקחתנו למות במדבר?" — זיינען דען ניטא קיין קברים אין מצרים, וואס דו האסט אונז גענומען צו שטארבען אין מדבר? משה טוט תפילה צו גאט, אבער גאט ענטפערט איהם: „מה תצעק אלי? דבר אל העם ויסעו!" — וואס שרייסטו צו מיר? רעד צום פאלק, און זאלען זיי געהן ווייטער! אז א פאלק זוכט פריי צו ווערען, דארף איהם

קיין זאך נישט שטעהן אין וועג. מ׳דארף באקעמפען יעדע שטער־רונג און יעדע שוועריגקייט. מיט תפילות אליין קאן מען ווייניג אויפטאהן.

מיר נעמען דא ארויס פון דער גמרא (סוטה ל״ו) א שעהן בילדעל פון דעם, וואס ס׳האט, לויט זייער אויפפאסונג, פאסירט ביים ים סוף. אין זייערע ווערטער ליגט א טיפזיניגער געדאנק, וואס פאסט זיך זעהר צו די היינטיגע אומשטענדען, אין וועלכע אונזער פאלק געפינט זיך. „בשעה שהיו ישראל עומדים על הים״ — ווען די אידען זיינען געשטאנען ביים ים, „היו שבטים מנצחים זה עם זה״ — האבען זיך די שבטים געשפארט איינער מיט׳ן אנדערען. „זה אומר אני יורד תחילה, וזה אומר אני יורד תחילה״ — דער זאגט: איך וועל ארונטערגעהן צוערשט, און דער זאגט: איך וועל ארונטערגעהן צוערשט. „ר׳ יהודה אומר לא כך היה מעשה״ — ר׳ יהודה אבער זאגט, אז ניט אזוי איז געווען די מעשה, „אלא זה אומר אין אני יורד תחילה, וזה אומר אין אני יורד תחילה״ דער זאגט, אז ער וועט נישט געהן צוערשט, און דער זאגט, אז ער וועט נישט געהן צוערשט. „קפץ שבט בנימין וירד לים תחילה״ — דערווייל איז דער שבט בנימין אריינגע־שפרונגען צוערשט אין ים אריין. „והיו שרי יהודה רוגמים אותם״ האבען זיי די הארען פון יהודה פארווארפען מיט שטיינער.

אזוי איז שוין, ב״ה, תמיד. די שרי יהודה — די רייכע יאהודים — אדער זיי שטעהען פון דערווייטענס און ווילען ניט קיין אנטייל נעמען אין דער באפרייאונגס־ארבייט, אדער זיי ווארטען אויף כבוד, און ווילען דוקא זיין די פיהרער, די דעה־זאגערס. און אויב דער יונגער שבט בנימין, וועלכער איז באגייסטערט פאר דער גאולה, ווארט ניט אויף זיי, שפרינגט דערווייל אין ים אריין און קעמפט מיט זיינע ברויזענדיגע כוואליעס, פארווארפען זיי די שרי יהודה מיט שטיינער, און קריטיקירען זייער יעדען שריט. די גמרא דוקא לויבט אונזער יוגענט און זאגט: „כשנגלה הקב״ה על הים, הם הכירוהו תחילה״ — ווען גאט האט זיך באוויזען אויפ׳ן ים, האבען זיי איהם פריהער דערקענט (סוטה י״א). די חלוצים, די פיאנערען פון א פאלק זיינען די ערשטע צו דערקענען

דעם געטליכען אידעאל פון „תחית האומה“, און זיינען גרייט צו קעמפען פאר איהם.

די שרי יהודה באקלאגען זיך, אז די יוגענט איז צו ראדיקאל, צופיל לינק. זאגט אויף דעם דער מדרש: „ימינך ה׳ נאדרי בכח, ימינך ה׳ תרעץ אויב“ — דיין רעכטע האנט, גאט, איז באשיינט מיט כח, דיין רעכטע האנט, גאט, וועט צעברעכען דעם פיינט. „למה שתי פעמים?“ — פארוואס ווערט איבערגע׳חזר׳ט דאס ווארט „ימינך“ צוויי מאל? „כשישראל עושין רצונו של מקום עושין שמאל ימין, וכשאין עושין רצונו עושין ימין שמאל“ — אז אידען טוען דעם רצון פון גאט, מאכען זיי די לינקע פאר רעכטע, אבער אז זיי טוען ניט זיין רצון, מאכען זיי די רעכטע פאר לינקע (מדרש תנחומא). וואלטען די שרי יהודה פון אנפאנג אן צוגעשטאנען צו דער באַ־וועגונג, וואלטען זיי געווען די איבער־וועגענדיגע מעהרהייט, און מיט זייער השפעה באהערשט די לינקע. זיינען זיי אבער געשטאנען פונדערווייטענס, האבען דערווייל די לינקע געקראגען די אויבערהאנט.

מן וואס די אידען האבען געגעסען אין מדבר

די פערציג יאהר וואס די אידען האבען געוואנדערט אין מדבר, האבען זיי זיך געשפייזט פון דעם מן, וואס איז זיי ארונטער־גענידערט פון די הימלען. דאס אידישע פאלק איז דאס איינציגע, וואס האט באוויזען דעם גרויסען וואונדער צו קאנען עקזיסטירען טויזענטער יאהרען אהן א נאציאנאלען באדען. מיט דעם קבלת התורה ביים בארג סיני האבען די אידען שותפות געמאכט צווישען דעם הימעל און דער ערד, זיי זאלען ביידע גלייך ביישטייערען צו זייער עקזיס־טענץ. זיינען זיי געווען אין זייער אייגען לאנד, האבען זיי געלעבט פון דער ערד. האט זיי דער שיקזאל פארטריבען אין פרעמדע לענדער, וואו די ערד איז פאר זיי געווען א מדבר, האבען זיי געצויגען זייער הויפט־חיונה פון די הימלען. „ויאמר ה׳ אל משה הנני ממטיר לכם לחם מן השמים“ — און גאט זאגט צו

משה'ן: איך וועל פאר אייך רעגנענען ברויט פון די הימלען. אין דעם ליגט טאקע דער כח פון דעם אידישען פאלק. קאן עס ניט גענוסען „משמני הארץ״ — פון דער פעטקייט פון דער ערד, לעבט עס „מטל השמים״ — פון דעם טוי פון זיינע הימלען.

„וחם השמש ונמס — כיון שהחמה זורחת על המן היה פושר והולך, ואחר כך באין האומות וצדין מהם ואוכלים אותם״ — ווי די זון הויבט אן צו שיינען אויף דעם מן, ווערט ער צערונען; נאכדעם קומען די פעלקער, כאפען איהם צו און עסען איהם אויף (מכילתא). וואס פאר א וואונדערבארער געדאנק דא ווערט אויס־געדריקט! אידישע חיונה אין א מדבר קאן ניט פארטראגען צופיל זון־שיין. קוים הויבען די אידען אן זיך אפצוגעבען צופיל מיט דעם „וחם השמש״, מיט זייערע מאטעריעלע אינטערעסען, און פארנאכלעסיגען זייערע גייסטיגע אוצרות, דאן קומט א צייט פון „ונמס״, ווען זייער רייכ־טום, וואס זיי האבען אזויפיל געשעצט, ווערט צערונען. זייער אייגענס ווערט פארכאפט פון די פעלקער, וואו זיי וואוינען, און זיי שטעלט זיך גאנץ ווייניג אפ פון זייער פארמעגען.

און גאט זאגט צו משה'ן: „קח צנצנת אחת ותן שמה מלא העמר מן, למשמרת לדורותיכם״ — נעם א גלאז און לייג אהין אריין א פול מעסטעל פון דעם מן, אלס אן אנדענק פאר אייערע קומענדיגע דורות. „זה אחד משלשה דברים שעתיד אליהו להעמיד להן לישראל״ — דאס איז איינע פון דריי זאכען, וואס אליהו הנביא וועט צושטעלען די אידען. „אבותיכם שעסקו בתורה, ראו מהיכן נתפרנסו״ — אייערע עלטערען וואס האבען זיך עוסק געווען מיט דער תורה, — זעהט, פון וואנען זיי האבען זיך געשפייזט (מדרש תנחומא).

און אליהו טוט טאקע זיין אויפגאבע בשלימות. וואו אידען פארוואדפען די תורה צוליב עשירות, ווייזט ער זיי דאס גלעזערנע מן, אלס א ווארנונג וואס פון זייער רייכטום קאן ווערען...

———o———

יתרו

קבלת התורה — די גרעסטע היסטאָרישע פּאסירונג

„וישמע יתרו" — און יתרו, משה'ס שווער, האָט געהערט פון די גרויסע נסים, וואָס גאָט האָט געטאָן מיט זיין אײדעם משה און זיין פאָלק ישראל, און באַשליסט אָפּצושטאַטען אַ וויזיט. ער נעמט זיין טאָכטער צפּורה, משה'ס פרוי, און איהרע צוויי קינדער, גרשם און אליעזר, און לאָזט זיך גיהן נאָכ'ן מדבר, וואו די אידען האָבען גערוט אַרום דעם „הר אלקים", גאָט'ס באַרג, דעם „הר סיני". בלויז דריי חדשים זיינען פאַראיבער זינט די אידען האָבען פאַרלאָזען מצרים, אָבער דאָס זיינען געווען די גרעסטע דריי חדשים. וואָס אַ פאָלק האָט ווען איבערגעלעבט, — חדשים פון וואונדערליכע געשעהענישען, איינע גרעסער פאַר דער צווייטער. קאָנטיג, אַז גָב"ה האָט געענדערט די גאַנצע טבע, כדי צו פאַרידענצושטעלען זיין פאָלק ישראל, — אַזעלכע געשעהענישען ווי יציאת מצרים, קריעת ים־סוף, מן, דער זיג איבער עמלק, זיינען איבערנאַטירליכע פאַסירונגען, און אין אַזאַ קורצער צייט.

„ויחד יתרו", און יתרו האָט זיך געפרעהט. לויט דער טראַדיציע איז יתרו געווען איינער פון פרעה'ס יועצים. ווען עס איז פאָרגעקומען די פראַגע פון „הבה נתחכמה", צו קליגען זיך קעגען די אידען און באַגרעניצען זייערע רעכט, האָט זיך יתרו קעגענגעשטעלט דעם גאַנצען פּלאַן. זיין פאָרשלאַג איז געווען, צו געבען דוקא די אידען אַלע פריהייטען און צו מאַכען זיי דערמיט פאַר געטרייע און איבערגעבענע בירגער. ווען זיין פאָרשלאַג איז דורכגעפאַלען האָט ער פאַרלאָזט מצרים און איז אַוועק נאָך מדין, וואו ער איז געוואָרען אַ „כהן", אַ פּריסטער (סוטה י"א). איצט, אַז ער האָט געהערט פון דעם גרויסען דערפאָלג, וואָס די אידען האָבען

געהאַט, האָט ער זיך געפּרעהט. איהם האָט אָבער פאַרדראָסען די גרויסע מפּלות, וואָס זיין אַמאָליג לאַנד מצרים האָט געליטען. „נעשה בשרו חדודין חדודין", אַ ציטער איז אריבער זיין גאַנצען לייב, ווייל „גיורא עד עשרה דרי לא תבזי ארמאה קמי'", — פאַר אַ גר טאָר מען ביז צען דורות ניט באַליידיגען אַ גוי אין זיין געגענוואַרט (סנהדרין צ"ד).

גאָט האָט די אידען זעהר ליב, ביי איהם זיינען זיי טייערער פאַר זיינע אייגענע מלאכים. „כשעלו ישראל מן הים באו מלאכי השרת לומר שירה, אמר הקב"ה הניחו ישראל תחילה", — אַז די אידען זיינען אריבער דעם ים, האָבען די מלאכי־השרת געוואָלט זאָגען שירה פאַר איהם, אָבער גאָט זאָגט זיי, לאָזט פריהער די אידען (שמות רבה כ"ו). פאַר איהם איז פיל ליבער די שירים ותשבחות פון זיין פאָלק אויף דער ערד ווי פון זיינע מלאכים אין הימעל.

ער הייסט זיינע מלאכים, זיי זאָלען בעסער ארונטערגעהן אויף דער ערד און אויסהיילען אַלע אידען פון זייערע קראַנקהייטען. „כשיצאו ישראל ממצרים היו בהן בעלי מומין מעבודת פרך", אַז די אידען זיינען ארויס פון מצרים האָבען זיך צווישען זיי געפונען אַ סך קאַליקעס און אָפּגעשוואַכטע פון דער שווערער ארבייט. „אמר הקב"ה אינו דין שאתן תורה לבעלי־מומין", גאָט זאָגט, עס פּאַסט ניט, אַז איך זאָל געבען די תורה צו מענשען מיט פעלערען. „רמז למלאכי השרת וירדו ורפאו אותן", האָט ער אָנגעוואונקען צו די מלאכים און זיי זיינען ארונטערגעגאַנגען און האָבען אויסגעהיילט אַלע אידען פון זייערע קראַנקהייטען (מדרש תנחומא). מקבל צו זיין אַ תורה מוז אַ פאָלק זיין גייסטיג און קערפּערליך שטאַרק. קריפּעלס, אין גוף אָדער נשמה, קאָנען לאָגיש ניט מראַכטען און זיינען ניט פעהיג צו באַגרייפען טיפזיניגע מיינונגען און געדאַנקען. „בעלי מומין" זיינען געוויינליך פאַרביטערט קעגען גאָט און קעגען דער געזעלשאַפט און זיינען ניט אין שטאַנד צו פאַר שטעהן ריכטיג די משפּטים און געזעצען פון צדק און יושר.

די אידען קומען צום באַרג סיני

„ויבאו מדבר סיני, ויחן שם ישראל נגד ההר" — די אידען זיינען אָנגעקומען אין דער וויסטעניש פון סיני, און האָבען דאָרטען גערוהט אנטקעגען דעם באַרג. זיי זיינען געווען קערפּערליך פאַר־מאַטערט פון דער שווערער רייזע און אויך גייסטיג צעטומעלט פון די איבערראַשענדיגע געשעהענישען וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט. זייער גרויסער פיהרער משה האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלען זיך גוט אויסרוהען און צו זיך קומען, איידער זיי געהען מקבל זיין די תורה. די עטישע געזעצען און אידעאַלע פּרינציפּען, וועלכע ער געהט זיי באַלד ערקלערען, פאָדערען אַ קלאָרען מח און אַ פולען באַוואוסטזיין. ער אַליין אָבער רוהט ניט. „ומשה עלה אל האלקים" — משה געהט אַרויף צו גאָט. ער וויל פון איהם דערגעהן, אויב ער באַטראַכט די אידען פאַר ראוי איצט צו נעהמען די תורה, און וואָסערע הכנות עס מוזען געמאַכט ווערען פאַר דעם גרויסען מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענש־הייט.

משה אָבער מוז אויך קעמפען אויפ'ן הימעל אַזוי גוט ווי אויף דער ערד. קיין זאַך קומט איהם ניט אָן גרינג. פון דעם מאָמענט, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען די געטליכע אויפגאַבע צו באַפרייען די אידען און זיי מאַכען פאַר אַ פאָלק, האָט ער גע־האַט אויסצושטעהן איין שווערקייט גרעסער פאַר דער צווייטער. ער האָט געמוזט קעמפען מיט פּרעה'ן, ער זאָל די אידען אַרויס־לאָזען פון מצרים; ער האָט אויך געמוזט קעמפען מיט די אידען, זיי זאָלען וועלען אַרויסגעהן. און איצט, אַז ער קומט נעהמען די תורה, מוז ער קעמפען מיט די מלאכים, וועלכע ווילען ניט דער־לאָזען, אַז די תורה זאָל געגעבען ווערען צו די מענשען אויף דער ערד.

„בשעה שעלה משה למרום לקבל את התורה" — ווען משה איז אַרויף אויפ'ן הימעל צו נעהמען די תורה — „אמרו מלאכי השרת, רבש"ע, חמדה גנוזה שיש לך אתה מבקש ליתנה לבשר ודם"

— האבען די מלאכים גע'טענה'ט: רבונו של עולם, אזא טייערען אוצר וואס דו האסט ווילסטו איבערגעבען צו מענשען פון פלייש און בלוט. „אמר לו הקב"ה למשה, החזר להם תשובה" — זאגט גאט צו משה'ן, גיב זיי אן ענטפער. „אמר להם, כלום למצרים ירדתם, לפרעה השתעבדתם, תורה למה תהא לכם?" — משה ענטפערט זיי, האט איהר דען ארונטערגענידערט אין מצרים, האט איהר דען געדינט פרעה'ן, וואס קאן די תורה פאר אייך טאן? (שבת פ"ח).

משה וויסט, אז גאט האט לכתחילה די תורה געשאפען פאר דעם מענשען. זיין ציל איז צו פאראייניגען די ערד מיט'ן הימעל, אויסצואיידעלען די כאראקטערען פון די מענשען, אז זיי זאלען ווערען ריין פון זינד אזוי ווי די מלאכים. זי איז ניט געשאפען געווארען פאר די העכערע שיכטען פון דער בריאה, פאר די וואס זיינען ריין פון פעהלערען און האבען ווענניג וואס צו לערנען. די תורה צילט אויסצובעסערען די, וואס זיינען ניט גוט גענוג. גאט וויל, אז די וועלט וואס ער האט באשאפען זאל זיין אן אמת'ע היים פאר די וואס געפינען זיך אין איהר. די תורה איז דער הויפט־תכלית פון דער גאנצער בריאה, פון גאט'ס אלע שאפונגען.

א תנאי האט גאט אויסגענומען מיט אלע זיינע שאפונגען אין די ערשטע טעג פון דער בריאה, און האט צו זיי געזאגט: אויב די אידען וועלען מקבל זיין די תורה וועט איהר עקזיסטירען; אויב ניט, וועל איך אייך אומקעהרען צו אייער ערשטער וויסטקייט (שבת פ"ה).

די אידען, וועלכע האבען יאהרען־לאנג געדינט אין מצרים און זיך געוויקעט אין „מ"ט שערי טומאה", פאר זיי איז די תורה געמיינט געווארען. צווישען זיי האט זי א ברייט פעלד זיך אויסצושפרייטען און משפיע צו זיין אויף זייער לעבען, אזוי גוט ווי אויף די לעבענס פון אלע, מיט וועמען זיי קומען אין באריהרונג. „מדד הקב"ה כל האומות ולא מצא אומה שהיתה ראויה לקבל את התורה אלא ישראל" — גאט האט געמאסטען אלע פעלקער און האט ניט געפונען א מעהר פאסענדע אומה צו נעהמען די

תורה, ווי די אידען (ויקרא רבה י"ג). און די מלאכים זעהען איין, אז משה האט רעכט, און זיי שטימען צו, אז ער זאל קריגען די תורה.

ווארום האט גאט אויסגעקליבען דעם בארג סיני ?

ווען גאט האט באשלאסען צו געבען די תורה צו די אידען אויף'ן בארג סיני זיינען געקומען פיעל גרויסע בערג און געפאדערט פון איהם, אז די תורה זאל געגעבען ווערען אויף זיי. איבערהויפט האבען דער בארג „כרמל" און דער בארג „תבור" גע'טענה'ט, אז זיי קומט דער כבוד, ווייל זיי זיינען העכער און שעהנער פון דעם בארג סיני. גאט אבער זאגט זיי: „כולכם בעלי מומין אתם אצל הר סיני" — איהר זייט אלע פעהלערהאפט אין פארגלייך צום בארג סיני. א י י ע ר ג ר ו י ס ק י י ט א ו ן א י י ע ר ש ט א ל ץ א י ז א י י ע ר ח ס ר ו ן, ווייל „האי מאן דיהיר בעל מום הוא" — ד ע ר ו ו א ס ה א ל ט ז י ך ג ר ו י ס א י ז א ק א ל י ק ע (מגילה כ"ט).

די תורה געפינט זיך ניט ביי די בעלי גאוה, זי ליבט דוקא דעם „נכה רוח", דעם באשיידענעם, דעם ענו. „מי שאין לו בושת פנים בידוע שלא עמדו אבותיו על הר סיני" — דער וואס האט קיין שאנד ניט, איז עס באשטימט, אז זיינע עלטערען זיינען ניט געשטאנען ביים בארג סיני (נדרים כ'). גאוה, בלאזען פון זיך און זיין א רודף אחר הכבוד איז א שלעכטע מידה, און די וואס זיינען מקבל די תורה דארפען זיין ריין פון אלע ניט גוטע מידות. „ישראל שעמדו על הר סיני פסקה זוהמתן" — די אידען, וואס זיינען געשטאנען ביים בארג סיני, זיינען פון זיי פארשוואונדען אלע אומריינליכקייטען.

ווען משה איז ארונטער פון הימעל און האט אנגעזאגט די אידען, אז אין עטליכע טעג ארום וועלען זיי באקומען די תורה, ווייל גאט האט זיי אויסגעקליבען פאר זיין „עם סגולה", פאר זיין אויסדערוועהלטען פאלק, האבען זיי אלע מיט איין קול געענטפערט „נעשה ונשמע" — מיר וועלען טאן און פאלגען. פאר דער צייט וואס זיי האבען גערוהט ארום דעם בארג סיני האבען זיי געהאט גענוג צייט זיך צו באדענקען און איבערטראכטען וועגען די גרויסע

נסים, וואס מיט זיי איז געשעהן, און זיי זיינען געווארען שטארק באגייסטערט פאר גאט און זיין קנעכט משה. גאט איז געווען העכסט צופרידען מיט זייער ענטפער און האט זיי דערפאר שטארק באלוינט.

בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע, באו ששים רבוא מלאכי השרת וקשרו שני כתרים לכל אחד ואחד מישראל, אחד משום נעשה ואחד משום נשמע" — ווען די אידען האבען מקדים געווען „נעשה" פאר „נשמע", זיינען ארונטערגעקומען זעקס הונ־דערט טויזענט מלאכי השרת און האבען אנגעבונדען צוויי קרוינען אויף יעדען איינציגען פון די אידען, איינעם פאר „נעשה" און איינעם פאר „נשמע". „כיון שחטאו בעגל, אבדו את נעשה ונשתייר נשמע" — אזוי גיך אבער ווי זיי האבען געזינדיגט מיט'ן „עגל", האבען זיי פארלוירען די קרוין פון „נעשה" און ביי זיי איז בלויז געבליבען די קרוין פון „נשמע" (תשב"ץ ת"ג).

אזוי איז עס תמיד, ווען א פאלק באשליסט אנצונעהמען א תורה און איהר דורכצופיהרען אין לעבען, באזיצט עס אויסער די קרוין פון „נשמע" — פון הערען און פאלגען — אויך די קרוין פון „נעשה" — פון אויפטאן, פון דערגרייכען פאר זיך און פאר זיינע קומענדיגע דורות. אזוי גיך אבער ווי ער הויבט אן צו דינען דעם „עגל הזהב", דעם גאלדענעם קאלב, און פארנאכלעסיגט זיין גייסט, זיין קולטור, פארלירט ער זיין שאפונגס־קראפט. ער קאן נאך אפשר באזיצען די קרוין פון „נשמע", פון הערען און אויספאלגען מאנכע רעליגיעזע מנהגים און פארשריפטען, אבער זיינע אויפטואונגען זיינען קליין און ניט־ממשות'דיג, ווייל צוליב זיין גאלדענעם גאט האט ער די קרוין פון „נעשה" פארלוירען.

—————o—————

משפטים

משה לערנט אידען די דינים וואס ער האט מקבל געווען אויפ׳ן בארג סיני

„ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם", און דאס זיינען די געזעצען, וואס דו זאלסט פאר זיי פארלייגען. „איך גיב דיר איבער די דינים, וואס דיין פאלק דארף דורכפיהרען אין לעבען", זאגט גאט צו משה׳ן. „ד ו ב י ז ט ז י י ע ר פ י ה ר ע ר א ו ן ל ע ה ר ע ר, א ו ן א ו י ף ד י י ן נ א מ ע ן ו ו ע ט ד י ת ו ר ה ג ע ר ו פ ע ן ו ו ע ר ע ן". „שלשה דברים נתן משה נפשו עליהם ונקראו על שמו: ישראל, תורה והדינים". פאר דריי זאכען האט משה אוועקגעגעבען זיין לעבען, און זיי אלע װעלען זיך רופען אויף זיין נאמען: די אידען, די תורה און די געזעצען. (שמו"ר ל׳). זיין פאלק ישראל, פאר וועמען ער האט זיך פיל מאל מוסר נפש געווען אין מצרים און אין דעם מדבר, ביז ער האט פון איהם געמאכט אן „עם סגולה", אן אויסדערוועהלט פאלק, וועט זיין באקאנט אין דער געשיכטע אלס „עם משה", משה׳ס פאלק. די „תורה", פאר וועלכער ער האט געשפאלטען די הימלען און געקעמפט מיט די מלאכים, זי אראפצובריינגען אויף דער ערד און זי איבערגעבען צו זיין פאלק, וועט זיך רופען „תורת משה", משה׳ס תורה. די דערהויבענע הואמנישע דינים, וועלכע ער האט זיך אונטערגענומען צו לערנען זיין פאלק, ווערען אויך פארערבענט אויף זיין קרעדיט, „דת משה", משה׳ס געזעצען.

דער גרויסער אידישער דענקער און פילאזאף „אחד העם", ע"ה, גיט אונז א טיפזיניגע אפשאצונג איבער דעם גרינדער און לעהרער פון אונזער פאלק, משה רבנו. ער זאגט:

„משה בן עמרם, דער העלד פון אלע העלדען, וועלכער איז געשטאנען ווי א זייל ליכט אויפ׳ן שוועל פון אונזער געשיכטע; דער גרויסער פיהרער, וועלכער איז געגאנגען פאר אונז, ניט נאר די פערציג יאהר אין דעם מדבר, נאר אויך אין די טויזענטע יאהרען

פון וואנדערן אין פארשידענע מדבריות, פון מצרים ביז היינטיגען טאג, שוועבט פאר מיינע אויגען און טראגט מיך אין העברעע וועלטען. און איך פרעג זיך: ווער איז ער אייגענטליך געוועז? „א קריגס־העלד?

„ניין, ווייל אין דעם גאנצען בילד, וואס די תורה וויקעלט פאר אונז פאנאנדער, פון זיין לעבען און זיינע שאפונגען, געפינט זיך ניט די קלענסטע אנדייטונג, אז ער איז דאס געוועזן. מיר געפינען ניט, אז משה זאל כאטש איינמאל האבען געשטאנען אן דער שפיץ פון אן ארמיי און געוויזען וואונדער אין א מלחמה מיט א שונא. בלויז אין דעם קאמף מיט עמלק זעהען מיר איהם אויפ׳ן שלאכטפעלד, אבער נאר אלעס צושויער, וועלכער איז משפיע אויף די אידישע קריגער מיט זיין גייסט, מיט זיין גרויסען גלויבען אין גאט און אין דער גערעכטיגקייט פון זיין פאלק.

„וואס דען איז משה געוועזן?

דער אדון הנביאים, דער האר פון אלע פראפעטען, דער אידעאלער טיפ פון דער אידישער נבואה, אין איהר רייגסטען און ערהאבענסטען זין. א נביא איז א מענש פון „אמת", וועלכער זאגט דעם אמת, ניט ווייל ער וויל אזוי, נאר ווייל ער איז געצוואונגען אזוי צו טאן. דאס איז זיין ספעציעלע אויפגאבע, פון וועלכער ער קאן זיך ניט באפרייען. ווי שעהן דריקט זיך אויס דער גרויסער ענגלישער דענקער קארלייל: „יעדער מענש איז אימשטאנד צו גרייכען צו דער שטופע פון א נביא, אין זוכען דעם אמת. דער אונטערשיד אבער באשטעהט אין דעם, וואס א געוועהנליכער מענש קאן אזוי ווערען, און דער נביא קאן אנדערש ניט זיין".

משה ווייזט די אידען דעם אמת׳ן גאט

און „אחד העם" זאגט וויטער:

„זייענדיג א מענש פון „אמת", איז עס כמעט אוממעגליך ער זאל אויך ניט זיין א מענש פון „צדק", ווייל וואס איז גערעכטיג־

קייט אויב ניט דער עסעניץ, דער תמצית פון „אמת"? און מיט דעם כח פון אמת און צדק פארזאמעלט משה זיין פאלק ישראל ארום דעם בארג סיני, שפאלט פאר זיי די אויבערשטע הימלען און וויזט זיי דעם גאט פון זייערע עלטערען אין א נייער געשטאלט, וואס די אידען, אזוי גוט ווי די אנדערע פעלקער פון דער וועלט, האבען ביז דאן ניט געזעהן און ניט פארשטאנען".

„כי לי כל הארץ", צו מיר באלאנגט די גאנצע וועלט, הערט זיך גאט'ס שטים פונ'ם פייער. ניט ווי איהר האט געדענקט ביז איצט, און אלע אנדערע פעלקער, אז יעדע נאציע און מדינה האבען זיך זייערע אייגענע געטער, וועלכע הערשען אין זייערע גרעניצען און קעמפען איינער מיט דעם אנדערען און באזיגען איינער דעם צווייטען. עס איז נישט אזוי. ניטא אין דער וועלט א גאט פון ישראל, א גאט פון מצרים און א גאט פון אנדערע אומות באזונדער. בלויז איין גאט איז דא, וועלכער איז אימער עקזיסטירענד. ער איז דער האר פון דער וועלט און ער באהערשט אלע פעלקער. אט דער גאט, דער רבונו של עולם, איז דער גאט פון אייערע עלטערען. די גאנצע וועלט איז זיין ארבייט, און אלע מענשען זיינען באשאפען געווארען אין זיין פארם. אייך, די קינדער פון זיין ליבלינג, אברהם, האט ער אויסגעקליבען צו זיין פאר איהם אן „עם סגולה", אן אויס־דערוועהלט פאלק. איהר זאלט הייליג מאכען זיין נאמען אין דער וועלט, און איהר זאלט דינען אלס מוסטער פאר דער גאנצער מענש־הייט מיט אייערע הומאנישע געזעצען און ריינעם אידעאלען לעבען, וועלכע זאלען זיין באגרינדעט אויף דעם גייסט פון אמת און צדק".

„צדק צדק תרדוף", גערעכטיגקייט, גערעכטיגקייט זאלסטו נאכאיילען. „מדבר שקר תרחק", פון א פאלשער זאך זאלסטו זיך דערווייטערען. איהר זאלט ניט נושא־פנים זיין די שטארקע, און דעם גר און דעם יתום זאלט איהר ניט פייניגען. אבער אויך פאר דעם צד פון די שוואכע זאלט איהר ניט איבערוועגען די וואגשאל פון גערעכטיגקייט. „ודל לא תהדר בריבו", אויך דעם ארימאן זאלסטו ניט שאנעווען אין זיין קריג. ניט שנאה אדער קנאה, אויך ניט ליבע און רחמנות זאל ביי אייך זיין דער מאס־שטאב פון אייער לעבען, ווייל יעדע פון זיי פיהרט ארונטער פון וועג און פארקרימט

די גלייכקייט. צדק, צדק, בלויז גערעכטיגקייט אין איהר פולען זין זאָל זיין דער באזיס פון אייער געזעלשאפטליכען און פאָלקס־לעבען".

„השמע עם קול אלקים מדבר מתוך האש?" האָט ווען א פאָלק געהערט די שטים פון גאָט, רעדענדיג, פון פייער ארויס, אזעלכע דערהויבענע, שטארקע ווערטער? און א פאָלק, וואָס האָט שוין יאָ געהערט אזוינס, אויב ער זאָל אפילו הונדערטער יאָהרען זיין פארזונקען אין קנעכטשאפט און דערנידערונג — איז עס מעגליך, אז עס זאָל זיך ווען ניט איז אויפהויבען פון זיין נידעריג־קייט, און ניט פיהלען אין זיין טיפען הארצען דאָס גרויסע ליכט וואָס שטראָמט איבער איהם און רייניגט איהם פון אלע זיינע טומאות, פון אלע זיינע אומרייניליכקייטען".

פארבאָרגענע כוונות אין די דינים

די „אגדה", איבערהויפט די „קבלה", צייגען אָן אויף פילע פארבאָרגענע כוונות אין די פשוט'ע דינים פון אונזער תורה. מאנכע פון זייערע אויסטייטשונגען זיינען העכסט פאָעטיש און ווייזען אונז די אידעאלע זייט פון אונזער טראדיציאָנעלען גלויבען. מיר ווילען דאָ איבערגעבען אייניגע פון זייערע באמערקונגען איבער מאנכע פסוקים פון דער היינטיגער סדרה.

„כי ימכור איש את בתו לאמה, לא תצא כצאת העבדים", אז איינער וועט פארקויפען זיין טאָכטער פאר א דינסט, זאָל זי ניט ארויסגעהן אויף דעמזעלבען שטייגער ווי אנדערע קנעכט געהען ארויס. זאָגט אויף דעם דער זוהר הקדוש: איידער א מענש ווערט געבוירען, רופט צו גאָט איינע פון זיינע נשמות און זאָגט איהר: „זילי עולי בדוך פלן, בגוף פלן", געה אריין אין יענעם אָרט, אין יענעם קערפער. די נשמה וויל ניט פארלאָזען די הימלען און פראָטעסטירט: „לא איהך לעלמא אחרא דישתעבדון בי ואהא מלוכלכא ביניהו", איך וויל ניט ארונטער אין דער אנדער וועלט, וואו מען וועט מיך פארשקלאפען און איך וועל נאָך פאראומריי־ניגט ווערען צווישען זיי. גאָט אָבער זאָגט איהר: „ברתא חביבא", ליבע טאָכטער, דו מוזט אזוי טאָן, „על דא איתבריאת למהוי

בההיא עלמא", צוליב דעם ביזטו באשאפען געווארען צו זיין פאר א געווויסער צייט אין יענער וועלט".

„די גוטע תורה, וועלכע ליבט איהרע אידען, ראט דארום יעדען פון זיי: „כי ימכור איש את בתו לאמה", אויב דער שיקזאל ברייננט א מענשען צו פארקויפען זיין נשמה, גאט'ס טאכטער, פאר א דינסט און מוז נעבאך צוליב פרנסה טאן אזעלכע זאכען וואס דערנידעריגען איהם און פארשקלאפען זיין נשמה, „לא תצא כצאת העבדים", אז די צייט קומט פאר זיין נשמה צו פארלאזען די וועלט און אומקערען זיך צוריק צו איהר פלאץ אין הימעל, זאל ער זי ניט ארויסלאזען פארקנעכט, „לא תפוק מתטנפא בחובין", זאל ער זי ניט ארויסלאזען איינגעטונקט אין חובות און זינד".

„ואם לבנו ייעדנה, כמשפט הבנות יעשה לה", אויב אבער ער וועט זי פאר'קנס'ן צו זיין זוהן, זאל ער זיך מיט איהר באגעהן „כדינא דאבא עביד לברתיה דאיהי חביבה לגביה", ווי א פאטער באגעהט זיך מיט זיין געליבטער טאכטער. אויב א מענש וועט אבער זיין נשמה איבערגעבען צו זיין זוהן, מיט דעם וואס ער וועט איהם געבען אן אמת'אידישע דערציהונג, ער זאל פארבלייבען טריי צו די אידעאלען פון זיינע עלטערען, וועט זיך גאט באגעהן מיט זיין נשמה ווי אלע טאטעס באגעהען זיך מיט זייערע טעכטער וועלכע זיי ליבען. „נשיק לה, נפיף לה ויהיב לה מתנן", ער וועט זי קושען און האלזען און געבען איהר מתנות" (זוהר משפטים).

כמה הלויתי לעולם?" וויפיל געלט האב איך אויסגעליהען דער וועלט? דאס געלט וואס איינער פארמאגט איז ניט זיינס. איך האב עס איהם אויסגעליהען פאר א געוויסער צייט. אויב ער טוט גוטס מיט זיין געלט, וועל איך עס איהם לאזען האלטען. אויב ער וועט מיט זיין געלט דריקען די ארימעלייט, „אני נוטל את הקרן

והוא נוטל את שלו", וועל איך צונעמען דעם קרן און זאָל ער זיך האלטען מיט דעם פראָצענט (שמו"ר ל"א).

און דער מדרש תנחומא ליינט נאָך צו די פאָלגענדע מעשה'לע: „כשבנה שלמה את בית המקדש אמר", ווען שלמה המלך האָט פאַרענדיגט בויען דעם בית המקדש, האָט ער תפילה געטאָן: „רבון העולמים, אם יתפלל אדם על הממון בבית הזה", האר פון דער וועלט, אויב איינער וועט מתפלל זיין אויף געלט אין דעמ־דאָזיגען הויז, „ואתה יודע שמשחית בממונו — אל תתן לו", אָבער דו ווייסט אז ער טוט שלעכטס מיט זיין געלט — גיב איהם ניט.

אין אלגעמיין דארף א מענש ניט וועלען רייך ווערען אויף דעם חשבון פון אנדערע. „אשר בשמים ממעל ואשר בארץ מתחת" ווען עס האנדעלט זיך וועגען הימעל־זאכען וועגען גייסטיגע ענינים וועגען גוטע מידות, זאָלסטו קוקען ארויף, אויף די וואָס שטעהען העכער פאר דיר, און זיך פון זיי אָפּלערנען. ווען עס איז אָבער נוגע דיינע ערדישע, קערפּער־ליכע און מאטעריעלע זאכען, זאָלסטו קוקען אראָפּ. דאן וועסטו זעהן, אז עס זיינען פאראן מענשען, וועלכע לעבען אין שווערערע און ערגערע באדינגונגען פאר דיר (שער בת רבים).

———o———

תרומה

די אידען בויען א משכן פאר גאָט

„ויקחו לי תרומה — אמר הקב״ה לישראל: לי אתם לוקחים; מכרתי לכם תורתי, נמכרתי עמה" — גאָט זאָגט צו די אידען; מיט דעם וואָס איהר וועט געבען תרומה, נעהמט איהר מיך מיט זיך; אז איך האָב אייך איבערגעגעבען די תורה, האָב איך זיך אויך איבערגעגעבען מיט איהר (שמו״ר ל״ג). דער ראָפּשיצער צדיק פלעגט זאָגען: „עס שטעהט ניט „ויתנו לי", איהר זאָלט מיר געבען, נאָר „ויקחו לי" — איהר זאָלט מיר נעמען. אויף צדקה לייגט זיך ניט דאָס וואָרט געבען, אז א איד גיט צדקה נעמט ער מעהר וויפיעל ער גיט. די מטבע איז קיילעכדיג, זי דרעהט זיך ארום: היינט איז זי ביי דעם, מאָרגען ביי יענעם. קיינער קאָן ניט זיין זיכער מיט דעם ביסעל געלט וואָס ער פאַרמאָגט. דאָס וואָס ער גיט אָבער פאַר צדקה איז „צדקתו עומדת לעד" — בלייבט ביי איהם אויף שטענדיג, אויף דער וועלט אזוי גוט ווי אויף יענער וועלט".

„ג' תרומות נאמרו בפרשה זו: תרומת אדנים, תרומת שקלים ותרומות המשכן" — וועגען דריי פארשידענע געבונגען ווערט גערעדט אין דער פרשה: איינע איבער דער תרומה פאַר די שוועלען פון דעם משכן, די צווייטע—פאַר דער געביידע פון דעם משכן און די דריטע—פאַר אויפהאַלטען דעם משכן (ירושלמי שקלים פ״א). צוערשט מוז א איד געבען פאַר די שוועלען, פאַר די יסודות פון אידיש־קייט. אויף דעם ווערט געזאָגט „ויקחו לי", ווייל אז מען באַפעסטיגט די גייסטיגע יסודות פון א פאָלק, נעמט מען מיט זיך דעם גאָט פון דעם פאָלק, און ער היט זיינע קינדער אויס פון אַלע צרות און זיכערט זייער עקזיסטענץ.

צווייטענס, מוז מען איבערלאזן, וואו מען קומט, בויען א משכן, א פלאץ וואו דער איד זאל זיך קאנען טרעפען מיט זיין גאט, פאר איהם אויסגיסען זיין הארץ, און אויך פון צייט צו צייט זיך צוזאמענקומען מיט זיינע גלויבענס־גענאסען. דאס וועט זיי העלפען דורכצופיהרען אין לעבען די אידעאלען פון זייער אמונה. אויף דעם ווערט געזאגט „תקחו את תרומתי" — איהר זאלט נעמען מיין תרומה. וויפיל איהר וועט טאן פאר אייערע משכנות, פאר אייערע צענטערס, וועלען זיי פאר אייך טאן פיל מעהר. זיי וועלען אויפהאלטען די גאנצקייט פון דעם פאלק און וועלען אויך דינען פאר ציטאדעלען, וואס וועלען אייך באשיצען פון אנגריף און פארהיטען פון אונטערגאנג.

דריטענס, מוז א איד אכטונג געבען, אז די אידישע געזעלשאפט, וואס קומט זיך צוזאמען אין זיינע משכנות, זאל זיין באזארגט מיט חיונה, מיט ברויט. אויף דעם ווערט געזאגט: „וזאת התרומה אשר תקחו מאתם" — דאס איז די תרומה, וואס איהר זאלט נעמען פון זיי. אלע מוזען ביישטייערען זייער חלק פאר צדקה. אויב איינער וויל ניט געבען מיט גוטען, זאל מען איהם צווינגען דאס צו טאן. צדקה ביי אידען — הייסט ניט „טשאריטי", וואס מען גיט, אויב מען וויל; צדקה הייסט — גערעכטיגקייט, וואס קומט על פי יושר; און דאס מוז מען נעמען, אויב מען גיט אליין ניט.

„פאראן אזעלכע מענשען", זאגט ר' ישראל סאלאנטער, „וואס פארשטעהען ניט אפצושאצען די וויכטיגקייט פון צדקה. זיי מעגען טאן גרויסע געשעפטען דעם יאהר מעהר ווי אלע אנדערע יאהר, אבער אז עס קומט צו געבען צדקה, גיבען זיי דיזעלבע קליינע סומע, וואס זיי האבען געגעבען מיט יאהרען צוריק, ווען זיי זיינען נאך ניט געוועזן אזוי רייך ווי איצט. אט דאס האט דוד המלך געמיינט מיט זיינע ווערטער אין תהלים: „הון ועושר בביתו וצדקתו עומדת לעד" — כאטש ביי איהם אין הויז איז דא הון ועושר, זיין עשירות וואקסט אלץ מעהר און מעהר, און ער ווערט

רייכער פון טאָג צו טאָג, פונדעסטוועגן „וצדקתו עומדת לעד" — די צדקה וואָס ער גיט שטעהט אלץ אויפ׳ן זעלבען אָרט און ווערט נישט גרעסער".

די באַדייטונג פון געבען צדקה

„דבר אל בני ישראל" — רעד צו די אידען און דערקלער זיי די באַדייטונג פון געבען די פארשידענע תרומות, וואָס איך שלאָג דאָ פאָר. „חרש, שוטה וקטן שתרמו, אין תרומתם תרומה" — א טויבער, א נאר און א קליינער, אז זיי גיבען אפילו, איז זייער תרומה קיין תרומה ניט (ירושלמי, תרומות פ"א). איינער וואָס איז טויב צו די נויטיגע הצטרכות׳ן פון זיין פאָלק, זיין לאַנד, זיין שטאָט און זיין קהלה, גיט ניט ווי א מענש דארף געבען. זיין הארץ איז פארשטיינערט, און ער באגרייפט ניט די וויכטיגקייט פון צדקה. א שוטה, א נאַר, פארשטעהט אודאי ניט זיינע פליכטען צו זיינע מיטמענשען: פאר מאנכע קלייניגקייטען גיט ער א סך און פאר אמת׳ע נויטווענדיגקייטען גיט ער זעהר ווייניג, אָדער ער אנטזאָגט זיך אינגאנצען צו געבען. א קטן, א קליין מענשעלע, וואָס איז ניט דערוואקסען צו דער געהעריגער הויך פון זיין א פאַר־סענדער מיטגליד אין דער געזעלשאפט, — אויב אפילו ער גיט, טוט ער עס איבערגוואלד, און זיין נדבה איז קליין און קבצנות׳דיג.

אונזערע חז"ל זיינען אויך שטארק דאגעגען די „אינוועס־טיגיישאָנס", די אונטערזוכונגען, וואָס פיל פון אונזערע צדקה־אַנשטאַלטען מאכען, איידער זיי קומען צו־הילף דעם אָרימאַן. זיי זאָגען: „בשעה שאמרו ישראל נעשה ונשמע, מיד אמר להם: „ויקחו לי תרומה" — אזוי גיך ווי די אידען האבען געזאָגט „מיר וועלען טאָן און הערען", האָט זיי באלד גאָט געזאָגט: „נעמט פאר מיר תרומה" (ילקוט ראובני). ביי געבען צדקה דארף פריהער זיין „נעשה" — טאָן, העל־פען דעם אָרימאַן, דעם אַנשטאַלט אָדער דער באוועגונג, און נאָכדעם „נשמע" — מישב זיין זיך און נאָכפאָרשען.

מיר ווילען דא ברענגען א משל פון דעם דובנער מגיד וועגען צדקה, ווי ער ווערט איבערגעגעבען פון ב. יאושזאן אין זיין בוך „פון אלטען אוצר":

„דער דובנער מגיד איז אמאל געקומען צו א קארגען גביר בעטען א נדבה אויף א כלל־זאך, אבער דער גביר האט זיך אפ־געזאגט און נישט געוואלט געבען. פאר'ן אוועקגעהן מאכט דער דובנער צום גביר:

„—זייט וויסען ר' איד, אז איהר זייט מזומן לחיי עולם־הבא.

„— וואס הייסט? — וואונדערט זיך דער גביר און לאכט— דערפאר וואס איך גיב נים קיין צדקה וועל איך האבען עולם־הבא?

„— אט הערט,—זאגט צו איהם דער דובנער,—וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה. אין א שטאט איז געווען א גביר א קמצן, וואס האט כל ימיו נישט געגעבען קיין פרוטה אויף צדקה. פאר'ן טויט האט ער געהייסען מען זאל איהם מיטגעבען זיין גאנץ געלט אין קבר אריין. האט מען איהם, פארשטעהט זיך, צוליב געטאן—צוואת שכיב מרע... אז ער איז געקומען פאר'ן בית־דין של מעלה, עפענט מען דעם ספר הזכרונות; מען טוט א קוק — נישטא קיין איין פרוטה אויף צדקה!

„—פארוואס — פרעגט מען איהם — האסטו נישט מקיים געווען די מצוה פון צדקה?

„— דערפאר,—זיפצט דער גביר,— ווייל דארט, אויפ'ן עולם השקר, דרעהען זיך ארום בלויז רמאים, און איך האב נישט געוואוסט וועמען צו געבען. האב איך דעריבער מיין גאנץ געלט מיטגעבראכט מיט זיך אהער, אויפ'ן עולם־האמת, כדי דא עס פאנאנדערצעטיילען.

„דערהערענדיג אזא וויכטיגע טענה, האט דער בית־דין של מעלה מעיין געווען אין דין און ארויסגעגעבען א פסק, אז אויב מען וועט געפינען נאך צוויי אזעלכע, וואס האבען געטאן אזוי ווי ער, איז ער זכאי, און ס'קומט איהם עולם־הבא.

„האט מען געזוכט און געפונען בלויז איינעם — ק ו ר ח ' ן, וועלכער איז באגראבען געווארען צו־זאמען מיט זיין געלט.

„— איצט—פירט אוים דער דובנער—ווארט מען דארט אויף אייך מיט אומגעדולד... ווארים מיט אייך וועלען שוין דארט זיין דריי: קורח, יענער קמצן און איהר — וועט איהר זיין א „מזומן״ לחיי עולם הבא . . .״

די ארבייט ארום דעם משכן

„ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם״ — זיי זאלען פאר מיר מאכען א מקדש, און איך וועל וואוינען צווישען זיי. אידען, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אמונה־זאכען אדער נאציאנאלע אנגעלע־גענהייטען, זאלען ניט אפקומען בלויז מיט׳ן געבען; מען מוז אויך טאן ארבייט. „גדולה מלאכה שאף הקב״ה לא השרה שכינתו על ישראל עד שעשו מלאכה״ — גרוים איז ארבייט, אז גב״ה אליין האט ניט געלאזט רוהען זיין שכינה אויף אידען, ביז זיי האבען געטאן ארבייט פאר׳ן משכן. „שנאמר: ועשו לי מקדש״ — ווי עס ווערט געזאגט: מאכט פאר מיר פריהער א מקדש, זייט זיך עוסק אין דער מלאכה, דאן „ושכנתי בתוכם״ — וועל איך רוהען צווישען אייך (אדר״נ פ׳ י״א).

דעם משכן, וואס די אידען האבען געבוים אין מדבר, האט מען צוגעדעקט מיט די פעל פון א חיה מיט׳ן נאמען „תחש״. אט די חיה האט, לויט אונזערע חז״ל, געהאט צוויי חוט־השדרה׳ס, צוויי רוקענביינער. דאס איז סימבאליש זעהר ריכטיג.

א פאלק, וואס וואנדערט אין מדבר פון פארשידענע גלות׳ן, און וויל אנהאלטען זיין אמונה און זיין קולטור — ווען עס געהט דארט בויען א משכן, א ציטווייליגען מקום קדוש פאר זיין גייסט, פאר זיין נשמה, — מוז האבען צוויי רוקענביינער. עס מוז זיך האלטען שטאלץ און מוטיג קעגען די אנגריפען, וואס ווערען אויף איהם געמאכט פון דער אויסערליכער וועלט, און אויך ניט בויגען זיין רוקען און זיך ניט אונטערגעבען דעם אינערליכען דרוק, וואס קומט מערסטענס פון זיינע אייגענע, וואס זיינען פארכאפט גע־ווארען פונ׳ם אויסערליכען גלאנץ און ווילען נאכמאכען זייערע שכנים.

דער פּראָצעס פון צופּאַסונג אין אַלע לענדער פון זייער גלות איז פאַר אידען תמיד געווען דער וויכטיגסטער פּראָבלעם פון זייער לעבען. זיך צו קאָנען איינאָרדענען אין יעדען לאַנד, וואוהין דער שיקזאַל האָט זיי פאַרטריבען, און צו דערזעלבער צייט אויך אָנ־האַלטען זייער אידישקייט — איז געווען זייער גרעסטע זאָרג.

פאַר צוויי טויזענט יאָהר, זינט זיי זיינען פון די גרויזאַמע רוימער פאַרטריבען געוואָרען פון זייער אייגען לאַנד און זיינען געצוואונגען געוואָרען צו וואַנדערען איבער אַלע שבעה ימים פון דער וועלט, האָבען די אידען באַזעסען די צוויי חוט השדרה'ס, די צוויי רוקענביינער, מיט אַן עקשנות'דיגען שטאָלץ, וואָס זיין גלייכען איז ניט צו געפינען אין דער געשיכטע פון אַנדערע פעלקער, האָבען זיי אָנגעהאַלטען זייער נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט, זייער אידישקייט, און זיך ניט אונטערגעגעבען. האָט די אויסערליכע וועלט געמעגט זיי פאַרדרענגען אין אייגנע געטאָס, האָבען זייערע שונאים געמעגט זיי באַרויבען פון אַלע מענשליכע רעכט צוליב זייער אידישקייט — זיי האָבען אָבער דעם רוקען ניט געבויגען. איבעראַל האָבען זיי געבויט משכנות פאַר זייער גלויבען, פאַר זייער רייכער היסטאָרישער קולטור.

זיי האָבען אויך זייער רוקען ניט געבויגען צו דעם דרינגג־ליכען פאַרלאַנג פון זייערע אייגענע „מרשיעי ברית", וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרען פון די קולטורען און מנהגים פון די לענדער פון זייער גלות, און האָבען געוואָלט אַריינברענגען נייע ווענדונגען אין דעם אידישען לעבען. אין אַלע צייטען, אין אַלע מקומות האָבען אונזערע אידען פאַרטגעזעצט צו שפּינען דעם „צרור החיים"—דעם קנויל פון אידישען לעבען, וועמעס פעדים ציהען זיך פון בארג סיני דורך דער גרויסער אידישער פאַר־גאַנגענהייט ביז היינטיגען טאָג.

תצוה

דער ארון און די מנורה — תורה און השכלה

„ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך שמן זית זך", און דו זאָלסט אָנזאָגען די אידען, זיי זאָלען פאר דיר נעמען קלאָרען אוילבערט בוימעל. „אליך ולא לי, לא לאורה אני צריך", דאָס איז פאר דיר, איך דארף איהר ליכט ניט האָבען (מנחות פ"ו). דער ארון, אין וועלכען עס ליגען די לוחות פון דער תורה, ענטהאלט דאָס גאנצע הימלישע ליכט. אום אָבער, אז אויך דו און די אידען זאָלען קאָנען צוקומען צו דעם און עס פארשטעהן און באגרייפען, מעגט איהר געברויכען א מנורה, וועלכע וועט אייך באַלייכטען דעם וועג צו דעם „ארון", און ווייזען די ליכט פון דער תורה. דאָס ברען־מאטעריאל אָבער, מיט וועלכען איהר וועט זיך באנוצען, זאָל זיין „זך", קלאָהר, ריין, ניט געמישט מיט פרעמדע שטאָפען, גענומען פון אנדערע.

דער „מלבים" ז"ל, אין זיין „רמזי המשכן", באהויפטעט, אז אלע מפרשי התורה, אזוי גוט ווי די בעלי אגדה, שטימען איין, אז די כלים פון דעם משכן זיינען סימבאָלען פאר דעם אידישען לעבען, לויט די געזעצען פון דער תורה. דער „ארון", אין וועלכען עס געפינען זיך די לוחות, סימבאָלירט די „חכמה עליונה", די געטליכע וויסענשאפט, צו וועלכער מען קאָן נאָר צוקומען דורך דעם „רוח הנבואה", דורך געטליכער וויזיע, וואָס ניט אלע קאָנען עס באזיצען. די תורה שטעהט העכער פאר דעם מענשליכען פאר־שטאנד. דער אמת'ער מיין פון איהרע געזעצען קאָן נאָר דאן פארשטאנען ווערען, אויב דער מענש דערהויבט זיך צו דער שטופע פון א „רואה", א נביא", אן „אויבערמענש", און אזוי ווי ניט איעדער קאָן דאָס באווייזען, דארום מוזען איהרע חוקים ומשפטים אויסגעפאָלגט ווערען אפילו ווען דער פשוט'ער שכל פארשטעהט זיי נישט.

דער „ארון", וועלכער איז דאָס וויכטיגסטע פון אַלע כלים אין דעם משכן, מוז געשטעלט ווערען אין „קדשי הקדשים", אין דעם הייליגסטען פון אַלע הייליגע פּלעצער, וואו נאָר דער כהן גדול קאָן אַריינקומען, און דאָס אויך בלויז איינמאָל אַ יאָהר — יום כפּור. ער מוז זיין אָפּגעשיידט פון דעם „אוהל מועד" מיט אַ „פּרוכת", אַ פאָרהאַנג, איבער וועלכען עס זאָלען אוועקגעשטעלט ווערען צוויי „כּרובים", אין דער געשטאַלט פון קינדער, אַ איינגעל און אַ מיידעל (חגיגה י"ג). די כרובים, וואָס שטעלען פאָר דאָס גאַנצע אידישע פאָלק זאָלען זיין „סוככים בכנפיהם על הכפורת", באַשיצען מיט זייערע פליגלען איבער דאָס פאָרהאַנג. ד ע ר „א ר ו ן ה ת ו ר ה" ק אָ ן ז י ך נ אָ ר ד אָ ן א ו י ף־ ה אַ ל ט ע ן ב י י א י ד ע ן, א ו י ב ז י י ב אַ ש י צ ע ן א י ה ם מ י ט ז י י ע ר ע ל ע ב ע נ ס, ו ו י ד אָ ס א י ז א ו מ צ ע ה ל י ג ע מ אָ ל ג ע ט אָ ן ג ע וו אָ ר ע ן א י ן ד ע ר א י ד י ש ע ר ג ע ש י כ ט ע.

די כרובים מוזען אויך זיין „פניהם איש אל אחיו", זייערע געזיכטער געווענדעט איינע צו די אַנדערע. א י י ן א י ד מ ו ז אַ כ ט ו נ ג ג ע ב ע ן א ו ן ה ע ל פ ע ן ד ע ם צ ו וו י י־ ט ע ן. נאָר מיט פאַראייניגטע כחות קאָן די תורה אָפּגעהיט ווערען ביי אידען. ווענגען דעם בית המקדש, וואָס שלמה האָט געבויט, ווערט געשריבען „ופניהם אל הבית", די געזיכטער פון די כרובים האָבען זיך געקעהרט צום הויז (דה"ב ג'), און די גמרא פרעגט: „הא כיצד?" ווי קאָן דאָס זיין, אין דער תורה שטעהט דאָך, אַז זייערע געזיכטער מוזען זיך ווענדען איינע צו די אַנדערע? און ענטפערט: „כאן בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום", דאָס פּאַסירט נאָר ווען אידען טוען ניט דעם ווילען פון גאָט (ב"ב צ"ט). אַז די אידען פיהרען זיך אויף ווי עס דאַרף זיין, דאַן איז „פניהם איש אל אחיו", זייערע זייערע געזיכטער געווענדעט איינע צו די אַנדערע. אַלע אַרבייטען פאַר דעם וואויל און בעסטען פון דעם פאָלק און העלפען עס מאַכען גייסטיג און עקאָנאָמיש שטאַרק. ווערען זיי אָבער פאַרפירט, און קערען זיך אָפּ פון גאָט'ס וועג, דאַן איז „ופניהם אל הבית", יעדער איד זאָרגט זיך פאַר זיין

אייגען הויז, און קימערט זיך ווייניג פאַר דעם צווייטען. דאָס שוואַכט אָפּ די איינינקייט פון דעם פאָלק און ברייננט איהם צו אַ לאַנגע פון סטעננאַציע, פון שטילשטאַנד, און זיין וואוקס ווערט אונטערבראָכען.

דער ארון האָט געדאַרפט געבויט ווערען: „אמתים וחצי ארכו", צוויי און אַ האַלב איילען די לייננ, „אמה וחצי רחבו", אַן איילי און אַ האַלב די ברייט, „ואמה וחצי קומתו", און אַן אייל און אַ האַלב די הויך. דער „ש"ך" פרעגט: וואָרום עפּעס אַלץ האַלבע איילען? און דערקלערט, ווייל דער ארון איז ערשט דאַן גאַנץ, אויב די אידען שטעלען צו די אַנדערע העלפט. אָ הן די אידען איז דער ארון נישט מעהר ווי אַ „חצי דבר", אַ האַלבע זאַך, וואָס איז ניט פאַרענדיגט.

דער ארון האָט געמוזט זיין צוגעדעקט, „זהב טהור מבית ומחוץ", מיט ריין גאָלד פון אינווייניג און אויסווייניג. דער ארון וואָס ענטהאַלט די תורה מוז האָבען דעם זעלבען אינהאַלט, אינער־ליך און אויסערליך. אויך די וואָס לערנען די תורה דאַרפען באַ־זיצען די זעלבע מידה. „כל תלמיד חכם שאין תוכו כברו אינו תלמיד חכם", יעדער געלערענטער, וואָס איז אינערליך ניט אַזוי ווי אויסערליך, איז ער ניט קיין אמת'ער געלערנטער (יומא ע"ב). דאָס מיינט, אַז די האַרץ און דאָס מויל פון אַ תלמיד חכם דאַרפען זיין מיט דער זעלבער מיינונג, און ניט טאָן אָדער דענקען אַנדערש ווי מען רעדט.

די מנורה אַ סימבאָל פון השכלה

די מנורה, לויט נאָך דעם „מלבים", סימבאָליזירט די וועלט־ליכע השכלה, אַלע חכמות און וויסענשאַפטען, וואָס אַ מענש קאָן גרייכען מיט זיין אייגענעם שכל. די זיבען רערען פון דער מנורה זיינען קעגען די „שבע חכמות", די זיבען גרונד־אידייען פון דער וועלט. די „גביעים, כפתורים ופרחים", די בעכער, קנעפּ און בלו־מען וואָס באַצירען איהר, שטעלען פאַר די שעהנע דערגרייכונגען, וואָס די וויסענשאַפט קאָן דערווערבען.

„אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות", צו דעם מיטעל־פונקט פון דער מנורה זאלען לייכטען די זיבען ליכט. אלע חכמות וואס אידען לערנען זאלען זיין גערי̇כטעט צו איין צענטער־פונקט, צו פארמערען און פארגרעסערען די אייגענע קולטור. די גאנצע מנורה מיט אלע איהרע רערען, בלומען און קנעפ מוזען אויסגע־קלאפט ווערען פון איין שטיק. אויב די רערען אדער זייערע באַ־פוצונגען זיינען גענומען פון אנדערע שטיקער גאלד, פון פרעמדע קולטורען, איז די מנורה א פסול'ע. א אידישע מנורה, אויב זי איז ניט געמאכט פון אייגענעם גאלד, און ווערט צוזאמענגעשטעלט פון שטיקער גאלד, וועלכע זיינען געליהען פון אנדערע, פון פרעמדע קולטורען, גיט פון זיך ניט ארויס די ליכט, וואס זאל פיהרען צו דעם „תורה אור", צו דער ליכט פון דער תורה.

די אויל וואס מען געברויכט פאר דער מנורה, מוז געקויפט ווערען פאר די געלדער, וואס קומען פון „קופת הקהל", בייגע־שטייערט פונ'ם גאנצען פאלק. די ליכט פון דער מנורה ווערט אנגערופען „נר תמיד", א שטענדיגע ליכט און אזוי ווי דער „קרבן תמיד" מוז קומען פון גאנצען קהל, אזוי אויך די ליכט פון דער מנורה מוז געקויפט ווערען פאר'ן געלט פון דעם גאנצען קהל. די אויל דארף זיין פון א „זית" אן אוילבערט, ווייל די אידען אליין זיינען צוגעגליכען צו אן אוילבערט: „ישראל נמשלו לזית — כל המשקים מתערבים זה בזה והשמן אינו מתערב", אלע געטראנ־קען מישען זיך אויס איינע אין די אנדערע, בוימעל, אבער, מישט זיך קיינמאל ניט אויס (שמו"ר ל"ו). אזוי איז אויך מיט די אידען: אלע פעלקער מישען זיך אויס איינע מיט די אנדערע, דאס אידישע פאלק אבער קאן זיך ניט אויסמישען און בלייבט אימער אפגעזונדערט פון די אנדערע פעלקער.

צוליב דעם, וואס זיי שטעהען אפגעטיילט און פאר זיך, בלייבען טאקע די אידען לעבען פאר אימער. „אמר הקב"ה למלאך המות אין לך רשות על אומה זו, שהוא חלקי — כשם שאני חי וקיים כן בני קיימין" גאט האט אנגעזאגט דעם מלאך המות:

דו האסט קיין רעכט ניט איבער דער אידישער אומה, ווייל זי איז מיין חלק — פונקט ווי איך לעב און עקזיסטיר פאר אימער, אזוי וועלען אויך מיינע קינדער אימער עקזיסטירען (שמו״ר ל״ב). כל זמן דאס אידישע פאלק האלט זיך פאר דעם „חלק אלקים״, פאר גאט׳ס טייל, וועלען זיי קיינמאל ניט אונטערגעהן: דער מלאך המות, וואס האט שוין אונטערגעבראכט פילע פעלקער, האט אבער אויף די אידען קיין שליטה ניט.

די געזעצען, וואס גאט האט געגעבען די אידען, זאגט די תורה, זיינען „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם״, וואס א מענש זאל זיי דורכפיהרען, צו קענען לעבען בלייבען. „למה הדבר דומה?״ צו וואס איז דאס געגליכען? צו א קראנקען וועלכען דער דאקטאר איז געקומען באזוכען, און האט אנגעזאגט זיינע בני בית, אז זיי קאנען איהם געבען עסען וואס ער וויל. צו א צווייטען חולה איז דער זעלבער דאקטאר געקומען, און דארט האט ער אנגעזאגט, אז די מאכלים מעג ער עסען און די ניט. „אמרו לו, לזה אמרת לאכול ולזה לא״, האט מען איהם געפרעגט: ווארום האסטו יענעם געהייסען עסען וואס ער וויל, און דעם ניט? „אמר להם, החולה הראשון אינו של חיים, והשני של חיים״, האט ער זיי געענטפערט: דער ערשטער וועט ניט לעבען, און ער קאן דארום עסען וואס ער וויל. דער צווייטער אבער קאן לעבען בלייבען, און דערפאר מוז ער זיך אפהיטען. גאט האט אנגעזאגט די אידען, וואס זיי זאלען ניט עסען און וואס זיי זאלען ניט טאן כדי זיי זאלען בלייבען לעבען אויף אייביג (מדרש תנחומא).

א פאר געלונגענע באמערקונגען

„בטבעות הארון יהיו הבדים לא יסורו ממנו״, די שטאנגען, מיט וועלכע מען טראגט דעם ארון, מוזען שטענדיג זיין אין די רינגען פון דעם ארון, זיי טארען פון דארט ניט ארויסגענומען ווערען. „המסיר בדי ארון לוקה״, דער וואס נעמט ארויס די שטאנגען פון דעם ארון, ווערט געשלאגען (יומא ע״ב). מיין פאטער ע״ה באמערקט אויף דעם: „דאגעגען ביי די „בדי השולחן״, די

שטאנגען מיט וועלכע דער טיש ווערט געטראגען שטעהט ניט „לא יסורו ממנו", אז מען טאר זיי ניט ארויסנעמען".

„דער טעם איז: דער ארון וואס שליסט איין די תורה, מוז בלייבען אומבארירט איבעראל. די שטאנגען מיט וועלכע די אידען טראגען דעם ארון, דארפען זיין אין אלע לענדער גלייך. אזוי גיך ווי די אידען פון א לאנד נעמען ארויס די „בדים", און טראגען דארט דעם ארון, לויט דעם מנהג פון דער מדינה, און פיהרען איין רעפארמען אין זייערע שוהלען, דאן „לוקה", ווערט די אידישע קהלה געשלאגען. איהרע קינדער דערוויטערען זיך פון איהר, און זי בלייבט אפגעשוואכט".

דאנעגען דער „שולחן", וואס סימבאליזירט דעם עקאנא־מישען לעבען פון דעם פאלק, דעם טיש, קאן א איד טראגען ווי ער וויל. אין יעדען לאנד דארף ער זיך אויפפיהרען „כמנהג המדינה". עס דארף בלויז האבען א „מסגרת סביב", א לייסט ארום, וועלכער זאל איהם אביסעל אפזונדערן פון די טישען פון זיינע שכנים. א אידישער טיש דארף זיין „כשר", לויט דעם אידי־שען דין. די בדים אבער, די שטאנגען וואס טראגען דעם טיש און האלטען איהם אויס קאן געענדערט ווערען אין יעדער לאנד".

„ונשמע קולו בבואו אל הקודש", און זיין שטימע זאל גע־הערט ווערען, אז ער קומט אריין אין בית המקדש. דער כהן גדול אמאל האט געמוזט אויף זיך טראגען די „אורים ותומים" און דעם „חושן המשפט", אידישע לומדות, אידישעס וויסען. היינט אבער, שטעלט מען זיך צופרידען מיט א רב, וואס ווייס ווייניג פון „חושן משפט" און פון די „אורים ותומים". אבי ער האט א „פעמון זהב", א גאלדענעם גלעקעל, א גוטען מויל און א גוטע שטימע, „ונשמע קולו בבואו אל הקודש", ער זאל קאנען האלטען רעדעס, ווען ער קומט אין שוהל אריין.

———o———

כי תשא

די טרויעריגע פאסירונג מיט דעם עגל

פערציג טעג און פערציג נעכט האט משה רבנו פארבראכט אויפ'ן הימעל, נאך קבלת התורה. בלויז די „עשרת הדברות", די צעהן געבאט, זיינען געגעבען געווארען צו די אידען ביים בארג סיני. זיי זיינען אבער בלויז געהערט געווארען — „וכל העם רואים את הקולות" — דאס גאנצע פאלק האט געזעהן און פארשטאנען, אז די שטימע, וואס רעדט צו זיי, קומט פון גאט. די ווערטער אבער האבען געדארפט ארונטערגעשריבען ווערען פאר דער צוקונפט, און די שריפט מוז זיין „מכתב אלקים חרות על הלוחות", פון גאט אליין אויסגעקריצט אויף טאבעלען. די גמרא באמערקט אויף דעם: „אל תקרי „חרות" אלא „חירות". לייען ניט דעם ווארט חרות מיט א קמץ אונטער'ן חית, וואס מיינט אויסגעקריצט, לייען עס מיט א צירה אונטער'ן חית, חירות, וואס מיינט פרייהייט (עירובין נ"ד). ווערטער, וואס ווערען פון גאט אליין אויסגעשפראכען און פון זיין האנט אויסגעקריצט, זיינען געצילט צו באפרייען דעם מענשען און איהם געבען די געלעגענהייט גייסטיג צו וואקסען און זיך צו אנטוויקלען.

אויסער די „עשרת הדברות" האט משה אויך געמוזט איבער־נעמען די גאנצע תורה מיט איהרע דינים און משפטים. ער האט אויך געמוזט דערגעהן פון גאט דעם ריכטיגען מיין פון אלץ, אום ער זאל עס נאכדעם קאנען לערנען צו זיינע אידען פאר אלע דורות פון זייער עקזיסטענץ. און דאס אלעס האט ער געמוזט דערלערנען אין די פערציג טעג און פערציג נעכט, וואס ער איז פארבליבען אויפ'ן הימעל.

מיר דארפען ניט פארגעסען דאס לויט דער אידישער טראדי־ציע איז דער גאנצער אידישער געדאנק, מיט אלע זיינע צוקונפטיגע

אנטוויקלונגען, געגעבען געווארען דאס אידישע פאלק אויפ'ן בארג סיני. „מה שהנביאים עתידים להתנבאות בכל דור קבלו מהר סיני", וואס די נביאים וועלען אין דער צוקונפט פראפעצייען פאר יעדען דור האבען די אידען מקבל געווען ביים בארג סיני (שמו"ר כ"ח). די תורה איז דער תמצית פון דער אי־דישער וועלט־אנשויאונג; צו אלעם וואס די אידישע געלערנטע און נביאים קא־נען זיך דערטראכטען איז אנגעדייטעט אין דער תורה.

„בשעה שעלה משה למרום מצאו להקב"ה שהיה כותר כתרים לאותיות", ווען משה איז נאך קבלת התורה ארויף אויפ'ן הימעל, האט ער געפונען גב"ה ווי ער האלט אין אנטאן קרוינען אויף די אותיות פון דער תורה (שבת פ"ט). גאט האט ניט געוואלט, אז זיין תורה זאל באשטעהן פון טויטע בוכשטאבען, פון געזעצען, וואס זיינען אפגעזונדערט פון לעבען. יעדערווארט, יעדער אות פון דער תורה מוז זיין א לעבעדיגער פאקט, א טייל פון דער גרוי־סער אייביגקייט מיט וועלכער ער האט די תורה באקרוינט. ער האט דארום אויף יעדען אות אנגעטאן א קרוין פון אומשטערב־ליכקייט. פעהלט עס אין דער תורה, איז די תורה א פסול'ע.

משה זוכט אויסצייכענונגען פאר זיינע אידען

אז משה ווערט פארטיג מיט אויסלערנען די גאנצע תורה און איהרע דינים און משפטים, ווענדעט ער זיך צו גאט מיט דעם פארלאנג: „במה תרום קרן ישראל ?" מיט וואס וועסטו דערהויבען דעם אידישען שטאלץ ? (ב"ב י'). דו האסט געגעבען דיין פאלק אזא דערהויבענע תורה, מיט אזעלכע אידעאלע פרינציפען, וואס לעבען אייביג, איך וויל אבער, אז אויך מיין פאלק זאל זיין אויס־געצייכענט פון אנדערע פעלקער, „ונפלינו אני ועמך", מיר זאלען זיך אונטערשיידען פון אנדערע. „יהי רצון שתשרה שכינה על ישראל", עס זאל זיין דיין ווילען, אז דיין געטליכע שכינה זאל אימער רוהען אויף דיין פאלק ישראל (ברכות ז').

און גאט ענטפערט משה'ן : „כי תשא את ראש בני ישראל,

ונתנו איש כופר נפשו", ווען דו וועסט צעהלען די קעפ פון די אידען, זאל יעדער געבען אן אויסלייזונג פאר זיין גייסט, פאר זיין נשמה. די שטארקייט פון דיין פאלק זאל ניט באשטעהן אין זיין קערפערליכער גרויס, אין דער צאל פון זיינע מיטגלידער, נאר אין דער גייסטיגער וויכטיגקייט פון זיינע קינדער. קערפער־ליכע שטארקייט געדויערט נישט פאר אימער, פעלקער, וואס האבען געצעהלט מיליאנען מיטגלידער, האבען זיך לאנג ניט געהאלטען אין דער וועלט. אויב דאס פאלק ישראל וועט באזיצען א גרויסע נשמה, א שטארקען גייסט, וועט עס איבערלעבען אלע פעלקער, און ענדליך קומען צו דער הויכער שטופע, צו וועלכער איך האב באשטימט.

אז משה האט געהערט פון גאט, אז ער פארלאנגט פון יעדען אידען א „כופר נפש", אן אויסלייז־פרייז פאר זיין נשמה, „נבהל", האט ער זיך דערשראקען. ער האט געמיינט, אז גאט וויל א גרויסע סומע, וואס ניט אלע וועלען עס קאנען באוויזען, „א"ל משה, לא כמו שאתה סבור, אלא זה יתנו, מחצית השקל", זאגט גאט צו משה'ן, עס איז ניט ווי דו דענקסט, איך וויל בלויז א האלבען דאלאר פון יעהען. „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט", דער רייכער זאל ניט געבען מעהר און דער ארימאן ווייניגער (תנחומא כי תשא). איך זוך ניט קיין שווערעביישטייערונגען פון קיינעם, איך וויל אבער, אז אלע זאלען זיך באטייליגען; פון די שקלים וועט אויסגעהאלטען דער משכן, פון די שקלים קומט אויך דער „קרבן תמיד", און די ליכט פון דער מנורה. אט די אלע זאכען שטעלען צוזאמען דעם גייסטיגען יסוד פון דעם פאלק, און איך וויל, אז אלע זאלען אין דעם האבען א גלייכען חלק.

„ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם", עס זאל ניט זיין צווישען זיי א פלאג, אז מען צעהלט זיי. גאט זאגט צו משה'ן, איך וויל ניט אז מען זאל צעהלען אידען, ווען עס געשעהט עפעס אויסער־געוועהנליכעס, ווי א מלחמה, אדער א מגפה. איך וויל אז יעדען יאהר זאל זייער צאל באוואוסט זיין, מיט דעם וואס זיי וועלען זיך באטייליגען אין דעם „מחצית השקל". הרב עמיאל אין זיין

„חזיונות אל עמי", דריקט אוים אויף דעם פסוק א געדאנק וואס פאסט זיך זעהר פאר דער היינטיגער צייט.

ער זאגט: „אמאל איז זעהר לייכט געווען צו דערגעהן די צאל פון אידען אין א שטאדט. מען האט בלויז געדארפט באזוכען די אידישע שוהלען, די אידישע בוטשער־שעפער, אריינקוקען אין ספר הקהל, דארט האט איהר געפונען אלע אידען. היינטיגע צייטען אבער, געהען אידען וויניג אין די שוהלען, ניט אלע פון זיי עסען בשר, און אפילו צו דער אידישער קהלה באלאנגען זיי ניט. זיי האבען זיך אסימילירט צווישען זייערע שכנים און נעמען א קנאפען אנטייל אין אידישען לעבען. די איינציגע זאך, וואס זיי היטען נאך אפ, איז „קבר ישראל", אז זיי האבען שוין זייער לעבען אפ־געלעבט אלס ניט־אידען, ווילען זיי, אז ווען די צייט וועט קומען, זאל מען זיי מקבר זיין אויף א אידישען בית־עולם. אט דאס מיינט דער פסוק מיט די ווערטער „ולא יהיה בהם נגף בפקוד אותם". די תורה וויל, אז מען זאל ניט דארפען ווארטען פאר א אידען צו שטארבען, אום צו קאנען איהם אריינרעכענען אין דער צאל פון זיין פאלק".

דער טרויעריגער פאל מיט'ן עגל

משה נעהמט די לוחות אונטער'ן ארעם און פאנגט אן ארונטערצונידערען אויף דער ערד, צופרידען מיט די גרויסע דער־גרייכונגען וואס ער האט פאר זיין פאלק דערווארבען אין הימעל. פלוצלינג דערהערט ער אן אויסגעשריי פון גאט: „שחת עמך אשר העלית מארץ מצרים", פארדארבען האט דיין פאלק וואס דו האסט ארויסגעבראכט פון מצרים. „לך רד מגדולתך", אויך דו געה ארונטער פון דיין גרויסקייט, „כלום נתתי לך גדולה אלא בשביל ישראל, עכשיו שחטאו אתה למה לי", די גרויסקייט וואס איך האב דיר געגעבען, איז געווען צוליב די אידען, איצט, אז זיי האבען געזינדיגט, וואס דארף איך דיר? (ברכות ל"ב).

און משה ווערט א פארציטערטער. ער לויפט צוריק צו גאט און פרעגט איהם „מה חטאו?" מיט וואס האבען זיי פארזינדיגט? דו ווארפסט זיך עפעס ארום מיט די אידען און רופסט זיי שוין „עמך", דיין פאלק, דו ווילסט זיי שוין ניט קענען. „כד אינון זכאי

דידך וכד אינון חטאי דידי", ווען זיי זיינען פיינע לייט זיינען זיי דיינע, אבער אזוי גיך ווי זיי מאכען א פעהלער זיינען זיי שוין מיינע? (פסיקתא). גאט, אבער, זאגט ווייטער צו משה'ן: „סרו מהר מן הדרך אשר צויתים, עשו להם עגל מסכה, וישתחוו לו", דיינע אידען האבען זיך גיך אפגעקערט פון דעם וועג, וואס איך האב זיי געלערענט. זיי האבען זיך געמאכט א גאלדענעם קאלב און בוקען זיך צו איהם.

און משה גיט זיך ניט אונטער, ער פרעגט ביי גאט: „במה אתה מקנא בשור אוכל עשב, עומד לשחט, למה יחרה אפך בעמך?" וועמען ביסטו מקנא, אן אקס וואס עסט גראז, שטעהט געקוילעט צו ווערען, וואס ברענט אזוי דיין צארן געגען דיין פאלק? (מדרש תנחומא). מיט אלע זייערע פעלערען זיינען די אידען דאך די בעסטע, וואס דו האסט געקאנט אויסקלייבען פאר דיין פאלק. עס איז אמת, אז זיי לאזען זיך אמאל פארפיהרען פון דעם „ערב רב", פון א פרעמדען עלעמענט, אבער אין הארצען בלייבען זיי אלץ דיין עם סגולה, דיין אויסדערוועהלט פאלק.

ער הערט אבער ווי גאט זאגט: „הניחה לי, ואכלם ואעשה אותך לגוי גדול", לאז מיך, איך וועל זיי פארניכטען, און וועל דיך מאכען פאר א גרויס פאלק. „ראה משה שאין עמידה לישראל, וחבר נפשו עמהם, שבר את הלוחות ואמר, מחני נא מספרך אשר כתבת", משה האט איינגעזעהן, אז די אידען האבען ניט קיין שטאנדהאפטיגקייט געגען גאט, און ער האט באשלאסען צו ווארפען זיין גורל צוזאמען מיט זיי. ער צעברעכט די לוחות, און זאגט צו גאט: מעק מיר אויך אפ פון דיין הייליג בוך וואס דו האסט געשריבען (שמו"ר מ"ה). דו ווילסט פון מיר מאכען א גרויס פאלק, איך וויל ניט. אהן די אידען געה איך ניט. וואו זיינען דיינע פארשפרעכונגען, וואס דו האסט געמאכט צו אברהם, יצחק און יעקב? וואס וועלען די פעלקער פון דער וועלט זאגען? „וינחם ה' על הרעה אשר דבר לעשות לעמו", ענדליך האט גאט חרטה אויף דעם שלעכטס, וואס ער האט געוואלט טאן זיין פאלק. און ער לאזט זיך איבערבעטען פון משה'ן.

ויקהל

משה פארזאמעלט אלע אידען און גיט זיי איבער די נייע לוחות

בלויז איין טאָג האָט געדויערט די מעשה פון דעם עגל, אָבער דער טאָג ווערט פאררעכענט אין דער טראַדיציע אלס דער טרויעריגסטער אין דער אידישער געשיכטע. יעדען טאָג אין וועל־כען עס האָט פּאסירט א נאציאָנאלער אומגליק, פלעגט פון אונזערע חז״ל באצייכענט ווערען מיט די ווערטער: „היה קשה לישראל כיום שנעשה בו העגל״, ער איז געווען שווער פאר די אידען, ווי דער טאָג אין וועלכען עס איז געמאכט געוואָרען דער עגל (שבת י״ז). לויט זייער אויפפאסונג, איז די זינד וואָס די אידען האָבען באגאנגען מיט דעם עגל געווען דער גורם פאר די אלע אומגליקען, וואָס האָט אין די שפּעטערדיגע דורות פּאסירט מיט דאָס אידישע פאָלק. ווען ניט דער חטא, וואָלט דאָס אידישע פאָלק פארבליבען דער „עם סגולה״ און די „ממלכת כהנים וגוי קדוש״, ווי גאָט האָט לכתחילה באשטימט, און וואָלט מעהר ניט געוואוסט פון קיינע צרות און יסורים.

די ערשטע לוחות וואָס משה האָט געקראָגען זיינען געווען געמאכט פון גאָט אליין און געשריבען געוואָרען „באצבע אלקים״, מיט גאָט׳ס פינגער. זיי זיינען געווען אויסגעהאקט פון דימאנטענע שטיינער און זיינען געווען זעהר שווער. אָבער, „האותיות היו סובלים את עצמן״, די בוכשטאבען וואָס גאָט האָט אויף זיי אויס־געקריצט האָבען זיך אליין געטראָגען, „כיון שחטאו בעגל פרח הכתב מעליהם ונמצאו כבדים״, אזוי גיך אָבער, ווי די אידען האָבען געזינדיגט מיט דעם עגל, איז גאָט׳ס שריפט פארשוואונדען פון די אותיות, און די לוחות זיינען געוואָרען צו שווער פאר משה׳ן צו טראָגען, און זיינען פון זיינע הענט ארויסגעפאלען און צובראָכען געוואָרען (מדרש תנחומא כי תשא). כל זמן די אידען פאלגען אויס די פאַרשריפטען

פון דער תורה, זיינען איהרע דינים און משפטים לעבעדיגע און טראָגען זיך אליין צוזאַמען מיט דאָס פאָלק. ווערען זיי, אָבער פארלאָזען און אויסגעביטען אויף אַנדערע און פרעמדע אידייען, דאַן פאַלען זיי שווער אויף דאָס פאָלק, און די אידען ליידען צוליב זיי פון די פרעמדע, וועלכע זיי זוכען נאָכ־צוטאָהן.

די צווייטע לוחות האָט שוין משה אליין געמוזט צושטעלען. גאָט זאָגט צו איהם: „פסל לך שני לוחות אבנים כראשונים, וכתבתי על הלוחות את הדברים אשר היו על הלוחות הראשונים אשר שברת”. האַק דיר אוים צוויי שטיינענע לוחות ווי די ערשטע, און איך וועל אָנשרייבען אויף די לוחות דיזעלבע ווערטער וואָס זיינען געווען אויף די ערשטע לוחות, וואָס דו האָסט צובראָכען. צוליב דעם וואָס די אידען האָבען געזינדיגט קעגען מיר, און זיך געבוקט צו אַן עגל, האָבען זיי מעהר ניט פאַרדינט אַז אויך די לוחות אליין זאָלען זיין געמאַכט פון מיר. דו מוזט מיר יעצט צושטעלען די לוחות, און איך וועל דאַן אויף זיי אָנשרייבען די הייליגע ווערטער.

אַלע אידען גיבען פאַר דעם משכן און זיינע כלים

„ויקהל משה את כל עדת בני ישראל”, און משה קלייבט צוזאַמען דאָס גאַנצע אידישע געמיינדע און פאָדערט פון זיי, אַז זיי זאָלען אַלע ביישטייערען פאַר דעם בנין פון דעם משכן און אַלע זיינע כלים. אויב זיי האָבען געהאַט געגוג גאָלד צו מאַכען זיך אַן עגל, וואָס האָט קעגען זיי אַרויסגערופען דעם צאָרן פון גאָט, דאַרפען זיי ביישטייערען מעהר ווי גענוג פאַר אַ משכן, וואו גאָט זאָל דאָרט קענען לאָזען רוהען זיין שכינה און וואוינען צווישען זיי. די אידען וועלכע האָבען זיך געפיהלט שולדיג, האָבען גלייך אויסגעפאָלגט משה'ס פאַרלאַנג און אַלע, מענער אזוי גוט ווי פרויען האָבען אָנגעפאַנגען ברייגנען גאָלד, זילבער און אַלע אַנ־דערע מאַטעריאַלען וואָס זיינען נויטיג געווען פאַר די געביידען און די כלים. אין אַ קורצע צייט האָט מען אָנגעזאָגט משה'ן די

פרעהליכע בשורה : „מרבים העם להביא מדי העבודה", דאָס פאָלק ברייננט מעהר וויפיל עס איז נויטיג פאַר דער ארבייט. און ער האָט געלאָזט אויסרופען : „איש ואשה אל יעשו עוד מלאכה לתרומת הקודש" מענער און פרויען זאָלען שוין מעהר ניט טאָן קיין ארבייט פאַר דער הייליגער אונטערנעמונג.

אַט אַזוי האָבען אידען מיט זייערע נדבות פאַר דעם משכן, מכפּר געוועז אויף די זינד וואָס זיי זיינען באַגאַנגען מיט דעם עגל. און גאָט איז געווען זעהר צופרידען מיט דער חרטה וואָס די אידען האָבען אַרויסגעוויזען, און אויף משה'ס תפלה האָט ער געענטפערט „סלחתי כדבריך", איך פאַרגיב, ווי דו פאַרלאַנגסט.

העכסט אינטערעסאַנט איז דער ויכוח וואָס משה האָט געהאַט מיט גאָט, ווי ער ווערט איבערגעגעבען אין די פאָלגענדע פסוקים. גאָט זאָגט צו משה'ן איינמאָל : „לא אעלה בקרבך כי עם קשה עורף אתה", איך וועל ניט אויפגעהן צווישען דיר, ווייל דו ביסט א הארט-נעקיג פאָלק. א צווייטען מאָהל זאָגט ער איהם „אמור אל בני ישראל אתם עם קשה ערף", זאָג צו די אידען, איהר זייט א הארט-נעקיג פאָלק און איך קאָן ניט געהן מיט אייך צוזאַמען. משה לאָזט גאָט אויסרעדען זיין כעס און אין א קורצע ווײלע שפּעטער זאָגט ער צו איהם : „ילך נא ה' בקרבנו כי עם קשה ערף הוא", זאָל גאָט געהן צווישען אונז ווייל די אידען זיינען א הארט-נעקיג פאָלק. עקשנות איז טאַקי א גרויסער חסרון. אן עקשן לאָזט זיך ניט לערנען און לאָזט זיך ניט פיהרען. אָבער עקשנות האָט אויך די מעלה פון אויסגעהאַלטענקייט. אן עקשן, אן איינגע-שפּאַרטער, קוים נעהמט ער זיך צו א זאַך וועט ער איהר דורכ-פיהרען. מיט זיין עקשנות און אויסדויער וועט ער קאָנען ביי-שטעהן אַלע שוועריגקייטען און בלייבען ביי זיין אידעאַל. אַט טאַקי צוליב דעם וואָס די אידען זיינען אן „עם קשה עורף", איז ער זיכער אַז „ילך ה' בקרבנו". טראָץ אַלע רדיפות און פאַרפאָלגונגען וועט דער איד פאַר-בלייבען ביי זיין גאָט.

משה לערנט תורה בייטאָג און תלמוד ביינאַכט

„ויהי שם עם ה׳ ארבעים יום וארבעים לילה", און משה איז דאָרט געווען מיט גאָט פערציג טעג און פערציג נעכט. פרעגט דער מדרש, „מנין היה יודע משה אימתי יום ואימתי לילה?" אין הימעל לעבען כסא הכבוד איז דאָך אימער ליכטיג, פון וואַנען האָט משה געוואוסט, ווען איז טאָג און ווען איז נאַכט? „אלא כשהקב"ה היה מלמדו תורה בכתב היה יודע שהוא יום, וכשהיה מלמדו על פה משנה ותלמוד היה יודע שהוא לילה", משה האָט געהאַט דעם סימן, האָט איהם גאָט געלערענט די תורה, האָט ער פאַרשטאַנען, אז עס מוז זיין טאָג, האָט ער אָבער מיט איהם גע־לערענט משנה און תלמוד, האָט ער פאַרשטאַנען, אז עס מוז זיין נאַכט (מדרש תנחומא כי תשא).

פון אויבען אויף ווייזט דער מדרש אויס צו זיין העכסט זאָנדערבאַר און אומפאַרשטענדליך. אז מיר באַקאַנען זיך אָבער מיט דעם גאַנצען אידייען־גאַנג פון אונזערע טראַדיציע און מיט דער אויפפאַסונג וואָס אונזערע חז"ל האָבען געהאַט אויף דער אידישער געשיכטע, פאַרשטעהען מיר דאַן די אמת׳ע כונה פון דעם מדרש. דאָ ווערט אויסגעדריקט אַ היסטאָרישער פאַקט וואָס ווערט אַנערקענט פון יעדען פאָרשער, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבען מיט שטודירען די אַנטוויקלונגען פון אונזער רעטזאַלהאַפטע היס־טאָרי, וואָס ווערט באַוואונדערט פון אַלעמען.

וואָס האָט אויפגעהאַלטען די גאַנצקייט פון אונזער פאָלק אין די טויזענדע יאָהרען פון זיין לאַנגען און פינסטערן גלות? צושפּרייט איבער אַלע לענדער און ימים פון דער וועלט, ווייט איינע פון די אַנדערע, און אונטערוואָרפען פאַרשיידענע השפעות, און דאָך איז די אידען געלונגען אויפצוהאַלטען זייער אינדיווידו־אַליטעט, און זייער ספּעציעלען געשטאַלט און כאַראַקטער איבע־ראַל? און אַלע היסטאָריקער גיבען צו, אז דער איינציגער כח וואָס האָט דערוויזען אָט דעם גרויסען היסטאָרישען וואונדער, איז גע־ווען די „תורה שבעל פה". דער „תלמוד" וואָס איז אָנגענומען געוואָרען פון דאָס אידישע פאָלק אַלס איהר ספּעציעלער געזעץ

בוך און האָט געהאַלטען די אידען צוזאַמענגעבונדען אין דעם גאַנצען לאַנג לייגג און ברייט פון אונזער גלות.

דער תלמוד האָט געדינט די אידען אַלס זייער לעבענס־קאָנסטיטוציע. די „נדרים" און סיגים", צאַמען און באָגרעניצונ־גען, וואָס ער האָט אויף זיי ארויפגעלייגט, האָבען זיי באַשיצט געגען די מנהגים און אויפפיהרונגען פון די אַנדערע פעלקער. צווישען וועלכע זיי האָבען זיך געפונען. זיינע „הלכות" און פאָר־שריפטען האָבען געלייגט דעם באַזיס פאַר דעם אידישען לעבען איבעראַל, און דאָס האָט געבראַכט דאַצו, אז אַלע טהיילען פון דאָס פאָלק, וואו נאָר זיי האָבען געלעבט, זיינען געוואָרען רינגען אין דער לאַנגער קייט פון אידישער אומשטערבליכקייט, וואָס ציהט זיך פון בארג סיני, ביז צום היינטיגען טאָג.

כל זמן עס האָט אָנגעהאַלטען די גלאַנץ פעריאָדע פון טאָג, פון ליכט, פון אידישער זעלבסטשטענדיגקייט אין ארץ ישראל, האָבען די אידען געלערענט „תורה שבכתב". אזוי גיך אָבער ווי די אידען האָבען אָנגעפאַנגען אונטערזאַכט צו ווערען פון די גריכען און נאָכדעם די גרויזאַמע רוימער, און אונזערע חכמים, די „פרושים" האָבען מיט זייערע ליכטיגע אויגען געזעהן, אז עס רוקט זיך אָן אויף דאָס אידיש פאָלק א לאַנגער פינסטערער גלות, האָבען זיי אָנגעפאַנגען שאַפען דעם „תלמוד ירושלמי" און נאָכ־דעם דעם „תלמוד בבלי", וואָס האָבען זיי געדינט אַלס שוצוואַנט. די „צדוקים" און נאָכדעם די „קראאים" וואָס האָבען זיך געהאַל־טען ביי דער תורה בלויז און האָבען דעם תלמוד ניט געוואָלט אָנערקענען, זיינען טאַקי אונטערגעגאַנגען, און די קינדער פון די פרושים, לעבען נאָך און וועלען בלייבען לעבען פאַר אימער.

———o———

פקודי

משה גיט אָפּ חשבון איבער די קאָסטען פון דעם משכן

„אלה פקודי המשכן" — דאָס איז דער אינוועטאר פון אַלע הוצאות פאַר דעם משכן. כאָטש קיינער פון די אידישע פיהרער האָט ניט געפאָדערט פון משה'ן, ער זאָל געבען אַ רעכענונג פון די געלטער וואָס זיינען געזאַמעלט געוואָרען פאַר'ן משכן, האָט אָבער משה אַליין דאָס געוואָלט. „אמר משה, יודע אני שכמה מישראל רוננים הם, הריני עושה להם חשבון מכל מלאכת המשכן" — משה האָט געזאָגט, איך וויים דאָס מאַנכע פון די אידען באַריידען מיר, וועל איך זיי געבען אַ קלאָרען חשבון פון דער גאַנצער ארבייט פון משכן (מדרש תנחומא).

ר' אהר'על קארלינער ע"ה פלעגט זאָגען: „וואָס פאַר אַ פינסטערע גבורה די טומאה האָט? אז די אידען האָבען געמאַכט דעם עגל שטעהט געשריבען „ויתפרקו כל העם את נזמי הזהב", דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויסגעטאָן די גאָלדענע רינגען, און פון דעם גרויסען מטמון גאָלד איז ארויסגעקומען בלויז אַ קליין קעלבעל, אָבער קיינער האָט קיין רעכענונג ניט געפאָדערט. זעהט איהר, ביים בויען דעם משכן פאַר גאָט, „היו כמה מישראל רוננים", האָבען פיעל פון די אידען חושד געווען משה'ן מיט זיינע ארויסהעלפער, אַז זיי פאַרשווענדען קהל'שע געלטער און זיינען ניט עהרליך געגנוג. און ווייסט איהר ווער עס זיינען געווען די „כמה מישראל", וואָס האָבען געוואַגט חושד צו זיין משה'ן? דוקא די וואָס האָבען בייגעשטייערט קליינע נדבות".

משכן העדות, עדות הוא לכל באי עולם שנמחל להם על מעשה העגל. דער משכן ווערט אָנגערופען „משכן העדות", גאָט'ס וואוינונג פון איבערצייגונג, ווייל ער איז אַ צייגעניש פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז גאָט האָט זיי מוחל געווען פאַר דער זינד פון דעם עגל. גלייך נאָך דער געשעהעניש מיט דעם עגל, וואָס האָט ארויסגערופען

גאָט'ס צאָרן און ער האָט געוואָלט פאַרניכטען דעם גאַנצען פאָלק, האָבען פיעל געדענקט, אז גאָט וועט שוין מעהר ניט וועלען וואוינען צווישען די אידען. ער האָט זיך אָבער געלאָזט איבערבעטען פון משה'ן און איהם געהייסען, ער זאָל גלייך אָנפאַנגען בויען דעם משכן, אלס א צייכען פון זיין פאַרגעבונג. (שמו"ר נ"א).

העכסט אינטערעסאַנט און באַדייטונגספול איז די ערקלערונג פון דעם מדרש, וועלכע פון משה'ס תפילות האָט געהאַט די גרעסטע ווירקונג אויף גאָט, ער זאָל די אידען מוחל זיין:

אז גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן: „הרף ממני ואשמידם"— לאָז מיך אָפּ און איך וועל זיי פאַרניכטען — „אמר משה, דבר זה תלוי בי" — האָט משה ביי זיך געטראַכט: די זאַך ווענדט זיך אָן מיר, ווייל ער זאָגט „לאָז מיך אָפּ" — „מיד עמד בתפילה" — האָט ער זיך גלייך געשטעלט תפילה טאָן (ברכות ל"ב). און משה זאָגט צו גאָט: דיינע אידען זיינען דאָך ניט מעהר זינדיג ווי די מענשען פון סדום און עמורה זיינען געוועזן, דאָך האָסטו דאַן פאַרשפּראָכען אונזער פאָטער אברהם, אז אויב עס וועלען זיך געפינען אין זייערע שטעדט צעהן צדיקים, וועסטו זיי שאַנעווען צוליב זייער זכות. דענקסטו ניט, אז צווישען אלע אידען געפינען זיך אמווייניגסטען צעהן פרומע לייט, וואָס זייער זכות זאָל מגין זיין אויף דיין פאָלק? רופט זיך גאָט אָפּ צו איהם: איך שטים איין צו פאַרגעבען די אידען אויף זייער זינד, אויב עס געפינען זיך צווישען זיי צעהן אמת'ע צדיקים.

הויבט אָן משה אויסצורעכענען: „הלא יש אני" — עס איז דאָך דאָ איך, מיין ברודער אהרן, אלעזר, איתמר, פינחס, יהושע און כלב — און דאָ איז ער געבליבען שטעהן. מעהר ווי זיבען צדיקים האָט ער ניט געקאָנט געפינען צווישען אלע אידען. „לא ידע מה לעשות" — האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. אין זיין פאַרלעגענהייט גיט ער זיך א קעהר צו גאָט און פרעגט איהם: „רבון העולם, חיים הם המתים?" — האָר פון דער וועלט, וועלען די פאַרשטאָרבענע צדיקים צוריק לעבעדיג ווערען? „אמר לו הן" — ענטפערט איהם גאָט: געוויס וועלען זיי צוריק אויפ־לעבען. אויב אזוי, רופט אויס משה מיט טריאומף: „זכור לאברהם,

ליצחק ולישראל, הלא יש עשרה" — געדענק, אז מיר האָבען אונ־זערע אבות, אברהם, יצחק און יעקב, אַט האָסטו דיינע צעהן צדיקים. און גאָט ענטפערט איהם: „חי אני, משה החייתני בדבריך" — איך שווער ביי מיין לעבען, אז דו האָסט מיר אויפגעלעבט מיט דיינע ווערטער (ברכות ל"ב), „סלחתי כדבריך" — איך פאַרגיב די אידען, ווי דו פאַרלאַנגסט. געה צוריק און הויב אָן בויען דעם משכן פאַר מיר (שמו"ר מ"ד).

מיט דעם דריקט דער מדרש אויס דעם ערהאַבענעם געדאַנק, וואָס ווערט אנערקענט פון אַלע היסטאָרישע פאָרשער, אז די גרויס־קייט פון אַ פאָלק באַשטעהט אין דער צאָהל גרויסע מענשען, וואָס ער האָט ארויסגעגעבען אין אַלע דורות פון זיין עקזיסטענץ. רייסט מען אָפּ די פאַרגאַנגענהייט פון אַ פאָלק, קאָן זעהר לייכט טרעפען, אז אין זיין געגענוואַרט זאָלען זיך ניט געפינען גענוג וויכטיגע מענשען, וועלכע זאָלען איהם באַרעכטיגען צו זיין היסטאָרישען ווערטה.

משה אַליין מוז אויפשטעלען דעם משכן

די אַרבייט פון דעם משכן איז, אויף דעם באַפעהל פון גאָט, איבערגעגעבען געוואָרען צו בצלאל'ן, וועלכער איז געוועזען אַ גרויסער קינסטלער אין בוי־אַרבייט. ער האָט אויסגעקליבען אַלס זיין געהילף אהליאב'ן, אַ מייסטער־וועבער פון זיידענס און וואָל, און אויך אַ צאָהל אַנדערע בעלי־מלאכות, וועלכע האָבען פאַרשטאַנען זייער פאַך. אַז אַלע טיילען פון דעם משכן זיינען פאַרטיג געוואָרען, זיינען זיך די אידען צוזאַמענגעקומען אויפשטעלען דעם משכן. אַזוי גיך אָבער ווי זיי האָבען איהם אויפגעשטעלט, איז ער איינ־געפאַלען. זיינען זיי אַוועק צו בצלאל'ן און אהליאב'ן און האָבען צו זיי געזאָגט: „איהר האָט די פאַרשיידענע טיילען פון דעם משכן געבויט, געהט און שטעלט זיי צוזאַמען. מיר האָבען פּרובירט עס טאָן, אָבער ער איז איינגעפאַלען".

האָבען בצלאל און אהליאב און אַלע מיטאַרבייטער זיך גענומען צו דער אַרבייט צוזאַמענצושטעלען די פאַרשיידענע טיילען פון דעם משכן. אָבער אַזוי גיך ווי זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען

איז דער משכן ווידער איינגעפאלען. זיינען די אידען געוואָרען פאַרצווייפעלט, „ויביאו את המשכן אל משה" — און האָבען געבראַכט דעם משכן צו משה'ן. „אמרו לו, כל מה שאמרת לנו עשינו, וכל מה שציויתנו ליתן נתננו, למה אינו עומד?" — זיי האָבען צו איהם געזאָגט: אַלץ וואָס דו האָסט אונז געהייסען האָבען מיר געטאָן, און וואָס ד׳ האָסט אונז אָנגעזאָגט צו געבען האָבען מיר געגעבען, וואָרום שטעהט ער ניט?

איז משה געוואָרען שטאַרק איבעררַאשט און האָט געהאַט גרויס צער דערפון, ביז גאָט האָט צו איהם געזאָגט: „דער משכן וועט נאָר דאַן קאָנען שטעהן, אויב דו וועסט איהם אויפשטעלען. בדי שידעו כל ישראל, שאם על ידך אינו עומד, שוב אינו עומד לעולם" — איך וויל אז אַלע אידען זאָלען וויסען, אז אויב ער וועט ניט אויפגעשטעלט ווערען פון דיין האַנט, וועט ער מעהר קיינמאָל ניט קאָנען שטעהן (מדרש תנחומא). דער משכן קאָן נאָר דאַן האָבען אַ קיום, אויב ער ווערט אויפגעשטעלט אויף די יסודות פון „תורת משה". די טעמפּלען און משכנות, וואָס אידען האָבען געבויט נאָך דעם מוסטער פון אַנדערע תורות, האָבען זיך לאַנג ניט געהאַלטען און זיינען גיך צוזאַמענגעבראָכען.

דער זוהר הקדוש באַמערקט אויף דעם: „כל אינון אומנין אתו לאקמא משכנא, ולא יכל למיקום על ידייהו, עד דאתא משה ואוקים ליה, בגין דאיהו מאריה דביתא" — אַלע קינסטלער, וואָס האָבען איהם געבויט, זיינען געקומען אויפשטעלען דעם משכן, ער האָט אָבער ניט געקאָנט שטעהן אונטער זייערע הענט, ביז עס איז געקומען משה אַליין און האָט איהם אויפגעשטעלט, ווייל ער איז דער בעל־הבית פון הויז. צוליב זיינע תפילות האָט גאָט די אידען מוחל געווען אויף זייערע זינד און איינגעשטימט צו וואוינען צווישען די אידען. ניט נאָר די תורה הייסט אויף זיין נאָמען, אויך דער משכן וועט זיין באַקאַנט אַלס „משכן משה", דער משכן וואָס משה האָט געבויט.

אַ שעהן וואָרט פון דעם שפּאָלער זיידען

רבי ליב, דער שפּאָלער זיידע זצ"ל, איז געווען אַ גרויסער פּזרן. כמעט זיין גאַנצע הכנסה פלעגט ער אויסטיילען צווישען די אָרימעלייט פון שטאָדט. ער פלעגט אויך צווינגען די גבירים איהם צו געבען היבשע סומען יעדע וואָך פאר דעם צוועק, און האָט זיי קיינמאָל קיין רעכענונג ניט געוויזען.

אין צעטיילען דאָס געלט איז ער געווען העכסט ליבעראַל. איהם האָט ווייניג געקימערט ווער דער אָרימאַן איז געווען. קוים איז ער געווען באַדערפטיג, האָט ער איהם געגעבען מיט דער פולער האַנט. זאָגאַר באַוואוסטע גנבים אין שטעדטל פלעגען פון איהם באַקומען נדבות, אז זיי זיינען געווען אין נויט.

איינמאָל האָבען זיך די בעלי־בתים פון שטאָדט באַקלאָגט פאר איהם: „רבי, מיר פאָדערען טאַקע פון אייך קיין רעכענונג ניט, אָבער, היתכן, איהר זאָלט פון אונזער געלט אויך אויס־האַלטען גנבים?"

„איהר פאַרשטעהט ניט, קינדערלעך, פאַרוואָס איך טו עס" — האָט ער זיי ערקלערט. „עס טרעפט אַמאָל אַ „שנת בצורת" — אַ שלעכט יאָהר — ווען אַלע טויערען פון פּרנסה ווערען פאַר־שלאָסען פאַר די אידען. דאַן שיק איך אַרויס מיינע גנבים און זיי ברעכען אויף די שלעסער פון די „שערי רחמים", און אונזערע אידען הויבען אָן צו קריגען פּרנסה".

———o———

ויקרא

ויקרא

גאָט דערקלערט משה'ן דעם זין פון קרבנות

„ויקרא אל משה" — גאָט רופט משה'ן צום אוהל מועד, ווייל ער האָט מיט איהם עפּעס צו ריידען פּריוואַט. דער „א" אין „ויקרא" איז פיעל קלענער ווי די איבעריגע אותיות פון דעם וואָרט; דאָס צייגט, אַז דער רוף איז געווען געמיינט פאַר משה'ן אַליין. „הקול הולך ומגיע לאזניו וכל ישראל לא שומעין" — די שטים ציהט זיך און גרייכט צו משה'ס אויערען, אָבער קיינער פון די אידען הערט ניט (רש"י). און די אורזאַך פאַר דער געהיימניש איז, וואָס גאָט וויל משה'ן דערקלערען דעם זין פון קרבנות. אַז די אידען וואָלטען געהערט גאָט אַליין ריידען וועגען קרבנות, וואָלטען זיי דערפון געדרונגען, אַז ער וויל טאַקע מען זאָל עס פאַר איהם טאָן, ווייל ער האָט הנאה פון דעם, און דאָס איז גראָד דער היפוך פון גאָט'ס ווילען.

די נביאים, וועלכע האָבען שפּעטער אויסגעברייטערט דעם געדאַנק פון דער תורה, ריידען מיט דערביטערונג קעגען דעם חומר'שען, מאַטעריעלען זין פון קרבנות. זיי פאַראַכטען די יעניגע וואָס דענקען, אַז גאָט וויל טאַקע קרבנות, און דערפאַר זיינען זיי מכפּר אויף אַלע זינד. שמואל הנביא שרייט אויס: „החפץ לה' בעולות וזבחים?" — וויל דען גאָט קרבנות פון „עולות" און „שלמים"? „הנה שמוע מזבח טוב, להקשיב מחלב אילים" — פאַר גאָט איז בעסער אַז מען פאָלגט איהם, איידער מען ברייגגט איהם אַ גוטען קרבן. אַז מען הערט זיך צו צו זיינע געבאָטען איז איהם מעהר ליב, ווי די פעטס פון באַראַנען (ש"א ט"ו).

ישעיה הנביא מוסר'ט די אידישע מלוכה־לייט פאַר דעם וואָס זיי דריקען דעם פאָלק. ער רופט זיי אָן „קציני סדום" — די האַרען פון סדום — וועלכע זיינען געווען, ווי דער „קול אומר קרא" זאָגט, „רשעים וחטאים" — שלעכט און זינדיג — אָבער „לה' מאד" — וואָס אָנבאַלאַנגט צו גאָט זיינען זיי געווען זעהר פרום. זיי האָבען

געגלויבט, אז קוים בריינגען זיי פיעל קרבנות, קאָנען זיי שוין טאָן וואָס זיי ווילען, און אַלץ ווערט זיי פאַרגעבען. ער זאָגט: „למה לי רוב זבחיכם יאמר ה׳״ — וואָס דאַרף איך אייערע פיעל קרבנות, זאָגט גאָט, „קטורת תועבה היא לי״ — אייערע דעמפּונגען זיינען פאַר מיר אומווירדיג; וואָס איך וויל איז, „רחצו, הזכו״ — וואַשט אָפּ די שמוץ פון אייך, רייניגט אייך פון אייערע זינד, „הסירו רוע מעלליכם מנגד עיני״ — נעהמט אַוועק אייערע שלעכטע מעשים פון פאַר מיינע אויגען (ישעיה א׳).

ירמיה הנביא, שפּעטער צו, רעדט אויך אין דעמזעלבען זין: „עולותיכם לא לרצון וזבחיכם לא ערבו לי״ — אייערע קרבן עולות זיינען קעגען מיין ווילען און די „קרבנות שלמים״ זיינען מיר ניט זיס (ירמיה ו׳). דער תהלים זאָגט אין נאָמען פון גאָט: „האוכל בשר אבירים ודם עתודים אשתה?״ — עס איך דען דאָס פליייש פון פעטע אָקסען, טרינק איך דען דאָס בלוט פון די פעטע בעק? (תהלים נ״ח).

פון דעם איז צו זעהן, אַז דער הויפּט־געדאַנק פון קרבנות איז ניט געווען דער קרבן גופא, נאָר די כונות וואָס דער מענש האָט געהאַט ביים בריינגען דעם קרבן. „קרבן״ מיינט דער־נעהנטערונג, און דער אמת׳ער זין איז „לקרב את האדם במחשבותיו אל ה׳״ — צו דערנעהנטערען דעם מענשען אין זיינע געדאַנקען צו גאָט. דערפאַר זאָגען טאַקע אונזערע חכמים, אַז „קרבן דליכא תשובה הוא זבח רשעים תועבה״ — אויב ביים בריינגען דעם קרבן טוט דער מענש ניט קיין תשובה אויף זיינע זינד, ווערט עס באַטראַכט פון גאָט אַלס אַ „זבח רשעים״, וואָס איז פאַר איהם אומווירדיג (זבחים ז׳ ע״ב).

קרבנות מוזען געבראַכט ווערען פרייוויליג

„אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳״ — אַז אַ מענש פון אייך וועט בריינגען אַ קרבן פאַר גאָט — „יכול גזרה, ת״ל כי יקריב, הא אינו אלא רשות״ — קאָן מען דאָך מיינען, אַז דאָס איז אַ גזירה, אַ באַפעהל, שטעהט דערפאַר „כי יקריב״, אַז ער וועט אַליין בריינגען,

וואָס דאָס ווייזט, אַז עס איז בלויז אַ „רשות", אַ פרייוויליגע זאַך (תו"כ). גאָט וויל ניט סתם אַ קרבן, ער באַפעהלט ניט דעם מענשען, אַז ער מוז ברייננגען קרבנות. אויב ער פאַרשטעהט ניט דעם ריכטיגען זין פון דעם, אויב ער האָט ניט קיין חרטה אויף זיינע זינד, און מיט'ן קרבן זוכט ער ניט זיך צו דערנעהנטערען צום געדאַנק פון דער גאָטהייט, וויל גאָט זיין קרבן ניט. דאָס מוז קומען פרייוויליג, מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז דערמיט זוכט דער מענש צו קומען וואָס נעהנטער צו גאָט און אויסבעסערען זיינע מעשים.

די קרבנות ווערט איינגעטיילט אין צוויי הויפט־טיילען: אַ „קרבן תודה" אָדער „שלמים" — אַ דאַנק־אָפּפערונג, וואָס איינער ברייננגט צו גאָט פאַר דאָס גוטס וואָס ער טוט מיט איהם — דערמיט אָנערקענט ער, אַז אַל־דאָס־גוטס וואָס ער פאַרמאָגט איז באמת ניט זיינס, וואָס ער האָט ערוואָרבען מיט זיין כח, נאָר איז איהם געגעבען געוואָרען דורך דעם רצון פון גאָט; און אויך אַ „קרבן אשם" אָדער „חטאת" — אַ שולד־אָפּפער, וואָס איינער ברייננגט אַלס חרטה און תשובה אויף אַ זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגען גאָט אָדער קעגען זיינעם אַ מיטמענשען.

„נפש כי תחטא ומעלה מעל בה', וכחש בעמיתו — והשיב את הגזילה אשר גזל, „ואת אשמו יביא לה'" — אַ זעל וואָס וועט זינדיגען און וועט פעלשען קעגען גאָט, אָדער זיך שלעכט באַגעהן קעגען זיין חבר, זאָל ער צוערשט אומקעהרען די גזלה וואָס ער האָט גערויבט, און נאָכדעם ברייננגען זיין קרבן צו גאָט. אַלע חז"ל שטימען איין, אַז זינד פון „בין אדם לחברו", וואָס אַ מענש פאַרברעכט קעגען זיין חבר, זיינען פיעל הארבער ווי זינד פון „בין אדם למקום", וואָס אַ מענש פאַרברעכט קעגען גאָט. „קשה עונש גזל יותר מגזל גבוה" — די שטראָף פאַר באַרויבען אַ מענשען איז פיעל שווערער ווי די שטראָף פאַר באַרויבען גאָט פון אַ געוויסער מצוה.

דערפאַר זאָגט אונז די תורה: אויב אַ מענש פיהלט זיך טאָפּעלט זינדיג, אי קעגען גאָט אי קעגען מענשען, זאָל ער פריהער מקיים זיין „והשיב את הגזלה" — גוט־מאַכען דעם שאָדען וואָס

ער האָט פאַראורזאַכט זיין חבר — און נאָכדעם „יביא אשמו" — זיך איבערבעטען מיט גאָט. גאָט וויל ניט אַ קרבן וואָס באַלאַנגט ניט צום מענשען און קומט פון גזלה (סוכה ל'). באַרויבען אַ חבר צו קאָנען ברייגנען אַ קרבן פאַר גאָט, איז אַ פאַרברעכען וואָס קאָן ניט פאַרגעבען ווערען.

„כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו" — זויערס און האָניג זאָלט איהר ניט דעמפען צו גאָט. זאָגט אויף דעם רבי יוסף שאול נאַטאַנסאָן: „שאור און דבש זיינען צוויי עקסטרעמען, לויט זייערע אייגענשאַפטען און לויט זייער געשמאַק, איינער איז זויער און דער אַנדערער איז זיס. דאָס לערענט אונז, אַז גאָט אַליין האָט פיינט עקסטרעמען. ער האָט ניט ליב דעם וואָס איז צופיעל פאַרזויערט, און אינגאַנצען אָפּגעגעבען צו יענער־וועלט און וויל פון דער־וועלט ניט וויסען; ער האָט אויך פיינט דעם זיסען, דעם חונף, וואָס זוכט זיך צופיעל צו שמייכלען צו איהם. עקסטרעמען זיינען שעדליך, און פון ביידע דאַרף מען זיך דערווייטערען. זאָל דער איד בעסער געהן אין דעם „שביל הזהב" דעם גאָלדענעם וועג, דעם מיטעל־וועג".

תפילות אָנשטאָט קרבנות

לויט דער ערקלערונג פון דעם רמב"ם (מורה נבוכים פ' ל"ב) און אַנדערע גרויסע אידישע חוקרים, איז די מצוה פון קרבנות געגעבען געוואָרען צו די אידען, אום זיי צו פאַרהיטען פון עבודה־זרה. אין יענער צייט איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט צווישען די פעלקער דאָס מקריב זיין קרבנות צו זייערע געטער. מאַנכע זיינען אין זייער אַבערגלויבען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבען אויך מקריב געווען מענשליכע קרבנות. אַז דאָס ערשט־געבוירענע קינד, אויב ער איז אַ זכר, באַלאַנגט צו זייער גאָט און מוז געבראַכט ווערען פאַר אַ קרבן.

ווענדיג דערווייטערען די אידען פון אַזעלכע אַבשייליכע עבודה־זרות און אַבערגלויבענישען, איז דעריבער באַפוילען געוואָרען צו בויען אַ משכן און מקריב זיין אַזעלכע קרבנות, וועלכע זאָלען זיי דערהויבען צו אַ העכערער שטופע און דערנעהנטערען צו השם יתברך". דער געדאַנק, זאָגט דער רמב"ם, ווערט דייטליך

אויסגעדריקט אין די פאָלגענדע פסוקים: „למען אשר יביאו בני ישראל את זבחיהם לה׳ — ולא יזבחו עוד לשעירים" — אום אז די אידען זאָלען ברייגנען זייערע קרבנות צו גאָט און זאָלען מעהר ניט שעכטען צו די שדים.

מאַנכע פון די חוקרים ווילען האָבען, אז אויך מיט דער מעשה פון דער עקדה האָט גאָט דורך אברהמ'ען געוואָלט לערנען דער וועלט, אז ער וויל ניט קיין מענשליכע קרבנות (ע"ע יצחק). אַנשטאָט מקריב זיין די בכורים האָט גאָט אַנגעזאָגט די אידען זיי אויסצוקויפען מיט דעם, וואָס זיי זאָלען געבען פינף שקלים אויס־לייז־געלט דעם כהן. דאָס, אייגענטליך, זאָגען די חוקרים, איז דער געדאַנק פון דעם פסוק: „האתן בכורי פשעי? פרי בטני חטאת נפשי?" — זאָל איך געבען מיין ערשט־געבוירענעם פאַר מיין זינד, די פרוכט פון מיין בויך פאַר מיינע אייגענע פאַרברעכענס?

אין די לעצטע יאָהרען פון דעם בית שני, ווען די כהנים זיינען ניט געווען עהרליך, און האָבען מיסברויכט דעם אמת'ן זין פון קרבנות, האָבען די אנשי כנסת הגדולה גענומען איינפיהרען תפילות אַנשטאָט קרבנות. ווי עס איז אַרויסצוזעהן פון די פיעל מאמרים אין תלמוד איבער דעם דאָזיגען ענין. מיר ווען ען דאָ ברייגנען בלויז אייניגע, וועלכע וויזען קלאָר זייער אָפּשאַצונג איבער דער זאַך.

„בזמן שקוראים לפני אני מוחל להם על כל עונותיהם" — ווען זיי רופען צו מיר מיט זייערע תפילות, בין איך זיי מוחל אויף אַלע זייערע זינד (תענית כ"ז). „אמר רבא כל העוסק בתורה אינו צריך לא עולה ולא חטאת ולא מנחה ולא אשם" — „רבא זאָגט, אז דער וואָס לערענט תורה דאַרף ניט די פאַרשיידענע קרבנות (מנחות ק"י). „מי שדעתו שפלה מעלה עליו הכתוב כאילו הקריב כל הקרבנות כולן" — דער וואָס טוט תפילה און זיין געדאַנק דער־נידעריגט זיך צו גאָט, ווערט ער באַטראַכט ווי ער וואָלט מקריב געווען אַלערליי קרבנות (סנהדרין מ"ג). „אמר ר' אלעזר גדולה תפלה יותר מן הקרבנות — ר' אלעזר זאָגט: תפילה שטעהט פיעל העכער פאַר קרבנות (ברכות ל"ב).

———o———

שמיני

אהרן׳ס גרויסע טראגעדיע

אויף דעם אכטען טאג זינט דער משכן איז אויפגעשטעלט געווארען האט משה גערופען זיין ברודער אהרן און זיינע קינדער, און זיי געהייסען זיך מאכען פארטיג צו טאן די עבודה אויף דעם מזבח. די גאנצע זיבען טעג האט משה אליין זיך באשעפטיגט מיט די קרבנות און פארטראטען די שטעלע פון כהן גדול. ער האט אלץ געצווייפעלט, אויב זיין ברודער אהרן איז פאסיג פאר דעם אמט צוליב דעם חטא, וואס ער האט געהאלפען די אידען מאכען דעם עגל.

ער האט אבער באמערקט, אז די ארבייט געהט ניט אן ווי עס באדארף צו זיין. „כל שבעת ימי המלואים היה משמש משה בכהונה גדולה ולא שרתה שכינה על ידו" — די גאנצע זיבען טעג, וואס משה האט פארטראטען דעם אמט פון כהן גדול, האט די שכינה ניט גערוהט ביי זיין האנט (ירושלמי יומא פ"א). ער האט פארשטאנען, אז דער אמט איז ניט זיינער, אז ער פארנעהמט דא א הויכע שטעלע, וואס איז לכתחילה באשטימט געווארען פאר אן אנדערען. כאטש ער איז געוויס געווען ראוי און פאסיג פאר דעם, האט ער אבער געדארפט וויסען, אז צו זיין א „משתמש בשני כתרים", צו פארטרעטען די צוויי גרעסטע עמטער פון א פאלק, די פון „פיהרער" און „כהן גדול", איז צופיעל פאר איין מענשען צו קאנען דורכפיהרען ווי געהעריג איז.

גאט אליין איז אויך ניט געווען צופרידען פון דעם. ער זאגט צו משה׳ן: „מה אתה סבור שאתה נעשה כהן גדול?" — וואס דענקסטו, אז אויך דער אמט פון כהן גדול באלאנגט צו דיר? (מדרש תנחומא). אין די שפעטערדיגע יאהרען, אין די צייטען פון דער חשמונאים דינאסטיע, אז די מלכים האבען אויך פארנומען דעם אמט פון כהן גדול, האבען די סנהדרין און די „כת הפרושים" שטארק פראטעסטירט קעגען דעם. זיי האבען פאראויסגעזעהן, אז

דאָס וועט ענדליך פיהרען צו רואין. ווען אַ קעניג אָדער פיהרער פון אַ פאָלק פארכאַפּט פאַר זיך אַלע הויכע און פאראַנטוואָרטליכע עמטער, ווערט ער מיט דער צייט אַ דיקטאַטאָר, וואָס זוכט ארויפ־צוצווינגען אויפ׳ן פאָלק זיין אייגענעם ווילען און בארויבט איהם פון אַלע פּריוויהייטען. און די געשיכטע האָט נאָכדעם קלאָר באַ־וויזען, אַז זיי זיינען געווען גערעכט מיט זייערע באַהויפּטונגען.

און משה האָט זיך טאַקע גלייך איבערצייגט אַז ניט ער, נאָר זיין ברודער אהרן איז באַשטימט צו זיין דער כהן גדול פון פאָלק. „כיון שלבש אהרן בגדי כהונה ושימש, שרתה שכינה על ידו״ —— אזוי גיך ווי אהרן האָט אָנגעטאָן די קליידער פון כהן גדול און האָט אָנגעפאַנגען צו טאָן די עבודה, האָט די שכינה גערוהט ביי זיין האַנט (ירושלמי יומא פ״א).

משה האָט אָבער אַליין מורא געהאַט, טאָמער וועלען די אידען צווייפלען אין דער פאַסיגקייט פון אהרן צו פארטרעטען דעם אַמט פון כהן גדול. ער האָט געוואוסט, אַז זיי אַלע פיהלען זיך נאָך זינדיג פאַר דעם גרויסען חטא, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען מיט דעם עגל. כאָטש משה האָט זיי באַרוהיגט און קלאָר געגעבען צו פאַר־שטעהן, אַז מיט דעם וואָס גאָט האָט איהם געהייסען בויען אַ משכן, ער זאָל קאָנען וואוינען צווישען זיי, האָט ער זיי מכפּר גע־ווען אויף זייער זינד, דאָך האָבען מאַנכע געקאָנט דענקען, אַז איינער וואָס האָט מיטגעהאָלפען אין דעם גרויסען פארברעכען דאַרף ניט זיין דער כהן גדול און שטעהן אין שפּיץ פון דער הייל־ליגער עבודה.

ער זאָגט דעריבער צו אהרן׳ען: „קח לך עגל בן בקר לחטאת״ —— נעהם פאַר דיר אַ קאַלב פון אַ רינד פאַר אַ קרבן חטאת. „על ידי העגל נתפקפקה הכהונה בידך, ובעגל היא מתבוססת בידך״ —— צוליב אַ קאַלב איז די פאַסיגקייט דיינע פאַר דער כהונה געוואָרען צווייפעלהאַפט, און מיט דעם קאַלב וועט זי צוריק פעסטגעשטעלט ווערען אין דיין האַנט (מדרש תנחומא). אָט דער קרבן חטאת וועט דינען אַלס אַן אָפענע ערקלערונג, אַז דו און דאָס פאָלק האָבען נענצליך חרטה אויף דעם גרויסען פארזעהן, און פון היינט אָן און

ווייטער „ירא אליכם כבוד ה׳" — וועט איבער אייך זיך ווייזען גאָט׳ס כבוד.

אזוי גיך ווי אהרן און זיינע קינדער זיינען פערטיג געוואָרען מיט דער עבודה, האָט פּאַסירט אַ שרעקליכע טראַגעדיע. נדב ואביהו, די צוויי עלטערע זיהן פון אהרן זיינען פּלוצלונג געשטאָרבען ביים מזבח.

וואָרום זיינען נדב ואביהו פאַרברענט געוואָרען ?

נדב און אביהו זיינען געווען די צוויי גרעסטע אידען, נאָך משה און אהרן. זיי זיינען אויף אזויפיעל געווען געאַכטעט ביים פאָלק, אז ווען משה און אהרן צוזאַמען מיט די זקנים זיינען ארויף אויפ׳ן בארג סיני מקבל צו זיין די תורה, האָט מען זיי אויך מיט־גענומען, און זיי האָבען דאָרט געזעהן גאָט אליין (שמות כ״ד א׳ ט׳). וואָרום האָט זיי געקומט אזא שרעקליכער טויט — פאַר־ברענט צו ווערען אין מיטען פון דער עבודה ביים מזבח ? די חז״ל, זוכענדיג רעכטצופערטיגען די דאָזיגע טהאַט פון גאָט, גיבען־אָן פארשיידענע אורזאַכען, וועלכע זיינען פון גרויס וויכטיגקייט פאַר יעדען וואָס וויל פאַרשטעהן אָט די רעטזעלהאַפטע געהיימניש, וואָס האָט דאַן ארויסגערופען גרויס טרויער צווישען דעם גאַנ־צען פאָלק.

איין מיינונג איז דאָ, אז די אורזאַך פאַרוואָס זיי זיינען אזוי פּלוצלונג געשטאָרבען איז געווען, ווייל זיי האָבען ניט פאַרגונען משה׳ן און אהרן׳ען דעם גרויסען כבוד, וואָס זיי קריגען פון גאַנצען פאָלק. אז זיי זיינען צוגעקומען צום אוהל מועד און געזעהן ווי אלע אידען שטעהען אויסגעשטעלט און ווארטען מיט גרויס יראת הכבוד אויף זייערע פיהרער משה און זיין ברודער אהרן, האָבען זיי געזאָגט איינער צום אנדערען : „מתי שני זקנים הללו מתים ואנו נוהגים שררה תחתיהם ?" — ווען וועלען די צוויי אַלטע שטאַרבען און מיר וועלען איבערנעהמען די פיהרער־שאַפט ? ווען גאָט האָט דאָס דערהערט האָט ער זיך אָנגערופען : „נראה מי קובר את מי" — מיר וועלען זעהן ווער וועמען וועט באַגראָבען. „יצאו שני חוטים של אש ונכנסו בנחירי נדב ואביהו

ונשרפו" — זיינען ארויסגעקומען צוויי פייערדיגע פעדים און זיינען אריין אין די נאָזלעכער פון נדב און אביהו און זיי זיינען פאַרברענט געוואָרען (סנהדרין נ"ב ע"א).

קנאה איז זעהר א שלעכטע מידה. דער וואָס פאַרגינט ניט יענעם דאָס לעבען אָדער זיין האָב און גוטס איז א שלעכטער מענש. איבערהויפּט טאָר א פיהרער פון פאָלק ניט מקנא זיין אנדערע, ווייל דאָס פיהרט איהם אראָפּ פון דרך הישר און ער ווערט ענגהאַרציג. בפרט א כהן גדול, וועלכער, לויט דער אמונה, מוז זיין דער בעטער פאַר'ן פאָלק, און אז ער קומט פאַר גאָט אין קדשי הקדשים איז זיין פליכט פאַרצולייגען אלע „צרכי עמו", די באַדערפעניסען פון זיין פאָלק. אויב ער איז אָנגעשטעקט מיט דער מחלה פון ניט־פאַרגינען, קאָן ער קיין גוטער בעטער ניט זיין, און איז דערפאַר ניט ראוי פאַר דעם אמט.

אַן אנדער אגדה וויל האָבען, אז זיי זיינען פאַר'משפט געוואָרען צו שטאַרבען יונג, ווייל זיי זיינען געוועזען גרויסע בעלי־גאוה. זיי האָבען זיך אַזוי גרויס געהאַלטען, אז זיי האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון הייראַטען. „אמרו: אחי אבינו מלך, אבינו כהן גדול, ואנחנו סגני כהונה, איזו אשה הגונה לנו?" — זיי האָבען געזאָגט: אונזער פאָטער'ס ברודער, משה, איז דער אידישער פיהרער, אונזער פאָטער, אהרן, איז דער כהן גדול, און מיר זיינען זייערע געהילפען, וועלכע פרוי פּאַסט זיך פאַר אונז? (מדרש תנחומא).

רבי פנחס קאָריצער ע"ה פלעגט זאָגען: „דער גרעסטער בעל־עבירה איז א בעל־גאוה. צו אלע עבירות פאָדערט זיך א געוויסע מיה און אָנשטרענגונג, בלויז צו דער עבירה פון גאוה דאַרף מען גאָרנישט טאָן. דער בעל־גאוה ליגט זיך אויסגעצויגען אויף זיין בעט אָדער קאַנאַפּע, טוט קיין זאַך ניט, נאָר בלאָזט פון זיך און איז מבטל די גאַנצע וועלט. גאוה איז אויך דער גרעסטער מום, וואָס איינער קאָן האָבען. דער וואָס ווערט פון איהר אָנגעשטעקט, ווערט נעבעך א גייסטיגער קאַליקע. ער וויל שוין מעהר ניט לערנען אָדער זיך צוהערען צו אנדערע מיינונגען, ווייל ער האָט זיך איינגערעדט, אז ער איז גרעסער פון אלעמען".

דער „זוהר הקדוש" זאָגט, אז טאַקע צוליב דעם וואָס זיי האָבען ניט געוואָלט הייראַטען האָבען זיי זיך ניט געפּאַסט פאַר דער כהונה, און זיינען פאַר דער צייט אוועק פון דער וועלט. „מאן דלא אנסיב פגום הוא, ולא הוא כדאי לאשתכחא ברכן בעלמא על ידו, עליו לא שריין, כל שכן על ידו לאחרים" — דער ניט פאַרהייראַטער איז פעהלערהאַפט און איז ניט ווערט, אז דורך איהם זאָלען קומען ברכות אויף דער וועלט. אז די ברכות רוהען אויף איהם אליין ניט, ווי קאָנען זיי דען קומען צוליב איהם אויף אנדערע?

דער כהן מוז זיין דער פאָרשטעהער פון פאָלק פאַר גאָט. ער מוז אויך גאָט בעטען פאַר זיין פאָלק. דער ניט פאַרהייראַטער פאַרשטעהט ניט וואָס דאָס פאָלק דאַרף האָבען. אז ער עלטערט זיך, ווערט ער מיט דער צייט אויך ענגהאַרציג און האָט מעהר ווי זיך אליין ניט אין זינען. ווי קאָן מען אזא מענשען אנפאַרטרויען אזא פאַראַנטוואָרטליכען אמט פון צו זיין א כהן, א גייסטיגער פיהרער, א מתפלל, א בעטער פאַר זיין פאָלק?

א העכערע אורזאַך ווערט אָנגעגעבען אין פּסוק

אין דער היינטיגער סדרה ווערט אָנגעגעבען די פאָלגענדע אורזאַך פאַר דעם שנעלען טויט פון אהרן׳ס קינדער נדב און אביהו: „ויקריבו לפני ה׳ אש זרה אשר לא צוה אותם" — זיי האָבען גע־בראַכט פאַר גאָט א פרעמדען פייער, וואָס ער האָט זיי ניט געהייסען. אין דער עבודה פאַר גאָט, אזוי גוט ווי אין אלע עניני אמונה ודת, טאָר קיין פרעמדס ניט צוגעלאָזען ווערען. פרעמדע פייערען, פרעמ־דע אידייען, גענומען פון אנדערע קוואלען, מאַכען וואַכענדיג דעם גלויבען און פאַרשוועכען די הייליגקייט פון דער טראַדיציע.

די גמרא זאָגט, אז ביי נדב און אביהו איז געווען „שריפת נשמה וגוף קיים" — זייערע נשמות זיינען פאַרברענט געוואָרען און זייערע קערפּערס זיינען געבליבען גאַנץ (שבת קי"ג ע"ב). מיט דער איינפיהרונג פון פרעמדע מעטאָדען און מנהגים אין די שוהלען און טעמפּלען גראָבט מען אונטער דעם

גייסטיגען יסוד פון א פאלק און מען פארברענט זיין נשמה. אבער א קערפער אהן א נשמה קאן ניט לעבען.

די גאנצקייט פון דער אמונה, איהר אייגענארטיגקייט און אינערליכער פייער איז די נשמה פון א פאלק. הויבט מען זיך אן צו באנוצען מיט פרעמדע פייערען און אריינברייגנען נייע אידייען אין דער אמונה, וואס זיינען פרעמד צו איהר גייסט, איז א סימן, אז די נשמה גוסס'ט און דאס פאלק וועט זיך לאנג ניט האלטען. זיינע קינדער ווערען איהם פארלאזען און אוועקגעהן אין די לא־גערען פון וואנען די פרעמדע פייערען האבען זיך גענומען.

אט צוליב דעם וואס נדב און אביהו האבען אריינגעבראכט פרעמדע פייערען אין דער עבודה פאר גאט, זיינען זייערע נשמות פארברענט געווארען, און משה האט געמוזט באפוילען זייערע קאזינס, מישאל און אלצפן, מיט די ווערטער: „שאו את אחיכם מאת פני הקודש אל מחוץ למחנה" — טראגט ארויס אייערע ברי־דער פון די הייליגע פלעצער, אויסער דער אידישער מחנה.

—————o—————

תזריע

משה לערנט די אידען סאניטארע געזעצען

די סדרות „תזריע" און „מצורע" זיינען געווידמעט צו לערנען דעם אידישען פאלק די פארשיידענע דינים פון טומאה און טהרה, און ווי איינצופיהרען סאניטארע איינריכטונגען אין לאנד, וועלכע זאל פארהיטען די אידען פון אנשטעקענדיגע קראנקהייטען. „מיט די געזעצען", זאגט דער רמב"ם אין זיין הקדמה צו טהרות, „האט גאט דערהויבען די אידען אין יענער צייט צו דער העכסטער שטופע פון ריינליכקייט און געזונדקייט".

דער רמב"ם, וועלכער איז געווען א באריהמטער דאקטאר, האט מעהר געהאלטען פון אויסהיטען די מענשען פון קראנקהייטען, ווי זיי צו היילען. איבערהויפט האט ער געראטען צו זיין שטארק פארזיכטיג מיט אנשטעקענדיגע קראנקהייטען, וועלכע קאנען זיך לייכט פארשפרייטען צווישען פאלק, אויב מען איזאלירט זיי ניט און מען ערלויבט דעם קראנקען פריי צו פארקעהרען אין דער געזעלשאפט. ער ראט דעריבער, אז יעדער איד זאל גרינטליך שטודירען די דינים פון טומאה און טהרה: „לא יספיק לך הקריאה והעברה עליו, שזה בלתי מספיק, עד שיהיה רגיל על לשונך כמו קריאת שמע" — עס איז ניט גענוג בלויז צו לייענען און זיך לייכט באקענען מיט די סאניטארע און היגיענישע געזעצען, מען מוז זיי גרינטליך שטודירען און זיין אין זיי געניט ווי אין קריאת־שמע.

סאניטארע איינריכטונגען אין א לאנד קאסטען געלט און מיה. היגיענישע מיטלען פאדערען געוויסע באשרענקונגען, וואס זיינען ניט אלעמאל לייכט נאכצוקומען און דורכצופיהרען. אבער כדי זיי זאלען שטרענג אפגעהיט ווערען פון פאלק האט משה די אלע דינים פון טומאה און טהרה געמאכט פאר א טייל פון דער אידישער אמונה. **גאט וויל וואוינען צווישען די אידען, און די אידען ווילען דאך טאקע אז גאט זאל זיין מיט זיי. אבער**

דאָס קאָן נאָר געשעהן, אויב זיי וועלען זיך האלטען הייליג, און קדושה פאָדערט טהרה, ריינליכקייט.

„לפני ד׳ תטהרו״ — פאר גאָט דארפט איהר זיך ריינינגען. „והייתם קדושים, כי קדוש אני, ולא תטמאו את נפשותיכם״ — איהר מוזט זיין הייליג, ווייל איך בין הייליג, און איהר זאָלט ניט פאראומרייניגען אייערע זעלעס. „ולא יטמאו את מחניהם, כי אני שוכן בתוכם״ — די אָנגעשטעקטע פון פארשיידענע קראנקהייטען זאָלען ניט פאראומרייניגען זייערע לאגערען, ווייל איך וואוין דאָרט. אָט טאקע צוליב דעם, וואָס גאָט אַליין פארלאנגט ריינליכקייט, און אנטזאגט זיך צו וואוינען צווישען זיי אויב זיי וועלען ניט אָפּהיטען די סאניטארע געזעצען, האָבען די אידען, וואָס ווערען באהערשט פון דער אמונה, שטענדיג שטארק אָפּגעהיט די דינים פון טומאה און טהרה און פארוואנדעלט ארץ־ישראל, אין אַ ריין און געזונט לאנד, וואָס „עיני ה׳ בה מראשית השנה ועד אחרית השנה״ — וואו גאָט׳ס אויגען זיינען אויף איהר געריכטעט פון אָנפאנג יאָהר ביז ענד יאָהר.

דער גרויסער אידישער פּאָעט און געלערענטער חיים נחמן ביאליק ע״ה האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „כדי אַז מענשען זאָלען קאָנען ריכטיג אָפּשאצען וואָס די סדרות „תזריע״ און „מצורע״ האָבען אויפגעטאָן פאר די אידען זאָלען זיי, איידער זיי קומען קיין ארץ־ישראל, פריהער באזוכען עגיפּטען״. ווען איהר מאכט אַ רייזע דורך מצרים, ווארפען זיך אייך אין די אויגען טויזענטער מענשען מיט קרעציגע געזיכטער, אויסגערונענע אויגען פון טראכאָמאַ און אנדערע אַנשטעקענדיגע קראנקהייטען. אפילו אין דעם „אלכז׳ר״ (דער גרעסטער טעאָלאָגישער סעמינאר פון די מאכמעדאנער אין קאַאיראָ, מצרים) וועט איהר צווישען די טויזענטער תלמידים געפינען הונדערטער מיט פארפעסטעטע געזיכטער און קראנקע אויגען.

איך האָב באזוכט אָט דעם גרויסען לעהר־אַנשטאלט אין קאַאיראָ, אין דער באגלייטונג פון אַ באוואוסטען עגיפּטישען דאָקטאר, וואָס האָט געשטודירט אין אַמעריקא. באמערקענדיג זייערע

קרעציגע געזיכטער און אויסגערונענע אויגען, האָב איך איהם געפרעגט: „דאָס זיינען דאָך שוין די געבילדעטע פון פאָלק, ווארום באזוכען זיי ניט א דאָקטאָר" האָט ער מיר געענטפערט: „דאָס איז קעגען זייער אמונה. זיי גלויבען, אז אויב דער מענש ווערט אָנגעשטעקט מיט א מחלה, איז עס א סימן, אז אזוי איז דער ווילען פון גאָט, און דער מענש טאָר קיין זאך ניט טאָן צו ענדערען זיין רצון".

אין דעם באשטעהט דער אונטערשייד פון אונזער אמונה, אין פארגלייך צו אנדערע. ביי די אידען איז די אמונה ניט באַגרענעצט צו תפילות און גאָט־בעטען. די אידישע אמונה איז גענומען געוואָרען פון דעם „אוצר פון לעבען", און זי זוכט צו פאַר־שעהנערען און פארבעסערען דאָס מענש־ליכע לעבען. א געזונט, לעבעדיג פאָלק, פארשטעהט אָפּ־צושאצען די הייליגקייט פון אן אייביג־לעבעדיגען גאָט. „נקיות מביאה לידי פרישות, פרישות מביאה לידי טהרה, טהרה מביאה לידי חסידות" — רייגליכקייט ברייננגט צו אָפּזונדערען זיך פון שמוץ און אבשייליכקייט, אָפּזונדערונג פיהרט צו זויבערקייט, און זויבערקייט ברייננגט צו פרומקייט (ע"ז כ' ע"א). צו זיין פרום מיינט ניט נאָר צו געהן אין שוהל אריין און דאוונען ווי א איד. מען מוז אויך לעבען ווי א איד, און א אידיש לעבען מוז זיין ריין קערפערליך, אזוי גוט ווי גייסטיג.

קראַנקהייטען זיינען אַ שטראָף פון גאָט

אלע קראנקהייטען, פון וועלכע א מענש ליידט, זיינען אן אָנשיקעניש פון גאָט, וואָס שטראָפט איהם פאר זיינע עבירות. אויב ער האָט געטאָן אן „עבירה בין אדם למקום" און געזינדיגט קעגען גאָט אליין, באשטראָפט ער איהם מיט א וועהטאָג אין א פאר־באָרגענעם פלאץ, וואו קיינער זעהט ניט. האָט ער אָבער באגאנגען אן עבירה „בין אדם לחברו" און געזינדיגט אויך קעגען מענשען,

דאַן באַקומט ער אַן אַנזעהערעוודיגע קראַנקהייט, וואָס אַלע קאָנען באַמערקען און מיידען איהם אויס.

אויף דעם פסוק „אדם כי יהיה בעור בשרו שאת, או ספחת, או בהרת" — אַ מענש, וואָס אויף די הויט פון זיין פלייש וועט ווערען אַ געשוויל׳עכץ, אַ וואוקס אָדער אַ שיינענדער פלעק, זאָגט דער „זוהר הקדוש" : „קב"ה כד אוכח לבר נש אוכח ברחימותא" — אַז גאָט שטראָפט אַ מענשען טוט ער עס מיט רחמנות. „בקדמיתא מחי ליה בגרמיה דלגו" — צוערשט שלאָגט ער איהם מיט אַ פאַרבאָרגענע קראַנקהייט, וואָס קיינער זעהט ניט. „אי הדר ביה מוטב, ואי לאו מחי ליה תחות תותביה בעורו" — אויב ער האָט חרטה אויף זיינע זינד איז גוט, אַז ניט שטראָפט ער איהם מיט אַ וואוקס אויף זיין הויט, אונטער זיינע קליידער, וואָס איז שוין אביסעל מערקבאַר. „אי הדר ביה מוטב, ואי לאו, מחי ליה באתגליה באנפוי קמא כלא" — טוט ער אָבער ניט קיין תשובה ניט, פלאָגט ער איהם מיט אַן עפענטליכער קראַנקהייט, וואָס אַלע קאָנען זעהן, און מענשען היטען זיך פאַר איהם און מיידען איהם אויס.

„והבגד אשר יהיה בו נגע צרעת" — אויב עס געפינט זיך אַן אַנשטעקענדיגע קראַנקהייט אין אַ קלייד, אָדער „נגע צרעת כי יהיה בבית" — אַ הויז וואָס איז פאַרפעסטעט פון קראַנקהייטען, מוז מען עס אויך ווייזען צום כהן און גוט אויסרייניגען. דאָ האָט איהר צום ערשטען מאָל דעם אָנגענומענעם געזעץ אין דער היגי־עניע, אַז ניט נאָר מענשען קאָנען איבערטראָגען קראַנקהייטען פון איינעם צום צווייטען, נאָר אַז אויך קליידער, הייזער און אַנדערע געגענשטאַנדען זיינען אימשטאַנד דאָס צו טאָן. אויב אַזאַ זאַך טרעפט, מוז מען דאָס הויז אָדער דעם בגד פומיגירען, אויסרויכע־רען, מיט אַזאַ גראָז וואָס הייסט „אזוב", וועלכער פאַרניכטעט די באַצילען און רייניגט דאָס הויז אָדער דעם בגד, אַז מען זאָל זיך קאָנען נאָכדעם באַנוצען מיט דעם.

די דינים פון טומאה און טהרה זיינען באַטראַכט געוואָרען פאַר די וויכטיגסטע, ווי מיר געפינען : ר׳ אלעזר בן עזריה זאָגט צו ר׳ עקיבא׳ן : „מה לך אצל אגדה", כלך מדברותיך ולך אצל

נגעים ואהלות" — וואָס באַשעפטיגסטו זיך אַזוי מיט אגדה? נעהם דיינע רייד און גיה בעסער צו „נגעים ואהלות", לערען דיינע תלמידים ווי זיך אָפּצוהיטען פון אַנשטעקענדיגע קראַנקהייטען (חגיגה י"ד ע"א).

מאַנכע פון אונזערע האַלב־אויפגעקלערטע האָבען ליב חוזק צו מאַכען פון די פאַרשיידענע דינים און מנהגים ביי אידען. „נטילת ידים" — וואַשען די הענט פאַר'ן עסען — אָדער „מים אחרונים" — וואַשען די הענט נאָכ'ן עסען — ווערט פון זיי גרינג געשעצט, ווייל אונזערע תלמוד'יסטען האָבען ערקלערט, אַז מיט דעם העלפט מען אָוועקצוטרייבען דעם „רוח רעה". דעם שעדלי־כען גייסט, וואָס שוועבט איבער די הענט. זיי פאַרשטעהען ניט, אַז מיט דעם „רוח רעה" ווערען געמיינט די באַצילען, וואָס טראַ־גען איבער קראַנקהייטען פון איינעם צום צווייטען. „ידים שניות הן לטומאה" — די הענט זיינען אימער נאָהנט צו טומאה, צו אומריינליכקייט. איבערהאַלטענדיג פאַרשיידענע געגענשטאַנדען אַ טאָג, קאָן זעהר זיין, אַז זיי האָבען באַריהרט עפּעס אַנשטעקענדיגעס, און דעריבער איז וואַשען די הענט פאַר'ן עסען העכסט היגיעניש, ווייל דאָס פאַרהיט קעגען פאַרשפּרייטונג פון פאַרשיידענע מחלות.

עס ווערט דערצעהלט, אַז צו ר' ישראל וויזשניצער, וועלכער איז געווען אַ שטאַרקער געגנער פון השכלה און האָט באַקעמפט די משכילים און אויפגעקלערטע פאַר זייער ניט־פרומקייט, איז אַמאָל געקומען איינער פון זיי און האָט מיט איהם פאַרפיהרט דעם פאָלגענדיגען שמועס:

— פאַרוואָס — פרעגט ער — רבי, האָט איהר און אייערע חסידים אַזוי פיינט די משכילים? זיינען מיר דען ניט אַלע קינדער פון איין פאָטער?

— יאָ — ענטפערט איהם ר' ישראל — „אב אחד לכולנו", מיר זיינען טאַקע אַלע קינדער פון איין פאָטער, אָבער ניט פון איין מוטער.

— פאַרשטעהט איהר מיך — איז איהם ר' ישראל מסביר — וואָס ביי אייך איז מוטער (מותר) איז ביי אונז אסור.

———o———

אחרי מות

די צוויי אידישע פאָלקס קרבנות — אחד לד׳ ואחד לעזאזל

די ערשטע עטליכע פרשיות פון היינטיגער סדרה ווערען אויך געלייענט אין אלע שוהלען אום יום־כפור, ווייל אין זיי ווערט גע־רעדט וועגען די צוויי פאָלקס־קרבנות, וואָס די אידען מוזען דעם טאָג מקריב זיין: „אחד לד׳ ואחד לעזאזל״, איין קרבן געהט פאַר גאָט און ער ווערט געבראַכט אויפ׳ן מזבח אין בית המקדש, און איינעם „לעזאזל״, וואָס ווערט אַרונטערגעוואָרפען פון א הויכען, פעלזיגען בארג אין דער מדבר. דיזע צוויי זינד־קרבנות, זאָגען אונז די חז״ל, זיינען מכפר אויף די עבירות, וואָס די אידען באַ־געהען קעגען זייער גאָט און קעגען זייער פאָלק.

„אין אדם עובר עבירה אלא אם כן נכנס בו רוח שטות״, קיין מענש באגעהט ניט א פארברעכען, סיידען אז ער ווערט באהערשט פון א נארישען באגעהר (סוטה ג׳ ע״א). כל זמן ער איז ביי זיין פולען באוואוסטזיין, פיהרט זיך יעדער מענש אויף ווי עס בּאַדאַרף צו זיין. בלויז אז ער ווערט פארכאַפּט פון א ווילדער און נארישער אמביציע, וואָס טויטעט־אָפּ זיין געוויסען, פארלירט ער זיין גלייכ־געוויכט און איז עלול צו באגעהן כל׳ערליי פארברעכענס קעגען זיין גאָט און קעגען זיין פאָלק.

עס איז אָבער שווער צו זיין אימער באוואוסטזיניג. א גע־זונטער מענש פיהלט ניט זיינע גלידער. די איינציגע צייט וואָס ער הויבט־אָן צו ווערען באוואוסטזיניג, אז ער האָט א קאָפּ, א האַנט אָדער א פוס, איז ווען ער שלאָגט זיך אָפּ אָדער דערשפּירט פּלוצלונג א ווייטאָג אין זיי. און ווי עס געהט מיט דעם פרט, אזוי געהט עס אויך מיט דעם כלל.

ווען א פאָלק לעבט רוהיג און נארמאל, און זיצט אויף זיין אייגען לאנד, דאַרף ניט יעדער בירגער שטענדיג האָבען אין זינען זיינע פליכטען צו זיין נאציע. אויב ער ארבייט אין פעלד, אין

געשעפט, אין פאבריק, אין אוניווערזיטעט אדער וואו ניט איז, שטייערט ער ביי ממילא יעדען טאג זיין חלק צו דער עקאנאמישער, פאליטישער און אויך קולטורעלער אנטוויקלונג פון זיין פאלק און לאנד.

דאס אידישע פאלק אבער איז צעזייט און צעשפרייט אויף אלע שבעה ימים. אומבאוואוסטזיניגערהייט טראגט יעדער איד צו זיין חלק צו דער אנטוויקלונג פון די לענדער, וואו ער געפינט זיך. די איינציגע צייט, וואס א איד קאןביישטייערען פאר זיין אייגען פאלק, איז אז ער ווערט באוואוסטזיניג אויף זיין ספעציעלער לאגע. אבער דאס איז ניט אזא לייכטע זאך און קאן ניט אנגעהאלטען ווערען שטענדיג.

אויב א אידישע געמיינדע, אין א פרעמד לאנד, האט ניט געטאן איהר פולע פליכט צו איהר פאלק און צו איהר גאט, מוז איהר פארגעבען ווערען. עס איז ניט אינגאנצען איהר שולד, „כי לכל העם בשגגה", מענשען זיינען געוויינליך שוגגים, אומבאוואוסטזיניג, און אין אזא צושטאנד איז שווער צו דערווארטען גרויסע אויפטואונגען.

ווי שעהן דריקט זיך אוים דער מדרש: „ביו"כ נוטל הקב"ה עונות ישראל ונותנם על בגדיו של עשו", יום־כפור נעהמט גאט ארונטער די זינד פו ןדי אידען און לייגט זי ארויף אויף די קליידער פון עשו'ן. די טרויעריגע לאגע פון דעם אידען ברענגט איהם צו זיין איינגעוויקעלט אין די קליידער, אין די מנהגים און אויפפירונגען פון דעם פאלק, אין וועמעס לאנד ער געפינט זיך. דער פראצעס פון צופאסונג אין גלות איז פאר דעם אידען א זעהר שווערער. מען קאן ניט אלעמאל געהן קעגען די זיטען פון א לאנד און זיינע מערסטע איינוואוינער.

רבי לוי יצחק בארדיטשעווער האט אמאל געזאגט: „ונתן אותם על ראש השעיר", אלע אידישע חטאים און עונות מוזען ארויפגעלייגט ווערען אויף דעם „שר" פון עשו'ן, אויף זיין קאפ מוז פאלען די שולד פאר אלע זינד, וואס די אידען באגעהען קעגען

השי"ת און קעגען זיך אליין. ער—מיט זיינע שטענדיגע רדיפות קעגען אונז, איז פאראנטווארטליך. אדרבה, רבונו של עולם! פיהר אונז אין אונזער לאנד, און דאן וועסטו זעהן צי מיר וועלען ניט שעהנער און בעסער ווערען".

אַט טאקע דארום מוזען די אידען יעדען יאהר ברענגען צוויי פאָלקס־קרבנות, „אחד לד' ואחד לעזאזל", איינעם פאר גאָט, פאר די פארברעכענס, וואָס זיי זיינען אומבאוואוסטזיניגערהייט באַ־גאנגען קעגען זייער אמונה, קעגען זייער גייסט און קולטור, און איינעם לעזאזל, פאר די חטאים, וואָס דער גלות האָט זיי געצוואונ־גען צו באַגעהן קעגען זייער פאָלק און זיין ווידער־אויפבויאונג פון זיין אייגען לאנד, זיין אייגענער היים.

דער אונטערשייד פון די צוויי קרבנות

„ומאת עדת בני ישראל יקח שני שעירי עזים לחטאת", און פון דער אידישער געמיינדע זאָל דער כהן גדול נעמען צוויי ציגען־בעק פאר זינד קרבנות. זאָגט אויף דעם די גמרא: „מצותן שיהיו שניהם שוין במראה, בקומה ובדמים", זייער מצוה איז, אז זיי זאָלען זיין ביידע גלייך אין אויסזעהן, אין הויך און אין פרייז (יומא ס"ב ע"א). ר' אהר'על קארלינער זצ"ל האָט זיך אמאָל אויסגעדריקט: „הלואי וואָלטען די קרבנות, וואָס די אידען ברענ־גען פאר גאָט, ניט זיין קלענער און וועלווערלער פאר די וואָס זיי ברענגען פאר דעם „עזאזל", פאר אלע נארישקייטען, וואָס דער פינסטערער גלות האָט זיי אויסגעלערנט".

וואָס פאר א גרויסער שטיק אמת עס ליגט אין זיינע ווער־טער! דאָס וואָרט „עזאזל" מיינט, אז צו דעם שטארקסטען איז עס אוועק (יומא ס"ז). דער איד, וועלכער פיהלט זיך נעבאך אימער שוואך קעגען זיינע שכנים, וואָס זיינען די מעהרהייט, צאָהלט זעהר טייער פאר זיין אידישקייט. ער מוז נעבאך איבעראל ברענגען די גרעסטע קרבנות. אין מאנכע לענדער ווערען די מזבחות אויפגעשטעלט פון זיינע שונאים, די פארפאָלגער, און דער איד ווערט געצוואונגען אויף זיי מקריב צו זיין טיילען פון זיין נשמה, פון זיין גייסט, אזוי גוט ווי

פון זיין גוף, פון זיין האב און גוטס. דאגעגען אין די פריע, דעמאקראטישע לענדער בויען זיך די אידען זייערע אייגענע מזבחות, אין די שוהלען, היימען אדער קהלות וואו זיי ברענגען אומניצליכע קרבנות, אבי געפעלען צו ווערען זייערע שכנים. אט די קרבנות קאסטען־אפ אוצרות מיט געלט, און פאר אמת'ע אידי־שע צוועקען ווערט ווייניג געגעבען.

„ונשא השעיר עליו את כל עונותם אל ארץ גזרה", און דער שעיר זאל אויף זיך טראגען אלע זייערע זינד צו דעם גרויזאמען לאנד. „אין גזרה אלא דבר המתגזר ויורד", דאס ווארט גזרה מיינט א זאך, וואס ווערט אלץ גרויזאמער און מעהר אומדערטרעגליך (יומא ס"ז); דאס לעבען אין גלות, וואו דער איד איז אונטער־ווארפען אלערליי גזרות און פארפאלגונגען, פאדערט פון איהם אלץ גרעסערע קרבנות. די גזרות און באשרענקונגען קומען אומדער־ווארטעט און מאכען דאס אידיש לעבען העכסט טרויעריג און אומדערטרעגליך. און די קרבנות, וואס ער ברענגט איבעראל, בא־שטעהען מעהרסטענס פון זיינע אייגענע קינדער, וועלכע ער איז מקריב אויף דער עקדה פון אסימילאציע און שוואכט דערמיט אפ זיינע רייהען.

„כתיב כמשפטי הגוים אשר סביבותיכם לא עשיתם, וכתיב וכמשפטי הגוים אשר סביבותיכם עשיתם", אין איין פסוק שטעהט געשריבען, אז ווי די אויפפיהרונגען פון די פעלקער ארום אייך האט איהר ניט געטאן, און אין אן אנדער פסוק ווערט געזאגט, אז ווי די אויפפיהרונגען פון די פעלקער ארום אייך האט איהר יא געטאן. ווי שיקט זיך עס? ענטפערט די גמרא: „כמתוקנין בהם לא עשיתם, כמקולקלין שבהם עשיתם", ווי די רעכטפערטיגע פון זיי האט איהר ניט געטאן, נאר ווי די פארדארבענע פון זיי האט איהר געטאן (סנהדרין ל"ט). לײדער איז דעם גע־יעג נאכצוטאן די שכנים זוכט מען דאס רוב ניט נאכצומאכען די יעניגע, וואס זיינען עהרליך און געטריי זייער גאט און זייער פאלק, נאר די וועלכע זיינען כאראקטערלאז און קימערן זיך ווייניג

פאר די טראדיציעס פון זייער גלויבען און זייער נאציע.

און דאס טרויעריגסטע איז, אז אויך דאס העלפט גאנץ ווייניג. מיט דעם וואס דער איד זוכט נאכצומאכען דעם גוי און פארבייגט זיין אמונה און זיין אינדיווידואליטעט, אבי איהם געפעלען צו ווערען, איז נאך קיין ראיה ניט, אז ער האט שוין די שונאים צופרידענגעשטעלט. איך האב געהערט פון מיין פאטער זצ"ל א טיפזיניגע דערקלערונג איבער דעם מאמר פון דער גמרא: „המן מן התורה מנין? שנאמר: המן העץ אשר צויתיך לבלתי אכל ממנו אכלת?" (חולין קל"ט ע"ב). פיעל דענקען, אז די המן'ס שעפען זייער הויפט שנאה צו אונז אוים די רעליגיעזע קוועלען, ווייל אין זיין אנקלאגע קעגען די אידען פאר אחשורוש זאגט ער: „ודתיהם שונות מכל עם", זייער אמונה איז פארשיידען פון אלע אנדערע פעלקער. זיי זיינען דערפאר מיט דער מיינונג, אז אויב מיר זאלען זיך אסימילירען, אויפגעבען אונזער באזונדערען ארט לעבען און ווערען גלייך מיט זיי, וועלען די שכנים אונז אויפנעמען מיט אפענע ארעמס.

„עס איז אבער א טעות אזוי צו דענקען. די גמרא דייט־אן, אז די שנאה צו אידען פון די פארשיידענע המן'ס קומט אויך נאך דעם, אז דער איד האט שוין געגעסען פון די פארבאטענע פרוכט. „המן העץ אשר צויתיך לבלתי אכל ממנו אכלת", אפילו אז דו האסט שוין געגעסען פון דעם בוים, וואס איך האב דיר אנגעזאגט ניט צו עסען פון איהם, וועט דיר אויך ניט העלפען. די המן'ס און היטלערס וועלען אלץ קומען, אזוי לאנג ווי דו ביזט אין גלות און עסט פון פרעמדע טישען".

„על השעיר המשתלח אומר — אנא השם כפר נא לחטאים ולעוונות ולפשעים, שחטאו ושעוו ושפשעו לפניך עמך בית ישראל", איבער דעם שעיר, וואס ווערט אוועקגעשיקט אין דער מדבר, זאגט דער כהן גדול: איך בעט דיך, גאט, פארגיב די פעלערן, זינד און פארברעכענס, וואס דיין פאלק ישראל איז קעגען דיר באגאנגען (יומא ס"ו ע"א). עס איז ניט זייער שולד — זייער טרויעריגע

לאנג האָט זיי דערצו געצוואונגען. זיי זיינען שוגגים, אומבאַוואוסטזיניג, דער גרויזאמער גלות פאַרבלענדט זייערע אויגען און זיי זעהען ניט דעם ריכטיגען וועג.

וועלען זיך די אידען האַלטען ביי זייער גלויבען, ביי זייער נאַציאָנאַליטעט, וועלען זיי איבערלעבען זייערע שונאים. אין דער היינטיגער סדרה ווערט געזאָגט: „וחי בהם", דו וועסט בלייבען לעבען מיט מיינע געזעצען. ר' מענדעלע קאָצקער פלעגט זאָגען: וחי בהם — עס זאָל זיין געלעבט מיט זיי — לעבעדיגע מצוות זאָלען זיי זיין, פול מיט חיות און מיט ברען, נישט קיין טויטע מצוות, קיין מצוות אנשים מלומדה, אויסגעלערנטע און נאָכגעמאַכטע. מען מוז נוצען יעדע זאַכען, דעם קאָפּ אזוי גוט ווי דאָס הארץ. איבערהויפּט דאָס הארץ, ווייל „רחמנא ליבא בעי", גאָט וויל הארציגע מעשים, מעשים וואָס זאָלען האָבען א האפט, א קיום.

———o———

קדושים

די הויפט-פרינציפען פון דער תורה

„קדושים תהיו — כי קדוש אני", הייליג זאָלט איהר זיין, ווייל איך בין הייליג, זאָגט גאָט צו די אידען. איך האָב אייך אויס־געקליבען פון אַלע פעלקער צו זיין מיין „עם סגולה", מיין אויס־דערוועהלט פאָלק, און איהר מוזט רעפּלעקטירען מיין גייסט, מיין הייליגקייט. „פּרושים תהיו", פּאַרשיידען זאָלט איהר זיין. „כשם שאני פרוש כך תהיו פרושים", ווי איך בין אנדערש, אזוי זאָלט איהר אויך זיין אנדערש (ויק"ר, כ"ד). אייער לעבען, אייערע אויפפיהרונגען מוזען זיך אונטערשיידען פון דעם לעבען און די אויפפיהרונגען פון אנדערע פעלקער. איהר מוזט אייער גאָטהייט מיט זיך טראָגען וואו איהר געהט און וואו איהר שטעהט, אין אַלע אייערע טעטיגקייטען און אונטערנעמונגען. אייער לעבען באַדאַרף זיין א סינטעז פון הימעל און ערד. אפילו אין אייערע טאָג־טעגליכע מעשים מוז זיך אָפּשפּיגלען א טייל פון דעם הימעל.

„פרשה זו נאמרה בהקהל מפני שרוב גופי תורה תלוים בה", די סדרה „קדושים" האָט משה געפונען פאַר נויטיג פּאָרצולייענען פאַר א פאַרזאַמלונג פון אַלע אידען, ווייל די הויפּט פּרינציפּען פון דער תורה געפינען זיך אין איהר (תו"כ). די דינים, וואָס ווערען דערקלערט אין דיזער סדרה, נעמען אַרום דעם גאַנצען אידישען לעבען, אין הויז און אין גאַס. זיי צייכענען אָן די באַציהונגען פון דעם אידען צו זיין גאָט, צו זיין פאַמיליע און צו דער געזעל־שאַפט, אין וועלכער ער פאַרקערט. זיי באַשרעכען אויך זיינע פליכטען צו זיין פאָלק און צו אַנדערע פעלקער, מיט וועלכע ער קומט אין באַריהרונג.

וועגען די אלע אנגעלעגענהייטען ווערען די אידען אנגעזאגט: „קדושים תהיו—פרושים תהיו", היילינג זאלט איהר זיין, אפגעשיידט זאלט איהר זיין. די שטארקייט און אייביגקייט פון דעם אידען ליגט אין זיין פארשיידענקייט, אין זיין אפגעזונדערקייט. ניט ער אויף די אייגענארטיגקייט פון זיין לעבען און הויבט אן נאכצומאכען זיינע שכנים, פארלירט ער זיין אינדיווידואליטעט און זיין נאציאנאלע שטארקייט. איך האב ערגעץ־וואו געזעהן א שעהנעם געדאנק איבער דעם פסוק „הן עם לבדד ישכון, ובגוים לא יתחשב". דער איד איז ערשט דאן א פאלק, אויב ער לעבט „לבדד", אליין, אפגעשיידט פון אנדערע, און פיהרט זיך לויט זיינע אייגענע טראדיציעס. קוים אבער הויבט ער זיך אן צו מישען צווישען די פעלקער, וואו ער געפינט זיך, און נאכטאן זייערע וועגען, דאן איז „לא יתחשב", רעכענט מען זיך מיט איהם ניט און ער פארלירט זיין ווערט אלס א פאלק, אלס א באזונדערע נאציע.

איך וויל דא איבערגעבען א געדאנק, וואס איז אויסגעדריקט געווארען פון דר. שמריהו לעווין ע"ה אויף א פארזאמלונג פון עטליכע פארנעמע אידען אין באסטאן:

איינער פון די פארזאמעלטע, א באוואוסטער לאיער און רייכער מאן האט איהם געפרעגט: „וואס איז די אורזאך, וואס מיין טאטע, וועלכער איז געווען אן אלטמאדישער, פרומער איד און ניט אזוי רייך ווי איך, האט געהאט פיעל מעהר פריינט און פארעהרער צווישען די גויים, מיט וועלכע ער האט געטאן געשעפטען, ווי מיר, זיינע קינדער, וואס זיינען פולשטענדיג אמעריקאניזירט און אויך רייכער פון איהם? איך געדענק, — האט ער פארגעזעצט, — אז מיין פאטער פלעגט אריינקומען אין באנק, פלעגט דער פרעזידענט איהם געהן אנטקעגען און איז כמעט אימער געווען גרייט צו טאן אלץ, וואס ער האט פארלאנגט. מיט אונז פיהרט מען זיך טאקע אויך העפליך, אבער די פריינטשאפט און אפפערוויליגקייט פעהלט".

„די האַלטונג פון דעם גוי צו דעם אידען דורכ'ן טאָג וועגדט זיך שטאַרק אָן דער אויפפיהרונג פון דעם אידען ביינאַכט", האָט איהם דר. שמריהו לעווין געענטפערט. „אייער טאַטע, האָט, קענטיג, פאַרשטאַנען די פּסיכאָלאָגיע פון דעם גוי פיעל מעהר פאַר אייך. אַז ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט זיינע געשעפטען, נאָך פינף אוהר פאַרנאַכט, איז ער אוועק צו זיך אהיים און האָט פאַרקערט אין זיין אייגענער געזעלשאַפט. נאָך די געשעפט־שטונדען האָט ער זיך ניט געפּלאָנטערט דעם גוי אונטער די פיס און האָט זיך אָן איהם ניט אָנגעשטויסען אין זיינע קלובען, גאָלף־לינקס אָדער אַמוזירונגס־פּלעצער. איהר אָבער פאָלגט נאָך דעם גוי אויך נאָך דעם, ווי ער פאַרלאָזט זיין געשעפט און געהט צו זיין געזעלשאַפט־ליכען פאַרקער. איהר קריכט איהם נאָך אין זיינע נאַכט־קלובען, איהר פּלאָנטערט זיך איהם אין וועג, וואו נאָר איהר קאָנט און וואו מען לאָזט אייך אריין".

„איהר דאַרפט ניט פאַרגעסען", האָט דר. לעווין ווייטער גע־זאָגט, „אַז קיין אמת'ע ליבע האָט דער גוי ניט פאַר דעם אידען. אין בעסטען פאַל טאָלערירט ער איהם בלויז. טאָן געשעפטען מיט דעם אידען, מהיכא־תיתי, אָבער איהם צו האָבען ארום זיך שטענ־דיג, אויך נאָך דעם, ווי ער ציהט זיך צוריק צו זיין פּריוואַטען לעבען, דאָס דולדעט ער ניט. איהר ווערט איהם צוגענעסען, און דערפאַר האָט ער אייך ניט ליב".

„פרושים תהיו" — וויל דער איד אָנהאַלטען דעם גוי'ס טאָלעראַנץ צו איהם, זאָל ער זיין אָפּגעשיידט, צוריקגעהאַלטען, און ניט שפּאַרען זיך אין פרעמדע געזעלשאַפטען. „קדושים תהיו", הייליג זאָלט איהר זיין. פאַרשוועכט ניט אייער אייגענאַרטיגקייט מיט זוכען נאָכצו־מאַכען אייערע גוי'אישע שכנים, האַלט אָן אייער אָריגינאַליטעט.

די עשרת הדברות איבערגע'חזר'ט און דערקלערט

די בעלי המדרש ווילען האָבען, אַז די אורזאַך, ווארום משה האָט די סדרה פאַרגעלייענט „בכנוס", ביי אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע

אידען, איז: „לפי שכל הדברות כלולות בה", ווייל אלע צעהן געבאָט ווערען אין איהר איבערגעזח'ט און דערקלערט. דאָ האָט איהר די „עשרת הדברות" און ווי זיי ווערען איבערגעגעבען אין היינטיגער סדרה:

א. אנכי ד' אלהיך — אני ד' אלהיכם.
ב. לא יהיה לך אלהים אחרים — אל תפנו אל האלילים.
ג. לא תשא את שם ד' לשוא — לא תשבעו בשמי לשקר.
ד. זכור את יום השבת — את שבתותי תשמורו.
ה. כבד את אביך ואת אמך — איש אמו ואביו תיראו.
ו. לא תרצח — לא תעמוד על דם רעך.
ז. לא תנאף — מות יומת הנואף והנואפת.
ח. לא תגנוב — לא תגנובו.
ט. לא תענה ברעך עד שקר — לא תלך רכיל בעמך.
י. לא תחמוד — ואהבת לרעך כמוך (ויק"ר כ"ד).

די חז"ל גיבען אונז אינטערעסאַנטע דערקלערונגען איבער די שנויים, די ענדערונגען, וואָס ווערען געמאַכט אין דער היינטיגער סדרה, איבערגעבענדיג די צעהן געבאָט:

אין דעם אָריגינאַל לייענט זיך דער צווייטער געבאָט: „לא יהיה לך אלהים אחרים", עס זאָלען ביי דיר ניט זיין קיין אַנדערע געטער. אין היינטיגער סדרה ווערט געזאָגט: „אל תפנו אל האלילים", איהר זאָלט זיך ניט קערען צו די אָפּגעטער. זאָגט אויף דעם דער „ספרא": „תחלתם אלילים הם", אין אָנפאַנג ווערען זיי טאַקע באַטראַכט פאַר אָפּגעטער, אָבער אַז מען קערט זיך צו צו זיי און מען הויבט אָן צו באַוואונדערן זייער אויסערליכער שעהנקייט, איז דאָ אַ סכנה, אַז מען זאָל זיי נאָכדעם זוכען נאָכצומאַכען, דערפאַר טאַקע ווערט אויסגעפיהרט: „ואלהי מסכה לא תעשו לכם", אויסגעפוצטע געטער זאָלט איהר פאַר זיך ניט מאַכען. אויסערליכער גלאַנץ מיינט גאָרניט. תוכן, אינהאַלט איז וואָס דער איד דאַרף שעצען און אָפּהיטען.

דער פינפטער געבאָט לעזט זיך אין דעם אָריגינאַל: „כבד את אביך ואת אמך", דו זאָלסט רעספּעקטירען דיין פאָטער און דיין מוטער. אין דער היינטיגער סדרה ווערט געזאָגט: „איש אמו

ואביו תיראו", יעדער מענש זאָל פירכטען זיין מוטער און זיין פאָטער. ווארום מוטער ערשט און נאָכדעם פאָטער, ניט ווי אין אָריגינאַל, דאָס קומט צו ווייזען, אז „שניהם שקולין", זיי זיינען ביידע גלייך (כריתות כ"ח ע"א). א קינד טאָר ניט פארעהרען איינעם פון זיינע עלטערען מעהר ווי דעם צווייטען, ער מוז ביידען גלייך רעספעקטירען און פאָלגען.

דער זעקסטער געבאָט זאָגט: „לא תרצח", דו זאָלסט ניט מאָרדען. אין הייגטיגער סדרה איז געשריבען: „לא תעמוד על דעם רעך", דו זאָלסט ניט שטעהן אויף דעם בלוט פון דיין חבר. די חז"ל דערקלערען אונז, דאָס מיינט, אז מען טאָר אויך ניט באַליידיגען א חבר. אז איינער ווערט באַליידיגט קומען זיינע בלו־טען אריין אין זיין געזיכט, און דאָס הייסט אויך רציחה. ניט נאָר טאָר איינער ניט באַליידיגען זיין חבר, ער זאָל אויך ניט שטעהן און צוזעהן ווי איינער א חבר ווערט באַליידיגט פון אנדערע. אויב ער טוט עס איז ער אויך עובר אויף דעם „לא תעמוד על דם רעך". די גמרא דערצעהלט אונז די פאָלגענדע מעשה'לע:

„אז רבי אלעזר ב"ר שמעון איז געשטאָרבען איז זיין קער־פער פאר א לענגערע צייט געבליבען ליגען אין זיין צימער. זיין פרוי פלעגט איהם באזוכען יעדען טאָג. איינמאָל האָט זי באמערקט „ריחשי דקא נפיק מאוניה", א קליין ווערימעל קריכענדיג פון זיין אויער. זי האָט זיך שטארק דערשראָקען, און אום איהר צו בא־רוהיגען האָט זיך רבי אלעזר צו איהר געוויזען אין חלום און איהר דערקלערט די אורזאך פון דעם: „יומא חד שמעתי בזילותא דצורבא מרבנן ולא מחאי כדבעי", איין טאָג האָב איך געהערט ווי מען האָט באַליידיגט איינעם פון די געלערנטע און איך האָב ניט פראָטעסטירט שטארק גענוג (בבא מציעא פ"ד ע"ב).

דער נײנטער געבאָט: „לא תענה ברעך עד שקר", דו זאָלסט ניט פאַלש עדות זאָגען געגען דיין פריינט, ווערט אין הייגטיגער סדרה אויסגעדריקט מיט די ווערטער „לא תלך רכיל בעמך", דו זאָלסט ניט טרייבען רכילות צווישען דיין פאָלק — „אזהרה למוציא שם רע", דאָס איז א פארזאָג קעגען די, וואָס באריידען א חבר און פארשפרייטען ווענען איהם שלעכטע קלאַנגען. (כתובות מ"ו ע"א).

דער בעש"ט זצ"ל טייטשט דעם פסוק: „רייד ניט קיין רכילות אויף דיין פאָלק". ליידער זיינען ביי אונז פאַראַן פיעל וואָס האָבען ליב צו קריטיקירען די אידען, אויך אין דער געזעל־שאַפט פון ניט־אידען. זיי פאַרשטעהען ניט, אז מיט דעם פאַר־שפּרייטען זיי האַס צו זייער פאָלק און פאַראַכטונג פאַר זיך אַליין.

עס ווערט דערצעהלט אויף רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, אז ער איז אַמאָל אריין אין א שוהל, וואו א מגיד האָט געהאַלטען א דרשה און האָט זעהר שטאַרק גע'מוסר'ט די אידען. ער האָט זיך גלייך אַרויסגעכאַפּט אויפ'ן שוהל־הויף, האָט אויפגעהויבען די הענט צום הימעל און האָט געזאָגט:

„דער מגיד איז נעבאך געדריקט צו וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, ווייל ער דאַרף מסתמא א טאָכטער חתונה צו מאַכען, אָדער ער האָט ניט מיט וואָס מפרנס צו זיין די פרוי און קינדער. גיב איהם, רבונו של עולם, וואָס איהם פעהלט און זאָל ער ניט זיין געדריקט עובר צו זיין אויף דעם לאו פון „לא תלך רכיל בעמך", ער זאָל אויפהערען רייד'ען שלעכטס אויף אידען.

———o———

אמור

די הנהגה פון די כהנים

ספירת העומר און די הילולא דר׳ שמעון בן יוחאי

„ויאמר ה׳ אל משה: אמור אל הכהנים בני אהרן — לנפש לא יטמא בעמיו״, גאָט זאָגט צו משה׳ן, זאָג אָן די כהנים, די קינדער פון אהרן, זיי זאָלען זיך ניט פאַראומרייניגען צו אַ טויטען פון זייער פאָלק. דער כהן וואָס פיהרט אָן מיט דער עבודה אין משכן אָדער אין בית המקדש, איז דער רעליגיעזער לערער און גייסטיגער פיהרער פון זיין דור. „נזר אלהיו עליו״, ער טראָגט אויף זיך אַ קרוין פון גאָט, דערפאַר איז „מה אני בקדושתי אף הוא בקדושתו״, אזוי ווי איך האַלט אָן מיין היילינקייט, אזוי מוז ער אויך אימער אָנהאַלטען זיין היילינקייט, און טאָר זיך ניט מטמא מאַכען (ירושלמי סנהדרין פ״ב ח״א).

„קדשים״ און „טהרות״ זיינען ענג באַרבונדען אין דער אידישער טראַדיציע. צו זיין הייליג מיינט, צו זיין ריין פון אַלע פעלערען וואָס שטערען דעם פראָצעס פון גייסטיגער אנטוויקלונג. „מעלין בקודש ולא מורידין״, אין היילינקייט מוז מען שטייגען און ניט פאַלען, און דאָס קאָן מען נאָר באַווייזען אין לעבען. לעבען מיינט „עליה״, פּראָגרעס, בלויז דער לעבעדיגער האָט די מעגליכ־קייט צו שטייגען און דערגרייכען די גמהעריגע מדרגה צו וועלכע גאָט האָט איהם באַשטימט. טויט אָבער מיינט „ירידה״ פאַלען, איבעררייסען די קייט פון אנטוויקלונגען. דערפאַר איז עס מטמא, מאַכט אומריין יעדען וואָס קומט מיט איהם אין באַריהרונג. אָט צוליב דעם „לנפש לא יטמא״, זאָל דער כהן ווייכען פון אַ טויטען.

די הויפּט אויפגאַבע פון אַ כהן, אַ רב אָדער פיהרער ביי אידען איז, זיי צו לערנען און באַקאַנט מאַכען מיט די הויכע אידעאַלען און פּרינציפּען פון זייער תורה און זייער אמונה. יעדער דור איז אַ רינגעלע אין דער לאַנגער קייט פון אידישע דערגריי־כונגען. ער איז דאַרום די פליכט פון זיינע פיהרער צו זעהן, אז

אויך ער זאָל ביישטייערען זיין געהעריגען חלק צו דער אנטוויקלונג פון דעם אידישען גייסט. די פליכטען פון דעם כהן זיינען דארום מעהר מיט די לעבעדיגע ווי מיט די טויטע. „לא המתים יהללו״, די טויטע קאָנען מעהר ניט דערהויבען די גאָטהייט. זיי געהערען צו דעם נעכטען, צו דער פאַרגאַנגענהייט. דער אידישער אידעאַל אָבער, זאָרגט זיך מעהר פאַר דעם מאָרגען, פאַר דער צוקונפט, און זיי באַלאַנגען צו די לעבעדיגע.

דער „בית־עולמין״ האָט קיינמאָל ניט פאַרנומען דעם אויבען־אָן אין אידישקייט. „קדיש״ און „יזכור״ זיינען ניט געווען פאַר־רעכענט פון די הייליגסטע תפילות. אונזערע שוהלען און טעמ־פּלען זיינען אימער געווען די „בתי אלהים חי״, די הייזער פון דעם אימער לעבענדען גאָט, און האָבען געדינט אַלס די „בתי מדרשים״ פאַר זיין „תורת חיים״, שטודיר־הייזער פאַר אונזער לעבעדיגער תורה. זיך מטמא זיין צו טויטע קאָן נאָר דער המון־עם אָבער ניט דער כהן אָדער רב. דער מהר״ל פון פּראַג איז געווען דער ערשטער צו רופען די מתעסקים ארום א טויטען מיט דעם נאָמען „חברא קדישא״, ווייל עס איז געווען שווער צו געפינען מענשען וואָס זאָלען עס טאָן. ער האָט זיי דארום באטיטעלט מיט דעם נאָמען הייליגע, און האָט נאָך מתקן געווען, אז קהל זאָל זיי געבען א „סעודה״ יעדען יאָהר אַלס דאנקבארקייט פאַר זייער ארבייט.

דער כהן מוז אויך זיין פון שעהנעם אויסזעהן און נעט גע־קליידעט. דער רמב״ם אין מורה נבוכים זאָגט, אז די אורזאַך ווארום א כהן „אשר יהיה בו מום לא יקרב״, אויב ער איז א קאַליקע, אָדער האָט א בולט׳ן פעהלער זאָל ניט גענעהענען צו דער עבודה איז, ווייל ער דאַרף זיין געאַכטעט ביים פאָלק, און דער המון האָט נאָר דרך ארץ פאַר דעם וואָס זעהט אויס קערפּערליך שעהן. ער מוז אויך טראָגען „בגדים שהם מתוקנים לעבודה״, קליידער וואָס פּאַסען זיך פאַר זיין אַמט (יומא מ״ג). „כהן גדול שלבש בגדי כהן הדיוט ועבד, עבודתו פסולה״, א כהן גדול וואָס טוט אָן די קליידער פון א פּראָסטען כהן און פּראוועט די עבודה,

איז זיין עבודה פסול׳ע (זבחים י״ח). ער איז דער הויפט פיהרער און מוז מאכען א גוטען איינדרוק אויף דעם עולם. דער כהן דארף זיין שטארק אפגעהיט אין זיינע אויפפיהרונגען, „שלא לכנוס למקדש שתוי יין״, ער טאר ניט אריינגעהן אין מקדש באטרונקען מיט וויין (כריתות י״ג ע״ב). זיין פאמיליע לעבען דארף אויך זיין ריין אום, אז מען זאל איהם ניט באריידען און זיין כבוד זאל ניט פאלען אין די אויגען פון פאלק.

„ולא תחללו את שם קדשי, ונקדשתי בתוך בני ישראל״, איהר זאלט ניט פארשוועכען מיין היילינגען נאמען, און איך זאל געהייליגט ווערען צווישען די אידען. דער ניו יארקער רב הכולל רבנו יעקב יוסף ז״ל האט אמאל געזאגט צו איינעם פון די רעפארם ראביים, וואס האט זיך פאר איהם באריהמט, אז ער איז מקדש השם מיט דעם, וואס ער ווערט איינגעלאדען צו האלטען רעדעס אין גוי׳אישע טשווירטשעס. „געגען אזא מין היתר, צו זיין א מחלל שבת און פארשוועכען אלע הייליגקייטען, טאמער וועט אייך אויס־קומען מקדש השם צו זיין, וואס איז נאך א גרויסער ספק, ווארענט אונז טאקע די תורה. זי זאגט אונז בפירוש : „ולא תחללו את שם קדשי״, זייט ניט מחלל דעם אויבערשטענס נאמען מיט׳ן אויס־רייד פון „ונקדשתי בתוך בני ישראל״, אז אין א צייט ארום וועט איהר מקדש השם זיין, פאר פרעמדע״.

ספירת העומר און די הילולא דר׳ שמעון בן יוחאי

משה האט אנגעזאגט די אידען, אז ווען זיי וועלען קומען אין זייער אייגען לאנד זאלען זיי ברייגגען אן עומר, א מעסטעל תבואה פון דעם ערשטען שניט, צו דעם כהן. גאט זאגט : „כשהייתי נותן לכם את המן, הייתי נותן עומר לכל אחד ואחד מכם בכל יום, עכשיו הביאו לי עומר אחד משלכם״, ווען איך האב אייך געגעבען דעם מן אין מדבר, האב איך געגעבען יעדען פון אייך א מעסטעל יעדען טאג, און איצט ברייגגט מיר כאטש איין עומר פון אייך אלעמען (ויק״ר כ״ח). דער עומר איז געמיינט צו דאנקען גאט פאר דער שפע וואס ער האט געגעבען די אידען אויף זייער באדען, און אויך א זכר פאר דעם מן וואס זיי האבען געגעסען אין דעם

מדבר. גאָט פאַרלאַנגט ניט קיין צו גרויסע קרבנות, ער וויל אָבער, אַז די מענשען זאָלען האָבען אין זינען, אַז אַלעס וואָס זיי פאַרמאָגען איז ניט אינגאַנצען זייערע, דאָס האָט ער זיי געגעבען, און דאַרום מוזען זיי אויך געבען צו די וואָס האָבען ניט.

„וספרתם לכם ממחרת השבת שבע שבתות", איהר זאָלט אייך צעהלען פון אויף מאָרגען נאָך דעם ערשטען טאָג פסח זיבען וואָכען, „תמימות תהיינה", גאַנצע זאָלען זיי זיין. איבער דעם זין פון ספירה זיינען דאָ פאַרשיידענע מיינונגען. מאַנכע ווילען האָבען, אַז דאָס איז געטאָן געוואָרען אוים נייגירדע. די אידען זיינען געווען שטאַרק נייגעריג מקבל צו זיין די תורה און האָבען געצעהלט יעדען טאָג פון פסח ביז שבועות. „בשעה שאמר להם משה, תעבדון את האלהים על ההר הזה, אמרו לו ישראל, משה רבינו אימתי עבודה זו? אמר להם לסוף חמישים יום, והיו מונין כל אחד ואחד לעצמו, מכאן קבעו חכמים לספירת העומר". ווען משה האָט געזאָגט צו די אידען, אַז איהר וועט דינען גאָט אויף דעם דאָזיגען באַרג, האָבען זיי איהם געפרעגט, ווען וועט זיך עס אָנפאַנגען, האָט ער זיי געענטפערט, אַם ענדע פון פופציג טעג. דאַן האָט יעדער איד אָנגעפאַנגען צעהלען טאָג פאַר טאָג, פון דאַן אָן האָבען די חכמים באַשטימט צו צעהלען ספירה יעדען יאָהר (ר"ן סוף פסחים).

אויף דעם אויסדרוק „תמימות תהיינה", גאַנצע זאָלען זיי זיין, לערענט דער מדרש: „אימתי הן תמימות? בזמן שישראל עושין רצונו של מקום", ווען זיינען זיי גאַנץ? אין דער צייט וואָס אידען טוען דעם ווילען פון גאָט (ויק"ר כ"ח). אויב די אידען זיינען נייגעריג מקבל צו זיין די תורה, מוזען זיי זיין אָפּגעהיט פון זינד. דעם טאָג וואָס איינער באַגעהט אַ חטא קאָן מען ניט אַריינרעכענען אין צאָהל פון דער וואָך, און אום צו זיין ראוי אָנצונעהמען די תורה מוזען די וואָכען זיין גאַנצע, זיבען טעג יעדע.

אין ספר „מטה משה" ווערט געבראַכט אין נאָמען פון רבינו יהודה החסיד, אַז דער טעם פאַרוואָס די תורה האָט געהייסען צעהלען ספירה איז, ווייל אין די דאָזיגע טעג, צווישען פסח און שבועות, איז דאָס פאָלק באַשעפטיגט ביי דער אַרבייט אויפ'ן פעלד,

און זייענדיג די גאנצע צייט דערוויטערט פון שטאָדט און היים, קאָן אמאָל פאסירען, אז זיי זאָלען פארגעסען די צייט־רעכענונג און זיך טועה זיין אינ׳ם חשבון, ווען עס דארף אויספאלען דער יום טוב שבועות, האָט מען זיי דעריבער געהייסען די גאנצע צייט צעהלען יעדען טאָג ספירה, כדי זיי זאָלען קיין טעות נישט האָבען.

די ספירה טעג זיינען האלב טרויער טעג, פרומע אידען מאַ־כען ניט קיינע שמחות אין דער צייט, ווייל אין די טעג זיינען אוים־געשטאָרבען טויזענדע פון די תלמידים פון רבי עקיבא, וואָס האָ־בען געקעמפט געגען די רוימער צוזאמען מיט „בר כוכבא״ (יבמות ס״ב ע״ב). בלויז ל״ג בעומר, דער דריי־און־דרייסיגסטען טאָג איז דערלויבט ניט צו טרויערן. די אורזאכע פאר דעם איז, זאָגט דער מהרי״ל, ווייל אין דעם טאָג איז די מגפה אָפגעהאלטען גע־וואָרען. אן אנדער טעם פאר ל״ג בעומר איז, אז דער מן האָט אנגעפאנגען פאלען דעם טאָג (חתם ספר יו״ד סי׳ רל״ג).

נאָך די מקובלים איז ל״ג בעומר דער הילולא דר׳ שמעון בן יוחאי, ווייל אין דעם טאָג האָט ער אנטפלעקט זיינע געטליכע סודות צו זיינע תלמידים, איידער ער איז געשטאָרבען (זוהר רצ״א). דער טאָג ווערט נאָך היינט געפייערט פון אלע אָריענטאלישע אידען אין מירון לעבען צפת, וואו רשב״י איז באגראָבען. טויזענטער אידען, מענער און פרויען קומען זיך צוזאמען ארום קבר, מען צינדט אָן א גרויסע „הדלקה״, און מיט פאקעלען אין די הענט רינגעלט מען ארום דעם קבר און אלע זינגען, „כולא הדא משום צדיק״, דאָס איז אלץ פאר דעם כבוד פון צדיק.

———o———

בהר

די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע געזעצען וואָס זיינען געגעבען געוואָרען אויפ׳ן באַרג סיני

און גאָט זאָגט צו משה׳ן אויפ׳ן באַרג סיני: „דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם, כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם ושבתה הארץ שבת לד׳״, רעד צו די אידען און זאָג זיי, אַז איהר וועט קומען צו דעם לאַנד, וואָס איך גיב אייך, זאָל די ערד רוהען אַ שבת פאַר גאָט. אין דיזער סדרה ווערען באַהאַנדעלט די דינים, וואָס האָבען צו טאָן מיט׳ן סאָציאַלען און עקאָנאָמישען לעבען פון די אידען, און אויך דיזע דינים זיינען אונז געגעבען געוואָרען אויפ׳ן באַרג סיני. ביי אידען איז ניט אָפּגעטיילט דער שטאַט פון דער אמונה. די דינים פון „בין אדם לחברו״, ווי מענשען דאַרפען זיך אויפפיהרען איינער מיט דעם אַנדערען, זיינען אויך אָנגעזאָגט געוואָרען פון גאָט, פונקט ווי די דינים, וואָס האָבען צו טאָן מיט „בין אדם למקום״, צווישען מענש און גאָט.

די חז״ל געהען נאָך ווייטער און זאָגען אונז, אַז די דינים פון „בין אדם לחברו״ שטעהען העכער און זיינען פיעל האַרבער, ווי די דינים פון „בין אדם למקום״. אויף די עבירות וואָס אַ מענש באַגעהט קעגען גאָט, איז „יום הכיפורים מכפר״, דער טאָג יום־כפור, ווען דער איד פאַסט און טוט תפילה צו גאָט, רייניגט איהם פון אַזעלכע זינד. די עבירות אָבער, וואָס איינער באַגעהט קעגען דעם צווייטען, ווערען ניט פאַרגעבען מיט׳ן פאַסטען און תפילה־טאָן יום־כפור. אַזעלכע פאַרברעכענס קאָנען אָפּגעווישט ווערען נאָר „עד שירצה את חברו״, ביז ער בעט איבער זיין פריינט, און מאַכט גוט זיין שאָדען.

דער „קול אומר קרא״ גיט אַ העכסט וויציגע, אָבער טיפע דערקלערונג איבער דעם באַוואוסטען מאמר אין פרקי אבות:

„האומר שלי שלי ושלך שלך הרי זו מדה בינונית, ויש אומרים, הרי זו מדת סדום", דער וואס זאגט, מיינע איז מיינע און דיינע איז דיינע, דאס איז די מדה פון א מיטעלמעסיגען מענשען. אנדערע זאגען, אז דאס איז די מדה פון סדום׳ניקעס. ווי עס ווייזט אויס פון ישעיהו הנביא׳ס ווערטער, זיינען די מענשען פון סדום געווען זעהר פרום. אז ער מוסר׳ט די באאמטע פון יהודה, זאגט ער צו זיי: „שמעו דבר ד׳ קציני סדום, למה לי רוב זבחיכם", הערט זיך צו צו די רייד פון גאט, איהר הארען פון סדום, וואס נוצען מיר אייערע פיעל קרבנות, אז „ידיכם דמים מלאו", אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט, וואס איהר בארויבט און בא׳גזל׳ט אייערע חברים און מיטמענשען? אט דאס, זאגט דער „קול אומר קרא", מיינען די „יש אומרים" אויפצוטאן: „האומר שלי שלי", אז איינער זאגט צו גאט, וואס אנבאלאנגט צו מיר, צו מיינע אינטערעסען, טו איך מיר ווי איך וויל, אבי „שלך שלך", וואס באלאנגט צו דיר, בין איך מקיים, איך דאווען, איך לערן און בין פרום, „הרי זו מדת סדום", איז דאס א סדום׳ישע מדה. אויך די סדום׳ניקעס זיינען געווען פרום צו גאט, אבער פארדארבען קעגען זייערע מיטמענשען.

אין דער סדרה „קדושים", וואו עס ווערען באהאנדעלט, מעהרסטענס, די דינים פון „בין אדם למקום", די פליכטען וואס דער מענש האט צו דער גאטהייט, ווערט געזאגט: „כי תבואו אל הארץ ונטעתם כל עץ מאכל", אז איהר וועט קומען אין דעם לאנד, זאלט איהר פלאנצען אלערליי בוימער פון עסענווארג. זאגט אויף דעם דער מדרש: „כשתכנסו לארץ לא תתעסקו אלא במטע תחלה", אז איהר וועט אריינקומען אין לאנד, זאלט איהר זיך ניט באשעפ־טיגען מיט אנדערע זאכען, בלויז מיט פלאנצען (ויק"ר כ"ד). כאטש איך האב אייך אויסגעקליבען פאר מיין „עם סגולה" און איהר זייט באשטימט צו זיין מיין „ממלכת כהנים וגוי קדוש", א קעניגרייך פון פריסטער און א הייליג פאלק, דאך פארלאנג איך ניט פון אייך, אז איהר זאלט זיך אפגעבען בלויז מיט גאט־זאכען אין די ערשטע יאהרען פון אייער באזעצען זיך אויפ׳ן לאנד. אייער ערשטע פליכט איז „מטע תחלה", פלאנצען, בויען און פארפעס־

טיגען אייערע עקאנאמישע פאזיציעס. דאס וועט אייך געבען די מעגליכקייט זיך איינצובירגערן אין לאנד, און מיט דער צייט קאנען דורכפיהרען אין לעבען די הויכע אידעאלען פון מיין תורה.

און דער מדרש פיהרט־אויס: „ויטע אלהים גן בעדן", גאט האט געפלאנצט א גארטען אין עדן, „מתחלת ברייתו של עולם לא נתעסק הקב"ה אלא במטע תחלה", אין אנפאנג פון זיין באשאפען די וועלט, האט זיך גאט אליין ניט עוסק געווען מיט קיין אנדער זאך, ווי פלאנצען און בויען (שם). ווען מען געהט גרינדען א נייעם ישוב, דארף מען זיך צוערשט זארגען פאר דעם עקאנאמי־שען געביט. מען מוז פארזיכערן די נייע איינוואוינער קעגען הונ־גער און נויט. דאן ערשט קאן געשאפען ווערען א געזונטער יסוד פאר קולטורעלע אנטוויקלונגען. די גייסטיגע דערגרייכונגען פון א פאלק זיינען שטארק אפהענגיג פון זיין סאציאלען און עקאנא־מישען מצב.

די עטישע געזעצען פון די אידען

אין דער סדרה „אמור", וואו עס ווערט גערעדט זעהר פיעל איבער די עטישע געזעצען, נאך וועלכע די אידען זאלען זיך פירען, שטעהט געשריבען: „כי תבואו אל הארץ אשר אני נותן לכם, וקצרתם את קצירה, והבאתם את עומר ראשית קצירכם אל הכהן", אז איהר וועט קומען צום לאנד, וואס איך גיב אייך, און איהר וועט שניידען איהר שניט, זאלט איהר ברענגען א מעסטעל פון אייער ערשטען שניט צום כהן. דער הויפט יסוד, אויף וועלכען די אידישע עטיק איז באגרינדעט, באשטעהט אין דער „הכנעה", די אונטערוואָרפענקייט צו דער גאטהייט. וואס מעהר דער איד אנערקענט די אויבערהערשאפט פון זיין גאט, אלץ מעהר וועט ער זיך איידעלער באנעהמען צו זיין חבר און וועט זיין פרייגעביגער צו א נויטבאדערפטיגען שכן.

„תוספות" אין „ברכות" גיט אונז דעם טעם פארוואס אונ־זערע חז"ל האבען געשאפען די „ברכות הנהנין", די פארשיידענע ברכות וואס א איד דארף מאכען איידער ער געהט הנאה האבען פון א זאך. זיי זאגען, אז מיט דער ברכה באשטעטיגט דער איד

און אנערקענט, אז אלעס וואס ער באזיצט, איז אייגענטליך ניט אינגאנצען זיינס; דאס איז איהם געגעבען געווארען פון גאט. דיזע אנערקענונג ברענגט איהם פרייגעביגקייט און טיילען זיין פארמעגען מיט זיינע ארימערע ברידער.

מיט דעם וואס די אידען ברענגען דעם „עומר", דאס ער־שטע מעסטעל פון זייער נייעם תבואה־שניט צו דעם כהן, באַ־שטעטיגען זיי דעם „לד' הארץ ומלאה", אז די ערד און וואס זי פראדוצירט באלאנגען צו גאט. עס איז געווען זיין רצון וואס האט דערמעגליכט זיי צו האבען א „שנת שבע", א יאהר פון זאטקייט און פרנסה. דאס פיהרט דארום צו דעם „לא תכלה פאת שדך לקצר, לעני ולגר תעזב אותם", ניט צו פארענדיגען שניידען די פעלדער און איבערלאזען די ברעגעס פאר די ארימעלייט און גרים אין לאנד. „אני ד' אלהיכם", איך בין אייער גאט, די ארימע און די פרעמדע זיינען אויך מיינע קינדער. אויך זיי זיינען באַ־רעכטיגט צו געניסען פון מיין ערד און פון די תבואות, וואס זי פראדוצירט.

„ולא תקיא הארץ אתכם", דאס לאנד זאל אייך ניט אויס־שפייען. די ערד פון ארץ־ישראל איז פארשיידען פון אלע אנדערע לענדער. זי קאן ניט פארטראגען ענגהארציגקייט און אונטער־דריקונג. זי וויל ניט זיין דאס אייגענטום פון יחידים, פון איינ־צעלנע, וואס זאלען איהר פארכאפען און עקספלואטירען פאר זיי־ערע אייגענע נוצען בלויז. „הארץ לא תמכר לצמיתות", די ערד קאן ניט פארקויפט ווערען פאר אייביג. זי באלאנגט צו אלע וואס וואוינען אויף איהר. יעדער פון זיי האט אין איהר א חלק, ווייל „כי לי כל הארץ", צו מיר באלאנגט דאס גאנצע לאנד, זאגט גאט.

רבי צבי הירש קאלישער זצ"ל זאגט אויף דעם פסוק: ארץ־ישראל האט אין זיך די אייגענשאפט, אז דער וואס איז ניט ראוי צו זיצען אין היילינגען לאנד, און דאס לאנד וויל איהם ניט האבען ביי זיך, דעם גיט די השגחה אריין אן עקעל צום דאזיגען לאנד. ער פארלאזט דאס לאנד, אדער וויל ניט באזעצען זיך אין איהם, בלומר'שט ווייל עס געפעלט איהם ניט. ער ווייסט אבער ניט, אז דאס לאנד האט איהם אויסגעשפיגען.

מען דארף ניט וועלען גיך רייך ווערען

אין דער היינטיגער סדרה, וואו עס ווערט גערעדט מעהר־סטענס איבער עקאנאמישע און סאציאלע דינים, זאגט אונז די תורה: „כי תבואו אל הארץ״, אז איהר וועט קומען אין לאנד און אנפאנגען באארבייטען זיין באדען, „ושבתה הארץ שבת״, זאל די ערד אויך האבען א געוויסע רוה־צייט. אויב איהר ווילט, אז דער באדען זאל אימער זיין פראדוקטיוו, זוכט איהם ניט צופיל צו עקספלואטירען. „שש שנים תזרע — ובשנה השביעית שבתון יהיה לארץ״, זעקס יאהר זאלט איהר זייען אייערע פעלדער און דעם זיבעטען יאהר זאלט איהר לאזען די ערד רוהען. דאס וועט איהר געבען צייט אנצוקלייבען כוחות צו קאנען פראדוצירען פאר די נעקסטע זעקס יאהר.

אז דיזער געזעץ איז העכסט וויכטיג פאר א לאנד, גיט אונז אמעריקא דעם שטארקסטען באוויז. ווי באוואוסט, האבען פיעל פון די פאראייניגטע שטאטען זעהר פיעל געליטען פאר די לעצטע יאהרען פון טריקענישען און פארפלייצונגען. עקספערטען דער־קלערען, אז דאס קומט פון ערוזיע, אויסגעגעסענע פעלדער, וואס פוסטעוועז, און אויסגעהאקטע וועלדער, וואס שטעהען פארוויסט. אזעלכע מדבריות זיינען א רואינע פאר א לאנד. די ווינטען האבען דארט גענוג פלאץ זיך פאנאנדערצושפילען און פארוואנדעלט צו ווערען אין טארנאדען, שטורמווינטען, וואס פארניכטען אלעס וואס שטעהט זיי אין וועג, און הויבען אויך אויף די טייכען פון זייערע בייטען, וואס פארפלייצען די ארומיגע געגענטען און טוען־אן גרויס שאדען. די אמעריקאנער רעגירונג גיט איצט אויס הונדערטער מיליאנען צו פאררעכטען דעם באדען, וואס מענשען האבען, צוליב זייער גאַיעַג גיך רייך צו ווערען, בידים קאליע געמאכט און פאר־אורזאכט שאדען אין ביליאנען דאלאר א יאהר.

איהר זאלט אויך ניט זוכען גיך רייך צו ווערען אויף דעם חשבון פון אנדערע. „אל תונו איש את אחיו — ולא תונו איש את עמיתו״, איהר זאלט ניט אפנארען איינער דעם צווייטען. ווארום ווערט דיזער פארזאג איבערגע׳חזר׳ט צוויי מאל? זאגען

אונז די חז״ל, אז דער ערשטער פסוק מיינט „הונאת ממון״, געלט־נארעריי, צו באשווינדלען א חבר אין געלט־זאכען, און דער צווייטער, „הונאת דברים״, איהם פארפיהרען און איינרעדען א זאך, וואס איז ניט אמת. „גדול אונאת דברים מאונאת ממון זה ניתן לחשבון וזה לא ניתן לחשבון״. פארפירען איינעמ׳ס געדאנקען איז גרעסער, ווי איהם צו באשווינדלען אין געלט, ווייל דאס ערשטע האט קיין מאס ניט, און דאס צווייטע האט יא א מאס. ארויסנארען יענעמ׳ס געלט איז דא א חשבון אויף וויפיל ער האט איהם אפגענארט, אבער איהם אראפצופירען פון אמת, איז קיין שיעור ניטא צו אזא נארעריי (ב״מ נ״ח ע״ב).

ב. יאושזאהן דערצעהלט אויף רבי רפאל בערשאדער, דאס איינמאל האט ער באמערקט, ווי זיין ווייב, די רביצין, בענשט ליכט איבער א פאר נייע זילבערנע לייכטער. „הא—פרעגט ער א פאר־וואונדערטער—פון וואנען מיטאמאל אזא עשירות ? ״ „די לייכטער זיינען גלעזערנע—שמייכעלט די רביצין—נאר איבערגעזילבערט פון דרויסען, זיי זאלען אויסזעהן ווי זילבער . . . ״ ווי רבי רפאל האט דאס דערהערט, האט ער זיך א כאפ־געטאן פאר׳ן קאפ און זיך צעשריען : „געוואלד ! מען דארף אנטלויפען פון דער דאזיגער שטוב ! ס׳איז דאך א שטוב מיט גניבת הדעת, א שטוב מיט שקר ! . . ״

---o---

בחוקותי

אידישע ברכות און קללות זיינען פארבונדען מיט א תנאי

„אם בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו", אויב איהר וועט זיך פיהרען נאך מיינע געזעצען און מיינע באפעלען וועט איהר אויספאלגען, דאס איז דער תנאי וואס גאט האט אויסגענומען מיט די אידען, אויב זיי ווילען אנהאלטען זייער עקזיסטענץ אלס א פאלק. אויב איהר וועט זיך אויפפיהרען לויט די פארשריפטען פון מיין תורה, וועלען אייך דינען הימעל און ערד. „ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה", די הימלען וועלען אייך געבען רעגענס אין צייט און די ערד וועט אייך צושטעלען איהרע פרוכט. איהר וועט זיין עקאנאמיש און פאליטיש שטארק און זעלבסטשטענדיג, אייער מיה וועט זיין אנגעלייגט, ווייל אלעס וואס איהר וועט פאר זיך דערווערבען, וועט פארבלייבען אייערס. „ואכלתם לחמכם לשבע וישבתם לבטח בארצכם", איהר וועט עסען אייער ברויט צוזאט און איהר וועט זיצען זיכער אויף אייער לאנד.

אויב אבער די אידען וועלען מיין תנאי ניט אפהיטען, וועלען זיי מוזען מיין לאנד פארלאזען, און אין דער פרעמד וועט איהר די אלע אויסגערעכענטע גליקען ניט קאנען באווייזען. ווי גוט עס זאל אייך דארטען ניט געהן, ווי רייך איהר זאלט דארטען ניט ווערען, קוים וועט איהר מוזען ציהען אייער חיונה פון פרעמדע טישען, וועט אייך דאס עסען ניט איינגעהן, איהר וועט קיין אמת'ע זאטקייט ניט פיהלען. לעבען אין גלות האט קיין שטאנדהאפטיג־קייט ניט, ער איז צופיעל אפהענגיג אן דעם „חסד לאומים", אן דעם גוטען ווילען פון דער איבערוועגענדער מאיאריטעט, וואס איז אימער צווייפעלהאפט. עס פעהלט איהם א באדען אונטער זיינע פיס, און זיין צוקונפט איז ניט קיין געזיכערטע. „בארצכם אתם יושבים לבטח ואין אתם יושבים לבטח חוצה לה", בלויז אין אייער אייגען לאנד זייט איהר

אימשטאנד צו זיצען רוהיג; איהר קאנט אבער ניט זיצען רוהיג אויסער איהר, אין פרעמדע לענדער (תו"כ).

„אם מצותי תשמרו", אויב איהר וועט אפהיטען מיינע באַפעלען, וועט איהר אויך גייסטיג שטייגען אלץ העכער און העכער. „ונתתי משכני בתוככם", און איך וועל פארקערען צווישען אייך. מיין אנוועזענהייט וועט אייך דערהויבען צו א הויכער גייסטיגער שטופע. אייער טאג־טעגליך לעבען וועט זיך אונטערשיידען פון אלע אנדערע פעלקער מיט זיין געטליכקייט און אידעאליזם. מיט דעם וואס איך וועל פארקערען צווישען אייך, וועט אויך מיין נאמען דערהויבען ווערען. „והייתי לכם לאלהים ואתם תהיו לי לעם", איך וועל פאר אייך זיין א גאט און איהר וועט פאר מיר זיין א פאלק. דיביידע זאכען זיינע ענג פארבונדען און געקניפט איינע מיט די אנדערע. האבען די אידען זייער נאַציאנאלע היים, האט אויך די געטהייט אן ארט וואו צו וואוינען.

„כל הדר בחוץ לארץ דומה כמי שאין לו אלקים", ווער עס וואוינט אין חוץ לארץ, דאכט זיך אויס, אז ער האט קיין אייגענעם גאט ניט (כתובות קי"א). און דער פרעמד קאן זיך די שכינה ניט אריענטירען; אויך זי פיהלט זיך ניט היימיש און איז אין גלות. ווי פרום אידען זאלען ניט זיין, ווי הויך זייערע גייסטיגע אנטוויקלונגען זאלען ניט שטייגען, קוים געפינען זיי זיך אויסער זייער אייגענער היים, ווערט עס ניט פארעכענט אויף דעם חשבון פון זייער פאלק אדער זייער גאט. דער פראצעס פון צופאסונג בארויבט זיי פון זייער אריגינאַליטעט. די השפעה פון די פרעמדע קולטורען לאזט זיך שטארק מערקען אין זייער גייסטיגען לעבען, און זיי פארלירען זייער אייגענארטיגקייט.

דער גלות שטעלט זעהר גרויסע פאַדערונגען. אלע מעלות און גייסטיגע דערגרייכונגען האלט ער פאר זיך און לאזט אייך בלויז איבער די חסרונות און נידער־לאגען. אייערע עלויים, קינסטלער און גייסטיגע שעפער ווערען

קאָאפּטירט און פאַרשריבען אויף דער קאָנטאָ פון די פעלקער, צווישען וועלכע איהר וואוינט. אויף אייער חשבון ווערען גע־שטעלט נאָר די וואָס ברענגען שאַנד אויף דעם פאָלק און וועלכע מען קאָן אויסניצען אלס אַן אויסרייד פאַר רדיפות און פאַר־פאָלגונגען.

„ויסרתי אתכם אף אני”, אַז איך שטראָף אייך, שטראָף איך אויך זיך, אַזוי דערקלערט דער „בעל התניא” דעם פּסוק. אמונה און קולטור קאָנען נאָר דאַן בליהען און וואַקסען ביי אַ פאָלק, אויב ער איז גייסטיג זעלבסטשטענדיג און איז ניט געצוואונגען, צוליב זיין מאַטעריעלער אָדער פּאָליטישער לאַגע, זיך אונטערצואוואַרפען דער השפעה פון אַנדערע, פון פרעמדע אידייען און אַנשויאונגען. „ולא תגעל נפשי אתכם”, זאָל מיין זעל ניט פאַר'מיאוס'ען אייך, אָדער פאַר'מיאוס'ט ווערען צוליב אייך. איך וויל בלייבען אייער גאָט און איהר זאָלט זיין מיין פאָלק. דער מדרש זאָגט: „אַלע ברכות און קללות אין הינטיגער סדרה הויבען זיך אָן מיט אַ „ואו המהפך”, וואָס פאַרוואַנדעלט אַן עבר אין אַ עתיד, אָדער פאַרקערט. און דער געדאַנק דערפון איז: „אם זכיתם הריני הופך לכם קללות לברכות”, אויב איהר וועט ווערטה זיין, וועל איך איבערקערען אַלע אייערע קללות און זיי מאַכען פאַר ברכות” (ויק"ר ל"ה).

ווייניג ברכות און פיעל קללות

די גמרא באַקלאָגט זיך, אַז משה רבנו האָט, אין דער היינ־טיגער סדרה, געגעבען די אידען ווייניג ברכות און צופיעל קללות. „ברכם בשמונה וקללם בעשרים ושתים”, געבענשט האָט ער זיי בלויז מיט אַכט ברכות און געשאָלטען מיט גאַנצע צוויי־און־צוואַנציג (ב"ב פ"ח ע"ב). און דער טעם דערפון איז אַ גאַנץ פשוט'ער: ברכות זיינען אומפּאַסענד; דעם, וועמען דאָס מזל שפּילט, געהט גוט אין אַלעם. ער דאַרף זיך ניט זאָרגען וועגען דעטאַלען און איינצעלהייטען. אָהן צופיל מיה און אָנשטרענגונג שטייגט ער פון שטופע צו שטופע. „זכו מלאכתן נעשה ע"י אחרים”, דעם וואָס גליקט, ווערט זיין אַרבייט געטאָן אויך פון

אנדערע. קללות אָבער, אומגליקען זיינען דאָ א סך. ווען דער שלימזל פאַרפאָלגט, האָט קיין מנוחת שעה ניט. ער מוז היטען זיין יעדען שריט, ווייל איין צרה שלעפּט אריין א צווייטע, און זיין גאַנצע מיה איז ארויסגעוואָרפען.

„ותם לריק כחכם", אייערע כוחות וועלען געהן אין ניוועץ, „דומה למשיא את בתו ונותן לה ממון הרבה, ולא הספיקו שבעת ימי המשתה לצאת עד שמתה בתו — נמצא קובר את בתו ומאבד את ממונו", דאָס איז גלייך צו איינעם, וואָס פאַרהייראַט זיין טאָכ־טער און גיט איהר פיעל געלט, אָבער איידער די זיבען טעג פון דער חתונה־וואָך געהען פאַראיבער, שטאַרבט זי — קומט־אויס, אַז ער האָט, נעבעך, באַגראָבען זיין טאָכטער און אויך פאַרלוירען זיין געלט (תו"כ). אָט דאָס איז דער טרויעריגער שיקזאל פון דעם, וואָס לעבט אין גלות. מען האָרעוועט צוליב די קינדער, און ווע־לענדיג זיי גליקליך מאַכען, גיט מען זיי אַוועק די גאַנצע האָרע־וואַניע און מען פאַר'שדכנ'ט זיי מיט פרעמדע אידייען און אנדערע גלויבענס. אָבער, איידער מען קוקט זיך אַרום, געהען די קינדער אַוועק און דאָס געלט ווערט פאַרלוירען. די גאַנצע מיה איז ארויס־געוואָרפען און געהט אין ניוועץ.

„ואכלתם בשר בניכם", איהר וועט עסען דאָס פלייש פון אייערע קינדער. יונגערהייט, אנשטאָט זיי צו געבען אין די חדרים און סקולס צו לערנען תורה, וועט איהר זיי שיקען אין די שעפּער אָדער אין די קראָמען צו פאַרדינען, און אויף דער עלטער וועט איהר מוזען אָנקומען צו זייער קצבה. „ונאספתם אל עריכם". רבי שלמה אראָנסאָן ז"ל, דער געוועזענער רב הכולל פון תל־אביב, האָט געטייטשט דעם פּסוק אַזוי: „איהר וועט זיך מוזען קאָנצענ־טרירען אין די שטעט, ווייל אין די דערפער צו ערד־ארבייט וועט מען אייך ניט צולאָזען".

„והשימותי את מקדשיכם", איך וועל וויסט מאַכען אייערע הייליגטימער, „לרבות בתי כנסיות ובתי מדרשות", דאָס מיינט מען אויך אייערע שולען און טעמפּלען (תו"כ). איהר וועט אימער זיין פאַריאָגט פאַר פּרנסה, און דאָס וועט אייך ברענגען צו פאַר־

לאָזען אייערע שוהלען און לערן־אנשטאלטען, וואָס האָבען אייך שטענדיג געדינט אלס ציטאדעלען קעגען אסימילאציע און אונטער־גאנג. „ואבדתם בגוים", איהר וועט אָבער פארלירען אייער האָב און גוטס צווישען די פעלקער, און אייערע קינדער וועלען לויפען פון לאנד צו לאנד מיט א „מורך בלבבם", א שרעקעניש אין הארצען און שטארק פארצווייפעלט.

רבי לוי יצחק בארדיטשעווער, ווי באקאנט, פלעגט זיך איר מער ליב האָבען אויסצו'טענה'ן מיט גאָט. איינמאל, אין דער וואָך, וואָס מען לייענט די „תוכחה", האט ער, אינמיטען דאווענען, אראָפּ־געכאפּט די תפילין פון קאָפּ און האט אויסגעשריען: „רבונו של עולם! די גמרא זאָגט אונז, אז אויך דו לייגסט תפילין, און אז אין דיינע תפילין שטעהען געשריבען די ווערטער „מי כעמך ישראל", ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל? נו, פרעג איך דיך: אפילו ביי א פשוט'ען אידען, אז עס פאלען ארונטער זיינע תפילין, הויבט ער זיי אויף און קושט זיי; טאָ וואָרום לאָזט־צו, אז דיינע תפילין, דיין עם ישראל זאָל זיך וואלגערען אין בלאָטע און זיין צו שאנד און צו שפּאָט איבעראל? . . ."

אָבער אונטערגעהן וועלען מיר אויך ניט

באָטש די קללות זיינען שרעקליכע און דאָס לעבען אין גלות א העכסט־טראגישער, דאָך זיינען די אידען געזיכערט קעגען אונ־טערגאנג. וואו זיי וועלען זיין, אין וועלכע לענדער זיי וועלען זיך געפינען, וועט זיי גאָט אינגאנצען ניט פארלאָזען; פון צייט צו צייט וועט ער זיי קומען באזוכען. „ואף בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים — לכלותם", זאָגט אויף דעם דער „זוהר הקדוש", אז דאָס איז געגליכען צו איינעם, וואָס האָט גענומען א כלה, וועלכע האָט געוואוינט „בשוקא דבורסקי", אויף א גאַס פון גארבערס, וואו עס הערט זיך א שלעכטער ריח. ער וואָלט דארט אזוי קיינמאָל ניט געקומען, צוליב זיין כלה אָבער באזוכט ער דעם געגענט. אזוי אויך גאָט. באָטש זיינע אידען וואוינען „בארץ אויביהם", אין מיאוס'ע און שלעכטע לענדער, וואו ער וואָלט קיינמאָל ניט גע־קומען. ער מוז זיי אָבער באזוכען „לכלותם"—בגין כלה דאנא

רחימנא לה", צוליב דער כנסת ישראל, וואס איז זיין כלה, און ער האט איהר ליב.

אויך דאס לאנד ארץ־ישראל וועט ניט פארנומען ווערען פון אנדערע, עס וועטווארטען אויף איהרע אידען. „והשמותי אני את הארץ", כאטש איך וועל פארוויסטען דאס לאנד, „ושממו עליה אויביכם", וועלען אויף איהר פוסטעווען אויך אייערע פיינט. „זו מדה טובה — הארץ לא תתן כחה לזרים", דאס איז א גוטע זאך פאר די אידען, די ערד וועט ניט געבען איהר קראפט צו פרעמדע (תו"כ). וויפיל פעלקער עס האבען געפרופט זיך באזעצען אין ארץ־ישראל, האבען איהר ענדליך געמוזט פארלאזען. איהר ערד האט זיך צו קיינעם פון זיי ניט אונטערגעגעבען, ביז איהרע אייגענע קינדער, די אידען, זיינען צו איהר צוריקגעקומען און אויף איהר זיך באזעצט. „אף אילני סרק עתידים להיות עושים פירות", אויך פוסטע בוימער וועלען מיט דער צייט ברייננגען פרוכט (שם).

אונטער אידישע הענט לאזט זיך די ערד פון ארץ־ישראל צוריק אויפלעבען, און ווערט די אלטע „ארץ זבת חלב ודבש".

———o———

במדבר

במדבר

משה לערענט די אידען אין מדבר ווי זיך צו פיהרען אלס פאָלק

„וידבר ה׳ אל משה במדבר סיני" — און גאָט רעדט צו משה'ן אין דער וויסטע פון סיני. די פערציג יאָהר וואָס די אידען האָבען געוואַנדערט אין מדבר, אויף זייער וועג נאָך ארץ־ישראל, זיינען לכתחילה געמיינט געוואָרען צו געבען משה'ן און די זקנים פון פאָלק די געלעגענהייט זיי צו קאָגען לערנען ווי זיך אויפצו־פיהרען אין זייער אייגען לאַנד. אָנצונעהמען א תורה, א קאָנסטיטוציע, איז ניט דאָס וויכטיג־סטע אין דעם לעבען פון א פאָלק. צו קאָנען זי דורכפיהרען איז די הויפּטזאַך, אויף דעם זיינען מענשען, וואָס זיינען נאָר וואָס באפרייט געוואָרען פון שקלאַפעריי, ניט שטאַרק פעהיג.

מיר וויסען פון פיעל פעלקער, וועלכע האָבען נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה באַקומען זייער פרייהייט און זיינען פּלוצ־לינג פּראָקלאַמירט געוואָרען אלס אומאָפּהענגיגע נאַציאָנען, און זיי האָבען אָנגענומען העכסט־ליבעראַלע קאָנסטיטוציעס. דאָס שלאַגוואָרט פון דעם בלוטיגען קריג איז געווען „צו באפרייען די וועלט פאַר דעמאָקראַטיע", און יעדעס פון די באפרייטע פעלקער האָט זיך געפּלייסט אָנצונעהמען א העכסט־דעמאָקראַטישע קאָנ־סטיטוציע.

די מיגאַריטעטען באפעלקערונגען, וואָס געפינען זיך אין זייער לאַנד, האָט מען פאַרשפּראָכען פולשטענדיגע פרייהייט, צו קאָ־נען לעבען אומגעשטערט, לויט זייערע אייגענע דינים און מנהגים. עקאָנאָמישע און פּאָליטישע גלייכקייט איז צוגעזאָגט געוואָרען יעדער גרופּע בירגער. אלע טיילען פון די איינוואוינער זיינען פאַר־זיכערט געוואָרען מיט דעמאָקראַטיע, מיט פאָלקס־הערשאַפט. די

דאָזיגע שעהנע קאָנסטיטוציעס, אבער, זייגען ניט דורכגעפיהרט געוואָרען אין לעבען. דער גרויסער עולם אין יעדען לאַנד איז, ווי עס ווייזט אויס, ניט געווען דערוואַקסען צו אַזא פלוצלינגער ענדערונג אין זייער געדאַנקען־גאַנג און אַרט לעבען. אַזוי גיך ווי די מאַיאָריטעט האָט דערפילט אַ פעסטערען באָדען אונטער איהרע פיס, איז זי געוואָרען שאָוויניסטיש, און פאַרגינט ניט די מינאָריטעטען זייער פרייהייט און גלייכקייט. אין דעם פּראָצעס פון פאַרפעסטיגען זייערע פאָלקס־פּאָזיציעס האָבען זיי אָנגענומען דעם ענגהאַרציגען וועג פון פאַרפאָלגען דעם נרדף, דעם שוואַכערען, ווייל ער שטעהט זיי אין וועג צו קאָנען פאַרכאַפּען אַלע פאַר זיך.

„וידבר ה׳ אל משה במדבר״ — גאָט רעדט צו משה׳ן אין מדבר. „מכאן שנו רבותינו: בשלשה דברים נתנה התורה באש, במים ובמדבר״, פון דאַנען האָבען אונזערע לערער געדרונגען, אַז די תורה איז געגעבען געוואָרען אין פייער, וואַסער און מדבר (במד״ר א׳). דאָס לערנט אונז, אַז צו יעדער צייט און אונטער אַלע אומשטענדען מוז די תורה דורכגעפירט ווערען. אַז עס קומט אַ פעריאָדע פון „אש״, פון פייער, און עס ברעכט אויס אַ שרעקליכער קריזיס, וואָס כאַפּט אַרום דאָס גאַנצע פאָלק, און גרויסע קרבנות מוזען געבראַכט ווערען פאַר זיין עקזיסטענץ, אויך דאַן טאָר מען דעם קאָפּ ניט פאַרלירען און עובר זיין אויף די געזעצען פון גאָט. אַז מען האַלט זיך אין די ראַמען פון דער תורה, פאַרלירט מען ניט דעם מענשליכען געפיהל אויך אין צייטען פון מלחמה. „וקראתם לשלום״, איהר זאָלט רופען פאַר פרידען; די ווילדע אינסטינקטען, וואָס אַ שלאַכט רופט געוויינליך אַרויס, זאָלען אייך ניט פאַרוואַנדלען אין בלוט־דורשטיגע חיות.

מען מוז אויך געדענקען די תורה און אָפּהיטען איהרע געזעצען אפילו אין אַ צייט פון „מים״, פון שווערע וואַסערען, ווען די נאַציאָנאַלע שיף געפינט זיך אין אַ ים פון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע שטורמווינטען, און אַלע כוחות מוזען מאָביליזירט ווערען, כדי זי דורכצופיהרען דורך די ברויזענדיגע כוואַליעס, און באַשיצען די פרייהייט, וואָס מען האָט דורך פייער און בלוט דערוואָרבען. אויך דאַן איז עס העכסט־נויטיג, אַז מען זאָל האָבען אין

זינען די חוקים און משפטים פון דער תורה, צו קאָנען אָנהאַלטען דאָס גלייכגעוויכט. איבערהויפט זאָל מען ניט פאַרגעסען דעם „ואהבתם את הגר", ליב האָבען דעם פרעמדען און ניט אָפּשטויסען איהם פון זיך, ווייל אויך ער איז בארעכטיגט צו האָבען א מקום מנוחה צווישען אייך. אויסער דעם, גיט איהם נאָר די געלעגענהייט און אויך ער וועט ביישטייערען זיינע בעסטע קרעפטען פאַר דער אַנטוויקלונג און דערפאָלג פון אייער לאַנד אין זיין נייער היים.

און אויב אייך קומט אוים דורכצומאַכען א צייט פון „מדבר", וויסטעניש, אז אייער לאַנד פאַלט אריין אין א שווערער דעפּרעסיע, זאָלט איהר געדענקען די באַפעלען פון אייער תורה. באַשולדיגט ניט קיינעם אין אייער טרויעריגער לאַגע. איבערהויפט זאָלט איהר די שולד ניט אַרויפוואַרפען אויף דעם פרעמדען, וואָס געפינט זיך אין אייערע גרעניצען. אויך ער ליידט, און נאָך מעהר פון אייך. „עזב תעזב עמו", העלפט איהם און איהר וועט אויך געהאָלפען ווערען. דיסקרימינאַציעס און באַשרענקונגען קעגען א געוויסען קלאַס איינוואוינער אין א לאַנד האָבען דעם לאַנד קיינמאָל קיין גוטס ניט געבראַכט, אין געגענטייל, אזעלכע אוממענשליכע טאַטען האָבען אימער געשטערט דער פרייער אַנטוויקלונג פון א לאַנד, און דאָס לאַנד רואינירט גייסטיג און עקאָנאָמיש.

מיין פאָטער ע"ה האָט אויף דעם מדרש געזאָגט א גאַנץ אַנדער געדאַנק: „די תורה איז געגעבען געוואָרען אין פייער, וואַסער, און אין מדבר, ווייל אין דער צייט פון פייער, אז עס ברעכען אוים גרויסע רדיפות אויף אידען, איז מען זיכער, אז די אידען וועלען זיך האַלטען ביי דער תורה. די געשיכטע ווייסט אונז צו דערציילען, אז „בעידנא דריתחא", אין א צייט פון פּאָגראָמען און שרעקליכע דיסקרימינאַציעס קעגען די אידען, לויפען זיי אין זייערע שוהלען, ווייל דאָרט איז דאָס איינציגע פּלאַץ, וואו זיי קאָנען פרייער אָטעמען. אויך אז מען טרינקט זיך אין אן עקאָנאָמישען

ים, וועלכער ווארפט זיך מיט זיינע ברויזענדיגע כוואליעס, און דער קאמף פאר דעם דא־זיין איז זעהר א שווערער, אויך אין אזא צייט איז דער איד עלול זיך צו האלטען ביי זיין תורה. די שווערע אומשטענדען פון זיין עקאנאמישער לאגע האלטען איהם ענג גע־שלאסען מיט זיין פאלק און זיין אמונה. די הויפט סכנה אבער איז, אז ער לעבט אין א „מדבר", אין א פרייער מדינה, וואו ער קאן זיך אנטוויקלען אומגעשטערט. אין אזעלכע לענדער ווערען אונזערע אידען לײדער אפגעשוואכט אין זייער אמונה, און זוכען נאכצומאכען זייערע שכנים. דערפאר רעדט גאט צו משה'ן אין מדבר, ער זאל אויפמערקזאם מאכען די אידען, אז אויך אין א פריי לאנד זאלען זיי ניט איבערלאזען זייער תורה אויף הפקר, און פארנאכלעסיגען די דערציהונג פון זייערע קינדער, און שטעלען דערמיט אין סכנה די גאנצע צוקונפט פון זייער פאלק".

אידען מוזען זיך האלטען ביי זייערע אייגענע פאהנען

„שאו את ראש כל עדת בני ישראל", איהר זאלט דערהויבען דעם קאפ פון דער גאנצער אידישער געמיינדע. אויב איהר ווילט קומען צו א ברעג, אויב איהר זוכט באפרייט צו ווערען פון אייער גלות און זיך באזעצען אויף אייער אייגען לאנד, פאלגט אייערע פיהרער. זאל צווישען אייך הערשען אחדות, ווייל נאר מיט פאר־אייניגטע כוחות קאנט איהר דערגרייכען אייער ציל. צו באקומען א לאנד פאר א נאציאנאלער היים איז ניט אינגאנצען אפהענגיג פון דעם ווילען פון דעם פאלק, וואס וויל דאס לאנד באזיצען. מען מוז אויך האבען די צושטימונג און גוטען ווילען פון אנדערע פעלקער, איבערהויפט פון די שכנות'דיגע לענדער. דאס קאן נאר דערגרייכט ווערען דורך פלאנמעסיגע און קאנצענטרירטע באַ־מיהונגען, און ניט אז יעדער איינער האט זיינע אייגענע מיינונגען און שליסט זיך ניט אן אן דעם כלל. אן עדה אידען, וואס ווילען עפעס אויפטאן ממשות'דיגס פאר זייער פאלק, מוזען נאכפאלגען זייער „ראש", זייער מנהיג, און זיין איינשטימיג צווישען זיך.

הרב דר. אהרן יעלינעק באמערקט אויף דעם פסוק: „גאט האט געהייסען ציילען די קעפ פון אידען, ווייל אנדערע טיילען פון

קערפער זיינען ביי די גויים שטארקערע און געזינטערע. הענט, פיס און פלייצעס האבען זיי ברייטערע און לענגערע; קעפ אבער — קעפ זאלט איהר זוכען ביי אידען, און קעפ מוזען פארשטעהן די וויכטיגקייט פון אחדות".

„איש על דגלו", יעדער זאל געהערען צו זיין פאהן. „בזכות הדגלים אני גואל אתכם ומדלג על הקץ", צוליב דעם זכות פון די פאהנען וועל איך אייך אויסלייזען און וועל דערנעהנטערען דעם קץ, דעם סוף פון גלות (מדרש תנחומא). אז די אידען וועלען האלטען זייער אייגענע פאהן הויך און איהר ניט פארבייטען אויף אנדערע, וועלכע זיינען פרעמד צו אונזער פאלק און זיין גלויבען, וועט זיך דער גלות לאנג ניט ציהען. נאציאנאלער שטאלץ און זעלבסטווירדע זיינען די שטארקסטע וואפען צו באקעמפען דעם אידען'ס שונאים און צו פאראייניגען זיינע קינדער פאר זיין באפרייאונג.

„בשעה שהיו ישראל נוסעין, היו שני ניצוצין של אש יוצאין מתוך שני בדיו של ארון כדי לפגוע שונאיהן". ווען די אידען האבען גערייזט, פלעגען צוויי פונקען פייער ארויס פון די שטאנגען פון דעם ארון צו באגעגענען זייערע פיינט (במד"ר ה'). קוים טראגען די אידען זייער אייגענעם ארון מיט זייער תורה, זיינען זיי געזיכערט אין אלע זייערע וואנדערונגען. די שטאנגען פון דעם ארון, וואס שטעלען־פאר דעם אידישען שטאלץ און זעלבסטווירדע, וועלען איהם באשיצען קעגען די אנפאלען פון זיינע שונאים, און איהם געבען כח אויסצוהאלטען די גרויזאמקייט פון גלות, ביז ער וועט קומען צוריק צו זיין לאנד, צו זיין היים.

משה רבנו האט זיך לכתחילה געשראקען פאר דעם געדאנק איינצופיהרען פאהנען ביי אידען. דער מדרש זאגט אונז: „בשעה שאמר הקב"ה למשה עשה אותן דגלים — התחיל משה מיצר — אמר עכשיו עתידה המחלקות להנתן בין השבטים", ווען גאט האט געזאגט צו משה'ן ער זאל פאר די אידען צוגרייטען פאהנען, האט ער פון אנפאנג זיך שטארק באקימערט איבער דעם. ער האט ביי זיך געטראכט: אט איצט וועלען זיך אנפאנגען מחלקות צווישען די שבטים (במד"ר ב'). יעדער שבט, יעדע גרופע וועט זוכען זיך

צו גרויסען מיט איהר פאָהן. און דאָס קאָן נאָך פאַראורזאַכען שפּאַלטונגען אין פאָלק. איבערהויפּט האָט ער מורא געהאַט, אַז אַזעלכע גרופּירונגען זאָלען ניט פאַרלענגערען דעם גלות. אויב יעדער שבט וועט זיך האַלטען ביי זיין באַזונדערער פאָהן און וועט מסתמא וועלען, אַז דוקא ער זאָל מאַרשירען אין פאָראויס, און אַלע אַנדערע שבטים זאָלען איהם נאָכפאָלגען, וועט עס שטערען דער צוזאַמענאַרבייט, וואָס איז נויטיג פאַר דער באַפרייאונג.

גאָט האָט איהם אָבער פאַרזיכערט: „כאשר יחנו כן יסעו”, ווי זיי רוהען, אַזוי וועלען זיי רייזען. „מה חנייתן על פי הדבור אף נסיעתן על פי הדבור”, ווי זייער רוה ווערט באַשטימט פון זיין וואָרט, אַזוי וועט אויך זייער ציהען צו זייער לאַנד זיין אָפּהענגיג פון זיין וואָרט (מנחות צ״ח). דער שיקזאַל פון די אידען ליגט אין די הענט פון גב״ה אליין, און ווען די צייט וועט קומען, וועלען זיך אַלע שבטים פאַראייניגען פאַר דער גאולה. ער וויל אָבער, אַז זיי זאָלען איבעראַל אָנהאַלטען זייער אייגענאַרטיגקייט און זייער נאַציאָנאַלען שטאָלץ; דערפאַר זאָלען זיי האָבען זייערע אייגענע פאָהנען, וואָס וועט זיי געבען דעם פאָליטישען כח מיט אַלע פעלקער צוגלייך.

—————o—————

נשא

די נשיאים איילען זיך ניט מיט זייערע נדבות

א גרויסער טייל פון היינטיגער סדרה איז געווידמעט צו די נדרים און נדבות, וואס די נשיאים האבען געגעבען פאר דעם משכן. אלע גאלדענע און זילבערנע כלים, וואס זיי האבען געבראכט, אזוי גוט ווי די פארשיידענע קרבנות, ווערען גענוי אויסגערעכענט און פארצייכענט. כאטש יעדער פון די צוועלף נשיאים האט געבראכט דיזעלבע זאכען, דיזעלבע וואג גאלד און זילבער, דיזעלבע מאס זעמעל־מעהל און בוימעל און אויך דיזעלבע צאהל בהמות פאר קרבנות, ווערען זיי דאך אויסגערעכענט אין פולע איינצעלהייטען ביי יעדען באזונדער. קענטיג, אז אויך דאן האבען די נשיאים, די רייכע לייט, ליב געהאט פובליסיטי און רעקלאמען. זיי האבען דאן, אזוי ווי די היינטיגע גרויסע מנדבים, געוואלט, אז וואס זיי גיבען פאר קהל, זאל גוט אדווערטייזט ווערען. די גאנצע וועלט מוז וויסען וואס און וויפיל זיי האבען געגעבען, און דאס זאל נאך אריין אין דער געשיכטע און פארשריבען ווערען לדורות.

די אלע נדרים ונדבות, וואס דאס פאלק האט געגעבען, פון וועלכע דער גאנצער משכן מיט זיינע כלים אין געבויט געווארען, ווערען פארצייכענט אין פסוק: „כל איש ואשה אשר נדב לבם אותם — הביאו נדבה לד׳״, יעדער מאן און פרוי, וואס זייער הארץ האט זיי באוויליגט, האבען געבראכט א נדבה צו גאט (שמות ויקהל ל״ה). די נעמען פון די מנדבים ווערען ניט אנגעגעבען. די פארשיידענע ווערטה־זאכען, וואס זיי האבען בייגעשטייערט, ווערען ניט גענוי און פינקטליך פארצייכענט. זיי האבען געגעבען זייערע נדבות פאר דער „מלאכת המשכן״ מיט הארץ, „אשר נדב לבם אותם״, און אז מען גיט מיט׳ן פולען הארצען, זוכט מען קיין כבוד ניט און מען דארף קיין פובליסיטי ניט האבען.

מיט די נשיאים אבער האט מען זיך געמוזט אנדערש בא־

געהן: יעדען׳ס נאָמען האָט געדאַרפט באַקאַנט געמאַכט ווערען, און אַלץ וואָס ער האָט געגעבען, גענוי און פּינקטליך אויסגערע־כענט. אום יעדער פון זיי זאָל קענען קריגען זיין פולע פּאַרציע כבוד, האָט מען ניט אָנגענומען אַלע זייערע נדבות פאַר־אמאָל. „נשיא אחד ליום, נשיא אחד ליום", פאַר יעדען נשיא האָט מען געמוזט באַשטימען אַ גאַנצען טאָג, און זיינע קרבנות מקריב זיין מיט ספּעציעלע פייערונגען; אָט ווי מען איז זיך נוהג „בזמן הזה", אין היינטיגע צייטען, אַז אַ גביר קומט צו הילף און שטימט־איין צו געבען זיין נדבה פאַר אַ קהל׳שען צוועק, מאַכט מען פאַר איהם באַנקעטען און מען איז מקדיש טעג אָדער נעכט, איהם צוצוטיילען גרויס כבוד.

„ויהי ביום כלות משה להקים את המשכן — ביום שכלו הקמותיו", דאָס איז געווען אין דעם טאָג, וואָס משה האָט פאַר־ענדיגט אויפשטעלען דעם משכן, אין דעם טאָג ווען עס האָבען זיך געענדיגט אַלע זיינע אויפשטעלונגען (ירושלמי יומא פ"א ה"א). ווען משה האָט זיך איבערצייגט, אַז אַלעס, וואָס איז נויטיג פאַר דעם משכן, האָט דאָס פאָלק געבראַכט, און מען דאַרף שוין קיין זאַך מעהר ניט האָבען. אין דעם טאָג זיינען געקומען אַלע צוועלף נשיאים מיטאַמאָל און האָבען געבראַכט זייערע וועגענער אָנגע־פּאַקט מיט נדבות. „וואו זיינען זיי פריהער געווען אַז מען האָט אָנגעפאַנגען בויען דעם משכן?" פרעגט דער מדרש, און ענט־פערט: „בשעה שאמר משה כל נדיב לב יביאו תרומות ה׳ למלאכת המשכן, ולא אמר לנשיאים, היה רע בעיניהם", ווען משה האָט אויסגערופען, דאָס יעדער מיט אַ פרייגעביג האַרץ זאָל ברענגען אַ נדבה צו גאָט, פאַר דער אַרבייט פון משכן, און ער האָט זיך ניט געווענדעט צוערשט צו די נשיאים, האָט עס זיי פאַרדראָסען. „אמרו יביאו העם מה שיביאו", זיי האָבען געזאָגט, זאָל דאָס פאָלק ברענ־גען וואָס זיי ווילען, מיר וועלען זעהן אויף וויפיל זייערע נדבות וועלען קלעקען (במד"ר י"ב).

אָט אַזוי איז שוין ב"ה אימער מיט אונזערע נשיאים, די רייכע לייט; זיי איילען זיך ניט מיט זייערע נדבות. אַז מען קומט צו זיי און מען לייגט פאַר זיי פאָר די נויטווענדיגקייט פון בויען

א געוויסען צדקה־מוסד אָדער לערן־אַנשטאַלט, הערען זיי זיך צו־ערשט גאַנץ וויניג צו. קוים אָבער הויבט דער עולם אָן קלייבען נדבות צווישען זיך און בויען דעם אַנשטאַלט, וואָס זיי האַלטען פאַר וויכטיג, ווערען זיי ברוגז, ווארום מען האָט עס געטאָן אָהן זייער צושטימונג. ווען זיי זעהען אָבער, אַז דער אַנשטאַלט ווערט דאָך געבויט, און ניט וועלענדיג פאַרלירען זייער פּרעסטיזש, אַז עטוואָס ווערט אויפגעטאָן אין שטאָט אויך אָהן זייער באַטייליגונג, קומען זיי מיט זייערע נדבות און נעמען־איבער די פיהרערשאַפט. דער גרויסער עולם, אויך די יעניגע וואָס האָבען צוערשט אוועק־געלייגט זייערע כוחות די זאַך דורכצופיהרען, ווערען ביסלעכווייז אַרויסגעשטויסען, און די נשיאים, די נייע־אָנגעקומענע, ווערען די דעה־זאָגער.

און ניט נאָר ווילען זיי פאַרוואַלטען די אידישע אינסטיטו־ציעס ווי זייער הארץ גלוסט, און באַלעבאַטעווען איבער אַלעם און אַלעמען, זיי פאַרבייטען אויך גאַנץ אָפט די הויפט־צוועקען און צילען, פאַר וועלכע זיי זיינען געגרינדעט געוואָרען. דערפאַר זעהען מיר טאַקע, איבערהויפּט ביי אונז אין אַמעריקא, ווי פיעל פון די אידישע אינסטיטוציעס זיינען געוואָרען פון כשר טריף. צדקה־אַנשטאַלטען וואָס זיינען לכתחילה געשאַפען געוואָרען מיט דעם צוועק צו באַפריינדען דעם נויטבאַדערפטיגען, ווערען פאַרוואַלטעט פון גלייכגילטיגע, געשולטע „סאָשאַל וואָירקערס", וואָס טיילען־אויס זייער „טשאַריטי" מיט'ן קאָפּ און ניט מיט'ן האַרצען. זיי פיהלען ניט מיט מיט דעם אָרימאַן, נאָר זיי מאַכען גרינטליכע און לאַנגע אינוועסטיגיישאָנס און נאָכפאָרשונגען, און ביז דער אָרימאַן קריגט פון זיי דאָס ביסעל נחמה, געהט פון איהם אַרויס זיין נשמה. אויך די תלמוד־תורה'ס און אידישע לערן־אַנשטאַלטען, וואָס זיינען אויסדריקליך געגרינדעט געוואָרען פון דעם פּשוט'ן המון מיט דעם צוועק צו לערנען אידישע קינדער תורה־אידישקייט — אויב זיי פאַלען־אַריין צו די רייכע אין די הענט, ווערען זיי, אונטער זייער ממשלה, פאַרוואַנדעלט אין „היברו סקולס", וואו עס ווערט גע־לערנט אידישקייט אויפ'ן שפּיץ מעסער, און פון דער גאַנצער תורה, וואָס א קינד קריגט דאָרט, שטעלט זיך איהם גאַנץ וויניג אָפּ.

צו אַט דער געלעגענהייט וויל איך דאָ ברענגען אַ „מדרש פליאה", וועלכען איך האָב געהערט פון פּראָפּעסאָר חיים וויצמאַן, אויף זיין ערשטען באַזוך אין אַמעריקאַ. דער מדרש זאָגט: אַז ווען די אידען האָבען געבויט דעם לעצטען בית־המקדש, האָבען די רייכע בייגעשטייערט די מזרח־וואַנט, די באַלעבאַטים האָבען געבויט דעם צפון און דעם דרום; פון די נדבות, וואָס די אָרימע־לייט האָבען געבראַכט, האָט מען אויפגעשטעלט דעם „כותל מערבי". „זעהט — האָט פּראָפּעסאָר וויצמאַן אויסגעפיהרט — אַז דער איינציגער זכר, וואָס איז אונז פאַרבליבען פון אונזער אַמאָליגער גלאַנץ־פּעריאָדע, פון דעם „בית המקדש", איז דאָס וואָס דער המון, די אָרימעלייט האָבען געבויט".

משה וויל ניט נעהמען די נדבות פון די נשיאים

לכתחילה האָט משה געצעגערט צו זאָל ער אָננעהמען די נדבות פון די נשיאים. „באו ועמדו לפני המשכן, ולא קבל מהם", זיי זיינען געקומען און געוואַרט אַ צייט פאַר דעם משכן, אָבער משה האָט אַלץ ניט געוואָלט פון זיי נעהמען דאָס וואָס זיי האָבען איצט געבראַכט. די אידען האָבען זיך אַזוי וואַרעם אָפּגערופען מיט זייערעביישטייערונגען פאַר דעם משכן, אַז זיינע אויפזעהער האָבען איהם אינפאָרמירט: „מרבים העם מהביא מדי העבודה", דאָס פאָלק ברענגט מעהר וויפיל עס איז נויטיג פאַר דער אַרבייט. כאָטש זיי האָבען שוין אויפמערקזאַם געמאַכט די אידען, אַז זיי האָבען גענוג, הערען זיי אָבער ניט, „והם הביאו עוד נדבה בבוקר בבוקר", און זיי ברענגען נאָך אַלץ זייערע נדבות יעדען פריה־מאָרגען. משה איז געווען געצוואונגען אויסצורופען אין דער גאַנ־צער אידישער מחנה: „איש ואשה אל יעשה עוד מלאכה לתרומת הקודש", קיינער זאָל מעהר ניט טאָן קיין אַרבייט פאַר דעם הייליגען צוועק (שמו"ר ל"ו).

משה איז געווען אַזוי שטאָלץ אויף די נדבות פון פאָלק, אַז ער האָט אינגאַנצען געצווייפעלט, אויב עס איז גאָר ראַטזאַם אָנצו־נעמען וואָס די נשיאים האָבען געבראַכט. ער האָט זיי אויך גע־וואָלט ווייזען, אַז דער משכן, וואָס די אידען האָבען געבויט פאַר

גאָט צו קאָנען וואוינען צווישען זיי, איז אויפגעבויט געוואָרען אינגאנצען פון די ביישטייערונגען פון דעם פשוט׳ען עולם, אָהן דער באַטייליגונג פון די רייכע, וואָס האָבען לכתחילה ניט געוואָלט צושטעהן צו דער ארבייט. גאָט, אָבער, האָט איהם באַפוילען: „קח מאתם", נעהם פון זיי, און ער האָט זיך ניט געקאָנט העלפען. ער האָט געמוזט אַקצעפּטירען זייערע נדבות און זיי נאָך צוטיילען גרויס כבוד.

ער האָט זיי אָבער אויף אַ גאַנץ איידעלען אופן געטאַדעלט: „הנשיאים שנתעצלו חיסר אות משמם", די נשיאים, וואָס האָבען זיך צוגעפוילט צו ברייננגען זייערע נדבות אין צייט, האָט ער ביי זיי אַרונטערגענומען אַן אות פון זייער נאָמען. „שכן כתיב והנשאם חסר יוד", אין דעם וואָרט נשיאים אין דעם פסוק פעהלט דעם בוכשטאַב „יוד". מיט דעם האָט ער זיי אָנגעדייט, אַז צוליב זייער רייכטום און גרויסהאַלטען זיך האָבען זיי פאַרלוירען דעם פּינטעלע „יוד", מען פוילט זיך שוין אנטיילצונעהמען אין אידישע אינטערעסען און ביישטייערען פאַר אידישע צוועקען (שם).

איך האָב מיט יאָהרען צוריק געהערט אַ וואונדערבאַרען געדאַנק פון דעם קאַמעניצער מגיד איבער דער אורזאַך, וואָרום די נשיאים האָבען געגעבען יעדער דיזעלבע צאָהל נדבות: „דער פשוט׳ער עולם, אַז ער איז אויפגעפאָדערט געוואָרען בייצושטייערן צום משכן, האָט יעדער געגעבען מיט׳ן פולען הארצען פון וואָס ער האָט נאָר געהאַט, און וויפיל ער האָט געקאָנט. מען האָט זיך איינער אויף דעם אַנדערן ניט פאַרקוקט. שמעון האָט זיך ניט פאַרמאָסטען קעגען ראובנ׳ען, און ביי זיך גע׳חשבונ׳ט, אויב ער גיט „כך וכך", דאַרף איך געבען „כך וכך". „כל איש אשר נמצא אתו—הביאו", יעדער האָט געבראַכט וואָס ער האָט ביי זיך געפונען. די גבירים אָבער, די נשיאים, האָבען זיך פריהער דערקונדיגט איינער פון דעם אַנדערן וואָס ער גיט, און אַלע צוועלף פון זיי האָבען געבראַכט דיזעלבע זאַכען".

דר. סטיפען ס. וויז האָט אמאָל אויף א פארזאמלונג אין באָסטאָן זיך אויסגעדריקט, אז „אין אמעריקא זיינען דאָ פיער פארשיידענע קלאַסען אידען, און זיי ווערען איינגעטיילט לויט זייער פארמעגען: ביז 25 טויזענט דאָלאר איז נאָך א איד אָן אָרטאָ־דאָקס, דאַווענט און האַלט־אָפּ זיין יאָהרצייט אין א פרומער אידי־שער שוהל; ווערט ער רייכער און זיין פארמעגען גרייכט שוין ביז הונדערט טויזענט דאָלאר, באלאַנגט ער שוין צו דעם קאָנסער־וואטיווען חדר; פארמאָגט ער ביז א האלבען מיליאָן דאָלאר, שליסט ער זיך שוין אָן אָן א רעפאָרם טעמפעל; קריגט אָבער איינער אריין א רייכטום פון העכער א מיליאָן, ווערט ער שוין אויס איד און וויכט פון זיינע ברידער ווי א טייוועל פון ווייררויך".

———o———

בהעלותך

די ליכט פון דער אידישער מנורה

„בהעלותך את הנרות" — ווען דו וועסט ארויפברענגען די ליכט — „בהדליקך לא נאמר", ווען דו וועסט אנצינדען ווערט ניט געזאגט, נאר ווען דו וועסט ארויפברענגען, ווייל ווען דו צינדסט־אן די ליכט פון דער מנורה, פון דעם אידישען גלויבען, „אתה מעלה את עצמך", דערהויבסטו זיך אליין (ילקוט שמעוני). אז דאס ליכט פון דער אידישער אמונה האלט אין שטייגען, שטייגט מיט איהם אויך דער עקאנאמישער און גייסטיגער מצב פון פאלק. „אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות", צו דעם מיטעלפונקט פון דער מנורה זאלען לייכטען די זיבען ליכט. גאט אליין דארף איהר ליכט ניט האבען, „לא לאורה אני צריך" (מנחות פ"ו). גאט איז דער מקור פון ליכטיגקייט, און ער דארף ניט האבען, אז דער כהן גדול זאל באלייכטען דעם וועג פון דער גאטהייט זעלבסט. דאס ליכט פון דער אידישער מנורה איז געמיינט פאר די אידען און זייערע קינדער, זיי זאלען קאנען זעהן און פארשטעהן די הויכע אידעאלען פון זייער תורה. די ליכט מוזען אבער זיין געווענדט צו דעם מיטעלפונקט, „אל מול פני המנורה". בלויז ווען די גייסטיגע דערגרייכונגען פון די אידען זיינען קאנצענטרירט ארום דעם פאלק אליין, ארום זיין עקזיסטענץ אלס נאציע, וועט איהר דערהויבען ווערען דורך די ליכט פון דער מנורה.

דער „זוהר הקדוש" זאגט, אז ווען די אידען זיינען פארטיג געווארען מיט'ן מאכען די מנורה, האט גאט א וואונק געטאן צו די מלאכים, אז זיי זאלען אויך מאכען אזא מנורה און איהר אוועקשטעלען אין הימעל, פונקט קעגענאיבער דער מנורה אין משכן. „בשעתא דכהנא אתכוון לאדלקא בוצינין לתתא, כדין בוציניך עלאין נהרין", ווען דער כהן צינדט־אן די ליכט פון אונטען, ווערען

אויך די אויבערשטע ליכט אנגעצונדען. און דאס איז די כוונה פון „בהעלותך", אז מיט דעם ברענגסטו ארויף די ליכט אין די הימלען. דער הימעל רעפלעקטירט דעם גייסטיגען צושטאנד פון די אידען אויף דער ערד. די הימלישע מנורה איז אימער קעגענ־איבער דער מנורה פון די אידען אין אלע לענדער, וואו זיי וואוינען. אויב די אידען קלייבען אויס צו געהן אין וועג פון חושך, פון פינסטערניש און אומוויסענקייט, איז אויך אין די הימלען שטארק פינסטער. צינדען אבער די אידען די ליכט פון זייער „נר תמיד" אויף דער ערד, דאן ווערט אויך ליכטיג אין אלע הימלען.

דער מלבי"ם ז"ל דערקלערט אונז, אז דער ארון איז דער סימבאל פון דער אידישער תורה און אמונה און ער שטעהט אין קדשי הקדשים, וואו דאס ליכט פון דער מנורה גרייכט ניט, ווייל דער ארון, וואס אנטהאלט די לוחות, דארף איהר ליכט ניט האבען. די מנורה אבער סימבאליזירט די וועלטליכע השכלה, אלע חכמות און וויסענשאפטען, וואס א מענש קאן גרייכען מיט זיין אייגענעם שכל. די זיבען רערען פון דער מנורה זיינען קעגען די „שבע חכמות", די זיבען גרונט־אידייען פון דער וועלט. די „גביעים, כפתורים ופרחים", די בעכערס, קנעפ און בלומען, וואס באצירען איהר, שטעלען פאר די שעהנע דערגרייכונגען, וואס די וויסענ־שאפט קאן דערווערבען.

„אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות", צו דעם מיטעל־פונקט פון דער מנורה זאלען לייכטען די זיבען ליכט. אלע חכמות, וואס אידען לערנען, זאלען זיין געריכטעט צו איין צענטער־פונקט, צו פארמעהרען און פארגרעסערען די אייגענע קולטור. אויב די גרויסע אידישע גייסטער, וואס אונזער פאלק האט געשאפען אין זיין לאנגער עקזיסטענץ, וואלטען געווען געריכטעט „אל מול פני המנורה", צו דעם מיטעלפונקט פון זייער אייגענעם פאלק'ס גייסטיגער אנטוויקלונג, וואלט די

אידישע קולטור געבליהט איבעראל און וואלט בייגעשטייערט צו דער שנעלער דערלייזונג פון דעם ביטערען גלות.

„מקשה תיעשה המנורה", די גאנצע מנורה מיט איהרע רערען, בלומען און קנעפ, מוזען אויסגעקלאפט ווערען פון איין שטיק. אויב די רערען אדער זייערע באפוצונגען זיינען גענומען פון אנדערע שטיקער גאלד, פון פרעמדע קולטורען, איז די מנורה א פסול'ע. א אידישע מנורה, אויב זי איז ניט געמאכט פון אייגענעם גאלד, און ווערט צוזאמענגעשטעלט פון שטיקער גאלד, וועלכע זיינען געליהען פון אנדערע, פון פרעמדע געדאנקען, גיט פון זיך ניט ארויס דאס ליכט, וואס זאל פיהרען צו דעם „תורה אור", צו דעם ליכט פון דער אידישער תורה.

מיין פאטער ע"ה גיט אן אנדער דערקלערונג איבער דער מעשה המנורה. ער זאגט: „די זיבען רערען שטעלען־פאר די פארשיידענע טיילען פון דעם פאלק, וועלכע זיינען צעשפרייט איבער אלע „שבעה ימים". אויב די אידען ווילען עקזיסטירען אלס באזונדער פאלק, דאן מוזען אלע אידישע געמיינדעס אין די לענדער, וואו זיי געפינען זיך, צילען „אל מול פני המנורה", צו דעם מיטעלפונקט פון דער אידישער אמונה. דער הויפט געדאנק דארף זיין זיך צו האלטען ענג פארבונדען מיט דעם פאלק, און אלע אידישע שטרעבונגען מוזען זיין געריכטעט אין איין און דערזעלבער ליניע, און דאס איז: אויפצוהאלטען די גאנצקייט פון דער אידישער אומה".

„מקשה תיעשה המנורה", די אידישע מנורה מוז זיין אויסגעקלאפט פון איין שטיק, אלע איהרע טיילען מוזען איבעראל טראגען דעמזעלבען כאראקטער; קוים אבער ווערט דאס פאלק איינגעטיילט אין פארשיידענע לאנדסמאנשאפטען, און אויך זייער רעליגיעז לעבען הויבט־אן צו טראגען דעם כאראקטער פון די לענדער, אין וועלכע זיי געפינען זיך, פיהרט עס צו שפאלטונגען, וואס שוואכען־אפ דאס פאלק און פארלענגערען זיין גלות.

זיין אייגענאַרטיג לעבען האָט דעם אידען אויפגעהאַלטען אין גלות

"כן יהיה תמיד : הענן יכסנו — ומראה אש לילה", אזוי וועט עס אימער זיין, ווען דער וואָלקען וועט באַדעקען די אידישע שכונות, און דאָס לעבען וועט ווערען העכסט-אומדערטרעגליך, זאָל מען ניט פאַרצווייפלען. עס וועט זיך ווייזען אַ פייערדיגער זייל אין מיטען דער נאַכט, וואָס וועט פאַרטרייבען די פינסטערניש און ברענגען ליכט אין די אידישע רייהען. זאָלען נאָר די אידען אליין ניט דיסאינטעגרירען און ווערען צעשפּאָלטען צווישען זיך, וועלען זיי איבערקומען אַלע שוועריגקייטען און בלייבען גאַנץ.

דער פסוק דערצעהלט אונז, אַז ווען משה איז אַרויף אויפ'ן הימעל צו לערנען די תורה פון גאָט אַליין, איז ער דאָרט פאַרבליבען „ארבעים יום וארבעים לילה", פערציג טעג און פערציג נעכט. פרעגט דער מדרש : „מנין היה יודע משה אימתי יום ואימתי לילה ?" אין הימעל, לעבען כסא הכבוד, איז דאָך אימער ליכטיג, פון וואַנען האָט משה געוואוסט, ווען איז טאָג און ווען איז נאַכט ? „אלא כשהקב"ה היה מלמדו תורה בכתב היה יודע שהוא יום, וכשהיה מלמדו על פה משנה ותלמוד היה יודע שהוא לילה". משה האָט געהאַט דעם סימן : האָט איהם גאָט געלערנט די תורה, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס מוז זיין טאָג ; האָט ער אָבער מיט איהם געלערנט משנה און תלמוד, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס מוז זיין נאַכט (מדרש תנחומא כי תשא).

וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרער געדאַנק דאָ ווערט אויסגעדריקט אין מדרש ! ווער עס האָט זיך נאָר אָפּגעגעבען מיט שטודירען די אידישע געשיכטע, קאָן זיך ניט אָפּוואונדערן אויף דער רעטזעל־האַפטער דערשיינונג פון אַ פאָלק צו קאָנען עקזיסטירען אזוי לאַנג אונטער אַזעלכע אומשטענדען, ווי די אידען האָבען איבערגעלעבט אין זייער לאַנגען און טרויעריגען גלות. פון וואַנען האָבען זיי גע־צויגען די קרעפטען צו קאָנען ווידערשטעהן די ברוטאַלע און אַפטע אָנפאַלען פון זייערע שונאים, וואָס האָבען זיי געזוכט צו פאַרטיליגען און אָפּמעקען זייער נאָמען פון אונטער די הימלען ?

און די באוואונדערונג פון די פארשער ווערט נאך גרעסער, ווען די געשיכטע באווייזט זיי, אז נאך יעדען אנפאל, נאך יעדען גרויזאמען אנגריף פון זייערע אנטיסעמיטישע שכנים זיינען די אידען ארויס פיעל קרעפטיגער אלס פאלק און מעהר געשטארקט אין זייער באשלוס צו קעמפען ווייטער פאר זייער עקזיסטענץ און באפרייאונג.

די גרעסטע פון די היסטאריקער, וועלכע זיינען ניט פאר׳סמ׳ט פון פאראורטיילען, זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די אידישע שטארקייט און אויסדויער נעהמט זיך פון „תלמוד״. דער תלמוד האט געדינט די אידען אלס זייער אייגענע קאנסטיטוציע אין אלע לענדער פון זייער גלות, און האט זיי געהאלטען אלס באזונדער פאלק צווישען די פעלקער, וואו זיי האבען געוואוינט. די באזונדערע געזעצען און באגרעניצונגען, וואס דער תלמוד האט אויף זיי ארויפגעלייגט, האבען זיי געהאלטען פאראייניגט אלס פאלק. איבעראל, אפגעזעהן פון דעם ארט אדער אומשטענדען, אין וועלכע זיי האבען זיך געפונען איז זייער רעליגיעזער לעבען געווען איין און דערזעלבער. זייערע שבתים און ימים־טובים האבען געטראגען דעמזעלבען כאראקטער; זייערע שוהלען האבען זיך אויפגעפיהרט לויט דיזעלבע מנהגים און טראדיציעס. און אפילו זייער טאג־טעגליך לעבען האט געטראגען אן אייגנארטיגקייט, וואס האט זיי געמאכט פארשיידען פון זייערע שכנים און זיי געהאלטען אין די ראמען פון זייער אייגען פאלק.

פראפעסאר פוט מור, אין זיין גרויס ווערק „די היסטארי אוו דזשואיש רעלידזשען״, באהויפטעט, אז ווען ניט דער תלמוד און זיינע „סיגים וגדרים״, וואלטען די אידען שוין לאנג אונטערגעגאנגען און זיך אויסגעמישט צווישען די פעלקער אין די גלות לענדער. א דאנק דעם ווייטזעהענדיגען בליק פון די „פרושים״, אין די לעצטע יאהרען פון דער חשמונאים דינאסטיע, וועלכע האבען זיך אפגעטיילט פון דער הערשענדיגער פארטיי, די „צדוקים״, און אנגעפאנגען לערנען דעם פאלק א באזונדער ארט לעבען, זיינען די אידען צוגעגרייט געווארען ארויסצוגעהן אין גלות און פארטזעצען אויך דארט זייער אידיש לעבען. די תורה שבכתב איז קאמפאקט־

ליטיש און איז געמיינט פאַר דער גאַנצער מענשהייט, נים נאָר פאַר אידען אַליין. דער תלמוד אָבער אידענטיפיצירט זיך ספּעציעל מיט דעם אידישען פאָלק און זיין אייגענעם אַרט לעבען.

אַט דער געדאַנק, גלויב איך, ווערט אויסגעדריקט אין דעם „מדרש תנחומא", אין דער פּעריאָדע פון „יום", פון ליכטיגקייט, פון לעבען אויף זייער אייגענעם באָדען, איז געגוג, אַז מען לערנט „תורה שבכתב". דאָס לעבען אין דער אייגע־נער היים שאַפט ממילא אַ באַזונדערען פאָלקס־כאַראַקטער, וואָס אונטערשיידט איהם פון אַנדערע פעלקער. ווען עס קומט אָבער אַ צייט פון „לילה", פון נאַכט, פון לעבען אין גלות, אין דער פרעמד, מוז מען האָבען ספּעציעלע געזעצען און באָרגעניצונגען, וואָס זאָלען די קינדער אָפּהיטען, אין דעם שווערען פּראָצעס פון צופּאַסונג צו די נייע אומשטענדען, און זיי האַלטען געטריי צו זייער פאָלק'ס אייגענע טראַדיציעס.

———o———

שלח

משה שיקט עקספערטען אויסצופאָרשען דאָס לאַנד, זיי ווערען אָבער מרגלים

„שלח לך אנשים — מדעתך, אני איני מצוה אותך", שיק דיר מענשען פון דיין אייגענעם וויסען, איך באַפעל דיר גאָרניט וועגען דעם. די אידען פאַרלאַנגען פון דיר דו זאָלסט שיקען אַן אויספאָרשונגס־קאָמיסיע צו שטודירען דאָס לאַנד. טו ווי דו ווילסט, „אני איני מעכב על ידך", איך וויל דיר ניט שטערען (רש"י סוטה ל"ד ע"ב).

מיט ארץ־ישראל, אַלס דאָס אידישע היימלאַנד, קאָן מען זיך ניט באַגעהן ווי מיט אַנדערע לענדער. מען קאָן צו איהר ניט צו־טרעטען מיט אויבערפלעכליכקייט, מיט דעם וואָס מען זעהט בלויז מיט'ן אויג. געוויינליכע חשבונות און קאַלטע עקספערטיזען האָלטען קיינמאָל ניט אויס בנוגע צו ארץ־ישראל. כאָטש וואָס די מרגלים האָבען נאָכדעם דערציילט וועגען דעם לאַנד, איז געווען דער פולער אמת: „עז העם היושב בארץ", דאָס פאָלק וואָס זיצט דאָרט אויפ'ן לאַנד, איז שטאַרק, און יעדען טראָט וואָס די אידען וועלען דאָרטען דאַרפען מאַכען, וועט זיי אָנקומען מיט גרויסע שוועריגקייטען; דאָך וועט דאָס לאַנד בלייבען ביי זיי. אויף דעם איז דאָ אַ געטליכע הבטחה, וועלכע ציהט זיך נאָך פון די צייטע פון אברהם אבינו, ווען גאָט האָט איהם פאַרשפּראָכען „לך אתננה ולזרעך", צו דיר וועל איך דאָס לאַנד איבערגעבען און צו דיינע קינדער. די דאָזיגע הבטחה איז פון גאָט פיעל מאָל איבערגע'חזר'ט געוואָרען; האָבען די אידען דעריבער געדאַרפט וויסען און גלויבען, אַז דער זיג וועט ענדליך זיין זייערער, און ניט זוכען קיין עצות פון עקספּערטען מיט זייערע קאַלטע חשבונות.

ווי עס ווייזט־אויס, האָבען זיך אויך דאַן צווישען די אידען געפונען אַזעלכע, וואָס דער גאַנצער ענין ארץ־ישראל איז זיי ניט

געוועזן צום הארצען. דער פסוק רופט זיי אָן מיט דעם נאָמען „אספסוף", אַ מישמאַש פון מענשען, וועלכע זיינען באשטאַנען פון „גרים", פון געוועזענע ניט־אידען און אידען, וואָס זיינען געווען רייכע לייט און האָבען זיך געשראָקען פאַר דער אידייע, אַז אידען זאָלען ווערען אַ זעלבסטשטענדיג פאָלק.

נאָך ביז יציאת מצרים האָבען אָט די מענשען געליגט שוועריגקייטען אין משה'ס וועג, און האָבען איהם געזוכט צו שטער־רען אין זיין באפרייאונגס־ארבייט. „היו להם פטרונין והיה להם עושר וכבוד ולא היו רוצים לצאת", צווישען זיי האָבען זיך גע־פונען רייכע און בכבוד'יגע לייט, וואָס האָבען ניט געוואָלט ארויס־געהן (שמו"ר י"ג). אויך נאָכדעם, אַז די אידען זיינען געשטאַנען ביים „ים סוף", און אויף דעם באַפעל פון גאָט „דבר אל העם ויסעו", רעד צו דעם פאָלק און זאָלען זיי ציהען, איז דער יונגער שבט בנימין אריינגעשפרונגען אין וואַסער, „היו שרי יהודה רוגמים אותם", האָבען אָט די הארען פון יהודה זיי פארוואָרפען מיט שטיינער (סוטה ל"ו).

דער „אספסוף", זאָגט די גמרא, איז מערסטענס באשטאַנען פון אַזעלכע מענשען, וואָס „סרו מאחרי ה'", זיי האָבען געהאַט ווייניג אמונה און האָבען געזוכט מיט אַלע מיטלען אונטערצוגראָ־בען דעם אידישען בטחון אין גאָט און זייער פיהרער משה. „והיכן מקומה? אמר ר' אשי בדגלים", וואו איז געווען דער צענטער וואו זיי האָבען זיך אויפגעהאַלטען? זאָגט ר' אשי, אַז דאָס איז געווען צווישען די דגלים, די פארשיידענע פארטייען ביי אידען (שבת קט"ז). זיי האָבען ניט געבילדעט אַ פארטיי פאַר זיך אַליין, זיי האָבען זיך בעסער אָנגעשלאָסען אָן די אַנדערע פארטייען און געזוכט אָנצורייצען איין מחנה קעגען דער צווייטער, אבי צעשטע־רען די אידישע אייניגקייט. ביי יעדער געלעגענהייט, אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ געוויסע שוועריגקייט, וואָס האָט געפאָדערט אָנ־שטרענגונגען מצד אַלע אידען, זיינען זיי געווען די ערשטע צו מאַכען סקאַנדאַלען קעגען משה'ן און אויפרעגען דאָס פאָלק מיט דעם לאָזונג: „נתנה ראש ונשובה מצרימה", לאָמיר קריגען אַ נייעם פיהרער און זיך צוריקקעהרען נאָך מצרים.

אז די צייט איז געקומען צו מאכען הכנות פאר דער באזע־צונג פון דעם לאנד, האבען זיי איינגערעדט אלע שבטים זיי זאלען פאדערן פון משה'ן: „נשלחה אנשים לפנינו ויחפרו לנו את הארץ וישיבו אותנו דבר, את הדרך אשר נעלה בה ואת הערים אשר נבוא אליהן", לאמיר שיקען א קאמיסיע, וועלכע זאל פאר אונז אויס־פארשען דאס לאנד און אונז ברענגען א באריכט, דורך וועלכען וועג מיר קאנען צו איהם צוקומען און וואס פאר א שטעט עס געפינען זיך אין איהם (דברים א'). „אמר ר' חייא בר אבא מרגלים לא נתכוונו אלא לבושתה של ארץ ישראל", זאגט אויף דעם ר' חייא דער זוהן פון אבא, אז די מרגלים האבען לכתחילה אין זייער כוונה געהאט אויפצודעקען די שאנד פון ארץ־ישראל (סוטה ל"ד). זיי באנוצען זיך מיט דעםווארט „לחפור את הארץ", וואס מיינט אויך אין העברייאיש: אונטערצוגראבען דאס לאנד.

משה האט פון אנפאנג ניט פארשטאנען דער הויפט־געדאנק פון דעם „אספסוף". ער האט געמיינט, אז די אידען ווילען טאקע וואס גיכער קומען צו דעם לאנד, און אום צו קאנען מאכען די ריכטיגע הכנות, ווילען זיי פריהער א גרינטליכע אויספארשונג, וואס זאל די ארבייט פון באזעצען דאס לאנד גרינגער מאכען. „וייטב בעיני הדבר", די זאך איז מיר געפעלען געווארען, זאגט משה, און איך האב אייער וואונש דערפילט. וואס האט זיך אבער פון דעם אויסגעלאזען?

די מענשען וואס איך האב געשיקט „לתור את הארץ", צו באקוקען דאס לאנד און באריכטען איבער זיין עקאנאמישען און פאליטישען מצב, זיינען געקומען צוריק אלס פארדעטער פאר אונ־זער אידעאל. „ויעלו ההרה ויבאו עד נחל אשכול וירגלו אותה", זיי זיינען ארויף אויפ'ן בארג און געקומען ביז דעם טאל אשכול, און האבען דאס לאנד באטאדעלט. זייער אויספארשונג איז בלויז געווען אן אויבערפלעכליכע, א קער, א קוק און שוין אפגעמאכט דעם געדאנק, אז דאס טויג ניט. אנשטאט צו מאכען א גרינטליכע אונטערזוכונג, וואס זאל אונז די ארבייט פארגרינגערען, זיינען זיי

געוואָרען מרגלים, שפּיאָנען, וואָס האָבען אָנגערעדט אויף דעם לאַנד אַלדאָס בייז און מיט דעם פאַרלענגערט אונזער גלות.

די טרויעריגע רעזולטאַטען וואָס די מרגלים האָבען געבראַכט

„איש אחד, איש אחד למטה אבותיו תשלחו", איין מענש פון יעדען שבט זאָלט איהר שיקען. ניט גאָט און ניט משה האָבען די מענשען אויסגעקליבען; זיי זיינען רעקאָמענדירט געוואָרען פון פאָלק אליין. דאַגעגען, ווען משה האָט פאַרלאַנגט פון גאָט ער זאָל איהם געבען שופטים, וואָס זאָלען איהם העלפען פאַרוואַלטען דאָס פאָלק און איהם לערנען די וועגען פון דער תורה, האָט איהם גאָט געזאָגט: „אספה לי שבעים איש מזקני ישראל", דו קלייב פאַר מיר אויס זיבעציג מאַן פון די עלטערע צווישען די אידען. משה האָט אויסגעקליבען זעקס פון יעדען שבט און האָט זיי אַלעמען געבראַכט צום „אוהל מועד". ער האָט גענומען צוויי־און־זיבעציג קאַרטלאַך; אויף זיבעציג פון זיי האָט ער אָנגעשריבען דאָס וואָרט „זקן" און צוויי האָט ער איבערגעלאָזט גלאַטע. „כלן ונתנן בקלפי ואמר להם באו וטלו פתקיכם!", ער האָט אַלע קאַרטלעך אריינגעלייגט אין אַ קעסטעל, און צו די זקנים האָט ער געזאָגט: קומט און ציהט אייערע צעטלעך. „כל מי שעלה בידו זקן אמר, כבר קדשך שמים", ווער עס האָט ארויסגעצויגען אַ צעטעל מיט דעם וואָרט „זקן", האָט איהם משה געזאָגט: גאָט האָט דיר געהייליגט. „מי שעלה בידו חלק אמר, המקום לא חפץ בך, אני מה אעשה לך?", ווער עס האָט ארויסגעצויגען אַ גלאַטען צעטעל, האָט איהם משה געזאָגט: דער אויבערשטער וויל דיר ניט: וואָס קאָן איך טאָן פאַר דיר? (סנהדרין י"ז).

דער מדרש דערצעהלט, אַז בשעת פרעה האָט ארויסגעגעבען די גזירה פון „לא תוסיפון לתת תבן לעם", איהר זאָלט מעהר ניט געבען קיין שטרוי פאַר דעם פאָלק, אָבער די שטענדיגע צאָהל ציגעל מוזען זיי מאַכען, האָט ער באַשטימט אידישע שוטרים, וועלכע זאָלען פאַר דעם זיין פאַראַנטוואָרטליך. ווען פרעה'ס באַאַמטע זיינען געקומען און אויסגעפונען, אַז עס איז ניט געמאַכט געוואָרען די באַשטימטע צאָהל ציגעל, פלעגען זיי שלאָגען די אידי־

שע שוטרים. „ויכו שוטרי בני ישראל", די אידישע שוטרים אָבער האָבען זיך געלאָזט שלאָגען און אָנגענומען די קלעפּ באהבה, אבי ניט ארויסגעבען די שולדיגע. זיי האָבען געזאָגט: בעסער זאָלען מיר געשלאָגען ווערען איידער דאָס פאָלק.

ווען גאָט האָט געהייסען משה'ן אויסקלייבען זיבעציג זקנים, האָט משה זיך אָנגערופען: רבונו של עולם, איך וויים ניט וועמען אויסצוקלייבען, ווער איז ראוי און ווער נישט; דאַרויף האָט איהם גאָט געענטפערט: „אשר ידעת כי הם זקני העם ושוטריו", די וואָס דו קענסט אָלס די עלטערע פון פאָלק און זייגע אויפזעהער, וועלכע פלעגען זיך מוסר נפש זיין פאַר די בני ישראל און געשלאָגען ווערען צוליב זיי — זיי זיינען ראוי, און זיי זאָלען איצט עולה לגדולה זיין (מ"ר בהעלותך).

די מרגלים האָבען זיך געזאַמט אויף זייער וועג פערציג טעג; ווען זיי זיינען צוריקגעקומען, האָבען זיי צוערשט באריכטעט, אז דאָס לאַנד איז אַן „ארץ זבת חלב ודבש", רינט מיט מילך און האָניג; „אפס כי עז העם היושב בארץ", אָבער צו־שטאַרק איז דאָס פאָלק וואָס וואוינט דאָרט. „אזוי איז שוין די נאַטור פון מרגלים, פון רכילות־טרייבער — זאָגט ר' צבי הירש קאַלישער — צוערשט לויבען זיי די זאַך, וואָס זיי זוכען צו טאַדלען, און אז דער עולם ווערט צעוואַרעמט פון זייערע רייד, גיסען זיי אויף איהם ארויף אַן עמער קאַלט וואַסער מיט אַ פאַרדעכטיגטען, אָבער . . . "

זייער באריכט האָט געמאַכט אַ שרעקליכען רושם אויף דעם פאָלק: „ותשא כל העדה ויתנו את קולם, ויבכו העם בלילה ההוא", און די גאַנצע געמיינדע האָט אויפגעהויבען אַ גרויסען יאָמער און האָבען געוויינט דורך דער גאַנצער נאַכט. זייער אומזיסטער געוויין האָט ארויסגערופען גאָט'ס צאָרן און ער האָט געזאָגט: „בניכם יהיו רועים במדבר ארבעים שנה", אייערע קינדער וועלען זיך דערפאַר וואַלגערן אין דער מדבר פערציג יאָהר. „יום לשנה יום לשנה", פאַר יעדען טאָג וואָס די מרגלים האָבען זיך געזאַמט אויף זייער טרויעריגער מיסיע, וועלען אייערע קינדער מוזען פינסטערן אין דער מדבר אַ גאַנצען יאָהר. „וידעתם את תנואתי", און איהר וועט וויסען מיין אויפרעגונג.

ניט נאָר האָט דער דור המדבר געליטען פון דעם פאַרראַט פון די מרגלים, זיי האָבען אויך געבראַכט צרות אויף די שפּעטער־דיגע אידישע דורות. „אותו הלילה ערב תשעה באב היה", די נאַכט וואָס זיי האָבען דאַן פאַרבראַכט אין וויינען, איז גראָד געווען ערב תשעה באב; „אמר להם הקב"ה, אתם בכיתם בכיה של חנם ואני קובע לכם בכיה לדורות", גאָט האָט דאַן געזאָגט צו די אידען: איהר וויינט איצט אומזיסט, וועל איך דערפאַר באַשטימען היינטיגע נאַכט פאַר אַ שטענדיגען געוויין פאַר אייך. ווי באַקאַנט אין דער געשיכטע, זיינען ביידע בתי מקדש חרוב געוואָרען אום תשעה באב (תענית כ"ט ע"ב).

דער אָסטראָווצער רבי האָט געזאָגט אויף דעם אויסדרוק פון די מרגלים: „ארץ אוכלת יושביה היא": ארץ ישראל לייד ניט קיין יושב בטל, דאָרט דאַרף מען זיין עולים, שטייגען.

———o———

קרח

דער קאמף געגען אידישער נאציאנאליטעט ווערט פארטגעזעצט

„ויקח קרח", און קרח האט צוזאמענגענומען אלע זיינע נאכפאלגער, „חמשים ומאתים נשיאי עדה", צוויי הונדערט און פופציג פון די פארנעמע באלעבאטים פון דער געמיינדע, „ויקהלו על משה ועל אהרן", און האט פאררופען א פראטעסט־פארזאמלונג קעגען משה'ן און אהרנ'ען. לויט דער אויפפאסונג פון אונזערע תלמודיסטען און בעלי אגדה, ווערט איןביידע סדרות, „שלח" און „קרח", פארגעשטעלט דער אלטער, היסטארישער קאמף, וואס די נשיאי עדה, די רייכע קלאסען פון דער אידישער געמיינדע אין אלע לענדער און צייטען, פיהרען־אן קעגען דעם אידישען נאציאנאלען געדאנק. דער לאזונג פון אונזערע אסימילאטארען, אז בערלין, פאריז, וויען, לאנדאן אדער וואשינגטאן איז אונזער ירושלים, און די לענדער וואו מיר וואוינען זיינען אונזערע ציון'ס, ווערט אויסגעדריקט אין דעם אלטען געשריי פון דעם „אספסוף" אין די צייטען פון משה: „הלא טוב לנו שוב מצרימה", עס איז פאר אונז פיעל בעסער זיך צוריקצוקערען נאך מצרים.

די „אנשי שם" אין דעם מדבר, אזוי גוט ווי די באריהמטע גבירים פון הייגטיגע דורות, האבען זיך געשראקען, אז דער אידישער וואונש פאר נאציאנאלער זעלבסטשטענדיגקייט וועט אונטערגראבען זייער עקאנאמישען און פאליטישען מצב אין די לענדער וואו זיי געפינען זיך. קרח און זיינע אנהענגער האבען אויך דאן גע'טענה'ט קעגען משה'ן: „המעט כי העליתנו מארץ זבת חלב ודבש", איז עס ווייניג פאר דיר וואס דו האסט אונז ארויסגענומען פון מצרים, וואס איז א לאנד, וואו עס רינט מילך און האניג? דער „גלות" קימערט זיי נים. נאציאנאלע פארשקלאפונג שפילט ביי זיי קיין ראלע ניט, אבי זיי האבען דעם „סיר הבשר", דעם טאפ

פלייש, ארט זיי ניט, אז מען באטראכט זייער פאלק פאר פאראזיטען און ציגיינער.

ווען עס ווערט אויפגעהויבען א באוועגונג צווישען די אידען זיך צו שאפען אן אייגענע היים אין דעם „ארץ אבות", אין דעם לאנד פון אונזערע עלטערן, ווארפט מען זיך קעגען די משה'ס, די אנפיהרער, מיט דעמזעלבען אויסגעשריי פון קרח און זיין געמיינדע אמאל: „לא אל ארץ זבת חלב ודבש הביאתנו", ניט אין לאנד, וואס רינט מיט מילך און האניג, האסטו אונז געבראכט. וואוהין ווילסטו אונז פיהרען? אין א קליין, פארוויסט לאנד, וואו מען דארף ארבייטען שווער און ביטער פאר'ן שטיקעל ברויט. און דער אנטשלאסענער ענטפער איז: „לא נעלה", מיר וועלען ניט געהן, מיר בלייבען דא.

אום צו פארטיליגען דעם אידיש־נאציאנאלען געפיהל אין די הערצער פון די יונגע דורות, נעהמט מען זיך צו רעפארמירען דעם אידישען גלויבען. מען ווארפט־ארויס כשרות פון די הייזער, מען פיהרט זיך אויף אין גאס ווי אמת'ע גויים, אויך אין די שוהלען ברענגט מען אריין פרעמדע מנהגים, וואס זיינען נאכגעמאכט פון די גוי'אישע שכנים. זייער הויפט־געדאנק איז, אז מיט דעם וואס מען וועט ארויסווייזען גרויס אכטונג צו דער קולטור און גייסט פון די אנדערע, וועלען זיי אונז באטראכטען פאר זייערע ברידער און מיר וועלען אויפהערען צו שטרעבען צו אן אייגען לאנד, צו אן אייגענער היים.

דאס, זאגען די חז"ל, איז געווען דער הויפט־מאטיוו פון קרח ועדתו. די אנפיהרער פון דעם „אספסוף", די אומצופרידענע מיט דער נאציאנאלער באוועגונג, האבען זיך ניט געקאנט בארוהי־גען, וואס זייער פלאן צו שטערן די גרינדונג פון אן „ארץ ישראל", דורך די רכילות פון די „מרגלים", האט זיך ניט איינגעגעבען. ניט אכטענדיג וואס זייער פארראט האט געבראכט גרויסע אומגליקען אויף דעם פאלק, וואס האט צוליב זיי געליטען פון א שווערער מגפה, האבען זיי באשלאסען צו מאכען אן אנגריף אויף דער תורה און אידישער אמונה. „ויקהלו על משה ועל אהרן", זיי האבען געוואוסט, אז כל־זמן די אידען וועלען אויספאלגען זייערע לערען,

וועלען זיי זיך ניט אסימילירען און וועלען זיך האלטען שטארק אן דער אידייע פון „עם ישראל", „תורת ישראל", „ארץ ישראל", א אידיש פאלק, א אידישע תורה און א אידיש לאנד.

וועגען די פארשיידענע דינים, וואס זיינען ניט בפירוש גע־זאגט געווארען אין די „עשרת הדברות", האבען זיי, ווי די היינ־טיגע רעפארמער, געשריען צו משה'ן: „דברים אלו לא נצטוית עליהן ומלבך אתה בודאן", אט די זאכען האט דיר גאט ניט אנגע־זאגט, דו האסט זיי פון דיין אייגענעם הארצען אויסגעטראכט (מדרש תנחומא). מיט יאהרען און יאהרען שפעטער, ווען די קינ־דער פון קרח'ן האבען זיך געפונען אין אנטיסעמיטישע גיהנום'ס, וואו זיי האבען זיך איבערצייגט, אז זייער טאטען'ס תורה פון אסימילאציע האט זיי ווייניג געהאלפען, הערט זיי טאקע רבה בר בר חנה שרייען: „משה אמת ותורתו אמת והם בדאים", משה איז אמת און זיין תורה איז אמת, אבער דער טאטע מיט זיינע נאכ־פאלגער זיינען געווען פאלש (סנהדרין ק"י).

אויף דעם פראטעסט־מיטינג, דערצעהלט אונז דער „ילקוט שמעוני", האט קרח חוזק געמאכט פון דער תורה און איהרע פאר־שטעהער, משה און אהרן. „הערט! — דערצעהלט ער זיי — מיט מיר אין שכנות האט געוואוינט אן אלמנה מיט איהרע צוויי טעכ־טער, יתומות. איהר מאן האט איהר איבערגעלאזט א פעלד. וויל זי עס אקערן, זאגט איהר משה: „לא תחרוש שור וחמור יחדיו", זאלסט ניט אקערן מיט אן אקס און אייזעל צוזאמען. קומט די צייט פון זייהען, זאגט מען איהר: „שדך לא תזרע כלאים", זאלסט דיין פעלד ניט זייהען מיט געמישטע תבואות. קומט די צייט פון שניידען, באפעלט מען איהר: זאלסט איבערלאזען „לקט", „שכחה" און „פאה". זאמעלט זי שוין צונויף דאס ביסעל תבואה, וואס איז איהר פארבליבען און וויל עס אריינגעהמען אין שייער, קומט מען צולויפען מיט דער פארארדנונג: גיב „תרומה", גיב „מעשר".

„הכלל, די אלמנה האט איינגעזעהן, אז זי וועט עס ניט אויס־האלטען. פארקויפט זי דאס פעלד און קויפט זיך שעפסען, כדי צו ערנערן זיך פון זייער מילך און צו קליידען זיך מיט זייער וואל. אבער, ווי נאר זיי האבען די ערשטע שעפסעלעך געבוירען, קומט צו־

געהן אהרן און ערקלערט: „די ערשטלינגען געהערען צו מיר". אז די צייט איז געקומען צו שערען די וואָל, איז אהרן ווידער דאָ און פאָדערט: „כך אמר הקב"ה, ראשית גז צאנך תתן לי", אזוי האָט גאָט אָנגעזאָגט, די ערשט־געשווירענע וואָל באַלאַנגט צו מיר. זע־הענדיג, אז זי וועט ניט אימשטאַנד זיין פונ'ם דאָזיגען מענשען אויסהאַלטען, ווערט די אלמנה פארביטערט און באַשליסט צו שעכ־טען די שעפּסען און זייער פלייש עסען.

ווי נאָר זי האָט זיי געשאָכטען, קומט אהרן צוגעהן און ערקלערט: די „זרוע", די „לחיים" און די „קיבה" דאַרפסטו מיר אוועקגעבען, דאָס איז מיינס. ווערט די אלמנה בייז און שרייט אויס: אויב אזוי, ערקלער איך דאָס פלייש פאַר „חרם", זאָל קיי־נער דערפון קיין הנאה ניט האָבען! רופט זיך אָן אהרן: איצט.. געהערט עס אינגאַנצען צו מיר, דען אזוי איז דער דין: „כל חרם בישראל לך יהיה", אלעס וואָס א איד איז מחרים צו גאָט, באַ־לאַנגט צום כהן. „אמר קרח", און קרח שרייט אויס: „כדין כולהון עבדין להא עלובתא ותולין בהקב"ה", אָט אזוי האָבען די צוויי מענשען, משה און אהרן, געטאָן צו דער אומגליקליכער, און אלץ אונטער דעם אויסרייד, אז זיי טוען עס אין נאָמען פון גאָט".

די אידישע צוקונפט באַלאַנגט ניט צו די מרגלים און צו די קרח'ם

„מרגלים ועדת קרח אין להם חלק לעולם הבא", ביידע, סאַי די מרגלים, סאַי די געמיינדע פון קרח, האָבען ניט קיין חלק אין דער קומענדער וועלט (סנהדרין ק"ט). די אידישע צוקונפט, די אידישע אייביגקייט באַלאַנגט ניט צו זיי. קוים האָבען זיי זיך אָנט־זאָגט פון דער אידישער פארגאַנגענהייט, פון די „אבות" און זייער „ארץ אבות", לעבען זיי בלויז מיט דעם היינט, און א היינט אָהן א נעכטען האָט קיין מאָרגען ניט. צו קאָנען פארזייהען פרוכט פאַר אן אייגענעם „עתיד", מוז מען עס טאָן אויף א באָדען פון אן אייגענעם „עבר". די וואָס ווילען ניט האָבען א צוקונפט פאַר זייער פאָלק, אנטזאָגט זיך פון זיי אויך די אידישע פארגאַנגענהייט, און וויל פון זיי ניט וויסען. יעקב אבינו, אין זיין נבואה, וואָס עס

וועט טרעפען צו זיינע קנדער „באחרית הימים”, בעט זיך ביי גאָט: „לא יחד שמי במרגלים, ולא במחלוקת קרח ועדתו”, זאָל מיין נאָמען ניט פאראייניגט ווערען מיט די מרגלים און ניט מיט קרח (במד"ר).

און גאָט זאָגט צו משה'ן: „דבר אל העדה — העלו מסביב למשכן קרח”, רעד צו דער אידישער געמיינדע, זיי זאָלען זיך דער־הויבען פון ארום דער וואוינונג פון קרח און זיינע מענשען. זיי זיינען צו־נידעריג געפאלען, זיי זיינען „חטאים בנפשותם” — „שנשמתם נשרפת וגופם קיים”, זיי האָבען פארברענט זייער נשמה און האלטען זיך בלויז ביי זייער קערפער (סנהדרין נ"ב ע"א). זייער טעאָריע פון לעבען איז צו־אלטרואיסטיש און איז געבויט בלויז אויף א מאטעריעלען באזיס, וואָס היינט איז ער דא און מאָרגען ווערט ער פארשוואונדען. דער סוף פון אזעלכע מענשען איז „וירדו חיים שאלה”, זיי נידערען לעבעדיגע אין גרוב אריין. זיי אסימילירען זיך צווישען זייערע שכנים און פארשווינדען פון דעם אידישען פאָלק.

אידען וואָס בירגערן זיך איין אין פרעמדע לענדער און ווילען ניט וויסען פון גאָט און זיין תורה, פון זייער פאָלק און זיין לאנד, ווערען ענדליך פארניכטעט צוזאמען מיט זייער האָב־און־גוטס. „ותפתח הארץ את פיה ותבלע אותם ואת בתיהם ואת כל הרכוש”, און דאָס לאנד עפענט אויף איהר מויל און שלינגט זיי איין צוזאמען מיט זייערע הייזער און זייער פארמעגען. „ותכס עליהם הארץ ויאבדו מתוך הקהל”, דאָס נייע לאנד וואָס זיי האָבען אדאָפטירט, דעקט זיי צו, און זיי ווערען פארלוירען פון דעם אידי־שען קהל.

משה אין זיין ענטפער אויף די טענות פון קרח'ן, זאָגט: „לא חמור אחד מהם נשאתי”, ניט איין אייזעל האָב איך פון זיי ארויסגעטראָגען; דאָס הייסט, איך האָב פון זיי ניט גענומען באַ־צאָהלט פאר מיין ארבייט, וואָס איך האָב געטאָן פאר זיי. ב. יאוש־זאָהן דערצעהלט א שעהנע מעשה'לע אין צוזאמענהאנג מיט דעם געדאנק פון פסוק: „צו רבי ישהאל'קע ריזשינער איז געקומען א משכיל, א היינטוועלטיגער, און האָט געפרעגט:

„ערקלערט מיר, רבי, פארוואס האבען אמאליגע רביים גע־לעבט אין נויט און אין דחקות, געוואוינט אין הילצערנע הייזלעך, געטראגען מלבושים פון פראסטען לייווענט, געגאנגען צו־פוס, און היינטיגע רביים וואוינען אין פאלאצען, טראגען אטלעסענע קליידער און פאהרען אין קארעטען?"

„כ'וועל דיר זאגען — ענטפערט איהם דער ריזשינער — צו א רבי'ן קומען דריי סארטען מענשען: חסידים, באלעבאטים און בעלי־עבירות. דאס געלט פון די פדיונות גיט דער רבי אוים לויט די נותנים: דאס געלט וואס חסידים גיבען, גיט ער אוים אויף מצוות, אויף ציצית, תפילין, אתרוג, צדקה וכדומה; דאס געלט פון די באלעבאטים גיט ער אוים אויף פרנסה, און דאס געלט פון די בעלי־עבירות גיט ער אוים אויף מותרות, אויף פערד, קארעטען וכדומה. איז אמאליגע יאהרען, ווען בעלי־עבירות זיינען געווען זעהר ווייניג, האבען די רביים ניט געהאט פארוואס צו קויפען קיין פערד און זיי האבען געמוזט געהן צופוס. היינטיגע צייטען אבער זיינע די בעלי־עבירות נתרבה געווארען, איז דא אויך אויף פערד און אויף קארעטען".

———o———

חקת

משה און אהרן פארלירען די גערולד און ווערען שטרענג באשטראפט

„ארבעים שנה היה משה משמר עצמו שלא להקפיד כנגדן ולא פרק משאן מעליו”, פערציג יאהר האט זיך משה אפגעהיט פון ווערען אין כעס אויף די אידען און האט פון זיך ניט אראפ־געווארפען זייער לאסט (במ”ר י”ט). זינט ער האט אויף זיך גע־נומען די אויפגאבע דורכצופיהרען גאט'ס מיסיע, וואס איז איהם געגעבען געווארען ביים בארג חורב, צו באפרייען די אידען פון זייער שרעקליכען גלות אין מצרים, און פאר די גאנצע פערציג יאהר, וואס ער האט זיי דורכגעפיהרט דעם מדבר, האט ער און זיין ברודער אהרן זיך געגוג אנגעליטען פון זיי. די גרויסע נסים, וואס ער האט דורך גאט זיי באוויזען, זיינען ביי זיי געווען קנאפ אנגעליינט. זיין שווערע ארבייט און זיין מסירת נפש פאר דער אידישער גאולה האבען איהם ווייניג פריינט פארשאפט, איבער־הויפט צווישען די נשיאי עדה, די רייכערע פון דער געמיינדע און זייערע אנפיהרער. אימער האבען זיי געזוכט א געלעגענהייט איהם צו קריטיקירען און באפאלען. ביי יעדער שוועריגקייט, וואס דאס פאלק האט געהאט דורכצומאכען אויף זיין לאנגער נסיעה, זיינען זיי ארויסגעקומען מיט טענות קעגען איהם און איהם אויפגעוואר־פען, אז ער האט זיי אומגליקליך געמאכט מיט זיין באפרייאונגס־ארבייט, ארויסנעמענדיג זיי פון אזא גוט לאנד ווי מצרים און זיי ברענגען אין א מדבר. די ערשטע באגריסונג, וואס משה קריגט פון די אידען, ווען ער איז צו זיי צום ערשטען מאל געקומען מיט דער בשורה, אז גאט האט געזעהן זייער פיין און האט באשלאסען זיי צו באפרייען, איז געווען „ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה”, זיי האבען זיך ניט צוגעהערט צו משה'ן, צוליב קורצען געמיט און שווערער ארבייט. אז איהם איז ענדליך גע־לונגען צו קריגען אן אוידיענץ ביי פרעה'ן און ער נעמט מיט זיך

מיט אייניגע זקנים, פאַרנעמע אידען, „היו מגנבים את עצמם ונשמטים אחד אחד והלכו להם", האָבען זיי זיך אַרויסגע'גנב'עט און אַרויסגערוקט איינציגווייז, און זיינען אַוועק, איבערלאָזענדיג איהם און זיין ברודער אהרן אליין (שו"ר ה'). זעהט איהר, אַז פון זיין ערשטען באַזוך איז פּרעה געוואָרען אין כעס און האָט אַרויס־געגעבען שווערערע גזירות אויף די אידען, זיינען אָט די זקנים די ערשטע געווען צו קריטיקירען משה'ן און אהרנ'ען און זיי באַ־שולדיגען: „הבאשתם את ריחנו בעיני פרעה ובעיני עבדיו לתת חרב בידם להרגנו", איהר האָט פאַר'מיאוסט'ט אונזער געשמאַק אין די אויגען פון פּרעה'ן און אין די אויגען פון זיינע קנעכט, צו געבען אַ שווערד אין זייער האַנט אונז צו דער'הרג'ענען.

ווען די שעה פון באַפרייאונג קומט און אַלע אידען דאַרפען זיך גרייטען אין וועג אַריין, בלייבען ווידער משה און אהרן אַליין. די אידען זיינען פאַרנומען מיט אייגענע אינטערעסען. „כל ישראל נתעסקו בביזה", אַלע אידען זיינען געווען באַשעפטיגט מיט אַריין כאַפּען וואָס זיי האָבען געקאָנט פון די מצרים (סוטה י"ג). אין דעם מדבר ווערט משה פון זיי אויסגעריסען אויף יעדען שריט און טריט. אַז זיי זעהען פּרעה'ן מיט זיינע חיילות יאָגען זיך נאָך זיי, שרייען זיי אויף משה'ן: „מה זאת עשית לנו להוציאנו ממצרים?" וואָס האָסטו אַזוינס געטאָן צו אונז, אַרויספיהרען אונז פון מצרים? ביי יעדער געלעגענהייט איז, „ויצעק העם אל משה — וילונו העם על משה", שרייט מען אויף משה'ן, קריגט מען זיך מיט משה'ן. זיי האַלטען אין איין באַקלאָגען די גוטע צייטען, וואָס זיי האָבען געהאַט אין מצרים, „בשבתנו על סיר הבשר, באכלנו לחם לשובע", אַז מיר זיינען געזעסען ביים טאָפּ פלייש און געגעסען ברויט צו זאַט. ליידען פאַר פרייהייט האָבען זיי ניט געוואָלט. זיי האָבען געהאַלטען אין איין פאָדערען נסים, איבערנאַטירליכעס, און אויך דאָס איז ניט געווען אָנגעלייגט.

בויט ער פאַר זיי אַ משכן, איז מען איהם חושד, אַז ער פאַרנעמט קהל'שע געלט. „אמר משה יודע אני שכמה מישראל רוננים הם, הריני עושה להם חשבון מכל מלאכת המשכן", משה

האָט געזאָגט: איך וויים דאָס מאַנכע פון די אידען בּאַרעדען מיך, וועל איך זיי געבען אַ קלאָרען חשבון פון דער גאַנצער אַרבּייט פון משכן (מדרש תנחומא פקודי). ער טראָגט אָבער אויף זיי קיין שנאה ניט, און אַז קב״ה אַליין ווערט אויף זיי אין כּעס, פאַר־טיידיגט ער זיי מיט אַלע זיינע כּחות. אַז ער הערט פון גאָט בּיי דער מעשה עגל זיין באַשלוס: „הניחה לי ואכלם כרגע ואעשה אותך לגוי גדול״, לאָז מיר, איך וועל זיי גלייך פאַרניכטען און וועל דיך מאַכען פאַר אַ גרויס פאָלק, וואַרפט ער צוריק זיין אָנבאָט מיט דעם בּיטערן אויסגעשריי: „מחני נא מספרך אשר כתבת״, מעק מיך אוים פון דיין הייליג בּוך, וואָס דו האָסט געשריבען. אָהן די אידען וויל איך נישט לעבען.

איצט, אַז מען איז שוין ב״ה אַריבּער דעם מדבר און מען שטעהט שוין בּיי די גרעניצען פון אדום, ניט וויט פון דעם פאַר־שפּראָכענעם לאַנד, האָט משה געדענקט, אַז די אידען וועלען זיין צופרידען און געמיינשאַפטליך אַרבּייטען צו פאַרשנעלערען דאָס אַריינקומען אין לאַנד, ערשט אַ נייע מחלוקה. „ולא היה מים לעדה — וירב העם עם משה״, עס פעהלט וואַסער פאַר דער געמיינדע און די אידען קריגען זיך ווייטער מיט משה׳ן. און די טענות זיינען אַלע דיזעלבּע: „למה הביאתם את קהל ה׳ אל המדבר הזה למות שם אנחנו ובעירנו״, וואָרום האָט איהר געבּראַכט גאָט׳ס געמיינדע צו אָט דעם מדבר, צו שטאַרבען דאָרטען, מיר און אונזערע רינ־דער? „למה העליתנו ממצרים להביא אותנו אל המקום הרע הזה, לא מקום זרע ותאנה, וגפן ורמון, ומים אין לשתות?״ וואָרום האָסטו אונז אַרויסגענומען פון מצרים און געבּראַכט אין אָט דעם שלעכטען אָרט, ניט אַ פּלאַץ פון גרינסען און פייגענבּוימער, ווייג־שטאָקען און מילגרוימען, און קיין וואַסער איז אויך ניטאָ צום טרינקען? זיי טראַכטען ניט וועגען אַן אייגענער היים אין אַן אייגען לאַנד; זיי זאָרגען זיך פאַר דעם היינט, פאַר דעם גלות, וואו זיי געפינען זיך איצט.

און משה ווערט אויפגערעגט.

משה שלאָגט דעם שטיין און מיינט די אידען

קענטיג, אז די איצטיגע מחלוקה וואָס די אידען האָבען פאר־פיהרט געגען משה און אהרן איז געווען אַ פיעל שטארקערע ווי די פריהערדיגע מחלוקות וואָס זיי האָבען מיט איהם געהאַט. און ניט נאָר געגען זיי האָבען די אידען רעוואָלטירט און ארויסגעוויזען גרויס שנאה, זיי האָבען דעם כבוד פון גאָט אליין ניט געשאָנעוועט, ווייל דער פסוק פיהרט אוים: „המה מי מריבה אשר רבו בני ישראל את ה׳״, דאָס זיינען די קריגס־וואַסער וואָס די אידען האָבען געקריגט געגען גאָט. זיי האָבען, ווי עס ווייזט אויס, זיך געשראָקען פאַר דעם געדאַנק, אז באַלד, באַלד וועלען זיי דארפען פארפיהרען אַ מלחמה געגען די „יושבי הארץ״, די פעלקער וואָס האָבען זיך דאָן געפונען אין ארץ ישראל. אין זייערע אויערען האָבען נאָך געקלונגען די ווערטער וואָס די מרגלים האָבען געזאָגט וועגען דעם לאַנד. „כי עז העם היושב בארץ, והערים בצורות גדולות מאד״, דאָס פאָלק וואָס זיצט אויפ׳ן לאַנד איז שטארק און די שטעט זיינען ארומגערינגעלט מיט זעהר גרויסע פעסטונגען.

„נוטלים היו ישראל בניהם ובנותיהם קטנים וזורקים לתוך חיקו של משה ואמרו לו: בן עמרם! מה הנאה התקנת להם לאלו? מה פרנסה התקנת להם לאלו?״ די אידען האָבען גענו־מען זייערע קליינע זיהן און טעכטער און זיי געוואָרפען אין משה׳ס שויס אריין און איהם געפרעגט: דו זוהן פון עמרם! וואָס פאַר אַ גייסטיגען פארגעניגען האָסטו פאַר זיי צוגעגרייט? וואָס פאַר אַן עקאָנאָמישע צוקונפט האָסטו פאַר זיי פארזאָרגט? (ילקוט דברים). מיט דעם האָבען זיי קאָנטיג געמיינט אויסצודריקען דאָס ניט די תורה און ניט דאָס לאַנד וואָס גאָט גיט זיי וועלען פאר־זיכערען די צוקונפט פון זייערע קינדער. דעם איינדרוק וואָס די מרגלים און קרח מיט זייערע נאָכפאָלגער האָבען איבערגעלאָזט אויף זיי, איז געווען שטארק צו מערקען אין אלע זייערע ווערטער און טאַטען. כאָטש זיי האָבען געזעהן דעם ביטערען סוף וואָס זיי אלע האָבען געהאַט, און ווי טייער דאָס פאָלק האָט באַצאָהלט פאַר זייער פארראַט, זיינען זיי נאָך אלץ געשטאַנען אונטער זייער השפעה, און דאָס האָט משה׳ן שטארק פארדראָסען.

און גאָט זאָגט צו משה'ן: „קח את המטה", נעהם דעם שטעקען, „ודברתם אל הסלע לעיניהם ונתן מימיו", און רעד צום פעלז פאַר זייערע אויגען און ער וועט ארויסגעבען זיינע וואסערען. פון דעם פסוק ווילען פיעלע פון אונזערע חכמים ארויסדרינגען, דאָס אייגענטליך האָט משה ניט פאַרבראָכען געגען דעם באַפעל פון גאָט, ווייל אויב בלויז רעדען צו דעם שטיין האָט איהם גאָט ניט געדאַרפט הייסען מיטנעמען זיין שטעקען. משה'ס חטא איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט ארויסגעוויזען גרויס כעס געגען דעם פאָלק און האָט זיי אַלעמען געזידעלט. ע ר ה אָ ט ג ע ש ל אָ ג ע ן ד ע ם ש ט י י ן א ו ן ה אָ ט א י ן ז י נ ע ן ג ע ה א ט ד אָ ס פ אָ ל ק.

„וירם משה את ידו ויך את הסלע פעמים", און משה האָט אויפגעהויבען זיין האַנט און האָט געשלאָגען דעם שטיין צוויי מאָל. — „הכה פעם אחת התחיל הסלע נוטף מים מועטים, טפין־טפין. אמרו לו: המים הללו ליונקי שדים או לגמולי חלב?" ער האָט געשלאָגען דעם ערשטען מאָל, האָט דער שטיין אָנגעפאַנגען צו פליסען ווייניג וואסער, בלויז טראָפּענווייז, האָבען זיי איהם געפרעגט: פאַר וועמען איז די וואסער, פאַר קליינע זויג־קינדער? מיר דאַרפען האָבען וואסער פאַר דעם גאַנצען פאָלק און פאַר אונזערע שאָף און רינדער. „מיד הקפיד כנגדם והכהו פעמים ויצאו מים רבים", האָט ער גלייך געצאָרענט אויף זיי און האָט דעם שטיין געשלאָגען אַ צווייטען מאָל און דאַן איז ארוים פיל וואסער (מדרש תנחומא).

דעם צווייטען קלאַפּ, וואָס ער האָט דערלאַנגט דעם שטיין, האָט ער שוין געמיינט די אידען, און אין דעם איז באַשטאַנען זיין חטא. אַ פיהרער פון פאָלק טאָר קיין כעס ניט געברויכען, ער דאַרף בלויז ריידען צו זיי אָבער ניט ווילען שלאָגען. דער מנהיג מוז האָבען אַן אייזערנע געדולד, אויב ניט קאָן ער גאָך ווערען אַ דיקטאַטאָר און טיראַניזירען דאָס פאָלק, און דאָס איז געגען דעם ווילען פון גאָט. ביידע, אי משה אי אהרן, הערען זייער ביטערן שיקזאַל: „לכן לא תביאו את הקהל הזה אל הארץ אשר נתתי

להם", דאריבער וועט איהר ניט אריינברייננגען דיזע געמיינדע נאך דעם לאנד וואס איך האב פאר זיי באשטימט.

משה, ווי זיין שטייגער איז אימער געווען, צו נעהמען אלע חטאים אויף זיך, הויבט זיך אן בעטען ביי גאט: „רבש"ע, אני הקפדתי, אהרן מה חטא?" איך האב דאך געצארענט, מיט וואס האט אהרן געזינדיגט? (מדרש תנחומא). אבער גאט וויל זיין טענה ניט הערען און ענטפערט איהם: „יאסף אהרן אל עמיו כי לא יבוא אל הארץ אשר נתתי לבני ישראל, על אשר מריתם את פי למי מריבה", זאל אהרן איינגעזאמעלט ווערען צו זיין פאלק, ער מוז שטארבען, ווייל ער וועט ניט אריינקומען אין דעם לאנד וואס איך האב געגעבען די אידען, צוליב דעם וואס איהר האט ווידערגעשפעניגט מיין באפעל ביי די קריגס-וואסער. אויך אהרן איז שולדיג ווארום ער האט איינגעשטימט מיט משה'ס האנדלונג און האט איהם ניט צוריקגעהאלטען פון געברויכען כעס. אמונה, צוטרוי קען ניט ארויפגעצוואונגען ווערען מיט געוואלד, דאס מוז קומען דורך אויפקלערונג און איבערצייגונג.

———0———

בלק

העצעס קעגען אידען דורך ליבגעזאַנג

„ויַרא בלק בן צפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי", און בלק, דער זוהן פון צפור, האָט געזעהן אַלעס וואָס די אידען האָבען געטאָן צו דעם אמורי. וואָס דער אמורי האָט געטאָן צו די אידען, דאָס זעהט בלק ניט, דאָס וויל ער ניט זעהן. אין דעם באַשטעהט דער אָנפאַנג און דער סוף פון דער שרעקליכער „שנאת עולם לעם עולם", די אייביגע פיינטשאַפט צו דעם אייביגען פאָלק. די קליינע עוולות וואָס די אידען טוען צו אַנדערע זעהט מען און מען געדענקט זיי; די גרויסע עוולות אָבער, וואָס די אַנדערע טוען צו די אידען, דאָס וויל מען ניט זעהן, דאָס פאַרגעסט מען.

אַז אויף דעם פרידליכען פאַרלאַנג פון משה'ן: „אעברה בארצך", לאָז מיך דורכגעהן דיין לאַנד, מיר וועלען דיר, חלילה, קיין שאָדען ניט טאָן, זאַמעלט צוזאַמען סיחון, דער קעניג פון אמורי, זיין גאַנץ חיל — „ויצא לקראת ישראל המדברה — וילחם בישראל", און ער געהט אַרויס קעגען די אידען אין דעם מדבר און פאַרפיהרט מיט זיי אַ שלאַכט. אָט דעם פאַקט וויל בלק ניט וויסען און ער באַהאַלט איהם פון זיין פאָלק. ער זעהט נאָר בלויז דעם „ויכהו ישראל", דער איד האָט געשלאָגען דעם אמורי, און מען דאַרף זיך פאַר איהם היטען.

משה'ס אָנבאָט פון „אוכל בכסף תשבירני ומים בכסף תתן לי", פאַר אונזער עסען און טרינקען וועלען מיר דיר גוט באַצאָהלען. די גאַנצע צייט וואָס מיר וועלען פאַרווייל‌ען אין דיין לאַנד, וועלען מיר פון אייך קיין זאַך ניט פאַרנעמען; פאַרקערט, מיר וועלען נאָך צוטראָגען אונזערע כחות צו דער אַנטוויקלונג פון דיין לאַנד. אַז צו דעם אידען ליגט מען אין ערגעץ ניט צו, דאָס

ווילען די בלק׳ס ניט איינזעהן. ער ווייסט נאָר דעם „ויירש את ארצו״, אז דער איד האָט פארכאַפּט דאָס לאַנד פון זיינע שכנים, סיחון מלך האמורי און עוג מלך הבשן. ער זעהט נאָר אין דעם אידען דעם אַנגרייפער, דעם אונטערדריקער, ניט דעם פרידליכען מיטאַרבייטער און דעם פאַרטיידיגער בלויז פון זיינע רעכט.

און בלק העצט זיין פאָלק און די נאָכבאַר־לענדער קעגען די אידען: „הנה עם יצא ממצרים״ — זעהט נאָר, א פאָלק איז ארויס פון מצרים, האָט אָפּגעלעבט אזויפיל יאָהרען אין א לאַנד, וואו עס האָט איהם קיין זאַך ניט געפעהלט, און פּלוצלינג הויבט ער זיך אויף און פאַרלאָזט איהם. דאָס איז די אידישע דאַנקבאַרקייט צו די לענדער, וואָס באַפרייַנדען זיי. „הנה כסה את עין הארץ״, ער פאַרדעקט די שיין פון דעם לאַנד, וואו ער קומט פאַרכאַפּט ער די שעהנסטע פּלעצער. ער באַהערשט די אינדוסטריע און פאַר־נעהמט די בעסטע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס. „והוא יושב ממולי״, און ער זיצט אימער קעגען מיר און איז מיין פּאָליטישער געגנער. איהם געפעַ־לען ניט די אָרדנונגען פון דעם לאַנד, איבעראַל איז ער אין דער אָפּאָזיציע, שטיצט די ליבעראַלע פּאַרטייען און נעהמט א גרויסען אַנטייל אין אַלע ראַדיקאַלע באַוועגונגען.

„ויגר מואב מפני העם״, און מואב דערשרעקט זיך פאַר דעם פאָלק. די גיפטיגע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס בלק פיהרט־אָן קעגען די אידען, מאַכט א שטאַרקען רושם אויף די מואבים. „כשהיו ישראל נראין לעמונים, נראין עטופין לשלום, ולמואבים נראין מזויינים למלחמה״, פאַר די עמונים וואָס האָבען געזוכט שלום, האָבען די אידען אויסגעוויזען ווי פרידליכע מענשען; פאַר די מואבים אָבער, האָבען זיי אויסגעזעהן ווי באַוואָפענטע קריגער (במד״ר כ׳).

„ובלק בן צפור מלך למואב בעת ההיא״, און בלק ווערט דער קעניג פון מואב אין יענער צייט. זיין גיפטיגע אגיטאַציע קעגען די אידען פיהרט איהם צו דעם טראָן. „כל המצר לישראל נעשה ראש״, ווער עס דריקט די אידען, דער ווערט דערהויבען. אַלע פינסטערע כחות אין לאַנד פאַראייניגען זיך צו מאַכען דעם

אידענפרעסער פאַר זייער פיהרער. רבי חיים סאָלאָווייטשיק ז"ל באַמערקט: „פאַרוואָס ווערט באַלד אין אָנהויב פון דער פרשה ניט דערמאָנט, אַז ער איז געווען אַ מלך? נאָר, ווי עס ווייזט אויס, איז בלק געקומען צו דער מלוכה נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געהעצט דאָס פאָלק און געדראָהט מיט דער אידען־געפאַר. נאָך דעם, אַז ער האָט איינגעשראָקען דאָס פאָלק, ערשט דאַן איז ער געוואָרען דער מלך פון מואב".

גאָט האָט אָנגעזאָגט משה'ן: „אל תצר את מואב ואל תתגר בם מלחמה", דו זאָלסט ניט באַלאַגערן מואב און זאָלסט מיט זיי ניט פאַרפירען קיין קריג. און די אידען פאָלגען אויס דעם באַפעל. זיי לאָזען זיך ניט פראָוואָצירען, „ויחנו בערבות מואב", זיי רוהען אין די וויסטענישען פון מואב און קומען ניט נאָהענט צום לאַנד. זעהענדיג דעם ביטערען סוף, וואָס זיינע שכנים האָבען געהאַט, האָט בלק מורא אַרויסצוגעהן אין אַן אָפענער שלאַכט מיט די אידען. איז ער אָבער געפאַלען אויף אַ נייער המצאה — ער וועט זיי באַקעמפען מיט'ן מויל. אַזוי ווי דעם אידען'ס כח איז „בפה", מיט תפילות און אויפקלערונגען, וועט ער זיי אויך באַקעמפען „בפה", מיט זידלערייען און פאַרלוימדונגען (במד"ר כ'). ער שיקט איינלאַדען צו זיך דעם באַקאַנטען אידענפרעסער בלעם (שבלע־עם, סנהדרין ק"ה), ער זאָל ווערען זיין פראָפּאַגאַנדע־מיניסטער, און זיין הויפּט אויפגאַבע זאָל זיין: „לכה נא ארה לי את העם", געה שילט פאַר מיר דאָס פאָלק, פאַרשפּרייט וועגען זיי אַלערליי בלבולים און ליגענס, „ואגרשנו מן הארץ", כדי איך זאָל זיי קאָנען פאַר־טרייבען פון לאַנד און פאַרכאַפּען זייערע פאַרמעגענס. דער צונג איז שאַרפער פאַר דער שווערד, אויב איהם וועט געלינגען זיי פאַרהאַסט צו מאַכען אין דער וועלט, וועט ער קאָנען טאָן מיט זיי וואָס ער וויל, און קיינער וועט איהם ניט שטערען.

ברכות וואָס זיינען געמיינט פאַר קללות

„מברכותיו של אותו רשע אתה יודע מה היה בלבו", פון די ברכות און לויבגעזאַנגען וואָס בלעם הרשע האָט מכבד געווען די אידען, פאַרשטעהט מען וואָס ער האָט געהאַט אויפ'ן האַרצען

(סנהדרין ק״ה ע״ב). ווען נאָר אַן אַנטיסעמיט און אידענפרעסער שטעלט זיך אויף צו לויבען די אידען און באַזינגען זייערע גרויסע אויפטואונגען, אין זיין כוונה אַרויסצורופען וואָס מעהר קנאה און שנאה קעגען זיי. מיט׳ן אויפרייסען די אויגען פון די גויים איבער אידישער רייכקייט און גרויסקייט, רייצט מען זיי אויף קעגען אונז און זיי פאַרהאַסען אונז נאָך מעהר. אַט די דאָזיגע אַנטיסעמיטישע טאַקטיק פון בלעמ׳ן ווערט אויסגענוצט קעגען אונז משנים קדמוניות אין אַלע לענדער, און איז מעהר געפערליכער פון שימפּ־ווערטער און זידלערייען.

ווערטער פון שמייכלעריי און חניפה, וואָס אַ באַריהמטער גוי וואַרפט אַמאָל צו אויף׳ן חשבון פון די אידען, האָט אויך אַן אַנדער ווירקונג צום שלעכטען אויף דעם פאָלק גופא. די שוואַכ־ליגגען צווישען אונז, די וואָס זוכען געפעלען צו ווערען זייערע גוי׳אישע שכנים, ווערען פאַרפירט פון זייערע ווערטער. זיי דענ־קען, אַז זיי מיינען עס טאַקע, און דערוווייטערען זיך אַלץ מעהר פון זייער אייגען פאָלק. „טוב לשמוע תוכחות שהוכיח משה רבנו את ישראל — משמוע ברכות של בלעם שבהן גבה לבם ונפלו בשיטים״, ער איז פיעל בעסער צו הערען די שטאַרף־רייד, וואָס משה האָט גע׳מוסר׳ט די אידען, איידער צו הערען די ברכות פון בלעמ׳ן, ווייל צוליב זיי האָבען די אידען זיך גענומען גרויסהאַל־טען און זיינען מיאוס דורכגעפאַלען ביי דער מעשה פון שיטים, די הויפּט־שטאָט פון מואב (מדרש קהלת ז׳).

אַז אַלע אידישע צרות נעהמען זיך פון די בלעמ׳ס, וועלכע העלפען אויפברויזען די קנאה און שנאה פון די פעלקער קעגען די אידען, באַווייזט אונז די גמרא מיט איהר באַהויפּטונג, אַז בלעם איז געוועזען איינער פון די דריי יועצים, מיט וועלכע פרעה האָט זיך באַראַטען וועגען די אידען. בלעם איז געוועזען דער הויפּט־רעדנער אויף דעם מיטינג פון „הבה נתחכמה לו פן ירבה״, לאָמיר זוכען עצות, אַז דער איד זאָל זיך ניט פאַרמעהרען אין לאַנד. ער איז עס געוועזען דער יעניגער וואָס האָט געהייסען די אידישע זיהן וואַר־פען אין טייך אַריין. די אַנדערע צוויי האָבען ניט אייגגעשטימט, „איוב שתק—יתרו ערק״, איוב האָט געשוויגען און יתרו האָט

פארלאזען דאס לאנד (סנהדרין ק"ו). אויסגעפיהרט האט בלעם. פרעה האט טאקע אנגענומען זיין עצה און די אידען האבען זעהר פיעל געליטען. שפעטער־צו, ביי דער מלחמה מיט עמלק'ן שטעהט געשריבען: „ויבא עמלק", און עמלק איז געקומען. פרעגט דער מדרש: „מהיכן בא?" פון וואנען איז ער געקומען? וואס האט פאסירט, אז עמלק זאל פלוצלינג באפאלען די אידען און פאר־פיהרען א שלאכט מיט זיי? און דער ענטפער איז: „מאצל בלעם הרשע", זיי האבען זיך געהאלטען עצות מיט בלעמ'ן, וועלכער האט זיי אויפגערייצט קעגען די אידען (מדרש הבא). אט אזוי ציהט זיך די לאנגע קייט פון בלעמ'ס, די פארברענטע אנטיסעמיטען, וואס פארפאלגען די בני ישראל אין אלע צייטען און אין אלע דורות. זיי טראגען איבעראל דעמזעלבען כאראקטער, ווייל זיי אלע קומען פון דעמזעלבען חדר.

און בלק בויט „שבעה מזבחות", זיבען גרויסע אלטארען, און רופט צוזאמען גרויסע פארזאמלונגען פון מואבים, וואו בלעם האלט זיינע גיפטיגע, אידען־פיינטליכע רעדעס. ער זאגט: „מן ארם ינחני בלק — לכה ארה לי יעקב", פון ארם האט מיך בלק ארויסגעפיהרט מיט דער אויפפאדערונג, פאר אייך אויפצו־קלערען די אידען פראגע; אבער, „מה אקב לא קבה אל", וואס קאן איך קעגען זיי אויפטאן, אז זיי זיינען א גע־בענשט פאלק פון גאט? „כי בראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו" — „מאן יכיל לחוא לישראל", ווער קאן די אידען באזיגען און זיי ארונטערברענגען פון די שטארקע פעלזען און הויכע פאזיציעס, וואס זיי האבען דערגרייכט? „הן עם לבדד ישכון ובגוים לא יתחשב", זיי זיינען אן אפגעזונדערט פאלק און רעכענען זיך גאנץ ווייניג מיט די אנדערע פעלקער. „מי מנה עפר יעקב? כמה חיילין וכמה אשריין נפקו ממנו?" — ווער קאן איבערצעהלען די אר־מייען און מחנות, וואס די אידען האבען צעשטערט אין פארלויף פון זייער עקזיסטענץ צווישען די פעלקער? „ותהי אחריתי כמהו", הלואי האלטען מיר שוין וואו זיי האלטען (זוהר).

אט אזוי שטעהט בלעם טאג־איין און טאג־אויס און העצט קעגען די אידען. ער זוכט איינצושרעקען די מואבים מיט דער

אידישער גרויסקייט און רייכטום. קענטיג אָבער, אַז בלק האָט ניט פאַרשטאַנען אַזאַ אַקאַדעמישען אַנטיסעמיטיזם. איהם האָט זיך געוואָלט עקסצעסען, פאַגראָמען, בלוט־פאַרגיסונגען. און ער האָט טענות צו בלעמ'ן: „לקב לקחתיך והנה ברכת ברך", איך האָב דיך גענומען צו שילטען, צו זידלען, און דו לויבסט זיי גאָר. בלעם אָבער בלאָזט פון זיך און ענטפערט איהם, אַז ער פאַרשטעהט ניט זיין הויפט כוונה. בלק קאָן שוין דאָס מעהר ניט אויסהאַלטען און זאָגט צו בלעמ'ן: „ועתה ברח לך אל מקומך", און איצט אַנטלויף צוריק צו דיין פּלאַץ. דער סוף איז אימער אַזוי, אַז עס ברעכט אויס אַ מחלוקה צווישען די אידישע שונאים זעלבסט, און אַזוי־ אַרום ווערען די אידען ניצל פון אונטערגאַנג.

וועגען בלעמ'ס בלאָזען זיך און זיין ענדליכער מפּלה ווערט אין חסידישע ספרען דערצעהלט פאָלגענדע מעשה'לע:

צום רבי'ן ברוך מעזשיבוזער איז אַמאָל געקומען אַ געוויסער מתנגד'ישער רב, וועלכער האָט זיך גרויס־געהאַלטען מיט זיינע לומדות. רבי ברוך, הגם ער איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער מכנים אורח, האָט איהם אויפגענומען זעהר קאַלט, אָהן שום כבוד. די מקורבים האָט עס שטאַרק געוואונדערט — האָט זיי רבי ברוך געענטפערט דערויף:

„ווי באַקאַנט, צייכענט זיך שבת אויס מיט דער זעלטענער מדה פון הכנסת אורחים: קומט צו איהר ראש־חודש (שבת ראש־ חודש), גיט זי איהם אוועק דעם מפטיר; קומט יום טוב — דער־ לאַנגט זי איהם דאָס גאַנצע קריאת התורה; יום כפור — גיט זי איהם אפילו דאָס עסען אוועק; בלויז דאָס תקיעת שופר אום ראש־ השנה וויל זי ניט אוועקגעבען, און לאָזט ניט בלאָזען קיין שופר. פאַרוואָס? דער תירוץ איז, ווייל מען האָט פיינט אַן אורח, וואָס בלאָזט פון זיך". — (פון אַלטען אוצר).

———o———

פנחס

משה צעהלט ווידער די אידען, און באשטימט פאר זיי א נייעם פיהרער

נאך דעם גרויסען זיג וואס די אידען האבען געהאט איבער סיחון מלך האמורי און עוג מלך הבשן, האבען זיי זיך בארוהיגט. די אלטע טענות קעגען משה'ן, ווארום ער האט זיי ארויסגענומען פון אזא גוט לאנד ווי מצרים און געבראכט צו שטארבען אין א מדבר, ווערען שוין מעהר ניט געהערט. די לענדער וואס זיי האבען פארנומען פון די צוויי קעניגען, זיינען געווען העכסט פרוכטבארע, די שטעט שעהן און שטארק געבויט און די פיעל שאף און רינדער וואס זיי האבען ארייגעקראגען, האט זיי רייך געמאכט. באטש זיי זיינען געווען ניט ווייט פון דעם לאנד וואס גאט האט זיי פארשפראכען, זיינען זיי אבער ניט געווען שטארק נייגעריג פארטצוזעצען זייער נסיעה און האבען באשלאסען צו פארבלייבען אין די נייע לענדער וואס זיי האבען נאר וואס ערֿאבערט.

„וישב ישראל בשטים", און די אידען באשליסען זיך צו באזעצען אין שטים. „כל מקום שנאמר וישב אינו אלא צרה", אין יעדען פרעמדען פלאץ, וואו אידען זוכען זיך דארט צו באזעצען און גרינדען א שטענדיגע היים, וואקסט דארט אויס א צרה (סנהדרין ק"ו). בלויז אין ארץ־ישראל, דאס לאנד, וואס גאט האט פאר זיי באשטימט זינט דער געבורט פון זייער פאטער אברהם, איז דער איד אימשטאנד צו בויען פאר זיך א ריכטיגע היים, וואו ער זאל זיך קאנען אויסלעבען לויט די פארשריפטען פון זיין אייגענער תורה, און בילדען דעם אריגינעלען כאראקטער, וואס זאל איהם מאכען פאר דעם „עם סגולה", פאר גאט'ס אויסדערוויילט פאלק. פרעמדע לענדער זיינען ניט מסוגל אויף דעם. דארט מוז מען אנפיהרען א שטענדיגען קאמף קעגען אויסערליכע השפעות, וואס פאראורזאכען גרויסע שטערונגען און

פיהרען מאנכעס מאָל צו „מגפות", גייסטיגע קאטאסטראָפען, וועל־כע גראָבען אונטער דעם יסוד פון אידישקייט און באַרויבען אונזער פאָלק פון זיין יוגענט. אויב די אידען עקזיסטירען נאָך אין אזעל־כע היימען, איז עס צו פאַרדאַנקען די „קנאות" און מסירת־נפש־דיגער איבערגעבענקייט פון די פנחס'עס פון יעדען דור, וואָס פיהרען אימער אַן ענערגישען קאמף קעגען אינטעגראציע און געמישטע הייראַטען. „ולא כליתי את בני ישראל בקנאתי", אַט די פנחס'עס מיט זייער איינגעשפּארטקייט האַלטען־אָפּ דעם אידען פון אונטערגאנג, און אונזער פאָלק בלייבט ווידער לעבען.

דער געגענט פון „שטים" איז אויך באַקאַנט אלס „רפידים", און די גמרא באַמערקט אויף דעם: „רפידים שמה שרפו עצמן מדברי תורה, שטים שמה שנתעסקו בדברי שטות", „רפידים" האָט עס געהייסען, ווייל דאָרטען זיינען די אידען אָפּגעשוואַכט געוואָרען פון לערנען תורה (רפה מיינט שוואך, און „שטים" האָט עס גע־הייסען, ווייל זיי האָבען זיך דאָרט אָפּגעגעבען מיט שטות, מיט נאַרישקייטען (סנהדרין ק"ו ע"א). לויט דער טראַדיציע האָט בלעם געראַטען בלק'ן ער זאָל באַפרייַנדען די אידען און זיי זוכען צו־צוציהען דורך די שעהנע פרויען פון די מואבים. „ויחל העם לזנות אל בנות מואב", קוים וועלען אידען זיך אָנפאַנגען צו קערען צו די טעכטער פון מואב, וואָס וועט זיי פיהרען צו געמישטע הייראַ־טען, וועט שוין דער „וישתחו לאלקיהן", זיך בוקען צו זייערע געטער במילא קומען. און דער טרויעריגער רעזולטאַט איז געווען: „ויהיו המתים במגפה ארבעה ועשרים אלף", דאָס פיער־און־צוואַנ־ציג טויזענט אידישע קינדער זיינען אויסגעשטאָרבען פאַר דעם פאָלק אין דער „מגפה פון אסימילאַציע".

דער „מדרש תנחומא" וויל האָבען, אַז בלעמ'ס עצה צו פאַרפיהרען די אידען דורך זנות איז געווען כדי זיי צו מאַכען זינ־דיג קעגען זייער גאָט, וועלכער וועט געווים נעמען נקמה אָן זיי און דאָס וועט פיהרען צו זייער רואינע. ער האָט אָבער ניט געוואָלט, אַז מען זאָל זיי אַרייננאַרען און פאַר'שכור'ען מיט וויין און שטאַר־קע געטראַנקען, „שלא ידונו כשתויי יין אלא כמזידין", כדי זיי זאָלען ניט גע'משפט ווערען ווי באַטרונקענע, נאָר ווי וואַכע ווידער־

שפעניגער. ער האט ניט פארגונען די אידען צו האבען א תירוץ פאר זייערע פארברעכענס. ער האט געוואלט זיי שטעמפלען אלס „מזידים", באוואוסטזיניגע זינדער, וואס זאלען זיך ניט קאנען פארענטפערען פאר זייערע מיאוס'ע טאטען, און וועלען שטארקער באשטראפט ווערען. פנחס אבער האט אנגעפיהרט א שטארקען קאמף קעגען די פארברעכער און איהם איז געלונגען דעם ווילדען שטראם פון געמישטע הייראטען צו צאמען. גאט איז איהם העכסט דאנקבאר געווען פאר זיין מסירת נפש און זאגט איהם: „לכן הנני נותן לו את בריתי שלום", דערפאר וועל איך איהם געבען מיין בונד פון פרידען.

„ו' דשלום קטיעא הוא", דער „וואו" אין דעם ווארט שלום איז דא אן אונטערגעהאקטער. דריינגט פון דעם די גמרא ארויס דעם פאלגענדען זין: „בעל מום שעבד עבודתו פסולה — כשהוא שלם ולא כשהוא חסר", א כהן מיט א מום וואס טוט די עבודה, איז זיין עבודה א פסול'ע, ווייל א אידישער כהן דארף זיין גאנץ און פעהלערהאפט (קדושין ס"ו ע"ב). דער וואס קעמפט פאר אן אידייע, אויב ער מיינט נאך ערנסט און האט ניט קיין פערזענליכע פניות דערביי, וועט מיט דער צייט ארויס דער זיגער. נאר א „איש שלם", א גאנצער מענש, איז ראוי צו זיין דער אידישער כהן, דער אידישער פיהרער. פערזענליכע כוונות אבער מאכען איהם פאר א בעל־מום, און זיין עבודה פאר זיין פאלק ווערט א פסול'ע.

די אידען פארבלייבען פאר א לענגערער צייט אין די נייע לענדער, וואס זיי האבען ערָאבערט, דער אלטער דור איז דערווייל אויסגעשטארבען, „ולא נותר מהם איש כי אם כלב בן יפונה ויהושע בן נון", און פון זיי איז קיינער ניט פארבליבען, בלויז כלב דער זוהן פון יפונה און יהושע דער זוהן פון נון. א נייער דור איז אויפגעשטאנען, א דור פון פרייע מענשען, וואס האבען קיינמאל ניט פארזוכט דעם טעם פון שקלאפעריי און אונטערווארפענקייט, ווי זייערע עלטערן האבען געהאט דורכצומאכען אין מצרים. משה, זייער פיהרער, פיהלט, אז זיינע טעג זיינען געציילטע, און ער זאגט צו זיינע מענשען: „שאו את ראש כל עדת בני ישראל", נעהמט אויף די צאהל פון דער גאנצער אידישער געמיינדע. „כשיצאו

ישראל ממצרים מסרן הקב"ה למשה במנין — בא ליפטר מן העולם החזירם במנין", ווען די אידען זיינען ארוים פון מצרים, האט זיי גאט איבערגעגעבען צו משה'ן מיט א צאהל; איצט, אז ער געהט זיך שיידען פון דער וועלט, וויל ער זיי צוריקגעבען מיט א צאהל (במד"ר כ"א). ער וויל וויסען ווער זיינען די „יוצא צבא בישראל", די גרויסע ארמיי, וואס דארף קעמפען פאר זיין פאלק, און וויל זיין זיכער מיט זיי, איידער זיי געהען אריין אין זיין געליבט לאנד, צו וועלכען ער קאן, אויף דעם באפעל פון גאט, ליידער אליין ניט צוקומען.

ווער פאסט זיך צו זיין דער אידישער פיהרער?

און משה הערט פון גאט: „עלה אל הר העברים הזה, וראה את הארץ אשר נתתי לבני ישראל, וראית ונאספת אל עמיך גם אתה, כאשר נאסף אהרן אחיך", געה ארויף אויף דעם בארג עברים, און זעה דאס לאנד וואס איך האב געגעבען פאר די אידען; באטראכט איהם און ווער איינגעזאמעלט צו דיין פאלק אויך דו, יוי עס איז געשעהן מיט דיין ברודער אהרן. וואס פאר א שרעקליכע טראגעדיע דא ווערט געשילדערט! אפגעארבייט א גאנץ לעבען פאר א צוועק, זיך מוסר נפש געווען אומצעהליגע מאל ער דורכ־צופיהרען און אז דער צוועק ווערט דערגרייכט, זאגט מען איהם: דו אליין קאנסט פון דעם ניט געניסען. דאס לאנד וואס ער האט אזוי ליב געהאט און פאר וועלכען ער האט טאג־איין און טאג־אויס געקעמפט מיט זיינע ברידער, קאן ער בלויז אנקוקען, באטראכטען פון דערווייטענס, אבער אריינגעהן אין איהם און דארט וואוינען האט ער די זכיה ניט. ער ווערט אבער ניט פארצווייפעלט. קוים האט ער דורכגעפיהרט זיין הויפט־אידעאל איז ער צופרידען. און זיין הויפט־שטרעבונג איז געווען צו גרינדען א פאלק, וואס זאל זיין אן אויסנאם פון אנדערע פעלקער. דער „קיום האומה", די עקזיסטענץ פון זיין נאציע, שטעהט ביי איהם העכער פאר דער שאפונג פון א לאנד, און דאס איז איהם העכסט געלונגען.

ער וויל אָבער וויסען ווער עס וועט פאַרנעמען זיין פּלאַץ. ער ווייס גאַנץ גוט, אַז דער גורל פון אַ פאָלק ליגט אין די הענט פון זיינע פיהרער. „לית עלמא מתקיימא אלא על רישיהן דעמא — אי רישי עמא זכאין טב לעלמא, טב לעמא, ואי לא זכאין ווי לעלמא ווי לעמא". די וועלט עקזיסטירט נאָר אויף די פיהרער פון אַ פאָלק. אויב זיי זיינען עהרליך איז גוט פאַר דער וועלט און אויך פאַר דעם פאָלק; זיינען זיי אָבער ניט עהרליך, איז ווי צו דער וועלט און ווי צום פאָלק (זוהר). די פיהרער פון אַ פאָלק קאָנען אַמאָל זיינע מענשען פאַרוואַנדלען אין ווילדע חיות, וועלכע שטעלען אין סכנה דעם שלום פון דער וועלט. עס קאָן אַמאָל טרעפען, אַז דאָס פאָלק אַליין איז אומשולדיג, אַז ער מיינט גאָר ניט צו זיין אַזוי גרויזאַם און קריגעריש; ער ווערט בלויז פאַרפיהרט פון זיינע הערשער, וואָס האָבען זיך אַרויפגעכאַפּט אויפ'ן בענקעל און טוען וואָס זיי ווילען ביז אַ געוויסער צייט. אַזעלכע פיהרער האָט משה ניט געוואָלט.

ער בעט זיך ביי גאָט ער זאָל באַשטימען אַ מנהיג פאַר דעם פאָלק, „אשר יצא לפניהם ואשר יבוא לפניהם, אשר יוציאם בזכיותיו ואשר יביאם בזכיותיו", אַ מענשען וועלכער זאָל געהן פאַר זיי און קומען פאַר זיי, וועלכער זאָל זיי אַרויספיהרען מיט עהרליכקייט און זיי אַריינברענגען מיט עהרליכקייט (רש"י). פאַראַן צווייערליי מנהיגים: אַזעלכע וואָס וועלענדיג גושא־חן זיין ביי דער געמיינדע, שלעפען זיי זיך נאָך איהר און באַמיהען זיך צוצופּאַסען צו איהרע וואונשען און באַגערען. זיי זיינען קנאַפּע מנהיגים, דען ניט זיי פיהרען די עדה, נאָר די עדה פיהרט זיי. דער אמת'ער מנהיג איז דער, וועלכער לאָזט זיך ניט אַראָפּ צום פאָלק, נאָר הויבט דאָס פאָלק צו זיך. „אשר יצא לפניהם", וואָס געהט פאַראויס דער געמיינדע און ניט הינטער איהר (דרשות אל עמי).

„אמר ר' יוסי מימי לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי", רבי יוסי פלעגט זיך באַריהמען, אַז קיינמאָל האָב איך ניט געזאָגט אַ זאַך און זיך אומגעקערט צו זעהן הינטער מיר, וואָס פאַר אַ רושם מיינע ווערטער האָבען געמאַכט (שבת קי"א). ער איז געווען איבערצייגט אין דער עהרליכקייט פון זיינע ווערטער און איהם

האָט ניט געקימערט צו וויסען, וואָס דער עולם רעדט וועגען דעם, א פיהרער און לערער פון פאָלק דאַרף זיך ניט לאָזען באאיינפלוסט ווערען פון אנדערע און זוכען געפעלען צו ווערען יעדען איינעם.

ר' ישראל סאַלאַנטער דערקלערט מיט דעם געדאנק אן אנ־דער שטעלע אין דער גמרא: „דור שבן דוד בא פני הדור כפני הכלב", דער דור אין וועלכען משיח וועט קומען, וועלען די פיהרער אויסקוקען ווי הינט (סנהדרין צ"ח). ער זאָגט: „דער כלב האָט א טבע, אז בשעת ער געהט מיט מענשען, לויפט ער שטענדיג פאָר־אויס, ווי ער וואָלט געווען זייער מנהיג און וועגווייזער. דערביי אָבער איז ביי יעדע עטליכע טריט דרעהט ער אוים צו זיי דעם פנים, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך איבערציינגען, אז זיי זיינען צו־פרידען פון איהם און פון זיין הנהגה. אָט אזוי וועלען אויסקוקען די אידישע פיהרער אין יענער צייט. זיי וועלען זיך רק דרעהען צום עולם און זוכען צו געפעלען ווערען יעדען. אין אזא דור מוז קומען משיח, דער אמת'ער פיהרער, וועלכער זאָל אויפהויבען דעם עולם צו זיך און איהם פיהרען מיט שטאָלץ".

———o———

מטות ומסעי

דער עבר הירדן ווערט א טייל פון ארץ ישראל

„בשלשה דברים נתחלקה ארץ ישראל, בגורלות, באורים ותומים, ובכספים", דורך דריי זאַכען איז ארץ ישראל פּאַרטיילט געוואָרען צווישען די אידישע שבטים: דורך גורל, דורך דער אָנ־ווייזונג פון דער גאָטהייט און דורך געלט (ירושלמי יומא פ"ד ה"א). גורל מיינט שיקזאַל, קאַמף. אום צו געווינען דאָס לאַנד פאַר דעם פאָלק מוז יעדער שבט צושטעלען זיין צאָהל חלוצים, וועלכע זאָלען פאַר איהם קעמפען און געבען זייער לעבען אויב נויטיג. דאָס מוז אָבער געטאָן ווערען לויט די „אורים ותומים", לויט דער אידישער תורה און אידישען גייסט. דער צוועק איז ניט נאָר צו גרינדען א נאַציאָנאַלען צענטער פאַר דעם פאָלק מיט דעם ציל צו פאַרפעסטיגען בלויז זיין פּאָליטישען און עקאָנאָמישען באַזיס. מען מוז אויך שאַפען א גייסטי־גען צענטער אין ארץ ישראל, וועלכער זאָל משפיע זיין אויף אַלע טיילען פון פאָלק, וועלכע געפינען זיך נאָך אין די גלות־לענדער.

דאָס וועט זיי האַלטען צוזאַמען און בילדען אַן איינהייט־ליכע אומה, וואָס וועט קאָנען ווידערשטעהן אַלע שוועריגקייטען, און געמיינשאַפטליך באַקעמפען די שעדליכע השפעות, וואָס צילען צו צעברעכען די אידישע גאַנצקייט. די יעניגע וואָס קאָנען ניט צושטעלען זייער צאָהל חלוצים, פּיאָנערען, וועלכע זאָלען מיט זייער בלוט און שוויים עראָבערן דאָס לאַנד, מוזען זיך דערפאַר באַ־טייליגען „בכספים", מיט געלט. זיי מוזען ביישטייערן מיט א פרייער האַנט פאַר אַלע מוסדות, וואָס העלפען צו באַזעצען דאָס לאַנד, אויב זיי ווילען אויך אריינגערעכענט ווערען צווישען די בויער פון ארץ ישראל.

דער גורל פון דעם אידישען פאָלק איז אין זיינע אייגענע הענט. אויב אַלע זיינע טיילען און גרופּען צילען צו דעמזעלבען צוועק, אויב ער איז איינהייטליך און שטאַרק פאַראייניגט צווישען זיך, וועט דער זיג ענדליך זיין זיינער. רבי עמיאל, דער רב הכולל פון „תל אביב", אין זיין „הגיונות אל עמי" ציטירט אַן אגדה פון א מדרש, וואָס ווערט געבראַכט אין תוספות מנחות ל"ז. די אגדה דערציילט, אַז דער „אשמדאי" האָט אַמאָל געבראַכט פאַר שלמה המלך א מענשען מיט צוויי קעפּ, ביי וועמען דער פאָטער איז געשטאָרבען, און ער האָט געדאַרפט קריגען זיין חלק פון דער ירושה. דער אשמדאי האָט געפרעגט שלמה'ן די שאלה, צי מען דאַרף איהם צוליב די צוויי קעפּ פאַררעכענען אַלס צוויי באַזונדערע מענשען און איהם געבען טאָפּעלט ירושה אָדער ניט. דערויף זאָל שלמה המלך האָבען געענטפערט מיט אַן עצה, אַז מען זאָל גיסען אויף איין קאָפּ קאָכעדיג וואַסער און דאַן וועט די זאַך קלאָר ווערען: אויב דער צווייטער קאָפּ וועט ניט פיהלען דעם ווייטאָג, איז א סימן, אַז דאָס זיינען צוויי מענשען; אויב אָבער אויך דער צווייטער קאָפּ וועט אָנהויבען שרייען, איז דערפון א באַוויז, אַז עס איז איין מענש.

די דאָזיגע עצה — פיהרט רבי עמיאל אויס — איז אויך פאַר אידען שטאַרק מאָסגעבענד. אויך דער אָרגאַניזם פון אידישען פאָלק פאַרמאָגט א סך קעפּ, וואָס אין פלוג מאַכען זיי דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטען צווישען זיך קיין שום געמיינזאַמס ניט געהאַט. יעדער פון די דאָזיגע קעפּ דענקט אַנדערש, רעדט אַנדערש און פּלאַנט אַנדערש. גאַנץ אָפט שוועמט אַרויף די שאלה, צי געהערען די אַלע קעפּ צו איין קערפּער? צי זיינען אידען אַן איינהייטליכע נאַציע אָדער ניט?

די אַלע פּלפּולים ווערען אָבער מאָמענטאַל פאַרשאַונדען, בשעת מען נעהמט גיסען אויף איין קאָפּ קאָכעדיג וואַסער. ווען א שטראָם פון גרויזאַמע רדיפות און פאַרפאָלגונגען הויבט־אָן פאַרפּלייצען א געוויסען טייל פון אידען אין די לענדער וואו זיי געפינען זיך, דאַן הויבען־אָן אַלע אידישע קעפּ פון דער גאַנצער

וועלט אינסטינקטיוו צו רעאגירען און צו פיהלען דעם וועהטאג. דאס באווייזט, אז די אלע קעפ זיינען צווישען זיך געגענזייטיג פארבונדען און זיי זיינען אברים פון איין קערפער, פון איין אומה.

„ומקנה רב היה לבני ראובן ולבני גד", די שבטים ראובן און גד זיינען געווען זעהר רייך און האבען געהאט פיעל שאף און רינדער, זיינען זיי געקומען צו משה'ן און געבעטען: „אם מצאנו חן בעיניך יותן את הארץ הזאת לעבדיך לאחוזה, אל תעבירנו את הירדן", אויב מיר האבען געפונען חן אין דיינע אויגען, זאל דאס דאזיגע לאנד געגעבען ווערען צו דיינע קנעכט זיך צו באזעצען; פיהר אונז ניט אריבער דעם ירדן. „גדרות צאן נבנה למקננו פה וערים לטפנו", שטאלען וועלען מיר דא בויען פאר אונזערע שאף און שטעט פאר אונזערע קינדער. אויף דעם באמערקט דער מדרש: „חיבבו את ממונם יותר מן הנפשות, לפיכך גלו תחלה מכל השבטים", זיי האבען טייער געהאלטען זייער געלט מעהר ווי זייערע קינדער, ווייל זיי ווילען פריהער באזארגען שטאלען פאר זייערע שעפסען און נאך דעם, זאגען זיי, וועלען זיי בויען שטעט פאר זייערע קינדער. אט דערפאר זיינען זיי באשטראפט געווארען צו זיין די ערשטע צו געהן אין גלות פריהער פאר אלע שבטים (במד"ר כ"ב).

אזוי גיך ווי אידען הויבען זיך אן צו קימערן מעהר פאר זייערע פארמעגענס ווי פאר זייערע קינדער, און שעצען זייערע רייכטימער העכער פאר דער אידישער דערציהונג פון זייערע קינ־דער, גראבען זיי דערמיט אונטער זייער פאלק'ס קיום, און זיינען די ערשטע פארלוירען צו געהן. אז משה שטימט ענדליך איין צו זייער בקשה, ענטפערט ער זיי: „בנו לכם ערים לטפכם וגדרות לצאנכם", בויט אייך פריהער שטעט פאר אייערע קינדער און נאך דעם שטאלען פאר אייערע שאף. דער אמת'ער פארמעגען פון א פאלק באשטעהט פון זיינע קינדער, אויב זיי ווערען דערצויגען צו זיין פאטריאטען פון זייער פאלק און געטריי צו זיינע טראדיציעס, איז די צוקונפט פון דעם פאלק א געזיכערטע.

אַז מען דריקט אידען עגעץ אַנדערשוואו, זיינען די איבעריגע טיילען פון פאָלק אויך ניט זיכער

צוערשט, אַז משה הערט זייער פאַרלאַנג צו פאַרבלייבען אין דעם עבר הירדן צוליב זייער רייכטום, וואָס זיי האָבען שטאַרק גע־זשאַלעוועט דאָרט איבערצולאָזען, ווערט ער שטאַרק אויפגערעגט. ער פרעגט זיי: „האחיכם יבאו למלחמה ואתם תשבו פה?" דענקט איהר, אַז אייערע ברידער האָבען אָנגעפיהרט אַ מלחמה מיט די אַלע פעלקער, כדי איהר זאָלט דאָ קאָנען פאַרבלייבען? ער האָט אויך מורא געהאַט, אַז זייער שריט וועט אָפּהאַלטען די איבעריגע שבטים פון אריבערצוגעהן דעם ירדן און קעמפען פאַר ארץ ישראל. משה שרייט אויס: „למה תניאון את לב בני ישראל מעבר אל הארץ אשר נתן להם ה'?" ווארום זאָלט איהר אָפּ־ווענדען דאָס הארץ פון די בני ישראל צו געהן צו דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט זיי געגעבען? ער האָט אויך געהאַט דעם חשד, אַז דער קלאַנג, וואָס די מרגלים האָבען אַמאָל ארויסגעלאָזען וועגען דעם לאַנד: „כי עז העם היושב בקרבו", אַז די פעלקער וואָס וואוינען דאָרט זיינען צו־שטאַרק, שרעקט זיי נאָך אַלץ, און זייער בטחון אין גאָט איז נאָך זעהר שוואַך. ער זאָגט זיי: „כה עשו אבותיכם", אַזוי האָבען טאַקע געטאָן אייערע עלטערן, זיי האָבען אָנגערעדט אַלערליי רכילות'ן אויף דעם הייליגען לאַנד און זיינען דערפאַר באַשטראָפט געוואָרען צו פאַרבלייבען אין דעם מדבר „עד תם כל הדור העושה הרע", ביז עס וועט אונטערגעהן דער גאַנצער דור וואָס האָט געטאָן אָט דאָס שלעכטס. ווילט איהר נאָכאַמאָל דערצאָרנען גאָט, „ויסף עוד להניחו במדבר", און ער זאָל אייך ווייטער איבער־לאָזען אין דעם מדבר?

רבי יונתן אייבשיץ, אין זיין „יערת דבש", לערנט דעם פשט פון פסוק אַזוי: „האחיכם יבאו למלחמה ואתם תשבו פה?" — צי דען רעדט איהר זיך איין, אַז בעת שונאים וועלען אָנפאַלען אויף אייערע ברידער אין ארץ ישראל אָדער ערגעץ אַנדערשוואו, איז „ואתם תשבו פה", וועט מען אייך דאָ לאָזען זיצען רוהיג, און איהר וועט פון דעם אַלעס גאָר נישט ליידען? האָט איהר אַ

טעות! קוים וועט איהר זיצען מיט פארלייגטע הענט און זיין גלייכגילטיג צו די צרות פון אייערע ברידער, וועט מען אייך דא אויך ניט שאנעווען".

ב. יאושזאהן דערצעהלט דעם פאלגענדען היסטארישען פאקט: אינ'ם ווינטער פון יאהר 1095, בשעת עס האבען זיך אנגעהויבען די קרייצוגען, האבען זיך די פראנצויזישע אידען גע־ווענדעט מיט א בריוו צו זייערע ברידער אין דייטשלאנד, אין וועלכען זיי האבען זיי מעורר געווען מתפלל צו זיין אויף דעם גרויסען אומגליק, וואס האט געטראפען דעם כלל ישראל, אנוויי־זענדיג דערביי, אז די דאזיגע געפאר דראהט אויך די דייטשע אידען.

דערויף האבען די אידען פון דייטשלאנד אפגעענטפערט מיט גרויס געפיהל, אז געוויס זיינען זיי שרעקליך ערשיטערט פון דער פינסטערער בשורה, און געוויס וועלען זיי ניט אויפהערען מתפלל צו זיין פאר זייערע אומגליקליכע פראנצויזישע ברידער; אבער וואס אנבאלאנגט — שרייבען זיי ווייטער אין בריוו — זיי, די דייטשע אידען, איז „להם לבני מגנצא (מאינץ) לא ישימו לב ולא ידאגו להם, כי אין שום סכנה נשקפת להקהלות בגרמניה", זיי, הייסט עס, די דייטשע אידען, וועט גארנישט געשעהן, פאר זיי זאל מען ניט זארגען.

ווי אזוי עס האט אבער אויסגעזעהן די דאזיגע „זיכערקייט" און וואס עס האט פאסירט מיט דיזעלבע דייטשע אידען אין עט־ליכע געצעהלטע חדשים ארום, איז פון דער געשיכטע באקאנט— „און די געשיכטע ווידערהאלט זיך".

די בני ראובן און גד פארזיכערען אבער משה'ן, אז זיי האבען ניט אין געדאנק דא אליין צו פארבלייבען און לאזען די איבעריגע שבטים געהט קעמפען פאר זיך. פארקערט, „אנחנו נחלץ חושים לפני בני ישראל עד אשר אם הביאנם אל מקומם", מיר וועלען געהן געוואפענט פאר די בני ישראל ביז מיר וועלען זיי ברענגען צו זייער פלאץ. „לא נשוב אל בתינו עד התנחל בני ישראל איש נחלתו", מיר וועלען זיך ניט אומקערען צו אונזערע הייזער ביז די אידען וועלען זיך ניט איינבירגערן יעדער אויף זיין

נחלה. אז משה האָט געהערט פון זיי אַזעלכע קלאָרע דבורים, האָט ער זיך באַרוהיגט און זאָגט צו זיי: „אם תעשון את הדבר הזה", אויב איהר וועט טאַקע אַזוי טאָן, „והייתם נקיים מה' ומישראל!" וועט איהר דאַן זיין ריין קעגען גאָט און קעגען די אידען. אויב גאָט האָט פאַר אייך באַשטימט אַזאַ שעהן לאַנד, ווי דער עבר הירדן, איז עס געווען מיט דער דעה איהר זאָלט העלפען אייערע ברידער צו קומען צו זייער היים און העלפען בויען דאָס הייליג לאַנד, וואו ער זאָל קאָנען וואוינען צוזאַמען מיט די אידען.

„ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם", און משה פאַרשרייבט זייערע אַרויסגאַנגען נאָך זייערע רייזעס—„ואלה מסעיהם למוצאיהם", און דאָס זיינען זייערע רייזעס נאָך זייערע אַרויסגאַנגען, פרעגט דער דובנער מגיד, וואָרום איז דער פסוק משנה דעם סדר פון די ווערטער אם ענד? און ער גיט איבער אויף דעם אַ העכסט געלונגענע דערקלערונג:

„ביי די בני ישראל איז געווען די הויפּט-זאַך דער „יציאת מצרים", דאָס פאַרלאָזען דאָס לאַנד פון שקלאַפעריי, און יעדען מאָל האָבען זיי אויסגעחשבונ'ט וויפיעל וועג זיי זיינען שוין אָפּגעגאַנגען, ווי ווייט זיי האָבען שוין מצרים הינטער זיך. ביי משה'ן אָבער איז דער הויפּט-ציעל געווען די דערגרייכונג פון אידישען לאַנד — דערפאַר האָט ער אימער פאַרשריבען „את מוצאיהם למסעיהם", וויפיל וועג מען האָט נאָך פאַר זיך צו ארץ ישראל".

———o———

דברים

דברים

משה איז מבאר די תורה און גיט אן די סיבות פון דער פארלענגערטער גאולה

אלה הדברים — „אלין פתגמי אוכחותא די מלל משה עם כל ישראל", דאס זיינען די שטראף־רייד, וואס משה האט גערעדט צו דעם גאנצען פאלק ישראל (תרגום יונתן בן עוזיאל). איידער ער נעהמט זיך צו דערקלערען די תורה פאר דעם נייעם דור, וויל ער פאר זיי אלעמען פריהער קלאר־מאכען די אורזאך, ווארום די גאולה האט זיך אזויפיל פארשפעטיגט. וואס האט געבראכט צו דעם, אז אזא קורצע שטרעקע פון בארג „חורב" ביז „קדש ברנע", וואס דארף אמהעכסטענס נעהמען בלויז עלף טעג דורכצושפרייזען, האט זייערע עלטערן געדויערט גאנצע פערציג יאהר?

דאס איז אייגענטליך געווען זייער אייגענע שולד — דער־קלערט ער זיי — זיי האבען זיך ניט אויפגעפיהרט ווי עס באדארף צו זיין, און מיט זייערע מעשים רעים האבען זיי אליין מעכב געווען די גאולה. זיי האבען ניט פארשטאנען אפצושאצען דעם פולען ווערטה פון פרייהייט און האבען אימער געבענקט נאך דעם שקלא־פען־לאנד מצרים. זיי האבען רק געשטעלט זייערע פערזענליכע אינ־טערעסען העכער פאר די פון דעם גאנצען פאלק און האבען ווייניג געהאט בטחון אין גאט. דאס האט געפיהרט צו דעם, אז זיי זאלען פאר'משפט ווערען אויסצושטארבען אינ'ם מדבר, און אויך ער אליין איז פון דעם גזר־דין ניט ניצול געווארען. וואלטען זיי פונ'ם ערשטען טאג אן, וואס זיי האבען פארלאזען מצרים, ריכטיג בא־הערשט געווארען פון דעם נאציאנאלען געפיהל און מיט פאר־אייניגטע כוחות געשטרעבט צו דער גאולה, וואלטען זיי שוין לאנג געקומען „אל המנוחה ואל הנחלה", אין זייער פארשפראכען לאנד, און אויך ער וואלט מיט זיי מיטגעגאנגען.

און טאקע צוליב דעם וואס אין אט דער סדרה ווערען אויס־גערעכענט די אלע סיבות, וואס האבען געפיהרט צום פארלענגערן

דעם אידישען גלות, לייענט מען איהר „שבת חזון", דעם שבת פאר „תשעה באב". די מסדרים פון די „פרשות השבוע" האבען דערמיט געוואלט אנדייטען, אז די אידען אליין זיינען מעהרסטענס שולדיג אין זייער טרויעריגער לאגע. דער אומענדליכער גלות איז דער רעזולטאט פון ווייניג צוטרוי צו גאט און צוליב דעם וואס דער נאציאנאלער געפיהל איז ביי זיי שטארק אפגעשוואכט גע־ווארען. אויך די גרויסע בענקענישען פאר די פארשיידענע גלות־לענדער, וואס מאנכע, איבערהויפט פון די רייכערע קלאסען ווייזען ארויס, פאראורזאכט א שפאלטונג אין פאלק און שטערט דער פאר־איינינונג פון אלע שיכטען אידען פאר דעם צוריק־אויפבוי פון זייער נאציאנאלער היים.

אין איין קורצען פסוק פון געציילטע ווערטער גיט זיי משה איבער די אלע פלעצער, וואו זייערע עלטערן האבען געזינדיגט, און דייט־אן די געשעהענישען, וואס האבען געפיהרט צו דער פאר־לענגערונג פון דעם גלות. ער רעדט צו זיי: „בעבר הירדן, במדבר, בערבה, מול סוף, בין פארן, בין תפל ולבן, חצרות ודי זהב". אט אין די אלע אויסגערעכענטע ערטער, זאגט דער „ספרי" האבען די אידען פארבראכען קעגען זייער פאלק און קעגען זייער גאט און האבען דארט פארפיהרט פארשיידענע מחלוקת'ן, וואס האבען גע־שטערט דעם פראצעס פון דער גאולה:

„במדבר" — ביי יעדער שווערקייט, וואס מען האט געהאט דורכצומאכען אויף זייער נסיעה, האבען זיי זיך געוואונשען „מי יתן מותנו במדבר", מיר ווילען בעסער שטארבען אין דער מדבר. קעמפפען פאר פרייהייט, זיך מוסר־נפש צו זיין פאר דעם אידעאל פון זעלבסטשטענדיגקייט, ווי עס טוען אלע פרייהייטס־ליבענדע פעלקער, האבען זיי ניט געוואלט. זיי האבען רק פארלאנגט נסים, איבערנאטירליכעס, און אויך דאס איז ביי זיי ניט אלעמאל געווען אנגעלייגט; פאר יעדער קלייניגקייט האבען זיי פארפיהרט א קריג קעגען גאט און קעגען מיר מיט מיין ברודער אהרן.

„בערבה, בשיטים, בערבות מואב" — אז מיר האבען שוין מיט גאט'ס הילף דערגרייכט די גרעניצען פון מואב, נאך דעם גרויסען זיג איבער סיחון מלך האמורי און עוג מלך הבשן, וואס

האָט די אידען איבערגעגעבען גרויסע און פרוכטבאַרע לענדער, וואָס האָט זיי רייך געמאַכט, האָבען זיי זיך ווידער פאַרנומען אויף קרומע וועגען. אַנשטאָט וואָס זייער אמונה אין גאָט זאָל פאַר־שטאַרקט ווערען און זייער נאַציאָנאַלער שטאָלץ זאָל געהויבען ווערען, איז גאָר געוועזען — „ויחל העם לזנות אחרי בנות מואב", האָבען זיי זיך געלאָזט וואוילגעהן און האָבען זיך געזוכט צו אסי־מילירען מיט די טעכטער פון מואב און אויך זיך בוקען צו זיי־ערע געטער.

„מול סוף — על מה שהמרו בים סוף" — נאָך שטעהענדיג ביים ים סוף, בלויז עטליכע טעג נאָך דער גרויסער געשעהעניש פון יציאת מצרים, האָבען זיי שוין אַרויסגעוויזען אומלאָיאַליטעט. אזוי גיך ווי זיי האָבען דערזעהן די חיילות פון פרעה יאָגענדיג זיך נאָך זיי, האָבען זיי זיך געוואָרפען אויף מיר מיט דעם ביטערען אויסגעשריי: „המבלי אין קברים במצרים לקחתנו למות במדבר", — איז עס צוליב דעם וואָס עס פעהלען קברים אין מצרים האָסטו אונז אַרויסגענומען צו לאָזען שטאַרבען אין דער מדבר? אויך נאָכדעם, ווי זיי האָבען געהערט די פאַרזיכערונג פון גאָט: „דבר אל העם ויסעו", רעד צו דעם פאָלק זיי זאָלען פאָרטזעצען זייער רייזע, און אויך איך האָב זיי פאַרזיכערט, אז זיי האָבען זיך ניט פאַרוואָס צו שרעקען, ווייל „ד' ילחם לכם", גאָט וועט פאַר אייך קעמפען, האָבען זיי ווייניג בטחון געהאַט, און אַ היפשער טייל פון זיי האָט געשריען: „נתנה ראש ונשובה מצרימה", לאָמיר אויפ־נעמען אַ נייעם פיהרער, וועלכער וועט אונז צוריקפיהרען נאָך מצרים.

„בין פארן" — אז מיר האָבען דערגרייכט דעם געגענט פון „פארן", זיינען צו מיר געקומען אַ צאָהל פאַרנעמע באַלעבאַטים פון פאָלק און פאַרלאַנגט איך זאָל שיקען פאַרטרויענסווערטע שליחים אויסצופאָרשען דאָס לאַנד. איך האָב זייער פאַרלאַנג צו־פרידענגעשטעלט און זיי געלאָזט אַליין אויסקלייבען צוועלף פאַר־שטעהער, וועלכע זיינען אוועק מיט דער דעה „לתור את הארץ", אויסצושטודירען דאָס לאַנד און אונז אָפּגעבען אַ באַריכט ווי מען קאָן צו איהם שנעלער צוקומען. „וירגלו אותה", זיי זיינען אָבער

צוריקגעקומען אלס שפיאָנען, רבילות־טרייבער, וואָס האָבען אויס־גערעדט כל'ערליי פארלוימדונגען אויף דעם לאַנד. טראָץ די פאַר־זיכערונגען פון כלב בן יפונה, וועלכער איז געווען איינער פון די שליחים, אז „עלה נעלה וירשנו אותה", מיר וועלען איהר באַ־שטייגען און זיכער איינגעהמען, האָט אָבער דאָס פאָלק מעהר גוטה געווען צו זייערע רייד, ווי צו דעם פארשפרעכען פון גאָט.

„תפל ולבן" — מה שתפלו על המן שהוא לבן" — וואָס זיי האָבען אָנגערעדט אויף דעם ווייסען מן, וואָס גאָט האָט זיי גע־געבען אין דער מדבר. אז די אידען האָבען זיך באַקלאָגט, אז זיי האָבען ניט וואָס צו עסען, און גאָט האָט זיי געזאָגט: „הנני ממטיר לכם לחם מן השמים", איך וועל פאַר אייך רעגנענען ברויט פון די הימלען, און דער מן איז געווען געשמאַק און האָט געהאַט אַלערליי טעמים, האָבען זיי זיך אַלץ ניט צופרידענגעשטעלט. אין אַ קורצער צייט נאָך דעם באַקלאָגען זיי זיך ווידער: „ונפשנו קצה בלחם הקלוקל", אונז איז שוין מיאוס געוואָרען צו עסען אָט דעם ביליגען ברויט.

„וחצרות" — אין חצרות האָט זיך אָפּגעשפּילט די מחלוקות פון קרח מיט זיין געמיינדע, וועלכע האָבען געזוכט אונטערצוגראָ־בען די אויטאָריטעט פון אונזער אמונה, און צו פאַרניכטען די אידישע אייניגקייט. דאָס, ווי איהר ווייסט, האָט געבראַכט גרויס אומגליק אויף אַ היפּשער צאָהל אידען.

„ודי זהב" — היינט דעם שרעקליכען פאַרברעכען, וואָס זיי האָבען באַגאַנגען מיט דעם „עגל הזהב", דעם גאָלדענעם קאַלב, צו וועמען זיי האָבען געדינט און נאָכגעשריען: „אלה אלהיך ישראל", אָט דאָס איז דיין גאָט, ישראל, וואָס האָט דיר אַרויסגע־נומען פון מצרים.

„אחד עשר יום מחורב דרך הר שעיר עד קדש ברנע — ויהי בארבעים שנה — ראו מה גרמתם לכם", בלויז עלף טעג דאַרף עס נעמען פון חורב דורך דעם באַרג שעיר ביז קדש ברנע; אייך, אָבער, האָט עס גענומען גאַנצע פערציג יאָהר. זעהט, וואָס איהר האָט זיך אַליין אָנגעמאַכט" (תענית כ"ט).

משה פאַנגט־אָן צו דערקלערען די תורה

„בעבר הירדן הואיל משה באר את התורה" — אויף דער אנדערער זייט פון ירדן האָט משה איינגעשטימט נאָכאמאָל צו דערקלערען די תורה. „התורה נמשלה לתאנה מפני שרוב האילנות נלקטין כאחד והתאנה נלקטה מעט מעט" — די תורה איז געגלי־כען צו א פייגענבוים, ווייל ס'רוב בוימער ווערען געקליבען פאר איינמאָל, און דער פייגענבוים ווערט געקליבען ביסלעכווייז (מדרש תנחומא). אַלע בוימער פאַרפאַרטיגען זייער פרוכט אין געוויסע ציימען פון יאָהר און פאַר איינמאָל, דער פייגענבוים אָבער האַלט אין איין וואַקסען און פראָדוצירט זיינע פרוכט פיל מאָל אין יאָהר; דעריבער מוז מען איהם קלייבען אָפט, ווייל יעדעס מאָל, וואָס מען זוכט צווישען זיינע בלעטער, קאָן מען געפינען נייע פרוכט. אַזוי אויך די תורה — וואָס מעהר מען לערנט זי, אַלץ מעהר נייע און רייכע געדאַנקען געפינט מען אין איהר.

משה הויבט אָן זיין דערקלערונג מיט דעם „לא תכירו פנים במשפט, כקטן כגדול תשמעון" — איהר זאָלט ניט אנערקענען קיין פערזענליכקייטען פאַר דעם געזעץ, קליין און גרויס זאָלט איהר גלייך אויסהערען. פרייהייט און גלייכהייט זיינען די גרונדלאַגען, אויף וועלכע די געזעצען פון דער תורה זיינען באַזירט. די אידישע תורה אנערקענט ניט קיין קאַסטעס אָדער קלאַסען. רייך און אָרים, געלערענט אָדער אומוויסענד — זיינען אַלע גלייך פאַר'ן געזעץ, וואָס וויים ניט פון קיין יחוס און פריווילעגיעס.

רבי הירש ליב וואָלאָזשינער'ס פאָטער, רבי יעקב בערלין, איז געווען א רייכער מאַן, א גרויסער סוחר. זיין הויז איז געווען אויסגעשטאַטעט מיט זעהר שעהנע מעבעל און פיעל אַנטיקען, וואָס ער פלעגט ברענגען פון אויסלאַנד. איינמאָל האָט זיינע א דינסט, נישט ווילענדיג, צעבראָכען א טייערע כלי, די באַלעבאָסטע, ר' יעקב'ס ווייב, האָט זיך אויף איהר צעשריען און זי שטאַרק גע־זידעלט.

— דו טאָרסט אויף איהר נישט שרייען — ווענדעט זיך ר' יעקב צום ווייב — זי איז פונקט אַזא חשוב'ע ווי דו . . .

— אָבער, סטייטש — קאָכט זיך דאָס ווייב — אזא שאָדען מיר אָנגעמאַכט, אזא היזק ! . . .

— פאר'ן היזק — ענטפערט איהר דער מאַן — מעגסטו מאָנען, אָבער שרייען אויף איהר האָסטו קיין רעכט ניט.

— נו, אויב אזוי — ליאַרעמט זי — געה איך שוין מיט איהר צום רב — און זי כאַפּט אויף זיך די פאַטשיילע און באַפעהלט דער דינסט צו געהן מיט איהר.

רבי יעקב שטעלט זיך אויף און טוט אָן די קאַפּאָטע, גרייט מיטצוגעהן.

— קאָנסט זיצען — מאַכט צו איהם דאָס ווייב — איך דאַרף דיך ביים רב ניט האָבען. כ'קען אליין טענה'ן.

— איך געה ניט טענה'ן פאַר דיר — ענטפערט איהר ר' יעקב — כ'וויים, אַז אויף דיר, ב"ה קאָן מען זיך פאַרלאָזען. דו ווייסט שוין וויסען וואָס צו טענה'ן און דאַרפסט קיין טוען ניט האָבען. געהן געה איך טענה'ן פאַר'ן מיידעל, פאַר דער דינסט. זי איז אַן אָרימע, דערשראָקענע יתומה, און אליין וועט זי נעבעך נישט וויסען וואָס צו טענה'ן. (ב. יאושזאהן).

———o———

ואתחנן

משה טענה'ט זיך אוים מיט גאָט, פארוואָס ער לאָזט איהם ניט אריין קיין ארץ-ישראל

„ואתחנן אל ה'" — און משה בעט זיך ביי גאָט: „אעברה נא ואראה את הארץ הטובה" — לאָז מיר אריבערגעהן דעם ירדן און זעהן דאָס גוטע לאַנד. די גמרא פרעגט: „מפני מה נתאווה משה לכנס לארץ ישראל?" — פארוואָס האָט זיך משה אזוי שטאַרק געריסען אריינצוגעהן אין ארץ-ישראל? „וכי לאכול מפריה ולשבע מטובה הוא צריך?" — איז עס געווען צוליב דעם, ווייל ער האָט זעהר שטאַרק געוואָלט געניסען פון איהרע פרוכט און זיך זעטיגען מיט איהר גוטסקייט? עס גלויבט זיך ניט, אז אַט דער גייסטיגער ריז, וועלכער האָט זיין לעבען אוועקגעגעבען צו בויען אַן אומשטערבליכע נאַציע, וואָס זאָל קאָנען עקזיסטירען אייביג, אויך אויסער די ראַמען פון אַ לאַנד, זאָל בלויז האָבען אין זינען די מאַטעריעלע זייט פון ארץ ישראל. אויב דער הויפּט-ציל פון האָבען אַן אייגען לאַנד איז בלויז „לאכל מפריה ולשבע מטובה" — צו זיין עקאָנאָמיש און פּאָליטיש באַזאָרגט, וואָס פעהלען דען די לענדער, וואָס זיי האָבען נאָר וואָס דעראָבערט אין עבר הירדן? לויט דער באַשטעטיגונג פון די אידען אַליין, איז דאָס לאַנד געווען אַן „ארץ מקנה" — העכסט פרוכטבאַר „וערים בצורות" — און זיינע שטעט זיינען געווען גוט באַפעסטיגט קעגען דעם אָנגריף פון אַ שונא. פון דעם פּאָליטיש-עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט האָט מען זיך מיט זיי געקאָנט גאַנץ גוט צופרידענשטעלען.

וואָס-זשע דען איז געווען זיין הויפּט באַגער? „אמר, הרבה מצוות נצטוו ישראל ואין מתקיימין אלא בארץ ישראל" — ער האָט געזאָגט: פיעל מצוות זיינען די אידען אָנגעזאָגט געוואָרען אין דער תורה, וועלכע קאָנען ניט ריכטיג דורכגעפיהרט ווערען, סיידען זיי וועלען זיין אין ארץ-ישראל. אַט צוליב דעם וויל ער אריין-

קומען, כדי צו קאנען דאס דערוויזען (סוטה י"ד). משה'ן איני טערעסירט מעהר דער „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" די גייסטיגע און קולטורעלע אנטוויקלונג פון זיין פאלק. ער זעהט אין א אידישער ארץ ישראל די שאפונג פון א גייסטיגען צענטער, וואו „שמיא וארעא נשקי הדדי" — וואו הימעל און ערד קומען זיך צוזאמען. „א בית היוצר לנשמת האומה" — א ראפינירונגס־פלאץ פאר דער אידישער נשמה, וועלכער זאל דערהויבען דעם אידישען גייסט און איהם ברענגען צו דער שטופע פון א „גוי קדוש" — א הייליג פאלק, א פאלק וואס זאל מיט זיין מוסטערהאפטען לעבען אויסטייטשען דעם הימעל אויף דער ערד. אזא צענטער קאן אבער ערגעץ־אנדערשוואו ניט געשאפען ווערען. בלויז אין ארץ ישראל איז אזא זאך מעגליך. און איהם האט זיך זעהר געוואלט פארענדיגען די ארבייט, וואס ער האט אנגעפאנגען.

ער וויל אויך זעהן „ההר הטוב הזה, זו ירושלים" — דער פיינער בארג, אויף וועלכען עס וועט געבויט ווערען די שעהנע שטאט ירושלים, וועלכע וועט שטעהן העכער פון אלע שטעט אין דער וועלט, ווייל זי וועט זיין דאס וויגעלע פון אלע גלויבענס (ברכות מ"ח ע"ב). אויך איז ער נייגעריג צו זעהן דעם „לבנון, זו בית המקדש, שמלבין עוונותיהם של ישראל" — דאס איז דער הייליגער טעמפעל, וואס פארווייסט די זינד פון ישראל און מאכט איהם פאר דעם „עם סגולה מכל העמים" — דאס אויסדערוויילטע פאלק פון אלע פעלקער (ספרי).

משה טענה'ט צו גאט: „אתה החלת", דו האסט אין אנפאנג מיר פארשפראכען, אז איך וועל ברייגנען די אידען אין זייער לאנד. ווען דו האסט מיר אויפגעפאדערט ביים בארג חורב איך זאל אויף זיך נעהמען די מיסיע צו באוועגען פרעה'ן, אז ער זאל באפרייען דאס אידיש פאלק, האב איך געשטעלט דעם תנאי: „שלח נא ביד תשלח — ביד מי שיכנסם לארץ", אז דער שליח, וואס וועט ארויספיהרען די אידען פון מצרים, זאל זיי אויך אריינפיהרען קיין ארץ ישראל. דארויף האב איך פון דיר באקומען די תשובה: „לך נחה

את העם", נעה פיהר דאָס פאָלק. הייסט עס, אז דו האָסט דאָן איינגעשטימט צו מיין תנאי, וואָרום ווילסטו איצט ניט אויספיהרען דעם אָפּמאַך? (מהר"ם שיף).

אויף דעם ענטפערט איהם גאָט: „ששה עוונות עשית", זעקס זינד ביזטו באגאנגען, וועלכע האָבען געבראַכט דערצו, אז איך זאָל בייטען מיין מיינונג. ערשטענס, דיין ענטפער, וואָס דו האָסט מיר געגעבען „שלח נא ביד תשלח", דאָס האָט געקלונגען ווי דו וואָלסט זיך אנטזאָגט פון דיין פליכט צו ארבייטען פאַר דער באפרייאונג פון מיין פאָלק. דיר האָט זיך געגלוסט, אז אנדערע זאָלען טאָן די ארבייט פאַר דיר, אבי איך זאָל דיר לאָזען צורוה.

צווייטענס, ביי דעם ערשטען דורכפאַל מיט פרעה'ן האָסטו גלייך פארלוירען דיין געדולד און דו ביזט געקומען צו מיר מיט דער טענה פון „הצל לא הצלת את עמך", דו האָסט ניט געראַטעוועט דיין פאָלק. אויך דו האָסט געוואָלט, אז דער נס זאָל גלייך געשעהן, נאָך איידער דו און דאָס פאָלק האָבען געמאַכט וואָסערע ניט איז אָנשטערנגונגען צו דערנעהענטערען די גאולה.

דריטענס, אז די אידען האָבען פון דיר געבעטען פלייש האָסטו זיך גלייך צעקאָכט און אויסגעשריען: „הצאן ובקר ישחט להם ומצא להם?", אז מען זאָל פאַר זיי קוילענען די גאנצע שאָף און רינדער, וועט עס דען פאַר זיי קלעקען? דאָס האָט אויסגעוויזען ווי אויך דו האָסט געצווייפעלט אין מיין מעגליכקייט צו קאָנען שפייזען דאָס פאָלק.

פערטענס, ביי דער מחלוקה פון קרח האָסטו צוזאַמענגערופען די גאנצע געמיינדע און האָסט זיי געזאָגט מיט די ווערטער „לא ה' שלחני", ניט גאָט האָט מיר געשיקט צו אייך. דו האָסט קאָנטיג געוואָלט אפּעלירען צו זיי אויס דעם נאַציאָנאַלען שטאַנדפונקט בלויז, און דאָס איז ביי מיר א פארברעכען. ביי אידען טאָר דער נאַציאָנאַלער געדאַנק ניט אָפּגעטיילט ווערען פון דער אמונה.

פינפטענס, ביי דער פאסירונג פון „מרה", ווען דו האָסט געבריוכט גרויס כעס און געשלאָגען דעם שטיין, אויסשרייענדיג די ווערטער, „שמעו נא המורים", הערט זיך צו, איהר ווידערשפע-

ניגער. דו האסט געשלאגען דעם שטיין און געמיינט די אידען, און אזא אויפפיהרונג פאסט ניט פאר אן אמת'ן פיהרער.

זעקסטענס, אז דו מוסר'סט דעם יונגען דור דריקסטו זיך אויס מיט די ווערטער, „והנה קמתם תחת אבותיכם תרבות אנשים חטאים", איהר זייט אויפגעשטאנען אויף דעם פלאץ פון אייערע עלטערען, וועלכע זיינען געווען א געזינדעל פון זינדיגע מענשען. מען טאר אזוי ניט רעדען וועגען די טאטעס פון א פאלק צו זייערע קינדער. די פארגאנגענהייט מוז געאכטעט ווערען, אויב מען וויל, אז די אחדות פון פאלק זאל אנגעהאלטען ווערען אויף ווייטער (תנחומא).

משה טענה'ט ווידער פאר גאט: „יוסף, וועלכער האט זיין גאנצען לעבען געווידמעט פאר מצרים און האט איהר רייך גע־מאכט, זיינע ביינער וועלען יא זוכה זיין אריינצוקומען קיין ארץ־ישראל, און איך, וואס האב מיין גאנצען לעבען מקריב געווען פאר דאס לאנד, וועל די זכיה ניט האבען. דארויף ענטפערט איהם גאט: „מי שהודה בארצו נקבר בארצו ומי שלא הודה בארצו אינו נקבר בארצו". יוסף האט מודה געווען אין זיין לאנד און האט זיין שטאם ניט פארלייקענט, כאטש ער איז פאר'משפט געווארען אויף דער קלאגע פון זליכה'ן, „הביא לנו איש עברי לצחק בנו", און האט שטארק געליטען צוליב זיין אידישקייט. פונדעסטוועגען, אז ער דערקלערט זיין לאגע פאר דעם שר המשקים, זאגט ער איהם, „גונב גונבתי מארץ העברים", איך בין ארויסגע'גנב'עט געווארען פון דאס אידיש לאנד. דו אבער האסט אין דיין לאנד ניט מודה געווען און דיין שטאם באהאלטען. בשעת די טעכטער פון יתרו האבען געזאגט צו זייער פאטער, „איש מצרי הצילנו", אן עגיפטער האט אונז געהאלפען, האסטו געהערט און האסט געשוויגען. דערי־בער וועסטו ניט באגראבען ווערען אין ארץ־ישראל.

די חוקים ומשפטים וועלען אויפהאלטען די אידען

„ועתה ישראל שמע אל החוקים ואל המשפטים אשר אנכי מלמד אתכם לעשות, למען תחיו", איצט, ישראל, הער זיך צו צו די געזעצען און די דינים, וואס איך לערען אייך צו טאן, אום

איהר זאָלט לעבען בלייבען. אויף דעם באמערקט דער קובריגער מגיד ז"ל: ווארום רעדט ער צו זיי בלשון יחיד? ווייל צו הערען, מוזען אלע ווי איינער. בלויז דורך א פולשטענדיגער פאראייניגונג זיינען די אידען אימשטאנד דורכצופיהרען אין לעבען די חוקים ומשפטים, וואס די תורה האט זיי געלערענט, און דאס ברייננ זיי דעם „למען תחיו", אז זיי זאָלען אימער לעבען בלייבען. אויב אלע אידען זיינען גלייך מקיים די תורה וואו זיי געפינען זיך, וועלען זיי קיינמאל ניט אונטערגעהן. „מלכות נכנסת ומלכות יוצאת וישראל עומד לעולם", איין מלוכה געהט אריין, א צווייטע געהט ארויס און דער איד עקזיסטירט פאר אימער (קהלת רבה א'). די געשיכטע ווייס טאקע צו דערצעהלען פון פיעלע קעניגרייכען און מלוכות, וואס האבען גע'רודפ'ט די אידען און זיי געזוכט צו פאר־ניכטען, זיי זיינען אבער אליין אונטערגעגאנגען און דער איד האט זיי איבערגעלעבט.

„לא תוסיפו על הדבר אשר אנכי מצוה אתכם ולא תגרעו ממנו", לייגט ניט צו אויף דאס וואס איך פארזאג אייך און מי־נערט ניט פון דעם. „א איד — זאגט רבי יעקב ריינעס זצ"ל — דארף ניט זוכען קיין באלוינונג פאר דעם, וואס ער היט אפ די תורה, ניט אויף דער וועלט און ניט אויף יענער וועלט. „לא תוסיפו", זאלען די פרומע ניט זוכען צופיעל „עולם הבא" מיט דעם, וואס זיי וועלען צולייגען און שווערער מאכען די מצוות, „ולא תגרעו", און זאלען די רעפארמער ניט פארמינערען און פאר־קלענערען מיינע רייד, ווייל זיי ווילט זיך געניסען וואס מעהר „עולם הזה". אין איין פסוק שטעהט „כי גדול מעל שמים חסדיך", דיין חסד איז גרעסער איבער די הימלען, און אין א צווייטען פסוק ווערט געזאגט „כי גדול עד שמים חסדיך", דיין חסד איז גרויס ביז די הימלען, „הא כיצד?" ווי ווערט עס פארשטאנען? „כאן בעושים לשמה וכאן בעושים שלא לשמה" (פסחים נ"ב ע"ב). די וואס טוען די מצוה צוליב איהר אייגענעם ווערטה און ניט פאר דעם שכר, וואס זיי דערווארטען צו קריגען פאר דעם, איז עס „גדול מעל שמים", אזא מצוה שטייגט אריבער די הימלען. די אבער, וואס זוכען צו קריגען באלוינונג פאר טאן א מצוה, איז עס בלויז

„עד שמים", ביז די הימלען. העכער נעהט עס ניט (ספר הערכים).

„ואתם הדבקים בה' אלהיכם — חיים כלכם היום", אט צו־ליב דעם, וואס איהר האט זיך באהעפט אין אייער גאט, זייט איהר געבליבען לעבען ביז היינט. „אפילו בשעה שכל העולם מתים — אתם חיים", — אפילו אין דער צייט, וואס די גאנצע וועלט שטארבט, וועט איהר לעבען בלייבען (סנהדרין צ' ע"ב). אלע אנדערע פעלקער אקצענטירען מעהר זייער עקאנאמישען מצב. דאס פיהרט זיי צו מלחמות, וועלכע פארשפרייטען טויט און פאר־ניכטונג. איהר אבער, מיט אייער האלטען זיך אן גאט'ס ווארט, וועט ניצול ווערען פון אט דעם טויטען־שפיעל און וועט לעבען אייביג.

ווענען אט דעם געדאנק איז דא א פאלק'ס מעשה'לע, וואס די אלטע מאמעס פלעגען אונז אמאל דערצעהלען, אז ווען משיח וועט קומען וועלען אלע אנדערע פעלקער געהן אויף אייזערנע בריקען און וועלען אריינפאלען. דאס פאלק ישראל אבער וועט געהן אויף א פאפירענעם בריק און וועט אריבער בשלום. די קא־נאנען און אייזערנע געווער, וואס די פעלקער געברויכען אויפצו־האלטען זייער קיום, וועט זיי אליין דערטרינקען. די אידען אבער, וועלען געהן נאך די פארשריפטען פון דער תורה, זייער פאפירע־נער בריק, וועלען דורכגעהן בשלום.

———o———

עקב

אויב די אידען וועלען אויספאָלגען די תורה וועלען זיי לעבען אייביג

„והיה עקב תשמעון — אמר הקב"ה הכל מוכן — עשו תשובה ואני דורך גיתה של אדום בעקב רגלי" — אזוי וועט עס אימער זיין, ביי יעדען טראָט, וואָס זיי וועלען אויספאָלגען מיינע געזעצען, בין איך גרייט מיט זיי מיטצוגעהן און צעטרעטען זייערע שונאים, ווי מען צעטרעט ווייטרויבען אין א וויין־קעלער (דב"ר ג'). השי"ת וויל, אז די אידען זאָלען היטען די תורה, כדי זי זאָל זיי קאָנען באשיצען איבעראל און פארהיטען זיי פון אונטער־גאנג.

די מצוות און עבירות פון דער תורה ווערען פון אונזערע חז"ל איינגעטיילט אין צוויי הויפט אָפטיילונגען: א) „בין אדם למקום" — פליכטען פון מענש צו גאָט; ב) „בין אדם לחברו" — פליכטען פון מענש צו מענש. אזעלכע מצוות ווי „תפילין", „ציצית", „מזוזה", „היטען שבת" א. ד. ג., זיינען חובות וואָס דער מענש האָט צו גאָט, זיינע מיטמענשען ברייינגען זיי וועניג נוצען. אזעלכע מצוות אָבער, ווי „צדקה", „הכנסת אורחים" א. ד. ג., זיינען שוין פליכטען, וואָס דער מענש האָט צו דער געזעל־שאפט, צו זיין חבר און ברודער.

אויך אזעלכע עבירות ווי „חלול שבת", „עסען טרפות", און ד. ג., זיינען חטאים, וואָס א מענש באגעהט בלויז געגען גאָט, זיינע חברים ברייינגט ער דערמיט קיין שאָדען ניט. דאגעגען אָבער אזעלכע עבירות, „גנבה", „גזלה", „רציחה", „נארעריי" וכדומה, זיינען שוין פארברעכענס וואָס גראָבען־אונטער די געזעלשאפט און פאראורזאכען פיעל שאָדען צו זיינע מיטמענשען. אויף דעם זאָ־גען אונז די חז"ל: „קשה גזל הדיוט יותר מגזל גבה" — צו באַ־רויבען און שלעכטס טאָן א מענשען איז א שווערערע עבירה ווי

צו זינדיגען געגען גאָט (ב״ב פ״ה ע״ב). אזעלכע עבירות זיינען פון די, וואָס די גמרא רופט־אָן „חטאו בכפלים״ — טאָפּעל גע־זינדיגט. אז איינער פאַרברעכט געגען גאָט האָט ער באַגאַנגען בלויז איין עבירה: אויב ער זינדיגט אָבער געגען זיין חבר, באַ־געהט ער צוויי עבירות — איינע געגען מענשען און איינע גע־גען גאָט.

דיינען גאָט זאָל מען „מאהבה ומיראה״, אויס ליבע און אויס פורכט. מיט דעם וואָס מען ליבט גאָט, וועט מען אָפּהיטען אַלע מצוות, און צוליב דער מורא פאַר גאָט וועט מען ניט באַגעהן קיין פאַרברעכענס. די „מצוות עשה׳ס״, די פליכטען וואָס א מענש מוז אויספיהרען צו זיין גאָט און צו זיינע חברים, זיינען געוויינליך די וואָס ער טוט „מאהבה״, אויס ליבע צו זיין אמונה און צו איהרע טראַדיציעס. די „מצוות לא תעשה׳ס״, די פאַרבאָטען אָבער קענען פאַרברעכענס, זיינען די וואָס ער זאָל ניט טאָן צוליב „יראה״ אויס מורא, אז ער וועט דערפאַר באַשטראָפט ווערען. מיט דעם געדאַנק לערנט דער „מלבי״ם״ ז״ל די ערשטע פאָר פסוקים פון היינטיגער סדרה: „ושמרתם ועשיתם״, אז איהר וועט זיך אָפּ־היטען פון די „לא תעשה׳ס״ און זיי ניט טאָן אויס „יראה״ פאַר גאָט, און איהר וועט אויך מקיים זיין די „מצוות עשה׳ס״ צוליב „אהבה״ צו גאָט, וועט דאַן זיין „ושמר לך״, וועט ער דיר אויס־היטען פון אַלע שרעקען, „ואהבך וברכך״, און ער וועט דיך ליב האָבען און בענשען פאַר דיינע גוטע מעשים״.

„ברוך תהיה מכל העמים״, געבענשט וועסטו זיין מעהר פון אַלע פעלקער, די „לא תעשה׳ס״ וועלען דיך פאַרהיטען פון אונטער־גאַנג. אויב דו וועסט ניט באַגעהן די עבירות, וואָס ווערען אויס־גערעכענט אין דער תורה, וועסטו איבערלעבען אַלע פעלקער. דאָס וועט דיר געבען געדולד און אויסדויער פאַרטצוזעצען דיין עקזיס־טענץ. עבירות, פאַרברעכענס, וואָס ווערען געטאָן, איבערהויפּט קעגען מענשען, קומען מעהרסטענס פון אומגעדולד און פון ווע־לען אַריינכאַפּען די ממשלה איבער אנדערע. אזעלכע זיינען גע־דויערען אָבער ניט לאַנג און מיט דער צייט פאַרניכטען זיי אויך דעם זינגער.

איך האב געהערט פון מיין פאטער זצ"ל א וואונדערבארען געדאנק איבער דעם פסוק אין (מסעי ל"ה) „ולא תחניפו את הארץ אשר אתה בה", חנפה'ט ניט א לאנד, וואו איהר געפינט זיך, צו־ליב די שעהנע איינריכטונגען וואס דאס לאנד האט. אויב דאס איז געשאפען געווארען מיט דעם בלוט פון אנדערע, וועט קיין קיום ניט האבען. „כי הדם הוא יחניף את הארץ", דאס בלוט פון אומשולדיגע מאכט אלע דערגרייכונגען פון א לאנד אלס „חניפה", פוסטע באריהמעריי, און עס וועט זיך אפרופען קעגען די וואס האבען דאס אומשולדיג בלוט פארגאסען. „ולארץ לא יכופר לדם אשר שופך בה כי אם בדם שופכו", דאס לאנד וועט ניט פארגעבען ווערען פאר דעם בלוט, וואס איז אין איהם פאר־גאסען געווארען, סיידען מיט דעם בלוט פון די פארגיסער. די צוקונפט וועט זיך אפרעכענען פאר אלע חטאים, וואס די פיהרער פון א לאנד זיינען באגאנגען אין דער פאר־גאנגענהייט".

די „מצוות עשה'ס" פון דער תורה, די אלע גוטע מעשים, וואס איך הייס אייך טאן, וועלען אייך דינען אין דער געגענוואַרט און וועלען שפייזען אייער גוף, אזוי גוט ווי אייער נשמה, ווייל זיי זיינען „מן הדברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לעולם הבא", פון די זאכען וואס א מענש עסט זייערע פרוכט אויף דער וועלט און דער קרן בלייבט איבער פאר יענער וועלט (קדושין מ' ע"א). אויף די יסודות פון דעם „היינט" ווערט געבויט דער „מארגען". דער עתיד פון א פאלק ציהט זיין הויפט יניקה פון דעם „עבר". אויב זיין לעבען איז אין אנקלאנג מיט די פרינציפען פון זיין אמונה, פון זיין גלויבען, וואס האט איהם אויפגעהאלטען דורות לאנג אין דער פארגאנגענהייט, איז זיין צוקונפט א געזיכערטע.

„אין לו להקב"ה בעולמו אלא יראת שמים", גאט וויל קיין זאך ניט פון דער וועלט בלויז „יראת שמים", מען זאל פאר איהם

מורא האבען און נים טאן קיין שלעכטס צו קיינעם (שבת ל"א ע"ב). צו רבי הירש ליב וואלאזשינער איז אמאל געקומען זיינער א געוועזענער תלמיד, וועלכער איז שפעטער געווארען א רייכער סוחר.

— וואס מאכסטו? — פרעגט איהם רבי הירש לייב.

— געלויבט השי"ת, רבי — ענטפערט יענער — כ'האב מיך נישט, חלילה, וואס צו באקלאגען, כ'בין ב"ה געזונט, איך האב פרנסה...

זיצט ער און שמועסט מיט איהם וועגען אנדערע זאכען. פלוצלינג פרעגט ער איהם נאכאמאל: „וואס מאכסטו?"

— כ'זאג דאך אייך, רבי, כ'בין ב"ה געזונט, פרנסה איז אויך פאראן...

געהט ווידער אוועק א שמועס. אין עטליכע מינוט ארום טוט ער איהם ווידער א פרעג: „איז וואס־זשע מאכסטו?"

— האט קיין פאראיבעל נישט, רבי — ווערט יענער פארחידוש'ט — שוין דריי מאל ווי דער רבי פרעגט מיך די איינענע שאלה... איהר הערט דאך, כ'בין ב"ה געזונט, כ'האב ב"ה פרנסה בשפע...

— ניין — זאגט רבי הירש ליב — דו ענטפערסט מיר אלץ שלא ממין הטענה. איך פרעג דיך: וואס מאכסטו? ענטפערסטו מיר: געזונט, פרנסה... גאנץ שעהן! אבער דאס אלץ מאכט דאך דער רבונו של עולם, נישט דו! זאג מיר בעסער: וואס דו מאכסט? ביזטו קובע עתים לתורה? גיסטו צדקה? ווי האלסטו בכלל אין אידישקייט (פון אונזער אלטען אוצר).

די תורה איז דעם אידען'ס איינציגע ישועה

„לאחר שעבד מנשה כל עבודת כוכבים שבעולם ולא הועילו לו מצרתו כלום, אמר, זכור אני שהיה אבא מקריא אותי את הפסוק הזה בביהכנ"ס, בצר לך ומצאוך כל הדברים האלה, ושבת עד ה' אלהיך", נאך דעם אז מנשה האט אויסגעדינט אלערליי עבודה זרות און קיין זאך האט איהם נים געהאלפען אין זיין נויט, האט ער געזאגט: איך געדענקט, אז מיין פאטער האט פאר מיר

פאַרגעלייענט אַט דעם פסוק אין שוהל: אז דיר וועט ענג זיין און עס וועלען דיר טרעפען אַט די אַלע צרות, זאָלסטו זיך אומ־קערען צוריק צו דיין גאָט (ירושלמי סנהדרין פ״י ה״ב). וואָס מעהר אַ איד אַנטלויפט פון זיין פאָלק, אַלץ מעהר יאָגען איהם נאָך די אידישע צרות. כאָטש ער אַנטזאָגט זיך פון זיין פאָלק, שליסט איהם אָבער דער גוי איין און פאַראַפּטעט איהם נאָך מעהר.

אַ איד מוז אויך האָבען אין זינען, אז אַלץ וואָס ער פאַר־מאָגט אויף דער וועלט, איז איהם געקומען צוליב גאָט׳ס ווילען, און דערום זאָל ער זיך טיילען מיט דעם וואָס האָט נים. אַ איד טאָר נישט זאָגען: „כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה״, אז פון „עוצם ידי״ (עוצם מיינט אויך פאַרמאַכען). פון האַלטען מיין האַנט פאַרמאַכט און ניט געבענדיג קיינעם אַ גראָשען, „עשה לי את החיל הזה״, האָב איך מיר דערוואָרבען מיין קאַפּיטאַל. די דערפאַרונג האָט אונז געלערנט, אז פון ניט געבען צדקה איז נאָך קיינער ניט רייך געוואָרען (ארונו של יוסף).

„ואכלת ושבעת״, דו זאָלסט עסען און זאַט זיין. פאַראַן נאַרישע פרומאַקעס — פלעגט זאָגען רבי ברוך מעזשיבוזער — וואָס אָנשטאָט אויסצובעסערען זייערע מידות און הייליגען זייערע מחשבות, פּייניגען זיי דעם גוף מיט תעניתים און פאַסטען אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. אַט אַזלעכע מענשען זיינען געגליכען צו יענעם פּויער, וואָס אַליין זיצט ער אין קרעטשמע און שיכור׳ט, אָבער דאָס פערד האַלט ער אין דרויסען צוגעבונדען צו דער וואַנט און לאָזט איהם הונגערן.

„וברכת״, דו זאָלסט בענשען נאָך דיין עסען. מען האָט אַמאָל געפרעגט רבי ישראל סאַלאַנטער: פאַרוואָס צום בענשען מיט אַ מנין דאַרף מען האָבען „שבעה שאכלו״, אַמווייניגסטען זיבען וואָס האָבען געגעסען, און צום דאַווענען מיט אַ מנין איז גענוג „ששה מתפללים״, זעקס וואָס האָבען נאָך ניט געדאַווענט?

— דער אויבערשטער — האָט רבי ישראל דערויף גע־ענטפערט בדרך הלצה — וויל בעסער, אז נאָך אַ איד זאָל עסען, איידער נאָך אַ איד זאָל דאַווענען . . .

„את ה' אלהיך תירא"— לרבות תלמידי חכמים", דו זאָלסט מורא האָבען פאַר דיין גאָט; דאָס מיינט אויך, דו זאָלסט רעספעקטירען אַ תלמיד־חכם. איך האָב אַמאָל געהערט פון הרב שחור ז"ל פון באָסטאָן: „אין דער גמרא ווערט געזאָגט אויף רבי עקיבא'ן, דאָס ווען ער איז נאָך געווען אַן עם הארץ, פלעגט ער אימער זאָגען: „מי יתן לי תלמיד חכם ואנשכנו כחמור", ווער וועט מיר געבען אַ אידישען געלערנטען און איך וועל איהם איינבייסען ווי אַן אייזעל. אין דער אַלטער היים, אז אַן עם הארץ פלעגט וועלען נאָכטאָן רבי עקיבא'ן, פלעגט ער נעהמען פאַר זיין טאָכטער אַ גוטען איידעם פון אַ ישיבה און נאָכדעם איהם דערנעהן די יאָהרען. דאָ אָבער, אין אַמעריקא, איז עס אַ צו־טייערער ביסען; האָבען די עמי הארצים געפונען אַן אַנדער מיטעל ווי מקיים צו זיין אָט די גמרא. זיי נעהמען זיך צוזאַמען, גרינדען אַ שוהל און נעהמען־אויף אַ רב, און נאָכדעם איז מען איהם מקצר ימים, און מען פייניגט איהם אָהן רחמנות".

———o———

ר א ה

די „בחירה" איז איבערגעגעבען געוואָרען צום מענשען

משה זאָגט צו די אידען : „ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה", זעהט, איך לייג פאַר אייך היינט פאַר די וועגען, וואָס פיהרען צו ברכה, צו גליק, און אויך די וועלכע פיהרען צו קללה, צו אומגליק. די ברכה ליגט אין הערען און אויספאָלגען די מצוות פון אייער גאָט, און די קללה — אין ניט הערען און ניט פאָלגען זיינע ווערטער. די ברירה איז ביי אייך אין די הענט, איהר קאָנט פרייוויליג אויסקלייבען וועלכע איהר ווילט.

דער הויפט־תכלית פון אונזער תורה — דערקלערט רבי יצחק יעקב ריינעס ז"ל — איז צו ברענגען דעם מענשען צו אזא מדרגה, אז זיינע מאָראלישע און עטישע באַגריפען זאָלען אויף איהם האָבען דיזעלבע ווירקונג, ווי זיינע נאַטירליכע אינסטינקטען. צוליב אָט דער אורזאַך איז די „בחירה חפשית", דעם מענשען'ס פרייוויליגקייט, פאַר זיך צו באַשטימען וואָס ער האָט צו טאָן, איינע פון די יסודות, אויף וועלכע די אידישע אמונה איז באַגרינדעט. „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים", דער שיקזאַל פון אַלעם ליגט אין די הענט פון דעם אויבערשטען, אויסער דער שיקזאַל פון יראת שמים (ברכות ל"ג ע"ב). מורא צו האָבען פאַר גאָט און געהן אין זיינע דרכים, דאָס איז איבערגעלאָזען געוואָרען צו דער „בחירה חפשית", צו דעם פרייווילען פון דעם מענשען זעלבסט. די תורה צווינגט קיינעם ניט צו טאָן ווי זי הייסט ; זי לערנט דעם מענשען בלויז, און צייגט איהם אָן די וועגען וואָס פיהרען צו אַ גליקליך לעבען".

„וואָלט די „בחירה" ניט איבערגעגעבען געוואָרען צום מענשען — זאָגט ווייטער רבי ריינעס — וואָלטען אַלע זיינע מעשים מוזען דיקטירט אָדער אָנגעוויזען ווערען פון אויסערליכע כוחות ; וואָלט ער מיט דער צייט געוואָרען אוים מענש. אָדער ער וואָלט

פארוואנדעלט געווארען אין א מלאך, אן אויבער־מענש, אדער אין א ווילדער חיה, א נידעריגע בריאה. דער מדרש ברענגט, אז בשעת השי"ת האט באשלאסען צו באשאפען דעם מענשען, האט ער זיך געשלאגען מיט דער דעה; „אם אני בוראו מן העליונים הוא חי ואינו מת, מן התחתונים הוא מת ואינו חי", זאל איך איהם באשאפען פון לויטער הימלישע שטאפען, וועט ער לעבען און ניט שטארבען; פארקערט, זאל איך איהם מאכען פון לויטער ערד־ליכע מאטעריאלען, וועט ער שטארבען און ניט לעבען (ב"ר י"ד). דער מענש איז דערום צוזאמענגעשטעלט געווארען פון „גוף" און „נשמה"; דאס ערשטע איז גענומען געווארען פון אונטען, פון דער ערד, און דאס צווייטע — פון אויבען, פון הימעל. דאס שאפט דאס גלייכגעוויכט, וואס מאכט דעם מענשען פאר א „מעט מאלהים", א העכערע באשעפעניש, צוליב דעם „חלק אלה' ממעל", צוליב דער געטליכקייט אין איהם, און א שטערבליכע בריאה, צו־ליב זיין ערדליכען טייל".

„די מחשבה", דער געדאנק און איבערלייגונג, איידער א זאך ווערט פון איהם געטאן, איז א טייל פון דער נשמה. דער „רצון", דער וואונש צופרידענצושטעלען זיינע תאוות און לײדענשאפטען, קומט פון דעם גוף. די תורה זוכט ניט צו באצווינגען דעם רצון פון דעם מענשען; זי גיט איהם די פולע פרייהייט צו טאן וואס ער וויל; זי ראט איהם בלויז זיך צו באנוצען אויך מיט דער מחשבה, און זיך איבערלייגען איידער ער געהט טאן עפעס, וואס קאן איהם אדער אנדערע שאדען טאן. אזוי ווי די „מחשבה" ווירקט אמאל אויפ'ן „רצון" און צווינגט איהם צו טאן וויכטיגערע זאכען ווי באפרידיגען זיינע אייגעננוצען, דערפאר זאגט טאקע די גמרא: „חשב אדם לעשות מצוה ונאנס ולא עשה מעלה עליו הכתוב כאלו עשאה", האט א מענש געטראכט צו טאן א מצוה, נאר צוליב געוויסע אומשטענדען איז עס איהם ניט געלונגען, פאר־רעכענט עס די תורה, אויף זיין קאנטא, פאר א מצוה, ווי ער וואלט עס טאקע געטאן. קוים איז א מענש אינספירירט געווארען פון א העכערען פארלאנג און האט אפגעמאכט זיין „מחשבה" צו טאן א מצוה, וואלט ער, אונטער געוויינליכע אומשטענדען, שוין גע־

פונען די נויטיגע מיטלען ווי צו באוועגען דעם „רצון" עס דורכ־צופיהרען. האט זיך אבער געמאכט א סיבה, וואס האט איהם גע־שטערט, איז עס ניט זיין שולד, און גב"ה איז זיין „מחשבה טובה מצרף למעשה" (קדושין מ׳ ע"א).

איבערהויפט ווארענט משה די אידען זיי זאלען ניט באַ־איינפלוסט ווערען פון פרעמדע השפעות. „וסרתם מן הדרך אשר אנכי מצוה אתכם היום ללכת אחרי אלהים אחרים אשר לא ידעתם", אפצוקערען זיך פון דעם וועג וואס איך פארזאג אייך היינט, און געהן נאך פרעמדע געטער, וועלכע איהר ווייסט ניט. אויב די „בחירה" איז אייך איבערגעגעבען געווארען, לאזט זיך ניט פארפיהרען פון פרעמדע געדאנקען, וועלכע זיינען ניט אין איינקלאנג מיט דער תורה און אמונה פון אייער פאלק און אייער גאט. „כל המודה בעבודת כוכבים ככופר בכל התורה", דער וואס לאזט זיך באאיינפלוסען פון עבודה זרות, פון פרעמדע אידייען און פרינציפען, איז גלייך ווי ער וואלט געלייקענט אין דער גאנ־צער תורה (ספרי).

עס איז אמת, אז דער פראצעס פון צופאסונג, אין די גלות לענדער, איז פאר דעם אידען זעהר א שווערער. די אומשטענדען פון יעדען לאנד זיינען פארשיידען און ניט איבעראל קומט עס אן לייכט דורכצופיהרען אין לעבען די מצוות פון דער תורה. איבער־הויפט איז עס זעהר שווער איינצוהאלטען די יוגענט, זי זאל ניט ארונטערפאלען אונטער די השפעות פון איהרע שכנים, מיט וועלכע זי קומט אין טעגליכער באריהרונג. מען מוז אבער מאכען אלע אנשטרענגונגען דאס ניט צו דערלאזען, ווייל דאס איז עלול צו צעשטערען די אייגענארטיגקייט פון דעם פאלק, און אפהאלטען דעם פראצעס פון זיין באפרייאונג.

ווי באקאנט, האבען די גרינדער פון רעפארם אין דייטש־לאנד באהויפטעט, אז דער טעם פאר זייערע נייע איינפיהרונגען איז, כדי גרינגער צו מאכען פאר דעם יונגען דור צו קאנען אפ־היטען די הויפט־מצוות פון דער תורה. אויף דעם האט זיי רבי עזריאל הילדעסהיימער ז"ל פון בערלין דאן געענטפערט: „עס שטעהט אין דער תורה: „לא תגרעו ממנו—לשמור את מצות ד'",

איהר זאָלט ניט מינערען און פאַרקלענערען מיינע פאַרזאָגען — אפילו צוליב דעם מכלומרשטען טעם פון „לשמור את מצות ד׳״, אז צוליעב דעם וועט ווערען לייכטער אָפּצוהיטען דעם אויבער־שטענ׳ס מצוות״.

זעהט אויפצוהאַלטען די גאַנצקייט פונ׳ם פאָלק

„בנים אתם לד׳ אלהיכם״, איהר זייט אַלע קינדער פון איין גאָט, און אַזוי מוזט איהר זיך אויפפיהרען. עס טאָרען ביי אייך ניט זיין קיין באַזונדערע קאַסטעס און קלאַסען, אַלע זיינען גלייך. קינדער פון איין פאָטער מוזען לעבען בשלום און זיך העלפען איינע די אַנדערע. די גמרא פרעגט: „נקראים בנים ונקראים עבדים״, די אידען ווערען אין דער תורה אָנגערופען גאָט׳ס קינדער און אויך גאָט׳ס קנעכט — „בזמן שאתם נוהגים מנהג בנים אתם נקראים בנים״ (קדושין ל״ו ע״א). אַז איהר פיהרט זיך אויף ווי קינדער פון איין טאַטען דאַרפען זיך אויפפיהרען, דאַן זייט איהר באַרעכ־טיגט צום טיטול „בנים״, גאָט׳ס קינדער; אויב אָבער איהר טיילט זיך איין אין פאַרשיידענע קלאַסען מיט באַזונדערע פריווילעגיעס, ווערט איהר אויס קינדער, און אייער אָפּהיטען די מצוות פון דער תורה ווערט בלויז אַ „גאָטעסדינסט״, דאָס פּאַסט זיך מעהר פאַר „עבדים״ ווי פאַר „בנים״.

„לא תתגודדו — לא תעשו אגודות אגודות״, שאַפט ניט צופיל פאַרטייען פון פאַרשיידענע ריכטונגען (יבמות י״ד), דאָס ברעכט די איינהייטליכקייט פונ׳ם פאָלק און שוואַכט אָפּ זיין שאַ־פונגס־גייסט. פאַרטייען, לאַנדסמאַנשאַפטען זיינען אַ פּראָדוקט פון גלות, וואָס דאָס לעבען אין פאַרשיידענע לענדער מיט פאַרשיידענע קולטורען האָט עס אויף אייך אַרויפגעצוואונגען. אין ארץ־ישראל מוזט איהר עס אָפּשאַפען; דאָרט מוזט איהר אַלע זיין פאַראיי־ניגט צו איין ציעל, צו איין צוועק. „לא תשימו קרחה — כשם שעשה קרח״, פאַראורזאַכט ניט קיין פּליך, קיין ריס אין דעם אידי־שען לעבען ווי קרח האָט געטאָן (ילקוט שמעוני). קעגנערשאַפט פון איין פאַרטיי צו דער צווייטער ברעכט די אידישע גאַנצקייט און פאַרקלענערט די מעגליכקייט פון שנעלער אַנטוויקלונג.

„לא תתגודדו" — אויך אייערע רבנים און פיהרער זאָלען זיך ניט איינטיילען אין פארשיידענע אגודות, „כגון ב"ד אחד בעיר אחת, פלגא מורים כדברי בית שמאי ופלגא כדברי בית הלל", א בית־דין פון רבנים אין איין שטאָט, איין העלפט האלט ווי בית שמאי און די צווייטע ווי בית הלל, און זוכען איבערצו'פסק'ענען איינע די אַנדערע (יבמות י"ד ע"א). אז אויך רבנים זיינען צע־ריסען צווישען זיך, רופט זיך עס שלעכט אָפּ אויף דעם גאַנצען פאָלק; זיי גראָבען דערמיט אונטער די אַכטונג, וואָס אידען דאַר־פען האָבען פאַר זייערע געזעצען, און ברענגען פארווירונג אין דעם אידישען רעליגיעזען לעבען.

„כי יהיה בך אביון מאחד אחיך — לא תאמץ את לבבך ולא תקפוץ את ידך", אויב עס וועט זיך געפינען ביי דיר אַן אָרי־מאַן, איינער פון דיינע ברידער, זאָלסטו ניט הארט מאַכען דיין הארץ און ניט פארמאַכען דיין האַנט. דו מוזט איהם געבען „די מחסרו", וויפיל איהם פעהלט. דער דובנער מגיד ז"ל דערקלערט דעם פסוק אויף אַ פאָרטרעפליכען אופן: „אין מדרש רבה פרשת משפטים ווערט געבראַכט, אז דוד המלך האָט גע'טענה'ט פאַר גאָט: „תיישב עולמך בשוה, העניים והעשירים", טייל־איין דיין געלט גלייך צווישען די רייכע און אָרימע, אָרים און רייך זאָלען האָבען גלייך. על פי יושר האָט טאַקע אַזוי געדאַרפט זיין, אָבער די פעהיגערע האָבען גענומען אריינכאַפּען וויפיל זיי קאָנען, און דער גביר ווערט רייך אויפ'ן חשבון פון אָרימאַן . . . דעריבער זאָגט די תורה: „כי יהיה בך אביון", דער אָרימאַן האָט דאָך אייגענטליך זיין פארמעגען ביי דיר; דו האָסט דאָך, אויף פאַר־שיידענע אופנים, דאָס פון איהם פארכאַפּט, טאָ גיב איהם כאָטש אַ טייל פון וואָס איהם קומט".

„לא ירע לבבך בתתך לו — כי בגלל הדבר הזה יברכך ד'", זאָל דיר ניט פאַרדריסען, אז דו גיסט איהם, ווייל צוליב אָט דער זאַך וועט דיך גאָט בענשען. „תנא דבי רבי ישמעאל — גלגל הוא שחוזר בעולם", אין דעם בית־מדרש פון רבי ישמעאל האָט מען אויף דעם געלערנט, אז דאָס איז אַ רעדעלע, וואָס דרייט זיך אין דער וועלט (שבת קנ"א ע"ב). די מטבע איז קיילעכדיג; היינט

איז זי ביי דעם און מאָרגען קייקעלט זי זיך אוועק צו אַ צווייטען. אום אָנצוהאַלטען גאָט'ס ברכה, זאָל מען האָבען אין זינען דעם גויטבאַדערפטיגען און איהם געבען מיט דער פולער האַנט.

די גמרא (גיטין ז') זאָגט וועגען דעם ענין פון צדקה: „כל הגוזז נכסיו ועושה מהם צדקה, ניצול מדינה של גיהנם", דער וואָס שערט־אָפּ פון זיינע גיטער פאַר צדקה זאַכען, ווערט געראַטעוועט פון גיהנם. „משל לשתי רחלות שהיו עוברות בנהר, אחת גזוזה ואחת שאינה גזוזה, גזוזה עוברת ושאינה גזוזה אינה עוברת", דאָס איז געגליכען צו צוויי שעפּסען, וואָס דאַרפען דורכגעהן אַ טייך; די אָפּגעשוירענע געהט־דורך און די ניט־אָפּגעשוירענע, צוליב די וואַסערן וואָס זיינען אַריין אין איהר וואָל, קאָן ניט דורכגעהן. דער וואָס האָט זיך ניט געלאָזט שערען אין גוטע צייטען, קאָן ניט דערוואַרטען קיין הילף פון קיינעם אין צייטען פון אַ קריזיס. אויך די הימלען פאַרגעסען אָן איהם, ווייל „כל המרחם על הבריות מרחמים עליו מן השמים" (שבת קנ"א ע"ב). דער וואָס האָט רחמנות אויף אַנדערע, קאָן דערוואַרטען רחמנות.

———o———

שופטים

וואָס אידישע שופטים און דיינים דאַרפען וויסען

„שופטים ושוטרים תתן לך — לך ולא לאומות העולם". ריכטער און פאַרוואַלטער זאָלסטו באַשטימען פאַר דיר— פאַר אייך אַליין און ניט פאַר די פעלקער פון דער וועלט (מדרש רבה). „אמאָל איז טאַקע אַזוי געווען, אַז אַ שטאָט אָדער קהלה האָט געהאַלטען ביים אויפנעמען אַ נייעם רב, האָט מען אויסגעקליבען אַ קאָמיטע פון שעהנע באַלעבאַטים, וועלכע פלעגען זיך אַרויסלאָזען זוכען אַ רב, אַ גרויסען למדן, אַ ירא שמים, אַ בעל מדות. היינט אָבער, איבערהויפט אין די אידישע קהלות פון די פרייערע לענדער, אַז מען דאַרף אויפנעמען אַ רב, האָט מען קודם כל אין זינען, ער זאָל אויסנעמען ביי די גאַנצע אָדער האַלבע גוים. אָנשטאָט צו קענען לערנען מוז ער זיין באַהאַוועגט אין דער לאַנד־שפּראַך; אָנשטאָט פּסק'ענען שאלות, זאָל ער האָבען אַ טאַלאַנט צום רעדען; אָנשטאָט אַ ירא שמים, מוז ער באַזיצען פיינע מאַניערען און זיין העפליך צו די באַאַמטע און מיטגלידער פון זיין געמיינדע. זאָגט דעריבער דער מדרש, אַז ווען אַ אידישע קהלה אין ארץ ישראל האַלט ביים אויפנעמען אַ שופט אָדער אַ רב, זאָל ער זיין „לך ולא לאומות העולם", אַ ר ב פ אַ ר א י ד ע ן א ו ן נ י ט פ אַ ר ג ו י ם (רבי נפתלי סופר).

דער „ילקוט שמעוני" ברענגט: דאָס ביי דעם טראָן פון שלמה המלך איז געשטאַנען אַ „כורז", אַן אויסרופער, וועלכער פלעגט ביי יעדען פון די זעקס טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט צום טראָן, אַנאָנסירען איינעם פון די זעקס „לאו'ן" (פאַרבאָטען), וואָס ווערען אויסגערעכענט אין אָנפאַנג פון היינטיגער סדרה, און וועלכע, לויט חז"ל, באַציהען זיך אַלע אויף די שופטים און דיינים ביי אידען.

„כיון שהיה עולה במעלה הראשונה היה כורז", אַז שלמה

המלך האט באשטיגען דעם ערשטען טרעפ פלעגט ער אויסרופען: „לא תטה משפט", דו זאלסט ניט אפנויגען דעם געזעץ. א אידישער דיין מוז זיין קלאר אין „הלכה", ער מוז גוט וויסען דעם דין, כדי ער זאל קאנען ארויסגעבען א ריכטיגען אורטייל, ווייל „כל דיין שאינו דן דין אמת לאמיתו גורם לשכינה שתסתלק מישראל". יעדער דיין, וואס פסק'ענט ניט ריכטיג א דין, איז גורם, אז די שכינה זאל זיך אפטאן פון די אידען (סנהדרין ז' ע"א). דער הויפט־פרינציפ פון דער אידישער תורה איז, ארייננצוברייננגען וואס מער קלאר־קייט אין די רייען פון די אידען, בדי די שכינה זאל קאנען וואוינען צווישען זיי. אויב דער רב אדער דיין פארקריפעלט דעם אמת'ען זין פון דער תורה, איז ער „דוחק רגלי השכינה", געפינט די שכינה קיין ארט ניט פאר זיך און פארלאזט די אידישע געמיינדע.

„מעלה שניה" — אז שלמה האט געגרייכט דעם צווייטען טרעפ פלעגט דער „כורז" אויסרופען „לא תכיר פנים במשפט" דו זאלסט קיינעם ניט נושא פנים זיין אדער חנפ'ענען אין דיין אורטייל. פאר דעם געזעץ זיינען אלע גלייך. סאי ארים סאי רייך, געלערנט אדער אומוויסענד, זיינען בארעכטיגט צו אן אומפאר־טייאישען משפט.

„ב. יאושזאהן" דערציילט: אז ביי רבי שמעלקע ניקעלס־בורגער איז אויף דער וואנט פון זיין בית־דין־שטוב געהאנגען שטענדיג א טארבע מיט א שטעקען. דאס איז געווען א ווארנונג פאר אלע בעלי־דינים און שטאטישע תקיפים, אז ער וועט קיינעם ניט אכטען אדער שמייכלען; אז ער איז יעדע מינוט גרייט, אויב זיי ווילען איהם אפזאגען פון רבנות, צו נעמען דעם שטעקען מיט דער טארבע און אויסוואנדערען, אויב אפילו ער וועט געדריקט זיין צו געהן איבער די הייזער.

„מעלה שלישית — ביי דעם דריטען טרעפ פלעגט ער אויס־רופען: „לא תקח שוחד", דו זאלסט ניט נעמען קיין כאבאר, „כי השוחד יעור עיני חכמים ויסלף דברי צדיקים", ווייל כאבאר מאכט בלינד די אויגען פון די קלוגע און פארקרימט די ווערטער פון די

גערעכטע, א רב אדער דיין, וואס קוקט אין די הענט פון די בעלי־דינים, צו וויסען ווער פון זיי וועט איהם געבען מעהר פסק־געלט, איז ניט עלול צו פסק'ענען דעם דין ריכטיג, ער וועט געוויס נוטה זיין צו דעם צד וואס גיט מעהר. „מאי שוחד?" ווארום הייסט כאבאר שוחד, „שהוא חד", ווייל ער איז שארף און שניידט איין דעם בעל־דין אזוי גוט ווי דעם דיין (כתובות ק"ה ע"ב).

„מעלה רביעית" — ביי דעם פערטען טרעפ פלעגט דער „כורז" אויסרופען: „לא תטע לך אשרה", דו זאלסט דיר ניט פלאנצען א בוים פאר אן עבודה זרה. „כל המעמיד דיין שאינו הגון כאלו נוטע אשרה בישראל", די קהלה, וואס נעהמט אויף א רב אדער א דיין, וואס איז ניט פאסיג פאר דעם אמט, איז ווי זי וואלט פארפלאנצט אן עבודה זרה בוים ביי אידען (סנהדרין ז' ע"ב). אז א אידישע קהלה נעהמט אויף א רב ניט צוליב זיין לומדות און גרויסקייט אין לערנען, נאר צוליב זיין וועלטליכקייט, צוליב זיין גרויסער רעדנער־קראפט אדער געזעלשאפטליכקייט, בויט זי ניט א אידישע שוהל, וואו דער אידישער גייסט זאל זיך קענען אנטוויקלען ווי געהעריג איז, זי פארוואנדעלט איהר שוהל אין אן „אשרה", א צענטער פאר קערפערליכע פארגעניגענס, אבער ניט פאר אידישע גייסטיגע אינטערעסען. איך האב געהערט פון דעם ביאליסטאקער מגיד, הרב ראפאפארט, דעם פאלגענדען וויץ: „אמאל, אז מען פלעגט דארפען האבען א מנין האט געקענט פאסירען, אז מען האט געהאט ניין אידען און עס האט געפעהלט א צענטער, היינט האט מען א „צענטער", אבער עס פעהלען ניין „אידען".

„מעלה חמישית" — ביי דעם פינפטען טרעפ פלעגט דער אויסרופער דערמאנען שלמה'ן: „לא תקים לך מצבה", אז וועגען א אידישען שופט ווערט געזאגט, מען טאר ניט אויפשטעלען א מצבה, א רב אין א קהלה זאל זיך ניט האלטען ווי א קאלטער מאנומענט, אפגעזונדערט אין אפגעטיילט פון זיין געמיינדע. „פאראן אזעלכע רבנים — זאגט רבי יונתן אייבשיץ — וואס נאך דעם, ווי זיי קריגען שוין אריין דעם „כתב רבנות", ווערען זיי קאלט צו אלע אידישע אינטערעסען, ווי א מצבה, א שטיין; זיי

ריהרען זיך ניט פון אָרט און מישען זיך ניט אין קיין שום זאַך, וואָס איז נוגע דעם כלל. אַזעלכע רבנים, כאָטש זיי מעגען זיין גרויסע לומדים און יראי שמים, פּאַסען זיך אָבער ניט צו זיין די פיהרער פון אַ פאָלק. אַ פיהרער מוז איינטיילנעהמען אין אַלע פאָלקס־אינטערעסען".

„מעלה ששית" — ביי דעם זעקסטען און לעצטען טרעפּ פלעגט ער אויפמערקזאַם מאַכען שלמה'ן איבער דעם „לאו" פון „לא תזבח לד' אלהיך" — כל דבר רע", דו זאָלסט ניט מקריב זיין פאַר גאָט קיין שלעכטע זאַך. דער שופט און מנהיג פון דער קהלה מוז זעהן, אַז די הכנסות פאַר קהל'שע זאַכען זאָלען קומען פון ווירדיגע קוועלען. ניט אַלעס איז פּאַסיג צו טאָן, כדי צו שאַפען די נויטיגע הצטרכות פאַר אַ געמיינדע. „אתנן זונה לא יבוא בקהל", געלדער וואָס קומען פון ניט־ריינע קוועלען, זיינען אומ־ווירדיג פאַר גאָט.

קריגערייען אין אידישע קהילות צוליב רבנים

„צדק צדק תרדוף, למען תחיה וירשת את הארץ", גערעכ־טיגקייט מוזטו נאָכלויפען, כדי דו זאָלסט לעבען בלייבען און קאָ־נען ערבען דאָס לאַנד. צוויי מאָל צדק — צו גאָט און צו לייט; יעדער איד מוז זיין גערעכט פאַר גאָט און טאָן זיין פולע פליכט צו די גייסטיגע אינטערעסען פון זיין פאָלק; צו דערזעלבער צייט אָבער מוז ער אויך זיין גערעכט צו דער געזעלשאַפט און העלפען זיינע שכנים און מיטבירגער מיט וואָס נאָר ער קאָן. גערעכטיגקייט איז דער הויפּט־יסוד פון אונזער תורה און אמונה; דעריבער „הלך אחרי בית דין יפה", זוך דיר אַ שעהנעם רב פאַר דיין קהלה אָדער שוהל. דער רב איז דער גייסטיגער צענטער פון דער אידישער געמיינדע; אַרום איהם דאַר־פען זיך קאָנצענטרירען אַלע ווירקענדע כוחות אין רעליגיעזען לע־בען. „כדאי הוא מנוי הדיינין הכשרים להחיות את ישראל ולהושיבן על אדמתם", די ערנערונג פון פּאַסיגע רבנים איז ווערט אויפצולעבען די אידען און זיי ברענגען צו זייער לאַנד (רש"י). מיט זיין חכמה און געלערזאַמקייט איז אַ גרויסער רב אימשטאַנד

צו האלטען זיין געמיינדע פאראייניגט, און אחדות פיהרט צו גאולה.

„ועל פיהם יהיה כל ריב וכל נגע", לוידער אָבער טרעפט עס, אז צוליב די רבנים און וועגען זיי קריגט מען זיך ארום אין פיעל שוהלען און שטעטלעך, און אַט די מחלוקות'ן פיהרען צו חילול השם, און גראָבען אונטער די אידישע סאָלידאריטעט, וואָס איז זעהר נויטיג צו קאָנען פאָרטזעצען די אייגענאַרטיגקייט פון דעם אידישען לעבען. דער מהרש"א (סוטה מ') פרעגט: אין איין פּלאַץ אין דער גמרא ווערט געזאָגט: „כל פורענות שבאה לעולם לא באה אלא בשביל דייני ישראל", אז אַלע צרות וואָס געשעהען אין דער אידישער וועלט, קומען צוליב די דיינים (שבת קל"ט); אין אַ צווייטען אָרט זאָגט די גמרא: „אין פורענות באה לעולם אלא בשביל עמי הארץ", קיין שלעכטס קומט ניט אויף דער אידישער וועלט, סיידען צוליב די עמי האַרצים (בבא בתרא ה'). אין פלוג קוקט דאָך אויס, אז עס איז דאָ אַ גרויסע סתירה צווישען די צוויי מאמרי חז"ל. דערקלערט אָבער דער מהרש"א, אז אין דעם איז באמת ניטאָ קיין סתירה; איין מאמר דערגענצט און דערקלערט דעם צווייטען. די פורענות'ן קומען טאַקע פון די דיינים, אָבער פון אַזעלכע וואָס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען פון עמי הארצים, „המבררים להם ראש כפי רצונם", וועלכע קלייבען אויס פאַר זיך אַ פיהרער לויט זייער אייגענעם רצון. דאָס פיהרט צו גרויסע מחלוקות אין אַ שטאָט, צעברעכט די גאַנצקייט פון אַ קהלה און שטערט איהר גייסטיגער אַנטוויקלונג.

איך האָב אַמאָל געהערט פון רמ"ז מרגלית ז"ל דעם פאָל־גענדען וויץ, וועלכער טיפּיצירט דעם אַמעריקאַנער רעליגיעזען אידישען לעבען: „אין דער אַלטער היים פלעגט דער שמש ציי־טערען פאַר דעם גבאי; דער גבאי האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר דעם רב, און דער רב האָט מורא געהאַט פאַר גאָט. דאָ אין אַמע־ריקא, אָבער, איז אַן „עולם הפוך", דער פּרעזידענט פון אַ שוהל ציטערט פאַר דעם שמש; דער רב מוז האָבען דרך־ארץ פאַר דעם פּרעזידענט, און גאָט האָט מורא פאַר דעם רב, ווייל דאָס ביסעל אידישקייט ליגט דאָ ביי איהם אין די הענט. אויב דער רב וויל,

פארוואנדעלט ער זיין שוהל אין א רעפארם טעמפעל, ווארפט ארויס גאט'ס סידור און נעהמט אריין א „יוניאן פרעיער בוק".

די סלאָנימער אידען האָבען זעהר ליב צו דערציילען די וויצען, וואָס ווערען איבערגעגעבען אין דעם נאָמען פון זייער פארשטאָרבענעם גאון רבי אייזעל חריף ז"ל. איינער פון זיי דערציילט, אז איידער רבי יאָסעלע סלאָנימער איז געוואָרען רב, האָט ער געגעסען קעסט ביי זיין שווער, רבי אייזעל חריף.

— הער זיך איין, יאָשע, — זאָגט צו איהם איינמאָל רבי אייזעל, — ב'וואָלט וועלען וויסען, ווער פון אונז ביידען איז סלאָנימער רב, איך צי דו? אז שאלות פסק'ענען מיר ביידע ניט; אויף דעם איז דאָ דער מורה הוראה רבי פייטעל; ביי א דין־תורה זיצען מיר ביידע; פון די שבירות לעבען מיר ביידע... טאָ ווער פון אונז איז פאָרט רב?

— דאָס קאָן מען זיך לייכט דערוויסען, — שמייכעלט רבי יאָסעלע, — מען דארף בלויז ארויסגעהן אין שטאָט און זיך אונטערהערען; וועמען פון אונז מען באַרעדט, דער איז רב...

---o---

כי תצא

„מלחמת מגן״ און „מלחמת רשות״

„כי תצא למלחמה על אויביך״, אז דו וועסט ארויסגעהן אין קאמף קעגען דיינע פיינד — „במלחמת הרשות הכתוב מדבר״, דער פסוק רעדט דא וועגען א מלחמה, וואס ווערט פארפיהרט פון דער מלוכה קעגען א צווייטער צוליב עקאנאמישע אדער פאליטישע עראבערונגען (ספרי). עס זיינען דא צוויערליי מלחמות, וואס א פאלק פיהרט אן קעגען זיינע שונאים. איינע איז א „מלחמת מגן״, א פארטיידיגונגס־קאמף, אז א שונא באפאלט דאס לאנד און וויל עס פארכאפען אדער אונטערדריקען. אזא מלחמה הייסט אויך „מלחמת מצוה״, א הייליגער קאמף, און די מלוכה האט א רעכט צו קאנסקריפטען און צווינגען יעדען איינעם צו געהן אין שלאכט אריין. „במלחמת מצוה הכל יוצאין, אפילו חתן מחדרו וכלה מחופתה״, אין א פארטיידיגונגס־קאמף מוזען אלע געהן, אפילו א חתן פון זיין צימער און א כלה פון אונטער איהר חופה (סוטה מ״ד ע״ב). אז א לאנד שטעהט אין סכנה און דער גורל פון פאלק הענגט אין דער לופטען, איז קיינער ניט פריי פון העלפען פארטיידיגען די מלוכה; יעדער איז מחויב בייצושטייערען זיינע כחות פאר דער אויפהאלטונג פון דער אומה.

דאגעגען, אבער, ביי א „מלחמת רשות״, אין אן אנגרייפונגס קאמף, וואס ווערט פארפיהרט פון דער רעגירונג, מיט דעם צוועק צו פארשטארקען איהר עקאנאמישען און פאליטישען מצב, צו אזא מלחמה מוז מען האבען די צושטימונג פון אלע פארשטעהער פון פאלק. „אין מוציאין למלחמת הרשות אלא על פי בית דין של שבעים ואחד״, מען געהט ניט ארויס אויף אן אנגריפונגס־קאמף סיידען מען האט די צושטימונג פון די איין־און־

זיבעציג סנהדרין, וועלכע זיינען די פארטרעטער פון דעם גאנצען פאלק (סנהדרין כ׳ ע״ב). דער קעניג אדער די רעגירונג האט נישט דאס רעכט ארויפצוצווינגען א קאמף אויף זיינע אונטערטאנען קעגען א שונא, וואס גרייפט ניט אן, בלויז ווייל זיי דאכט זיך, אז א זיג וועט ברענגען עקאנאמישע פראפיטען צו דער אינדוסטריע פון לאנד און וועט אויך העלפען צו פארפעסטיגען זיין פאליטישען פרעסטיזש און אויבערהערשאפט.

דאס רוב רעגירונגען זוכען אויסצושפרייטען זייער ממשלה אויך אויסער די ראמען פון זייער לאנד. קעניגע באנוגענען זיך ניט מיט דעם כבוד און גדולה, וואס זיי באקומען פון זייער פאלק אליין, פון זייערע אייגענע בירגער; זיי ווילט זיך אויך אריינכאפען פרעמדע לענדער און באהערשען פרעמדע פעלקער. אויף דעם פסוק „לעלוקה שתי בנות הב הב״, דער גיהנם האט צוויי טעכטער, וואס שרייען אלץ: גיב, גיב, זאגט די גמרא: „קול שתי בנות שצועקות מגיהנם ואומרות בעולם הזה הבא, הבא, ומאן נינהו? מינות והרשות״, דאס זיינען די שטימע פון די צוויי טעכטער, וואס שרייען־ארויס פון גיהנם און זאגען צו דער וועלט: גיב גיב! און ווער זיינען זיי? פריידענקעריי און רעגירונגען (ע״ז י״ז ע״א). די ערשטע מינות, אפיקורסות, זוכט צו פארניכטען אלע אנגענומענע טראדיציעס, אויך אזעלכע וואס האבען געגעבען דעם פאלק זיין אייגנארטיגען כאראקטער און איהם אויפגעהאלטען אין אלע יאהרען פון זיין עקזיסטענץ. די צווייטע, „רשות״, די רעגירונגען פאראורזאכען נויט און פארניכטונג מיט דעם וואס זיי ווילען איינשלינגען וועלטען. זיי רעכענען זיך ניט מיט די מיינונגען פון פאלק, וועלכעס איז געדריקט צו שיקען זיינע קינדער אין שלאכט און מפקיר זיין זייער לעבען. זיי שרייען אלץ „הבא, הבא״, גיב, גיב, און דאס זיינען קולות וואס קומען פון גיהנם, פון כף הקלע, וואס וויל פארכאפען די וועלט און פארניכטען די מענשהייט.

פאר א „מלחמת רשות״, וואס די רעגירונג האט דערקלערט קעגען א צווייט לאנד, כאטש עס האט אויך געקראגען די צושטי־

מונג פון די סנהדרין און די ברכה פון דעם כהן גדול, מוז מען צוערשט פארזאמלען דאס גאנצע חיל און זיי דערקלערען דעם צוועק פון דער מלחמה. מען מוז אגיטירען צווישען פאלק און איהם אויפמונטערן צו גרויס באגייסטערונג, כדי ער זאל קעמפען מיט אלע זיינע כחות, ווייל אויב חו"ש ער זאל זיין מוט פארלירען, איז די סכנה זעהר גרויס. דער רמב"ם זאגט: „כל המתחיל לחשוב ולהרהר במלחמה ומבהיל עצמו, עובר בלא תעשה, שנאמר „אל ירך לבבכם", ולא עוד אלא שכל דמי ישראל תלויין בצוארו", דער וואס הויבט־אן איבערצודענקען און זיך פארטראכטען אין א צייט פון מלחמה, און פאנגט זיך אן צו שרעקען, איז ער עובר אויף דעם „לאו" פון „אל ירך לבבכם"; און ניט נאר דאס, ער דארף וויסען, אז דאס גאנצע בלוט פון די אידען איז אן איהם אפהענגיג. שרעק גראבט־אונטער דעם מוט און צווינגט איינעם צוריקצוטרע־טען, און דאס שטעלט אין סכנה דאס לעבען פון פאלק אין צייט פון א מלחמה.

איידער די מאבאליזאציע פון די ארמייען קומט־פאר, זאל דער כהן אויסרופען: „מי אשר בנה בית חדש — אשר נטע כרם — אשר ארש אשה — הירא ורך הלבב — ילך וישוב לביתו", ווער עס האט געבויט א נייע הויז, פארפלאנצט א וויינגארטען, פאר'קנס'ט א פרוי, אדער ער שרעקט זיך, זאל ער זיך צוריקקערען צו זיין הויז. אזעלכע מענשען זיינען ניט עלול צו געהן מיט'ן גאנצען הארצען אין קריג אריין און זיינען א געפאר פאר דער ארמיי. „ולא ימס את לבב אחיו כלבבו", ער זאל ניט צעשמעלצען דאס הארץ פון זיינע ברידער ווי זיין אייגען הארץ. זיך ארייזצו־ווארפען אין א קאמף מוז מען באזיצען מוט און אנטשלאסענקייט. די וואס בענקען נאך זייער היים, פרוי אדער געשעפטען און זיינען באזארגט וועגען זייערע אייגענע אינטערעסען, זיי פעהלט די אנט־שלאסענקייט צו קעמפען פאר דעם פאלק און לאנד. איבערהויפט זיינען די טרוסען און שרעקעדיגע א גרויס געפאר אין א שלאכט; זיי קאנען נאך אנשטעקען זייערע חברים מיט מוטלאזיגקייט און פארצווייפלונג, און דאס זאל זיך שלעכט אפרופען אויף דעם אויס־גאנג פון קריג.

מלחמה איז דערלויבט בלויז קעגען אַן אמת'ען שונא

„כי תצא למלחמה על אויביך — שהוא אויבך", אז דו געהסט־ארויס אין שלאַכט קעגען דיין פיינט, איבערציי זיך פריהער, אויב ער איז טאַקע דייר אַ פיינט (ילקוט שמעוני). צו פארגיסען אומשולדיג בלוט איז אידען פארבאָטען; אַנצופיהרען אַ מלחמה קעגען אַ צווייטע פאָלק בלויז צוליב אייגענגוצען, צוליב דעם ווייל די רעגירונג וויל אויסשפרייטען איהר מאַכט איבער אַנדערע לענדער, איז קעגען דעם אידישען אידעאַל פון שלום. „כי תקרב אל עיר להלחם עליה, וקראת אליה לשלום", אַז דו וועסט זיך דערנעהנטערען צו אַ שטאַט, אויף איהר מלחמה צו האַלטען, זאָלסטו איהר פריהער אַנבאָטען פרידען. אפילו אַז דו האָסט זיך שוין קלאָר איבערצייגט, אַז דאָס לאַנד, וואָס האָט ארויסגערופען דעם קריג, איז דיר אַן אמת'ער שונא און זוכט דיך צו פארניכטען אָדער אונטערדריקען, זאָלסטו איהם גלייך ניט באַפאַלען — צוערשט באָט איהם אַן שלום. אם לא תשלים עמך ועשתה עמך מלחמה—וצרת עליה", בלויז אויב ער אַנטזאָגט זיך צו שליסען פרידען מיט דיר און איז באַשלאָסען צו קעמפען קעגען דיר — דאַן ערשט מעגסטו איהם באַלאַגערען.

אַ „מלחמת רשות", אַ קריג, וואָס ווערט ארויסגערופען פון דער רעגירונג, איז נאָר דאַן דערלויבט, אויב עס שטימט מיט די אידעאַלען פון דער תורה. אויב די אורזאַכען זיינען אַזעלכע, וואָס וועלען ברענגען נוצען ניט נאָר דיין אייגען פאָלק, נאָר אויך דער גאַנצער מענשהייט, אפילו דעם פאָלק, קעגען וועמען דו געהסט זיך שלאָגען, דאַן און נאָר דאַן איז דאָ אַ בארעכטיגונג פאַר דער בלוט־פארגיסונג. „כל זמן שישראל מסתכלין כלפי מעלה הם מתגברין ואם לאו נופלים", כל זמן די אידען קוקען־ארויף צום הימעל, וועלען זיי שטאַרק זיין; אויב ניט, וועלען זיי פאַלען (ר"ה כ"ט ע"א). אויב זיי צילען צו עטוואָס העכער ווי אויסצובעסערען זייער אייגענעם עקאָנאָמישען און פאָליטישען מצב;

אויב די מלחמה האט אויך א אידעא־לען געדאנק, וואס שטימט מיט די פרינ־ציפען פון זייער גייסט און קולטור, זיינען זיי זיכער, אז „ונתנה ה' אלהיך בידך", גאט וועט איהר איבערגעבען אין דיינע הענט.

„שלש מצוות נצטוו ישראל בכניסתן לארץ, להעמיד להם מלך, להכרית זרעו של עמלק ולבנות להם בית הבחירה", דריי מצוות זיינען די אידען אנגעזאגט געווארען ביים אריינקומען אין זייער לאנד, אויפצושטעלען א רעגירונג, צו פארשניידען די קינדער פון עמלק און צו בויען דאס אויסדערוויילט הויז (סנהדרין כ' ע"ב). אום אז דאס אידישע לאנד זאל קענען האבען א קיום, מוז עם ריכטיג פארוואלטעט ווערען. עס מוז געשאפען ווערען א רע־גירונג, וואס זאל האלטען דאס פאלק ארגאניזירט, און מיט פאר־אייניגטע כחות דורכפיהרען דעם פראצעס פון נאציאנאלער אנט־וויקלונג.

איינע פון די אורזאכען, וואס האלטען דאס אידיש פאלק אזוי לאנג אין גלות, איז, ווייל ער איז צופיל וועלטליך, צו קאס־מאפאליטיש. זיין נאציאנאלער גייסט איז אפגעשוואכט געווארען און ער גיט־אפ צופיל כחות פאר אנדערע. דער מדרש רבה (תולדות פ' ס"ג) זאגט, אז ווען אונזער מוטער רבקה האט געפיהלט גרויסע ווייטאגען פון דעם „ויתרוצצו", דעם געראנגעל אין בויך פון די צוויי קינדער, וואס זי האט געטראגען, און איז געגאנגען „לדרוש את ה', פרעגען די געלערענטע פון „שם ועבר", האט מען איהר דערקלערט, „שני גיאי גויים בבטנך", דו ביזט טראגעדיג מיט צוויי גרויסהאלטער פון פעלקער. „זה מתגאה בעולמו וזה מתגאה במלכותו", איינער, יעקב, האלט זיך גרויס „בעולמו", מיט זיין וועלטליכקייט, מיט זיין אינטערנאציאנאליטעט, און דער צווייטער, עשו, גרויסט זיך „במלכותו", מיט זיינע רעגירונגען און גרויסע ארמייען. אין דער צייט וואס עשו זוכט צו פארשטארקען זיינע לענדער און זיינע אייגענע מלוכות, איז יעקב פאר־טאן מיט אינטערנאציאנאלע באוועגונ־

גען. ער קעמפט אויף אלע פראנטען, זוכט אויסצובעסערען די גאנצע וועלט, און אליין האט ער ניט דעם קאפ וואו אנצושפארען.

„הירא ורך הלבב — הירא מעבירות שבידו", דער וואס האט מורא פאר די זינד, וואס ער האט אמאל געטאן, „ילך וישוב לביתו", זאל ער זיך צוריקקערען צו זיין הויז און ניט געהן אין מלחמה פאר זיין פאלק (רש"י). געוויסענסביסע מאכען שוואך דאס הארץ און באאומרוהיגען דעם מח, און דאס פיהרט צו שרעק און פארצווייפלונג. אזעלכע פעהלט געוואגטקייט און מוט; ער טויג זיך ניט פאר אן איש חיל, פאר א סאלדאט; ער קאן נאך קאליע מאכען אנדערע.

„וואס א מענש טוט — פלעגט זאגען דער רבי ר' זישע — זאל ער טאן מיט'ן גאנצען הארצען, ווייל בידוע, ווערט פון איטליכער מצוה, וואס א איד טוט, באשאפען א „מלאך טוב", און פארקערט, חלילה, פון איטליכער עבירה — א מלאך רע. נו, איז מיר אמאל אויסגעקומען צו זעהן די מלאכים רעים, וואס זיינען באשאפען געווארען פון אידישע עבירות, זיינען זיי, לא עליכם, וויסטע קאליקעס, אהן הענט און אהן פיס — מחמת בשעת א איד טוט שוין יא אמאל אן עבירה, איז זעלטען, אז עס זאל איהם בשעת מעשה ניט א צופ־טאן ביים הארצען, עס זאל איהם נישט אויף א רגע דורכלויפען א פונק פון חרטה און בושה. צוליב דעם וואס די עבירה קומט ניט ארויס בלב שלם, ווערט דערפון באשאפען א מלאך א קאליקע".

———o———

כי תבוא

„בכורים", די ערשטע פון די מצוות התלויות בארץ

„כי תבוא אל הארץ — עשה מצוה שבשכרה תכנס לארץ", אז דו וועסט קומען אין דעם לאנד, טו אזא מצוה, וואס האט דיך פארדינט געמאכט אריינצוקומען אין דיין לאנד (ספרי). אידישע נאציאנאליטעט ציהט איהר הויפט יניקה פון דער רעליגיע. גאט האט אויסגעקליבען די אידען פאר זיין „עם סגולה", פאר זיין אויסדערווילט פאלק, כדי זיי זאלען דורכפיהרען אין לעבען די הויכע אידעאלען פון זיין תורה, און דערמיט דינען אלס מוסטער פאר אלע אנדערע פעלקער. דער תכלית, די הויפט פונקציעס פון דעם „עם ישראל", זיינען אנגעצייכענט אין זיין „תורת ישראל", און אזוי ווי עס גיבען פיעל מצוות, וואס זיינען „תלויות בארץ" און קאנען אין פרעמדע לענדער ניט דורכגעפיהרט ווערען, האט פאר איהם גאט דערפאר באשטימט „ארץ ישראל", אן אייגענארטיג לאנד, וואו ער זאל קאנען פיהרען זיין אייגענארטיג לעבען.

„בכורים", צו ברענגען די ערשטע פרוכט פאר גאט, איז איינע פון די מצוות, וואס זיינען אנגעווענדט אן לאנד און קאנען אויסגעפיהרט ווערען נאר אין ארץ ישראל. וועגען דער מצוה פון „בכורים" ווערט געזאגט: „ראשית בכורי אדמתך תביא בית ד' אלהיך", די ערשט־צייטיגע פרוכט פון דיין ערד זאלסטו ברענגען אין דעם הויז פון דיין גאט (שמות כ"ג י"ט). עס מוז דארום זיין „בכורי אדמתך", די פרוכט פון דיין אייגענער ערד, און אין חוץ לארץ איז די ערד ניט דיינע. זאגאר די כהנים, וואס נעמען איבער די „בכורים", זיינען פארבאטען עס צו עסען אויסער ירושלים (סי' ת"נ פ' ראה).

„דער הויפט געדאנק פון בכורים" — זאגט דער עקרים — איז, „לנטוע בלב כל אחד מישראל את ההכרה שמה שיש לו מד'

ניתן לו", איינצופלאנצען אין דעם הארץ פון יעדען אידען די אנערקענונג, אז וואס ער פארמאגט, איז עס איהם פון גאט געגע־בען געווארען. צו קאנען ארבייטען מוז מען זיין געזונט, און גע־זונטקייט קומט פון גאט; אז די ערד זאל קאנען פראדוצירען, מוז זי האבען רעגען אין צייט, און רעגען קומט פון דעם אויבערשטען; רייכטום איז מערסטענס דער רעזולטאט פון גליקליכע צופאלען, און דער צופאל ליגט אין די הענט פון דעם בורא עולם. „בכורים" איז געמיינט, ארויסצורופען אין יעדען אידען אט די באוואוסט־זיניגקייט, און דאס וועט איהם ברענגען צו טאן זיין פולע פליכט צו זיין פאלק און צו דער געזעלשאפט, אין וועלכער ער פארקערט. אז א מענש האט גאט אין זינען און ער ברענגט זיינע ערשטע פרוכט פאר איהם, איז מען זיכער, אז ער וועט געבען זיין „תרומה" צום כהן, זיין „מעשר ראשון" צום לוי און זיין „מעשר שני" צו דעם ארימאן. די גייסטיגע און עקאנאמישע הצטרכות'ן פון דער געזעלשאפט וועלען געניסען זייער געהעריגען חלק פון זיין פאר־מעגען, וואס גב"ה האט איהם געגעבען".

די אלטע, פרומע אידען אמאל פלעגען צו הבדלה, שבת צו נאכט, אויסגיסען אביסעל וויין פון כוס אויפ'ן טיש און אין דעם אויסלעשען די הבדלה ליכט. נאכדעם פלעגען זיי איינטונקען זיי־ערע שפיצען פינגער אין דעמזעלבען וויין און מיט דעם באנעצען זייערע אויגען און אויך זייערע טאשען. אז איך האב, קליינערהייט, געפרעגט מיין פאטער ז"ל דעם טעם דערפון, האט ער מיך דער־קלערט: „שבת איז א איד מעהר באוואוסטזיניג וועגען זיין גאט און זיין פאלק; אין מיטען דער וואך איז ער צופיעל פארהאוועט זיך צו פארטראכטען איבער העכערע ענינים. דארום נעהמען מיר דעם ביסעל וויין, אין וועלכען די ליכט פון דער הבדלה איז אויס־געלאשען געווארען, און באנעצען אונזערע אויגען און אויך אונ־זערע קעשענעס, אנצודייטען דאס אונזער בקשה איז, אז אויך אין די וואכענטעג זאלען אונזערע אויגען זוכען די קדושה פון גאט, און אונזערע קעשענעס זאלען אנגעפילט ווערען מיט עהרליכע פארדינסטען".

„כיצד מפרישים הבכורים?" ווי דארף מען אפשיידען

בכורים? — פרעגט די משנה (בכורים פ"ג). ווי דארף א איד זיך נוהג זיין מיט די ערשט־צייטיגע פרוכט, וואס ער באמערקט אין זיין פעלד אדער גארטען? „יורד אדם בתוך שדהו ורואה תאנה שבכרה, אשכול שבכר, רמון שבכר, קושרו בגמי ואומר, הרי אלו בכורים", אז א מענש געהט דורך זיין פעלד אדער וויינגארטען און ער באמערקט א פייג, וואס איז שוין פארטיג, וויינטרויבען וואס זיינען צייטיג געווארען, אדער א מילגרוים וואס איז שוין פארטיג, זאל ער עס ארומבינדען מיט א שנירעל און זאגען: אט די זיינען בכורים און באלאנגען צו גאט (מסכת בכורים פ"ג). א איד זאל ניט ווארטען ביז אלע זיינע פרוכט ווערען צייטיג און דאן ערשט געבען פון פולער האנט פאר גייסטיגע און צדקה זאכען. נאך איידער ער ווייס וואס עס וועט זיך איהם אליין אפשטעלען, זאל ער האבען גאט אין זינען; דאס וועט איהם ברענגען גליק און רייכטום. מיט דעם שטעלט ער זיך העכער פאר אלע אנדערע ברואים, וועלכע זארגען זיך פאר זייער אייגענעם גוף און האבען קיין אנדער זאך ניט אין זין, ווי צופרידענצושטעלען זייערע אייגענע תאוות.

די אידען האבען טאקע פארשטאנען אפצושאצען דעם גייסטיגען ווערטה פון „בכורים" און מיט גרויס פייערליכקייט פלעגען זיי עס פיהרען נאך ירושלים. אט ווי אזוי די משנה באשרייבט די גראנדיעזע פראצעסיע פון ברענגען די בכורים פאר גאט: אלע דערפער פון א באצירק פלעגען זיך פארזאמלען אין שטאט פון יענעם געגענט, „לנין ברחובה של עיר", די נאכט האט מען פארבראכט אין די הויפט־גאסען פון שטאט און אינדערפריה פלעגט דער „ממונה", דער אנפירער, אויסרופען: „קומו ונעלה אל בית ד' אלהינו", לאמיר אויפשטעהן און געהן נאך ציון, צו דעם הויז פון אונזער גאט. „הגיעו להר הבית אפילו המלך נוטל הסל על כתפו ונכנס", אז זיי האבען דערגרייכט דעם בית המקדש, האט אפילו דער קעניג אליין געמוזט נעהמען דעם קארב אויף זיינע פלייצעס און אריינגעהן אי דער עזרה (מסכת בכורים פ"ג).

פראפעסאר לאצארוס, אין זיין בוך איבער דער אידישער עטיק, ווייזט־אויף, אז דער הויפט מאטיוו פון די אידישע רעלי־

גיעזע צערעמאָניעס איז די „הכנעה", די אונטערוואָרפענקייט צו דער גאָטהייט. אין דער „עזרה", אין הויף פון גאָט'ס הויז, זיינען אַלע גלייך; דער קעניג אַזוי גוט ווי דער פשוט'ער המון באַקומען דיזעלבע אנערקענונג. די לויים האָבען די נייע אָנקומער באַגעגענט מיט דעם געזאַנג: „ארוממך ד' כי דליתני", מיר דערהויבען דיך, גאָט, ווייל דו האָסט אונז דערהויבען. מיט דעם געדאַנק פון בכורים פאַרדינט דאָס אידישע פאָלק דעם עהרען־טיטול „עם סגולה", אַן אויסדערוויילט פאָלק, ווייל בלויז די אידען האָבען אַזעלכע אידעאַלע געזעצען, וואָס מאַכען זיי פאַר אַן אויסנאַם צווישען די פעלקער.

בכורים מוז מען אַליין ברענגען אין בית המקדש

„ובאת אל הכהן", דו מוזט אַליין קומען צו דעם כהן מיט די ערשטע פרוכט פון דיינע פעלדער; בכורים האָט מען ניט געשיקט דורך אַ שליח. „לא תהא תורתי עליכם חביבה כבת בוגרת, לכנוס אותה אצל מי שמוצא", זאָל מיין תורה ניט זיין אייך אַזוי ליעב ווי אַ דערוואַקסענע טאָכטער, וועלכע איהר זוכט אויסצוגעבען צו ווע־מען איהר קאָנט נאָר (מדרש רבה דברים פ"ז).

וואָס פאַר אַ שעהנער וויץ דאָ ווערט אויסגעדריקט אין דעם מאמר! איינער מעג ליבען זיינע אַ טאָכטער ווי דאָס לעבען, דאָך וויל ער איהר וואָס שנעלער פאַרהייראַטען צו אַן אַנדערען. פאַראַן אַזעלכע אידען וואָס האָבען טאַקע ליעב די תורה, אָבער וואָלטען וועלען, אַז אַנדערע זאָלען זיך האַלטען מיט איהר. זיי אַליין זיינען שטאַרק פאַרטאָן אין זייערע אייגענע אינטערעסען, און די פליכטען צו זייער פאָלק און זיין תורה זוכען זיי צו דערפיהלען ע"י שליח, דורך אַנדערע, דורך רבנים, ראַבאַיס אָדער באַצאָהלטע כלל־טוער. איבערהויפט איז דער מין איד שטאַרק בנמצא צווישען די רייכע קלאַסען, וועלכע דענקען, אַז מיט דעם וואָס זיי באַלאַנגען צו אַ שוהל, אַ טעמפעל, אַ תלמוד תורה, אַ צדקה פעדעראַציע, האָבען

זיי שווין דערפילט זייער חוב צו דער תורה, צו דער געזעלשאפט אדער צו זייער אומה. דער רב, דער מלמד אדער כלל־טוער, וועמען ער העלפט אויסצוהאלטען, זאלען פאר איהם דינען גאט און אפהיטען זיינע געזעצען; ער אליין איז פארנומען אין זיינע געשעפטען און וויל זיין פריי. אט צו אזעלכע זאגט דער מדרש: זאל די תורה ניט זיין אייך אזוי ליעב ווי א דערוואקסענע טאכטער, וואס איהר ווילט איהר פארהייראטען צו אן אנדערען. „ובאת אל הכהן", אליין מוזטו אויך זיך אויפפיהרען לויט די געזעצען און פארשריפטען פון דער תורה.

„בערתי הקודש מן הבית", איך האב אויסגעראמט דאס הייליגע פון הויז. דער אברבנאל ז"ל דערקלערט דעם טעם, ווארום מען מוז ביי בכורים, תרומות און מעשרות מאכען אן עפענטליכע דערקלערונג אין בית המקדש, אז מען האט מקיים געווען די מצוה, וואס מיר׳ געפינען ניט ביי קיין שום אנדער מצוה. ער זאגט: „אט די געלדער זיינען „ממון שאין להם תובעים", ער איז אזא חוב, וואס איז שווער צו מאנען, און מען קאן לייכט נכשל ווערען. אויב אבער די פליכט איז צו דערקלערען עפענטליך, אז ער האט די מצוה געטאן, וועט ער איהר געווים מקיים זיין ווי געהעריג איז". איך האב אמאל געהערט פון נייטען שטראוס ע"ה די פאלגענדע באמערקונג: „ווי אבשייליך „פובליסיטי" איז, קאן מען זיך אהן דעם ניט באגעהן אין א קאמפיין פאר צדקה זאכען. אהן רעקלאמען וועלען אונזערע גבירים ניט געבען".

„לא נתתי ממנו למת", איך האב עס ניט געגעבען צוליב א מת . . . „פאראן אזעלכע אידען — זאגט הרב עמיאל אין זיין „דרשות אל עמי" — וועלכע האלטען פון אידישקייט נאר בשעת אבלות נאך א מת. עס איז דער באקאנטער טיפ פון קדיש און יאהרצייט אידען, וואס אין נארמאלע צייטען שטעהען זיי ווייט

פון אידישע אינטערעסען און זיינע קאלט צו אלע אידישע אנגע־לעגענהייטען. די איינציגע צייט וואס זיי דערמאנען זיך, אז זיי זיינען אידען און האבען געוויסע פליכטען צו זייער גאט און זייער פאלק, איז בשעת אבלות, אז עס שטארבט ביי זיי חו״ש איינער אין דער פאמיליע. די תורה ווארענט קעגען אזא מין אידישקייט, „ולא נתתי ממנו למת״, די אידישע תורה איז א תורת חיים, א לעבעדיגע תורה פאר לעבעדיגע מענשען, ניט פאר טויטע.

„כל מכה אשר לא כתובה — זו מיתת צדיקים״, גאט וועט דיך אפהיטען פון יעדער מכה, אויך אזא וואס שטעהט ניט גע־שריבען אין דער תורה, מיט דעם מיינט מען דעם טויט פון צדיקים (רש״י). דער טויט פון גרויסע מענשען איז א שרעקליכער פאר־לוסט פאר דעם פאלק. אויב אידען פיהרען זיך ניט אויף ווי עס באדארף צו זיין, האלטען זיך ביי זיי ניט זייערע גרויסע מענשען און געהען אוועק פאר דער צייט.

ביי אט דער געלעגענהייט וויל איך דא איבערגעבען א וויץ, וועלכען איך האב געהערט פון הרב שחור ז״ל פון באסטאן. איינ־מאל האט מען איהם איינגעלאדען מספיד צו זיין א געוויסען בא־לעבאס, וועלכער האט באלאנגט צו א טעמפעל. פריהער האט דער ראבאי פון טעמפעל פארגעלייענט א געשריבענעם הספד, וואס ער האט צוגעגרייט. „איך האב געדענקט — האט צו מיר געזאגט הרב שחור — אז מיתת צדיקים איז א „מכה אשר לא כתובה״, דער ראבאי מאכט עס אבער פאר א „מכה אשר כתובה״, ווייל ער האט דעם הספד אנגעשריבען״.

———o———

נצבים

די אידען זיינען דער מיטעלפונקט פון דער וועלט און יענער וועלט

„אתם נצבים — אתם קיומו של עולם הזה ושל עולם הבא", איהר זייט דער הויפט־באזיס, אויף וועלכען די וועלט און יענע וועלט איז באגרינדעט (מדרש תנחומא). די אידען פארנעמען, פראפארציאנעל, א פיעל גרעסערען פלאץ אין דער עקאנאמישער און פאליטישער אנטוויקלונג פון דער מענשהייט. זיי זיינען דער מיטעלפונקט פון אלע שטרייטיגקייטען, וואס קומען־פאר אין די פארשיידענע לענדער. ארום זיי און וועגען זיי טומעלט זיך איבער־ראל מעהר ווי וועגען אנדערע ראסען און פעלקער אין דער וועלט.

אויך אין דעם „עולם הבא", אין די העכערע וועלטען, אין די גייסטיגע און קולטורעלע ספערען, פארנעמען די אידען דעם אויבענאן אין דער געשיכטע. די גייסטרייכע לערען פון דער אידי־שער אמונה זיינען נאך אלץ די הויפט־קוואלען, פון וועלכע די רעליגיעס פון הונדערטער מיליאנען מענשען אין דער וועלט שעפען זייער גייסטיגע יניקה. איהרע גרויסע נביאים פון אמאל זיינען נאך איצט אלס די מאראל־פרעדיגער פון דער גאנצער מענשהייט. עס ווייזט־אויס, אז „לא נברא העולם הזה והעולם הבא אלא בשביל ישראל", ביידע וועלטען, די היינטיגע און די קומענדע, זיינען באַ־שאפען געווארען נאר צוליב די אידען (ילקוט שמעוני).

און דער מיטעלפונקט פון דער אידישער אומה איז איהר תורה. זי איז דער הויפט־באזיס פאר דער אידישער עקזיסטענץ. „מדד הקב"ה כל האומות ולא מצא אומה שהיתה ראויה לקבל את התורה אלא ישראל", גאט האט אויסגעמאסטען אלע פעלקער און האט ניט געפונען א מעהר־פאסענדע אומה צו נעהמען די תורה, ווי די אידען (ויקרא רבה י"ג). איהרע הומאנישע געזעצען פאר־דערען פון יעדען מענשען ער זאל פיעל מאל פארקוקען אויף זיינע אייגענע נוצען צוליב דעם וואויל און בעסטען פון אנדערע. אזא

אויפפיהרונג איז פארבונדען מיט אומנאטירליכע שווערקייטען און זעלבסטאָפּפער, און קיין אנדער פאָלק האָט ניט דערוויזען צו ברענגען אזויפיל קרבנות פאר זיין תורה און זיין אמונה ווי דאָס אידישע. אָבער וואָס מעהר דער איד האָט געאָפּפערט פאר זיין תורה, אלץ מעהר האָט זי איהם באשיצט פון אונטערגאנג. „לאהבה את ד׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך — למען חייך״, צוליב דעם וואָס דו ליבסט דיין גאָט מיט׳ן גאנצען הארצען און מיט דיין גאנצער נשמה — וועסטו לעבען בלייבען.

„אתם נצבים היום״ — איהר שטעהט ווי דער טאָג, „מה היום מאפיל ומאיר, אף אתם כשאפלה לכם, עתיד להאיר לכם״, פונקט ווי דער טאָג איז צוערשט פינסטער און נאָכדעם ליכטיג, אזוי איז מיט אייך, נאָך דער פינסטערניש וועט קומען אייער ליכט (סנהדרין ק״י). „דאָס לעבען פון א מענשען — פלעגט זאָגען דער רבי ר׳ בונים — איז געגליכען צו דעם ציפערבלאַט פון א זייגער, אויף וועלכען די ווייזערס געהען ארויף און ארונטער. אויב די ווייזערס שטעהען אויפ׳ן זעקס, דאָס הייסט, אויף דער נידעריג־סטער שטופע, זאָל ער ניט פארצווייפעלט ווערען — זיי מוזען זיך דרעהען אויף ארויף. אויף דעם פסוק „ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד״, לערנען אונז די חז״ל: „היום הולך אחר הלילה״, דער טאָג קומט נאָך דער נאַכט (חולין פ״ג). אויב איינעם איז שלעכט, זיין געזונט איז ניט ווי עס באדארף צו זיין, זיינע געשעפטען געהען איהם ניט גוט, אָדער ער האָט צער גידול בנים, זאָל ער זיך חו״ש ניט מיאש זיין. דער טאָג קומט נאָך דער נאַכט, אלע וואָל־קענס איבער זיינע הימלען וועלען, מיט דער הילף פון השי״ת, פארשווינדען און די זון וועט פאר איהם שיינען.

דער גרויסער בטחון אין זייער גאָט, אז ער וועט זיי ניט פארלאָזען און וועט זיי ענדליך באפרייען פון זייער שרעקליכער נויט, האָט אימער באלויכטען די פינסטערע עפּאָכעס, וואָס אונ־זערע אידען האָבען געהאַט דורכצומאַכען אין זייער לאנגער עק־זיסטענץ. מבטל צו זיין דעם טרויעריגען היינט, און טראַכטען און האָפען אויף א בעסערען מאָרגען — אָט אין דעם ליגט די גרויסע רפואה, וואָס די תורה האָט פאר אונז אָנגעגרייט פאר אלע מכות

און אומגליקען. „עוד לא אבדה תקותנו", אונזער האָפנונג איז נאָך ניט פאַרלוירען געגאַנגען, „מיר וועלען נאָך אייך איבער־לעבען", איז אונזער ענטפער צו די המן'ס, היטלערס און מוסאָ־לינים פון אַלע דורות און אַלע צייטען.

„אתם נבים היום כלכם", איהר אַלע עקזיסטירען נאָך ביז היינט. „אמר הקב"ה מעולם לא הכיתי אומה ושניתי לה"; גאָט זאָגט: איך האָב קיינמאָל ניט געשלאָגען אַ נאַציע און עס גע־דאַרפט ווידערהאָלען. קוים האָט זי פאַרלוירען איהר לאַנד און איהר עקאָנאָמישען באַזיס, איז זי אונטערגעגאַנגען, און איהרע קינדער זיינען איינגעשלונגען געוואָרען צווישען די פעלקער, וואָס האָבען איהר באַזיגט. דאָס אידישע פאָלק אָבער לעבט און עקזיס־טירט. „היסורין כלין והם במקומם עומדים", די יסורים פאַר־שווינדען און די אידען בלייבען שטעהן אויף זייער פלאַץ (סנהדרין ק"י, תנחומא). די געשיכטע ווייזט אונז טאַקע, אז נאָך יעדען אויסגוס פון האַס און פאַרפאָלגונג אויף די קעפּ פון די אידען זיינען זיי גאָר ארויסגעקומען שטאַרקער און קאָמפּלוסטיגער ווי פריער. די רדיפות האָבען זיי געהאָלפען צו ווערען פאַראייניגט; האָבען צעמענטירט איבעראַל די פאַרשיידענע טיילען פון פאָלק, און געשטאַרקט זייער אייגענעם נאַציאָנאַלען גייסט. „אתם בני יעקב לא כליתם", קוים ווערען די אידען נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניג און קערען זיך אום צו זייער פאָלק, צו זייער תורה און אמונה, זיינען זיי אומשטערבליך און וועלען קיינמאָל ניט אונטערגעהן.

„ושב ד' אלהיך את שבותך", און גאָט וועט צוריקקומען מיט דיין געפאַנגענשאַפט, „והשיב לא נאמר אלא ושב — מלמד שאף הקב"ה שב עמהם מן הגלות". עס שטעהט ניט „והשיב", ער וועט צוריקברענגען, נאָר „ושב", ער וועט זיך אַליין צוריקקערען. פון דעם איז געדרונגען, אז אויך גאָט אַליין וועט צוריקקומען מיט די אידען פון גלות (מגילה כ"ט ע"א). אזוי לאַנג ווי דער איד לעבט אין דער פרעמד

און לײדט צרות און פארפאלגונגען, איז אויך די שכינה אין גלות; גב"ה אליין געפינט פאר זיך קיין פלאץ ניט אין דער וועלט. מיט אייער צוריקקומען נאך ארץ ישראל, אין אייער אייגען היימלאנד, וועט איהר אויך בויען א היים פאר דער גאטהייט און איהר באפרייען פון די גלות־קייטען.

די תורה איז אייער גליק

„ראה נתתי לפניכם את החיים ואת הטוב", זעהט איך האב פאר אייך היינט פארגעלייגט דעם וועג פון לעבען און גוטס. די אידישע אייביגקייט איז ענג פארבונדען מיט איהר תורה; זי האלט איהם אויף און גיט אהם א תכלית פאר זיין לעבען. „אז איינער לײדט — זאגט הרב שמואל מאהליוועער ז"ל — צוליב אן אידעאלען צוועק, זיינען די לײדען ניט אזוי שמערצפול. דער תכלית פון זיין לעבען גיט איהם מוט צו קאנען ווידערשטעהן אלע אנגריפען פון דער צייט און דער סביבה. ער רעכענט זיך ניט מיט די אנפאלען פון זיינע שכנים, וועלכע שטעהען פיעל נידעריגער פאר איהם אין גייסט, און האבען אויף איהם א קנאפע השפעה".

„את החיים ואת הטוב — פאראן אזעלכע מענשען — פלעגט זאגען דער קאצקער רבי זצ"ל — וואס זיינען, נעבעך, לא עליכם קורץ אויף דער הבנה, און פארשטעהען ניט דעם תכלית פון לעבען. אויב זיי טוען שוין יא אמאל א גוטע זאך, האבען זיי אממייסטען זיך אין זינען. זיי ווילען דערמיט פארגרעסערען די הנאה פון זייער אייגענעם לעבען. דאס איז אבער א גרויסער טעות; מען דארף ניט זוכען גוטס, כדי צו קאנען לעבען; מען דארף לעבען, כדי צו קאנען גוטס טאן".

„לאהבה את ד', לשמוע בקולו ולדבקה בו", מען דארף ליבען גאט, איהם פאלגען און זיך מיט איהם באהעפטען. ניט מיט'ן דאווענען אדער לערנען אליין קומט א איד אפ זיין חוב צו זיין גאט; ער מוז אויך לעבען מיט איהם. וואו ער געהט און שטעהט, וואס ער טוט און שאפט, מוז זיין לויט זיינע געזעצען. „ד' צלך על יד ימינך", אויב א מענש וועט האבען אין זינען, אז גאט

שטעהט ביי זיין רעכטער האנט, וועט ער זיך אפהיטען פון טאן שלעכטס. רבי שניאור זלמן לאדיער זצ"ל, דער בעל התניא, פלעגט זאגען: „ולדבקה בו", זיך צו באהעפטען מיט איהם: „כ'וויל ניט זיין גן־עדן, כ'בין איהם מוחל זיין עולם הבא, כ'וויל איהם אליין האבען".

„ובחרת בחיים למען תחיה", דו זאלסט אויסדערוויילען דאס לעבען, כדי דו זאלסט געניסען פון לעבען. „עס זיינען דא א גרויסע צאהל מענשען, וואס זוכען אימער צייטפארטרייב; עס ווייזט־אויס, ווי זיי וואלטען וועלען פטור ווערען פון לעבען און איהם פארטרייבען וואס שנעלער. איבערהויפט זיינען אונזערע אמעריקאנער אידען להוט „טו קילל טאים", אוועקצו'הרג'ענען די צייט מיט פארטים, מיט שפילען קארטען אדער אנדערע צייט־פארטרייבונגען. די תורה אבער וויל עס ניט; זי ראט אונז „למען תחיה", אום דו זאלסט לעבען, א פול לעבען, א פרוכטבאר לעבען (דרשות אל עמי).

„ולא אתכם לבדכם", ניט נאר אייך אליין ראט איך אזוי צו טאן — זאגט משה צו די אידען — „כי אם את אשר ישנו פה עמנו היום ואת אשר איננו פה", אויך פאר די וואס זיינען דא מיט אונז און פאר די וואס זיינען ניטא מיט אונז. „כל הנשמות היו שם אף שעדיין גוף לא נברא", אלע אידישע נשמות האבען זיך דאן דארט געפונען, כאטש זייערע קערפערס זיינען נאך ניט באשאפען געווארען (מדרש תנחומא). עס איז קעגען דעם גאנצען אידישען געדאנקען־גאנג צו דענקען, אז אמונה איז א מענשליכע שאפונג, און יעדער דור קלייבט זיך אויס זיין גלויבען, זיין תורה, וועלכע זאל הארמאנירען מיט זיין לעבענסגאנג. די אידישע תורה איז, לויט דער טראדיציע, באשאפען געווארען פיעל פריהער פאר דער וועלט און די אויפגאבע פון יעדען אידען איז איהר צו פארווירקליכען אין לעבען.

אויב אונזער פאלק וואלט צוגעלאזט דעם געדאנק, אז די

תורה און אונזער אמונה קאָן געביטען אָדער אפילו רעפאָרמירט ווערען, וואָלטען מיר שוין לאַנג פארלוירען אונזער אייגענארטיג־קייט, וואָס האָט אונז אויפגעהאלטען אלס באַזונדער פאָלק. עס וואָלט דאָן געווען „כמספר עריך היו אלהיך ישראל", אין וויפיל לענדער מיר געפינען זיך אַזויפיל געטער און אמונות וואָלטען מיר געהאָט. די אידישע גאַנצקייט וואָלט פארשוואונדען און אָנשטאָט איין פאָלק, 'איין נציע, וואָלטען מיר געווען צעברעקעלט איבער דער גאַנצער וועלט.

„כל הנשמות היו שם", אלע אידישע נשמות האָבען זיך געפונען ביי קבלת התורה. אין דעם באשטעהט די אומבאַזיגבאַר־קייט פון אונזער גייסט. „עדיין גוף לא נברא", די קערפערס זיינען נאָך ניט באשאפען געוואָרען; עס קאָן זיין, אז אין אויסזעהן וועלען זיך די אידען אונטערשיידען איינער פון דעם אנדערן, לויט דעם לאַנד און קלימאַט: זייערע נשמות אָבער מוזען בלייבען דיזעלבע און איבעראל טראָגען דעמזעלבען כאַ־ראַקטער. איין גאָט, איין תורה, די־זעלבע טראַדיציעס און דערזעלבער גייסט.

———o———

וילך

משה געזעגענט זיך מיט די אידען

„וילך משה" — און משה געהט ארום צווישען דעם פאָלק און געזעגענט זיך מיט יעדען פון די אידען. ער הערט דעם לעצ־טען באשלוס פון גאָט: „הן קרבו ימיך למות", עס האָבען זיך שוין דערנעהענטערט די טעג פאר דיר צו שטאַרבען, דיין צייט איז פאַראיבער, „קרא את יהושע ואצונו", רוף יהושע'ן און איך וועל איהם זאָגען וואָס ער האָט צו טאָן. משה, וועלכער איז גע־ווען „בכל ביתי נאמן הוא", דער פארטרויענסווערטער שליח פון גאָט, איבערצוגעבען זיינע הימעלשע לערען און גייסטרייכע פרינ־ציפען צו זיין פאָלק, די אידען, און אויך צו דער גאַנצער מענש־הייט, מוז אבדיקירען, איבערגעבען זיין גרויסע מיסיע צו אַן אַנ־דערען. עס פארשווינדט פון אהם אויך די געטליכע וויזיע. דער רוח הנבואה, וואָס האָט איהם געבראַכט אזוי נאָהענט צו גאָט, „פנים אל פנים", פארלאָזט איהם. אַז דער אויבערשטער רעדט צו יהושע'ן, ווייס שוין משה ניט דעם געשפּרעך, און ער מוז אָנ־קומען צו זיין געוועזענעם תלמיד, ער זאָל עס איהם דערקלערען. און ער שרייט אוים מיט וועהמוט: „מאה מיתות ולא קנאה אחת", הונדערט טויטען, אבי ניט פארצערט צו ווערען פון קנאה, וועלכע פארביטערט דעם לעבען, און האַלט דעם טויט שטענדיג פאר די אויגען (מדרש רבה פ"ט).

פערציג יאָהר האָט משה געטריי געדינט די אידען. ער האָט זיך פשוט פאר זיי מוסר נפש געווען, געקעמפט פאר זיי מיט פרעה אין מצרים, מיט די פארניכטענדע עלעמענטען אין דעם מדבר, זאָגאר מיט גאָט אליין, ווען ער האָט זיי געוואָלט שלעכטס טאָן. איצט מוז ער אַלץ איבערלאָזען צו זיין נאָכפאָלגער. „לא אוכל עוד לצאת ולבא, שניטלה ממנו הרשות וניתנה ליהושע", ער קאָן שוין מעהר ניט ארוים און אריין צו פארוואלטען זייערע באַדערפעני־שען, די הערשאַפט איז פון איהם אַוועקגענומען געוואָרען און

איבערגעגעבען געוואָרען צו זיין תלמיד יהושע (רש״י). ער פאַר־ברייננט מיט אַלע קלאַסען אידען, מאַנכע ווערען פון אהם שטאַרק געלויבט, פאַר אַנדערע האָט ער אַ וואָרנונג, אַז זיי זאָלען זיך האַלטען מיט זייער פאָלק און אויספיהלען די פאַרזאָגען פון דער תורה. ווי אַ געטרייער פאָטער צו זיינע קינדער, מוסר׳ט ער זיי, רעדט צו אַלעמען, זאָרגט זיך פאַר זיי און פאַרשפּרעכט זיי אַ גלענצענדע צוקונפט.

עס ווערט דערציילט אויף רבי ישראל סאַלאַנטער, אַז פאַר זיין פּטירה האָט ער געלאָזט רופען צו זיך אַלע באַלעבאַטים פון שטאָדט און מיט איטליכען פון זיי זיך ווארים געזעגענט. צווישען די פאַרזאַמעלטע האָט זיך אויך געפונען איינער, אַ באַקאַנטער אפיקורוס, וועלכער ר׳ ישראל האָט לייבגער, ווי אַלע אַנדערע, אָפּ־געהאַלטען ביי זיין בעט און האָט מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט געדריקט זיין האַנט און פון איהם אָפּשייד גענומען.

האָט עס די מקורבים אַביסעל געאַרט און זיי האָבען אויס־געדריקט זייער פאַרוואונדערונג הלמאי מיט דעם דאָזיגען אפיקורוס האָט ער זיך אָפּגעגעבען מעהר ווי מיט די פרומע באַלעבאַטים, די יראים וחרדים.

— כ׳וועל אייך זאָגען — האָט זיי ר׳ ישראל דערקלערט — מיט אייך האָב איך אי״ה אַ האָפנונג צו זעהן זיך, לאחר מאה שנה אין גן־עדן. מיט יענעם אָבער דאַרף איך זיך וואַרעמער גע־זעגענען, ווי מיט אייך, ווייל, — ווער ווייסט, צי כ׳וועל איהם נאָך ווען־עס־איז זעהן . . . (ב. יאָושזאָהן).

אַמאָל איז ער געפלויגען אין די הימלען און איצט קאָן ער דעם קליינעם ירדן ניט אַריבערגעהן

דער מדרש, שילדערענדיג די לעצטע טעג פון משה רבנו, דריקט זיך אויס מיט באַדויערונג: „אתמול היה עולה לרקיע כנשר — עכשיו היה מבקש לעבור את הירדן ואינו יכול״, נעכטען איז ער געפלויגען אין די הימלען ווי אַן אָדלער, איצט וויל ער אַריבער דעם ירדן און קאָן ניט (דב״ר פ״ט). משה, דער העלד פון אַלע העלדען, וואָס איז געשטאַנען ווי אַ זייל ליכט אויפ׳ן

שוועל פון דער אידישער געשיכטע, און האט געצוואונגען הימעל און ערד צו טאן זיין געבאט, ער איז איצט צו־שוואך צו קאנען דערוויזען אזא קלייניגקייט, ווי אריבערצוגעהן דעם קליינעם ירדן און זעהן דאס הייליג לאנד, פאר וועלכען ער האט אזוי שווער געארבייט, און וועלכער איז געווען דער הויפט אידעאל פון זיין לעבען. דער „אדון הנביאים", דער האר פון אלע פראפעטען, פאר וועמען מלאכים האבען געציטערט, און „כביכול" אליין האט פיעל מאל געביטען זיינע מיינונגען אויף זיין פארלאנג; אט־דער גרוי־סער גייסטיגער ריז קאן ניט פועל'ן ביי גאט איהם צו לאזען אריין־פיהרען זיינע אידען אין ארץ ישראל, און פארענדיגען די ארבייט פאר וועלכער ער האט זיין גאנצען לעבען מפקיר געווען.

די הונדערט און צוואנציג יאהר וואס משה האט געלעבט, ווערען פון דער אגדה איינגעטיילט אין דריי גלייכע טיילען: פערציג יאהר האט ער זיך געהאדעוועט אין דעם הויז פון פרעה, אלס דער אדאפטירטער זוהן פון זיין טאכטער בתיה, וועלכע האט איהם אלס קליין קינד געפונען ארומשווימענדיג אין א גומענעם קעס־טעלע, אויף דעם טייך נילוס. ביי פרעה'ן אין הויז האט ער בא־קומען די נויטיגע דערציהונג וואס א פאלקס־פיהרער דארף האבען. נאך אין זיינע אינגערע יאהרען הויבט ער זיך אן צו פאראינטערע־סירען מיט זיינע ברידער, „וירא בסבלותם", ער שטודירט זייער טרויעריגע לאגע, „וירא כי אין איש", ער זעהט איין, אז זיי פעהלט א מאן, א ריכטיגער פיהרער, וואס זאל זיי ארגאניזירען און צוגרייטען פאר זייער באפרייאונג. ער נעהמט זיך אן פאר זיינע געו'רודפ'טע ברידער, אבער צוליב א אידישער מסירה איז ער געטריבען צו אנטלויפען און פארלאזען דאס לאנד מצרים, וואו זיינע אידען געפינען זיך.

די צווייטע פערציג יאהר פארברייננגט משה אין דעם לאנד מדין, וואו ער הייראט די טאכטער פון יתרו, א פראמינענטער פריסטער, און באשעפטיגט זיך מיט פיטערען די שאף פון זיין שווער. דארטען ווערט ביי איהם געבוירען דער ערשטער זוהן זיינער, און ער גיט איהם א נאמען „גרשם", ווייל „גר הייתי בארץ

נכריה", איך בין אַ גר אין אַ פרעמד לאַנד. דורך די יאָהרען וואָס ער האָט געפּאַשעט זיין שווער'ס שעפּסען אין דעם מדבר, האָט משה אין איין טראַכטען און קלערען וועגען דעם תכלית פון'ם מענשען'ס לעבען, „ויבוא אל הר אלהים". ער דערגרייכט אין זיינע געדאַנקען ביז דעם הויכען באַרג פון דער גאָטהייט. ער דערטראַכט זיך צו דער העכסטער שטופע פון גייס-טיגער אנטוויקלונג. ביים באַרג „חורב" ווערט ער באַהערשט פון אַ געטליכער וויזיע, וועלכע באַאויפטראַגט איהם זיך אומצוקערען נאָך מצרים און באַפרייען זיינע ברידער פון זיי-ער שרעקליכען גלות.

זיינע לעצטע פערציג יאָהר זיינען די פּרובטבאַרסטע, וואָס אַ מענש האָט ווען דורכגעלעבט. פאַר דער צייט געלינגט עס איהם צו פאַרוואַנדלען אַ פאָלק פון שקלאַפען אין אַ פריי פאָלק, אין „עם סגולה וממלכת כהנים", אין אויסדערוויילט פאָלק און אַ קעניג-רייך פון פּריסטער. מענשען, וועלכע זיינען געוועזן פאַרזונקען אין מ"ט שערי טומאה, פאַרגרעבט און אומוויסענד, ווערען אונטער זיין פיהרערשאַפט און השפעה דערהויבען צו אַ שטופע פון „מעט מאלקים", הימעל מענשען, וועלכע ווערען די פאָהנען טרעגער פון אַ תורה, וואָס האָט ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג באַאיינפלוסט דער גאַנצער מענשהייט, און וועט אין דעם „אחרית הימים", אין דער וויטער אָבער אויסגעלייטערטער צוקונפט, ווען דער פאַר-שטאַנד פון אַלע פעלקער וועט זיך אנטוויקלען צו זיין געהעריגער הויך, ווערען די תורה פון אַלע מענשען-קינדער.

משה'ן האָט זיך זעהר געוואָלט אַריינברענגען די אידען אין ארץ ישראל, ווייל ער האָט געפיהלט, אַז דאָרטען, אויף זייער אייגען ערד, וועלען די אידען אימשטאַנד זיין צו אנטוויקלען אָט-דעם גייסטיגען צענטער, צו וועלכען ער האָט געשטרעבט זיין גאַנ-צען לעבען-לאַנג. עס איז איהם אָבער ניט באַשערט געווען דאָס דורכצופיהרען, ער מוז שטאַרבען אין דעם מדבר און איבערגעבען זיין גרויסע אויפגאַבע צו זיין תלמיד יהושע עס צו פאַרענדיגען. גב"ה אָבער טרייסט איהם: „כל הבריות כשהן מתין מטפלין בהם

בני אדם אבל אתה, אני ופמליא שלי מטפלין בך", אלע מענשען, אז זיי שטארבען באשעפטיגען זיך מיט זיי בלויז מענשען־קינדער, מיט דיר אבער וועלען איך מיט מיינע מלאכים זיך אליין אפגעבען. (דב"ר פ"ט). „ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה", קיינער קאן ניט אנווייזען וואו משה איז באגראבען געווארען ביז היינטי־גען טאג, ווייל אין אמת'ן זין איז משה ניט געשטארבען, ער לעבט און וועט בלייבען לעבען כל זמן דאס אידיש פאלק וועט עקזיסטירען. ווי זאגט „אחד העם", „דער גרויסער משה בלייבט דער אידי־שער פיהרער, וואס איז געגאנגען פאר די אידען, ניט נאר די פערציג יאהר אין דעם מדבר, נאר אויך אין די טוי־זענטער יאהרען פון וואנדערען אין די פארשיידענע מדבריות, פון מצרים ביז היינטיגען טאג".

זיינע לעצטע טרייסט־ווערטער

„ועתה כתבו לכם את השירה הזאת", און איצט שרייבט אייך אראפ די תורה, וועלכע איז דעם אויבערשטען'ס גרויסע פאעמע פון גייסטיגע דערגרייכונגען. נעמהט איהר מיט אויף אלע אייערע וואדערונגען, לערענט זי אייערע קינדער און קינדס־קינדער, ווייל זי וועט אייך באשיצען פון אונטערגאנג. אויב עס וועט אמאל פאסירען, אז „וקם העם הזה וזנה אחרי אלהי נכר הארץ", די אידען וועלען זיך אפקערען פון גאט און נאכפאלגען די געטער פון פרעמדע לענדער; זיי וועלען זיך זוכען צו אסימילירען צווישען די פעלקער וואו זיי וואוינען דאן „תמצאן אותו צרות רבות ורעות", וועלען זיי טרעפען פילע און שלעכטע אומגליקען. אז זיי וועלען מיר פארלאזען, „ועזבתים והסתרתי פני מהם", וועל איך זיי אויך פארלאזען און באהאלטען מיין געזיכט פון זיי. „ואמר ביום ההוא הלא כי אין אלהי בקרבי מצאוני הרעות האלה", סוף כל סוף וועלען זיי אלע אנערקענען, אז די הויפט סיבה פאר אלע

אומגליקען וואס טרעפט זיי, איז צוליב דעם, וואס זיי האבען זייער אמונה פארלארען און האבען זיך דערוויטערט פון זייער פאלק און זיין תורה.

„ועתה לכם השירה הזאת", דיזע פאעמע וועט אייך אויפ־מונטערען, איהר ווידערקלאנג וועט אייך געבען האפענונג און אויסדויער צו קאנען ווידערשטעהן אלע דרוקען, און איהר וועט ענדליך ארויס די זיגער.

דער דובנער מגיד דערקלערט דעם פסוק מיט א משל: „דער שטייגער איז, אז פארנאכט, בשעת דער פרוכט פעדלער האט שוין כמעט אויספארקויפט זיין סחורה, פון וועלכער עס איז איהם גע־בליבען בלויז א קלייניגקייט, און ער איילט זיך שוין צו געהן אהיים — נעהמט ער דאן די איבערגעבליבענע רעשטלאך, דאס ביסעל בארנעס פון איין קוישעל, דאס ביסעל עפעל פון צווייטען קוישעל, און דאס ביסעל פלוימען פון דריטען, און מישט עס צו־נויף צוזאמען, וועלענדיג דערפון וואס שנעלער פטור צו ווערען. אט דאס מיינט דער פסוק צו זאגען: „והיה כי תמצאן אותו צרות רבות ורעות", אויב דו וועסט זעהן, אז עס הויבט זיך אן צו שיטען עפעס א מישמאש פון צרות פון פארשיידענע מינים — איז א סימן, אז דאס איז דער סאמע סוף, די עקבתא דמשיחא, אז מען איילט זיך שוין צו געהן אהיים" . . .

———o———

האזינו

משה'ס גרויסע פּאָעטישע צוואה

„האזינו השמים ואדברה ותשמע הארץ אמרי פי", איהר הימלען לייגט־צו אייערע אויערען צו מיינע ווערטער, און זאָל די ערד הערען די רייד פון מיין מויל. ישעיה הנביא, דאַגעגען, הויבט־אָן זיין גרויסע נבואה מיט די ווערטער: „שמעו שמים והאזינו ארץ", הערט, איהר הימלען, און לייג־צו דיינע אויערען, דו ערד. דערקלערען אונז די חז"ל, אז דער טעם דערפון איז: „לפי שהיה משה קרוב לשמים ורחוק מארץ, לפיכך אמר האזינו השמים ותשמע הארץ", ווייל משה איז געווען נאָהענט צום הימעל און ווייט פון דער ערד, דערפאַר האָט ער גערעדט צו די הימלען מיט דעם לשון „האזינו", און צו דער ערד מיט דעם לשון „ותשמע". ישעיה, אָבער, איז שוין געווען נעהענטער צו דער ערד ווי צו די הימלען, דערפאַר האָט ער פאַרביטען די ווערטער (ספרי). קענטיג, אז „האזנה" מיינט, איינצוראָמען א סוד, רעדען צו איינעם שטילערהייט, און „שמע" מיינט, רעדען אויפ'ן קול, וואָס זאָל אויך גע־הערט ווערען פון דערווייטענס.

מיט דער קורצער דערקלערונג גיבען אונז די חז"ל א ריכ־טיגע אָפּשאַצונג איבער דער גרויסקייט פון משה רבנו, אין פאַר־גלייך צו די קומענדע נביאים אָדער געזעצגעבער פון דער וועלט. משה איז אימער געשטאַנען נאָהענט צו די הימלען; דער הויפּט־תכלית פון זיינע לערען איז געווען, צו דערנעהנטערען די ערד צום הימעל, צו געבען דער מענשהייט א העכערען ציעל אין לעבען, ווי צו באַקומען זייערע מאַטעריעלע און קערפּערליכע באַדערפעני־שען. „ונשמרתם לנפשותיכם", איהר זאָלט זיין אָפּגעהיט מיט אייערע זעלען; זעהט צו האַלטען אייערע נשמות ריין און זויבער, אום אז די הימלען זאָלען זיך מיט אייך ניט דאַרפען שעמען. אין דעם באַשטעהט דער תמצית פון זיין תורה, וואָס ער האָט געלערנט דאָס אידיש פאָלק, און איהם אָנפאַרטרויט מיט דער מיסיע צו פאַרשפּרייטען זיינע אידעאַלען צווישען די פעלקער פון דער וועלט.

ער רעדט דערום צו הימעל און ערד, ווייל „אין הקב"ה גואל את ישראל אלא על ידיהן" (מ"ר). „אין דער אידישער גאולה, וואס מיינט אויך די באפרייאונג פון דער גאנצער מענשהייט, מוז דער „ארץ" געהן מיט'ן „שמים", דאס ערדליכע מוז זיין פארבונדען מיט דעם הימלישען, א סינטעז פון גוף ונשמה, קערפער און גייסט" (הרב יעקב לעווינסאן).

דער „מדרש תנחומא" גיט־אן נאך א טעם פארוואס משה האט איינגעלאדען דעם הימעל און די ערד צו הערען זיין לעצטע צוואה צו די אידען: „לפי שהם קיימין לעולם וישראל קיימין לעולם לכך הזמינם לעדות שיקיימו ישראל התורה והמצוות", ווייל אזוי ווי זיי עקזיסטירען פאר אימער און די אידען עקזיסטירען פאר אימער, דערפאר האט ער זיי איינגעלאדען צו זיין עדות, אז די אידען וועלען מקיים זיין די תורה און מצוות. אייביגקייט איז דער גרונט־געדאנק פון משה'ס לערען. גב"ה איז אייביג, זיין תורה בלייבט אייביג, און עס איז זיין ווילען, אז אויך זיין פאלק זאל לעבען אייביג. די תורה איז ניט א פאלק'ס קאנסטיטוציע, וואס איז געגעבען געווארען פאר א באשטימטער צייט און אונטער גע־וויסע אומשטענדען. „לא תהא מוחלפת", זי קאן ניט געביטען ווערען אדער אפילו אמענדירט ווערען, ווייל זי נעהמט־ארום אלע דורות און אלע צייטען. זי איז א געזעץ־בוך פאר דער אייביגקייט, אין וועלכען מענשען זאלען אריינקוקען און קאנען מאדולירען זייער לעבען און זייערע אויפפיהרונגען לויט זיינע פארשריפטען, כדי צו פאראייביגען זייער עקזיסטענץ. הימעל און ערד זיינען פון דעם בורא־עולם באשטימט געווארען צו עקזיסטירען פאר אימער; דאס איז אבער אלץ אפהענגיג פון דער אויספירבארקייט פון זיין תורה: ווען זי עקזיסטירען, וועלען זיי אויך א קיום האבען; טא־מער חו"ש ניט, וועלען זיי זיך אומקערען צו „תהו ובהו", און חרוב ווערען.

די תורה ברענגט מיט זיך לעבען

„יערף כמטר לקחי", מיין לערע טריפט ווי דער רעגען. „מה מטר חיים לעולם אף דברי תורה חיים לעולם", פונקט ווי דער

רעגען ברענגט לעבען אויף דער וועלט, אזוי ברענגען אויך די רייד פון דער תורה לעבען אויף דער וועלט (ספרי). „עם הארצות" טראָגט מיט זיך כאאס און צעשטערונג, אומוויסענקייט דערלאָזט ניט צו אנטוויקלונג און האַלט־אָפּ דעם פּראָצעס פון מענשליכען פּראָגרעס. „על כל עשב ועשב עומד עליו מלאך ומכהו ואומר לו גדל", איבער יעדען גרעזעלע שטעהט א מלאך, וואָס שטויסט איהם און נאָגט איהם צו וואקסען. אינערציע קומט פון אידעאַל און שאפט אונטערנעמונגס־גייסט; אָהן דעם בלייבט די וועלט סטאַג־נענט און שטילשווייגענד. אַלע גרויסע דערגרייכונגען מוזען ציהען זייער יניקה פון א גייסטיגען קוואל, וואָס גיט זיי דעם אמת'ן תכלית פאר דעם; אָהן דעם מלאך פון אינערציע קאָן קיין ארבייט ניט פאָרטגעזעצט ווערען, און דאָס פיהרט צו פארוועלקונג און אונטערגאַנג. פונקט ווי דער רעגען גיט דער ערד די נויטיגע כוחות צו פּראָדוצירען איהרע פרוכט, אזוי איז אויך מיט דער תורה: זי גיט דעם מענשען די איניציאַטיווע צו האלטען אין איין וואקסען און שטייגען אַלץ העכער און העכער.

„תזל כטל אמרתי", מיין רעדע רינט ווי דער טוי. „מה טל כל העולם שמחים בו אף דברי תורה כל העולם שמחים בם", פונקט ווי דער טוי ברענגט פרייד אויף דער גאַנצער וועלט, אזוי אויך די ווערטער פון דער תורה (ספרי). די תורה איז ניט גע־מיינט געוואָרען פאר א באזונדערן קלאַס אָדער קאַסטע; זי איז ווי דער טוי, וואָס פאַלט איבער אַלע און אַלעמען; זי מאַכט ניט קיין אונטערשייד פון איינעם ביז דעם צווייטען. גרעניצען פאַר־דרענגען דעם פאָרקער און שטערען דער אויסברייטונג פון געוויסע אונטערנעמונגען. ספּעציעלע געזעצען, וואָס זיינען געצילט בלויז פאר געוויסע קלאַסען, שליסען אוים די אַנדערע פון קאָנען געני־סען פון זייער ווערטה. די תורה אָבער איז ווי די דער טוי, דעמאָ־קראַטיש און פאַלקסטימליך און איז געמיינט פאר אַלעמען גלייך.

„תזל כטל אמרתי — מה מטר משחקת אבנים, אף התורה משחקת לב האבן", פונקט ווי דער רעגען רייבט־אָפּ שטיינער, אזוי אויך די תורה צערייבט א פארשטיינערט האַרץ (תנחומא). די תורה ווירקט אויך אויסצובעסערען דעם מענשליכען כאַראַקטער. איהרע

געזעצען איידלען זיינע געפילען און מאכען וויכער זיין הארץ, ער זאל קאנען פארשטעהן און באגרייפען די לאגע פון זיין ברודער, וועלכער געפינט זיך אין ערגערע אומשטענדען ווי ער. „קודם שלא אכל אדם ושתה יש לו שני לבבות, לאחר שאוכל ושותה אין לו אלא לב אחד", איידער א מענש האט געגעסען און געטרונקען, האט ער צוויי הערצער, נאכדעם אבער, אז ער האט שוין געגעסען און געטרונקען, האט ער בלויז איין הארץ (ב"ב י"ב). דער שפא־לער זיידע פלעגט דערקלערען די גמרא אזוי: „דער ארימאן וואס הונגערט אליין, האט צוויי הערצער, ווייל ער פיהלט דאס הארץ פון אנדערן, וועלכער געפינט זיך אין דערזעלבער שלעכטער לאגע ווי ער. דער רייכער מאן אבער, דער זאטער, האט בלויז איין הארץ, זיין אייגענס — יענעמ'ס הארץ פיהלט ער ניט. ער וויל זיך שוין מעהר ניט אריינטראכטען אין דער לאגע פון א צווייטען און איז ווי א חיה, וואס ליבט נאר זיך אליין".

„כי שם ד' אקרא — הבו גודל לאלהינו", איך רוף דא אויס דעם נאמען פון גאט, גיט גרויסקייט צו אונזער גאט. פון דעם, זאגען אונז די חז"ל, איז געדרונגען אויף „ברכות התורה לאחריה", אז מען רופט איינעם אויף צו דער תורה, זאל ער מאכען א ברכה נאכ'ן לייענען, אזוי גוט ווי פאר'ן לייענען (ירושלמי ברכות פ"ז). דער קאמעניצער מגיד, אדרעסירענדיג א „בר מצוה" אין ווייטש־עפעל, ענגלאנד, האט אמאל געזאגט: „פיל פון אונזערע טאטעס און מאמעס שטעלען זיך צופרידען מיט דער „ברכה לפניה", מיט דעם וואס זיי לערנען אויס זייערע קינדער דעם מפטיר צו זייער בר מצוה. נאך דער בר מצוה קימערען זיי זיך שוין ניט מעהר וועגען זייער קינד'ס אידישער דערציהונג און דערלויבען איהם אויסצוואקסען אן עם־הארץ אין אידישע ענינים. דאס איז די אורזאך ווארום אין אזעלכע לענדער ווי ענגלאנד, פראנקרייך און אמעריקא האט דער אידישער גייסט ווייניג וואס געשאפען אין דעם לעצטען יאהרהונדערט. אויב מען וויל, אז אונזערע יונגע דורות זאלען זיך האלטען אן אידישקייט, מוזען מיר זעהן, אז אונזערע קינדער זאלען אויך מאכען די „ברכה לאחריה", פארט־זעצען זייערע אידישע לימודים ווייטער, ביז זיי וועלען פארשטעהן

אפּצושאַצען די גרויסקייט פון אונזער תורה. צוליב זייער אומ־וויסענקייט אין עניני אמונה ודת ווערט ביי אונזערע דורות אָפּ־געשוואַכט דער אידישער נאַציאָנאַלער געפיל און זיי פאַלען אריין אין גרויס יאוש אין צייטען פון אידישער נויט. גיט אונזערע קינ־דער א גרינטליכע אידישע דערציהונג, מאַכט זיי באַקאַנט מיט די גרויסע גייסטיגע אוצרות פון אונזער פאָלק, וועט דאָס שטאַרקען זייער בטחון אין גאָט און זיי געבען האָפנונג און מוט צו לעבען און קעמפען פאַר אונזער ענדליכער גאולה".

די אידען זיינען גאָט'ס אייגענס

„הלא הוא אביך קנך", ער איז דאָך דיין פאָטער, וואָס האָט דיך גענומען און זיין באַזיץ. אין „פּרקי דרבי אלעזר" ווערט דער־צעהלט, אַז ווען גאָט האָט, ביי דעם „דור ההפלגה", צוזאַמענגע־קליבען אַלע זיינע מלאכים און זיי איינגעלאַדען צו געהן מיט איהם און איינטיילען די מענשען אין פאַרשיידענע פעלקער און שפּראַכען, האָט ער זיי געזאָגט: לאָמיר וואַרפען גורל, ווער פון אונז זאָל זיין דער „שר" פון אַ געוויסען פאָלק. „הטילו גורלות ונפל ישראל לחלקו של הקב"ה", האָבען זיי געוואָרפען גורל און דאָס אידיש פאָלק איז געפאַלען אויף דעם חלק פון גב"ה אליין. זינט דאַן האָט ער אונז גענומען אין זיין באַזיץ און מיר הייסען דער „עם ד'", גאָט'ס פאָלק.

„שחת לו — לא בניו — מומם", אויב זיי פאַרדאַרבען קע־גען איהם מיט דעם וואָס זיי אַנטזאָגען זיך צו זיין זיינע קינדער, איז עס זייער אייגענער פעלער. אַזוי גיך ווי אידען הערען־אויף צו האַלטען זיך פאַר „בני ישראל" און ווערען דייטשען אָדער פראַנ־צויזען פון משה'ס גלויבען, פאַרלירען זיי די אידישע אייגענאַרטיג־קייט, און די פעלקער, וועמען זיי זוכען נאָכצומאַכען, געפינען זיי פעלערהאַפטיג, מען באַשולדיגט זיי אין אומטרייקייט און פאַרראַט. די וואָס זיינען ניט געטריי זייער אייגען פאָלק, קאָנען ניט דער־וואַרטען, אַז מען זאָל זיי באַטראַכטען פאַר געטרייע בירגער צו אַנדערע פעלקער.

„קל אמונה ואין עול", ער איז א גאָט פון גלויבען און צו־טרוי און טוט קיין אומרעכט ניט. אויב אייך דאכט זיך אמאָל אויס, אז ער באהאנדעלט אייך ניט ריכטיג, זינדיגט ניט מיט באַ־שולדיגונגען קעגען איהם. איהר פארשטעהט ניט זיינע וועגען; איהר מוזט האָבען צוטרוי. רבי משה ליב סאסאָווער האָט אמאָל, ביים לייענען די פרשה אין בית־מדרש, אויסגעשריען: „רבונו של עולם! דו ווילסט, אז כאָטש מיר זעהען דיך ניט און באגרייפען ניט דיינע דרכים, זאָלען מיר דאָך האָבען אמונה אין דיר און גלויבען, אז „ואין עול", דו טוסט קיין עוולות ניט. צאָהל־זשע אונז אויך אָפּ מיט דערזעלבער מידה: הגם דו זעהסט ביי אונז ניט קיין מעשים טובים, האָב אין אונז אמונה, אז מיר וועלען תשובה טאָן!"

———o———

וזאת הברכה

משה פארענדיגט די תורה און גיט איבער זיין נשמה צו גאָט

די סדרה „וזאת הברכה", וועלכע איז די לעצטע פון אונזער חומש, האָט ניט קיין באַזונדערען שבת, זי ווערט געלייענט אין די שוהלען דעם לעצטען טאָג פון סוכות, וואָס איז באַשטימט געוואָרען אלס „שמחת תורה", ווען אלע אידען פרעהען זיך מיט דער גרויסער גייסטיגער מתנה וואָס גב"ה האָט זיי געגעבען. דאָס אידיש פאָלק איז די איינציגע וואָס האָט א „זמן מתן תורתנו" באַזונדער און א „שמחת תורה" באַזונדער. „שבועות", ווען די תורה איז צוערשט געגעבען געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני, ווערט געפייערט אלס דער „זמן מתן תורתנו", און דער לעצטער טאָג פון סוכות, אז מען פאַרענדיגט לייענען די תורה איז געווידמעט געוואָרען פאַר א טאָג פון שמחה, ווען אלע אידען פרעהען זיך מיט איהר. „שבועות" באַלאַנגט צו דער פאַרגאַנגענהייט, עס איז א היסטאָרישער יום טוב וואָס מיר פייערען אין אָנדענק פון א גרויסע געשעהעניש אינ'ם לעבען פון אונזער פאָלק. „שמחת תורה אָבער באַלאַנגט צו דער געגענוואַרט און די צוקונפט, עס דריקט אויס דעם דאַנק און די צופרידענקייט פון פאָלק, וועלכער פאַרשטעהט אָפּצושאַצען די גרויסקייט פון יענער היסטאָרישער געשעהעניש.

מיט אָננעמען א תורה קאָן מען זיך נאָך ניט פרעהען, ווער ווייס וואָס פאַר רעזולטאַטען איהרע געזעצען וועלען ברייגנען. די געשיכטע ווייס צו דערצעהלען פון פיעל פעלקער וואָס האָבען אָנגענומען העכסט ליבעראַלע קאָנסטיטוציעס, וועלכע האָבען פאַרשפּראָכען פרייהייט און גלייכהייט צו אלע בירגער. זיי זיינען אָבער געבליבען טויטע בוכשטאַבען, ווייל דער המון און זיינע פיהרער זיינען ניט דערוואַקסען צו די הויכע אידעאַלען וואָס די קאָנסטיטוציע האָט געצילט צו דערגרייכען, און האָבען איהר ניט דורכגעפיהרט אין לעבען.

נאָכדעם, אז דער איד האָט דורכגעלייענט די תורה פון אָנ־פאַנג ביז ענד, פון „בראשית" ביז „לעיני כל ישראל", און האָט גוט דורכגעלערענט איהרע הויכע פּרינציפּען און גרויסע אידע־אַלען; נאָכדעם, אז ער האָט דורכגעפיהרט דעם „נעשה" אזוי גוט ווי דעם „נשמע", מעג ער זיך פרעהען מיט זיין תורה. מיין פאָטער ע"ה האָט מיר אמאָל געזאָגט: „שמחת תורה אייגענטליך מיינט די פרייד פון דער תורה, די תורה פרעהט זיך מיט די אידען. דערפאַר זאָגען מיר טאַקי „ששו ושמחו בשמחת תורה", נעהמט אייננטייל אין דער פרייד פון דער תורה, ווייל זי פרעהט זיך מיט אונז אזוי גוט ווי מיר פרעהען זיך מיט איהר. זי פונקציאָנירט אין אונזער לעבען און פאַרלייגגערט איהר לעבען מיט אונזערען.

„תורה צוה לנו משה — מורשה קהלת יעקב", די תורה וואָס משה האָט אונז אָנגעזאָגט, איז די ירושה, די ערבשאַפט פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק. זי באַלאַנגט צו אַלע אידען און יעדער איד האָט א חלק אין איהר. די תורה איז ניט געגעבען געוואָרען צו יחידים, צו איינצעלנע, צו די געלערנטע בלויז. אזא תורה קאָן ניט אויסאיבען קיין אייביגע השפּעה אויף דעם גאַנצען פאָלק. „כל המונע הלכה מפי תלמיד כאלו גוזלו מנחלת אבותיו", דער וואָס פאַרמיידט צו לערנען איין דין פון דער תורה צו זיינעם א תלמיד, איז ווי ער וואָלט איהם באַרויבט פון דער ירושה פון זיינע עלטערען. יעדער איד איז באַרעכטיגט צו וויסען די תורה פון אָנפאַנג אָן, „מורשה היא לכל ישראל מששת ימי בראשית", זי איז די ירושה פון אַלע אידען, זינט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען און איז זיין אייגענטום (סנהדרין צ"א ע"ב).

דער ילקוט פרעגט: וואָרום האָט גאָט ניט געגעבען די תורה צו אברהמ'ען? ער איז דאָך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנערקענט די גאָטהייט און האָט איהר געלערענט צו זיינע קינדער און צו די מענשען אַרום איהם. גאָט אַליין זאָגט דאָך אויף אברהמ'ען „כי ידעתיו" — איך האָב איהם געלאָזט וויסען — „למען אשר יצוה את בניו אחריו" — אום ער זאָל אָנזאָגען זיינע קינדער נאָך איהם. ער איז דער פאָטער פון אונזער פאָלק, דער באַגרינדער פון דעם גרויסען געדאַנק פון „אחדות הבורא", וואָרום

האָט טאַקי דער אויבערשטער ניט געגעבען די תורה דורך איהם? אָבער, דער תירוץ איז: „חכה הקב"ה לתת את התורה שהיא בת ששים רבוא אותיות, לעם ישראל בימי משה שהיו ששים רבוא, כדי שיהיה לכל אחד אות בתורה", — גאָט האָט געוואַרט מיט געבען די תורה, וואָס צעהלט זעקס הונדערט טויזענט בוכשטאַבען, צו אידען אין משה'ס צייטען, וואָס האָבען געצעהלט זעקס הונדערט טויזענט נפשות, כדי יעדער איד זאָל האָבען איין אות, איין בוכשטאַב אין דער תורה (ילקוט שמעוני יתרו).

אָט טאַקי צוליב דעם וואָס יעדער איד האָט אַ חלק אין דער תורה, טאָר מען אַ תלמיד ניט פאַרפעהלען צו לערנען יעדען פון איהרע דינים, אויב ער וויל נאַר, ווייל אויב מען טוט עס, באַרויבט מען איהם פון זיין גערעכטע ירושה, וואָס יזז פאַר איהם פאַרצייכענט געוואָרען פון די פריהערדיגע דורות. עס איז דערפאַר דער מנהג אויפצורופען צו קריאת התורה, שמחת תורה, אַלע אידען וואָס געפינען זיך אין שוהל, אויך קליינע קינדער רופט מען אויף „עם כל הנערים". רב ששת לייגט נאָך צו: „כל המלמד תורה בעולם הזה זוכה ומלמדה לעולם הבא", דער וואָס פאַרשפרייט די תורה אויף דער וועלט וועט זוכה זיין עס אויך צו טאָן אויף יענער וועלט (סנהדרין צ"ב ע"א). די אידישע תורה איז אַן איי‌ביגע, זי ציהט זיך נאָך פון דער צייט איידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, און וועט עקזיסטירען זאָלאַנג זי וועט זיך האַלטען. דער וואָס לערענט איהר און פאַרשפרייט איהר וויסען צווישען זיינע תלמידים פאַרבינדט זיך מיט דער איי‌ביגקייט, און זיין נאָמען וועט פאַרבלייבען צווישען די לעבעדיגע אויך אין דער ווייטער צוקונפט.

„וזאת הברכה אשר ברך משה איש האלקים את בני ישראל", אין דעם באַשטעהט די גרויסע ברכה וואָס משה האָט געבענשט די אידען פאַר זיין טויט. כל זמן די אידען וועלען אָפּהיטען די תורה און אויספאָלגען איהרע דירעקטיוועז, וועלען זיי קיינמאָל ניט אונטערגעהן. גאָט זאָגט צו די אידען: „מכרתי לכם תורתי — נמכרתי עמה", איך האָב אייך איבערגעגעבען מיין תורה, און

מיט איהר זיך אליין (שמ"ר ל"ג). און אזוי ווי גאָט לעבט אייביג, אזוי וועלען אויך די אידען פארבלייבען לעבען אויף אייביג.

משה רופט צוזאמען אלע שבטים און גיט יעדען פון זיי א באזונדערע ברכה, צוגעפאסט צו זיין גייסט, צו זיין כאראקטער, און אז ער ווערט פארטיג פארענדיגט ער מיט דיזע ערהאבענע ווערטער: „אשריך ישראל, מי כמוך עם נושע בד' מגן עזרך ואשר חרב גאותך", דו ביזט א גליקליך פאָלק, ישראל, ווער איז אזוי ווי דו, א פאָלק וואָס ווערט געהאָלפען פון גאָט, וועלכער איז דער פאנצער פון דיין הילף און דער שווערד פון דיין גרויסקייט? שרעק דיך ניט פאר דיינע פיינט, אויב זיי וועלען זיין פאלש צו דיר, „ואתה על במותימו תדרוך", דו וועסט טרעטען אויף זייערע אלטארען, דו וועסט ענדליך זיין דער זיגער.

אונזער שווערד מיט וועלכען מיר פיהרען דעם אונאויפ־הערליכען קאמף מיט אונזערע אונצעהליגע שונאים, באשטעהט פון גאוה, פון אונזער גרויסען שטאָלץ מיט דער אידישער פאר־גאנגענהייט און אונזער זיכערקייט וועגען דער גרויסער צוקונפט, וואָס עס ערוואַרט אונז, וועגען דער באדייטענדער ראָליע, וואָס דאָס אידיש פאָלק וועט נאָך אמאָל שפּילען אין דער וועלט. מיט אָט דעם דאָזיגען וואפען, מיט דער דאָזיגער גאוה און שטאָלצקייט, האָבען מיר דערוויזען צו דערהאלטען זיך אין די ביטערסטע צייטען, אין די אונערטערגליכסטע לעבענס־באדינגונגען, פול מיט בטחון אין אונזער ענטגילטיגען זיעג, און אינ'ם „ואתה על במותימו תדרוך", אז סוף כל סוף וועלען מיר אויך להבא אלע אונזערע שונאים איבערלעבען, פונקט ווי מיר האָבען איבערגע־לעבט אונזערע אמאָליגע פיינט, גרויסע און שטארקע וועלט־מלוכות, פון וועלכע עס איז שוין איצט קיין זכר נישטאָ (רעיונות וחומר לדרוש).

גב"ה קושט משה'ן און נעהמט זיין נשמה

משה פארענדיגט די תורה און מאכט זיך פערטיג צו פאר־לאָזען די וועלט. די חז"ל גיבען אונז א מערקווירדיגע שילדערונג פון משה'ס טויט: „אמרהקב"ה לגבריאל, הבא לי נשמתו של

משה", גאָט זאָגט צו מלאך גבריאל, ברייננ מיר די נשמה פון משה'ן. „אמר לו מי שהוא שקול כנגד ששים רבוא, האיך אני יכול לעשות חציפות כזאת?", ענטפערט איהם דער מלאך גבריאל, א מענש, וועלכער באשטעהט נעגען דעם גאַנצען פאָלק, ווי קאָן איך גאָר וואגען צו טאָן אזא חוצפה'דיגען שריט? ווי קאָן איך אוועק־נעהמען דעם גרויסען פיהרער פון א פאָלק, וועלכער וועט פאַר־אייביגען דיין נאָמען צוליב דיין גרויסער תורה וואָס ער האָט זיי געלערענט?

„אמר למיכאל, הבא לי נשמתו של משה", ווענדט זיך גב"ה צום מלאך מיכאל, ער זאָל איהם ברייננען די נשמה פון משה'ן. מיכאל אָבער, ענטזאָגט זיך אויך פון דער שליחות, ער ענטפערט איהם: „אני הייתי רבו והוא היה תלמידי, איני יכול ליטול נשמתו", איך בין געווען זיין לעהרער און ער איז געווען מיין גוטער תלמיד, איך קאָן זיין נשמה ניט צונעמען. אין זיין נשמה געפינט זיך גאָר א גרויסער טהייל פון מיר אליין. איך האָב איהם איבערגעגעבען א טהייל פון מיין גייסט, ווי קאָן איך איצט עס פון איהם אוועקנעהמען?

„בא סמאל והוא הלך בשמחה", איז צוגעקומען דער מלאך סמאל, וועלכער איז אויך דער מלאך המות, און ער האָט אויף זיך מיט שמחה גענומען די אויפגאַבע צו ברייננען די נשמה פון משה'ן. „מצאו כותב שם המפורש וזקוקין של אש יוצאין מפיו", ער האָט איהם אָבער געפונען שרייבענדיג דעם ריכטיגען נאָמען פון גאָט און פונקען פייער קומען ארויס פון זיין מויל, „חזר סמאל ואמר איני יכול לעמוד בפני בן עמרם", האָט זיך סמאל צוריק־געקערט און געזאָגט צום אויבערשטען, איך קאָן ניט ביישטעהן פאַר דעם זוהן פון עמרם. ער איז איינגעוויקעלט אין אייביגקייט, וואָס לאָזט צו זיך ניט צו דעם טויט.

„עמד הקב"ה ונשקו, ויצאה נשמתו בנשיקה", האָט זיך גב"ה אליין אויפגעשטעלט און האָט משה'ן א קוש געגעבען, און זיין נשמה איז ארויס מיט דעם קוש. משה'ס טויט קאָן ניט זיין א נאַטירליכער, ווייל זיין לעבען איז ניט געווען א נאַטירליכער. א מענש וואָס שפרייזט ארום אין די הימלען פאַר זיין לעבען קאָן

ניט שטארבען „בדרך כל הארץ", ווי די מענשען וואס געהען ארום איבער דער ערד. זיין נשמה, וואס איז געוועזן א טהייל פון גב"ה אליין מוז אימער פארבלייבען לעבען דעם כסא הכבוד, נאהענט צו גאט. „היו מלאכי השרת בוכים ואומרים, והחכמה מאין תמצא? אז די מלאכים האבען געזעהן, אז משה האט די וועלט פארלאזען, האבען זיי געוויינט און געפרעגט, פון וואנען וועט די וועלט ווייטער שעפען איהר חכמה! אז דער קוואל פון חכמה איז אויסגעטריקענט געווארען? (בית המדרש ח"ו 71).

„וימת שם משה", און משה איז „דארט" געשטארבען, בלויז דארטען, אין דעם איינגען קרייז פון זיין פאמיליע און פריינט איז משה געשטארבען. פאר דער מענשהייט אבער, פאר די קור־מענדע דורות „עומד ומשמש", שטעהט ער נאך און באדינט זיי. אז משה איז געבוירען געווארען איז די הויז אנגעפילט געווארען מיט ליכט. ער האט אנגעצונדען דאס ליכט פון גלויבען אין דעם בית ישראל און זיין שיין דינט נאך איצט אלס וועגווייזער פאר אלע לעבעדיגע מענשען פון דער וועלט. (סוטה י"ג ע"ב).

———o———

חגים ומועדים

ראש השנה

א געבורטסטאָג פאר דער מענשהייט

„אדם הראשון נברא בראש השנה" (ויק"ר פ' כ"ט). — דער ערשטער מענש איז באשאפען געוואָרען אין דעם טאָג פון ראש השנה. די אידען צעהלען ניט זייערע יאָהרען נאָך דעם געבורט פון א גאָט. א גאָט, וואָס קאָן געבוירען ווערען קאָן אויך שטארבען. דאָס אידישע פאָלק לעבט אייביג, ווייל ער גלויבט אין איין אייביגען גאָט. דער באשאפער פון לעבען לאָזט איהם ניט שטארבען.

ראש־השנה איז א געבורטסטאָג פאר דער מענשהייט, און אלס אזעלכער מוז ער גענומען ווערען מעהר ערנסט. ראש־השנה איז ניט נאָר דער אָנפאנג פון א נייעם יאָהר, ער איז אויך די ענדע פון א פארגאנגענעם יאָהר. אין אזא טאָג מוז אונטערגעצויגען ווערען א באלאנס פון אלע מענשליכע אויפטואונגען און דורכ־פאלען, דערגרייכונגען און נידערלאגעס. דער פארגאנגענער יאָהר מוז דינען אלס א וועגווייזער און לערער פאר דעם קומענדען יאָהר.

„מתכנסים מלאכי השרת לפני הקב"ה ושואלים אימתי ראש השנה? " — די מלאכים אין הימעל קלייבען זיך ארום דעם כסא הכבוד און פרעגען, ווען פאלט אוים ראש־השנה? „והקב"ה משיב ולי אתם שואלים? אני ואתם נלך לב"ד של מטה" — און גאָט ענטפערט: מיר פרעגט איהר? לאָמיר בעסער ארונטערגעהן און פרעגען ביי די מענשליכע ריכטער (ילקוט שמעוני, תהלים פ"א).

פאר דעם שאפער פון אייביגקייט זיינען ניטאָ קיין אָנפאנג און ענדע פון יאָהרען. ביי איהם איז „אלף שנים כיום אתמול כי יעבור" — א תקופה פון טויזענט יאָהר איז פאר איהם בלויז איין נעכטען. דער באגריף פון פארגאנגענהייט און צוקונפט קאָן ניט באנוצט ווערען

אין דעם זין ווי מיר פארשטעהען עס, ווען מיר ריידען וועגען דעם באשאַ־פער פון צייט.

ווען משה רבנו פארלאנגט פון דער גאָטהייט: „הראיני את כבודך", וויז מיר דיין גלאָררייכען מאָרגען, דיין גרויסע צו־קונפט, קריגט ער דעם ענטפער: „וראית את אחורי, ופני לא יראו". „פני", וואָס עס שטעהט פאר מיר, מיין צוקונפט, „לא יראו", דאָס קאָן א מענש ניט זעהן און אויך ניט באגרייפען. אלץ וואָס דו קאָנסט איז: „וראית את אחורי", שטודירען די פארגאנגענהייט און פון איהר לערנען פאר דער צו־קונפט.

ראש־השנה, דער סוף און אָנפאנג פון יאָהרען, איז א באַ־גריף, וואָס מוז באצייכענט ווערען פון א „בית־דין של מטה". די מענשען, וואָס צעהלען זייער לעבען און יאָהרען, מוזען אליין באשטימען זייערע „ראשי השנה", דעם אָנפאנג און אויסלאָז פון זייערע יאָהרען.

דער נאָמען ראש־השנה, מיט וועלכען מיר רופען אָן דעם ערשטען טאָג אין תשרי, הויבט ערשט אָן צו דערשיינען ביי אידען אין די שפּעטערדיגע דורות, אין די צייטען פון תלמוד און ווייטער. אין דער תורה ווערט דער טאָג באצייכענט מיט דעם נאָמען: „יום הזכרון", א טאָג פון באדענקען זיך, א טאָג פון חשבון־הנפש. אריינצוטראכטען זיך אין דעם, וואָס עס איז שוין געשעהן און וועלען פארשטעהן, וואָס עס קאָן געשעהן ווייטער — אין דעם באשטעהט דער הויפּט־געדאנק פון דעם אידישען ראש־השנה.

ראש השנה זיינען מיר מתפּלל פאר דער גאַנצער מענשהייט

ווען די אידען קומען ראש־השנה אין זייערע שוהלען צו בעטען גאָט פאר א גוטען יאָהר, זיינע זיי אויך מתפּלל פאר דער

גאַנצער מענשהייט. אין דער צייט, וואָס מיר טוען תפלה, אַז גאָט זאָל ברענגען „שמחה לארצך וששון לעירך", צופרידענקייט פאַר זיין לאַנד און פרייד פאַר זיין שטאָט, בעטען מיר אויך פאַר אַלע פעלקער, אַז: „ויעשו כולם אגודה אחת", זיי זאָלען ווערען פאַראייניגט צווישען זיך. און כאָטש אונזער ציל איז: „ותמלוך בהר ציון משכן כבודך", אַז גאָט זאָל קעניגען איבער ציון, דער רוהעפּלאַץ פאַר זיין עהרע, ווילען מיר אויך, אַז עס זאָל קומען די גאולה פאַר דער גאַנצער מענשהייט, ווען „עולתה תקפוץ פיה וכל הרשעה כולה בעשן תכלה", פאַרברעכען זאָל אויסגעראָט ווערען און שלעכטסקייט זאָל אַוועק מיט'ן רויך.

מיר אידען האָבען אימער פאַרשטאַנען, דאָס דער גליק פון איין נאַציע איז שטאַרק אָפּהענגיג אָן דעם מצב פון אַלע פעלקער. אום ראש־השנה לייענען מיר אין דער תורה די פרשה פון עקדת־יצחק, וועלכע, ווי דער מדרש דערקלערט, האָט אַ ספּעציעלע באַדייטונג:

„גאָט האָט געוויזען אברהם אבינו דעם באַראַן, וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאַר אַ קרבן אַנשטאָט יצחק'ן, ווי ער איז איינגעפּלאָנטערט צווישען די בוימער פון וואַלד, און האָט צו איהם געזאָגט: „כך עתידין בניך להיות נאחזים באומות ונסבכים בצרות ונמשכים ממלכות למלכות". אָט אַזוי וועט זיין דער שיקזאַל פון דיינע קינדער, איינגעקלאַמערט צווישען די פעלקער, פאַרפּלאָנטערט אין צרות און וועלען מיטגעשלעפּט ווערען אין די אינטערעסען פון איין רעגירונג צו דער צווייטער". (ויק"ר פ"ט).

אַן אמת'ן ביישפּיל ווי אַזוי די אידען ווערען אַריינגעפּלאָנטען מיט דעם שיקזאַל פון אַנדערע פעלקער און ווערען באַהערשט פון זייערע רעזולטאַטען, האָט אונז געגעבען פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן אויף דעם לעצטען ציוניסטישען קאָנגרעס. אין זיין גרויסער רעדע איבער דעם איצטיגען מצב פון אונזער בוי־אַרבייט אין ארץ־ישראל, אין וועלכער ער האָט אויפגעצייגט די שרעקליכע עוולות, וואָס זיינען געגען אונז באַגאַנגען געוואָרען פון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע און פון דער ענגלישער רעגירונג, האָט ער געזאָגט:

„די מלחמה פון איטאליע מיט אביסיניע האט געהאט שווע־רע פאלגען אויף דעם אידישען מצב. וואלט איטאליע פארלארען, וואלט דער כבוד און פרעסטיזש פון אייראפע געפאלען אין דעם אריענט און די שאוויניסטישע כחות וואלטען פון דעם געצויגען נייע קוואלען פון ענערגיע און אויפרעגונג. איצט, אז איטאליע האט די מלחמה געוואונען, האבען איהרע פאלגען אויפגעטרייסעלט דעם פרעסטיזש פון ענגלאנד, וועלכע האט אנגענומען א באקאנטע שטעלונג אין דעם קריג. אזוי צו אזוי „וי לה לקדרה", אז אך און אז וועה צו דעם טאפ. פאלט ער אויפ'ן שטיין, איז וועה צום טאפ, פאלט דער שטיין אויף איהם, איז ווידער וועה צום טאפ. אט אין אזא מצב האבען מיר זיך געפונען. און אזוי איז די גאנצע לופט עלעקטריזירט געווארען און האט ענדליך אויסגעבראכען אין מהומות און אויפטרייסלונגען . . . "

און אזוי איז געווען דער טרויעריגער שיקזאל פון די אידען אין דעם גאנצען לויף פון אונזער גלות. „נסבכים בצרות ונמשכים ממלכות למלכות". יעדע אומרוהיגע צייט צווישען פעלקער האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף דעם לעבען פון אונזער פאלק. דארום זיינען מיר מתפלל אין אונזערע שוהלען ראש־השנה: „תן פחדך על כל מעשיך". ניט נאר פאר אונז אליין בעטען מיר אונ־זער גאט, נאר אויך פאר אלע פעלקער, פאר דער גאנצער מענשהייט.

דער שופר לערנט אונז אחדות

הרב אביגדור עמיאל, רב־הכולל פון תל־אביב, אין זיין ספר „דרשות אל עמי", פרעגט: „וואס איז די אורזאך, וואס דער „בעל תוקע", דער שופר־בלאזער, מאכט די ברכה „לשמוע קול שופר", צו הערען די שטימע פון שופר, ער האט דאך באדארפט מאכען א ברכה „לתקוע קול שופר", צו בלאזען די שטימע פון שופר? "
און ער ענטפערט: „בעל־תוקע", בלאזער, וואס ווילען לאזען הערען זייער שטים, האבען מיר ב"ה גענוג. ווער פון אונז וויל ניט זיין דער „ראש־המדברים". דער טאן־געבער אין אידישע

ענינים? אונז פעהלען הערער, נאָכפאָלגער, וואָס זאָלען זיין פאַר־אייניגט מיט איין דעה, מיט איין געדאַנק.

„שופר אחד אמר רחמנא ולא שנים ושלשה שופרות", מיר מוזען הערען די שטימע פון איין שופר און ניט די שטימען פון עטליכע שופרות מיט אמאָל, זאָגט אונז די גמרא. דער שופר אליין האָט קיין שטימע ניט און ער לאָזט פון זיך הערען בלויז דעם קול, וואָס מען בלאָזט אין איהם אריין. אויב דער „בעל־תוקע", דער פיהרער, פאַרשטעהט זיין אויפגאַבע, בלאָזט ער „תקיעות", גאַנצע שטימען, וואָס רופען פאַר אחדות, פאַר פאַראייניגונג; האָט ער אָבער פערזענליכע פניות, דאַן קומט פון זיין שופר ארויס „שברים", צעבראָכענע שטימען, וואָס בריינגען פירוד און צעשפּאַלטונג, וואָס פיהרען צו „תרועות", קלאָגען און וועהטאָגען".

ר' אבוה פרעגט: ווארום בלאָזט מען אין א האָרן פון א באַראַן? ווייל הקב"ה זאָגט: בלאָזט פאַר מיר אין א האָרן פון א באַראַן, אום איך זאָל זיך דערמאָנען די עקדת יצחק, און איך וועל עס אייך פאַררעכענען „כאלו עקדתם את עצמכם לפני", פּונקט ווי איהר וואָלט זיך אליין געאָפּפערט פאַר א קרבן און זיך אונטער־וואַרפען מיינע פאַרלאַנגען (ר"ה ט"ז). מען דאַרף ניט וועלען באַ־הערשען יענעם, מען מוז זיך אליין באַהערשען און באַטראַכטען זיך אלס א טייל פון פאָלק, וואָס מוז מיטאַרבייטען מיט'ן פאָלק.

דער אַפּטער צדיק, וואָס האָט געהאַט דעם נאָמען אין דער חסידישער וועלט אלס „אוהב ישראל", האָט איינמאָל פאַר תקיעות געהאַט אַזאַ געשפּרעך מיט זיינע חסידים:

„איינמאָל", האָט ער דערצעהלט, „האָט זיך מיר פאַרוואָלט צו ווערען דער „מנהיג ישראל", דער פיהרער פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק. איך האָב שווער געאַרבייט דעם ציל צו דער־גרייכען, אָבער איך בין דורכגעפאַלען. האָב איך באַשלאָסען צו ווערען דער מנהיג העיר, דער פיהרער פון שטאָט. אָבער דאָס איז מיר אויך ניט געלונגען. האָב איך זיך פאַרנומען צו ווערען דער פיהרער פון מיין אייגען הויז, און ווי נשתומם בין איך געוואָרען, אז אויך דאָס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבען".

„אום אבער צופרידענצושטעלען מיין תאוה צו הערשאפט, האב איך אפגעמאכט מיין געדאנק צו ווערען מיין אייגענער הער־שער און פיהרען זיך אליין ווי איך וויל. אבער ליידער, ליידער אויך אין דעם בין איך דורכגעפאלען. נו, פארשטעהט איהר שוין", האט ער פארענדיגט, „ווארום עס דארף זיך ניט ווע‏לען קיינעם צו ווערען א מנהיג און זוכען צו באהערשען יענעם, ווען עס איז שווער זיך אליין צו באהערשען".

———o———

שבת שובה

תשובה צינדט אָן דאָס ליכט פון גלויבען

די צעהן טעג פון ראש השנה ביז יום־כפור הייסען ביי אונז „עשרת ימי תשובה", צעהן טעג פון תשובה טאָן. מיט ראש־השנה הויבט דער פונק פון אמונה זיך פאַנאַנדערצוגליהען אין יעדען אידען, און האלט אין איין שטייגען ביז יום כפור, ווען ער צע־פלאַקערט זיך אין א גרויס ליכט וואָס רייניגט זיין גייסט און דער־וואַרעמט זיין נשמה. „ד' אורי וישעי, אורי בר"ה וישעי ביוהכ"פ (ר"ה י"א).

תשובה דערהויבט דעם מענשען ביז דער גאָטהייט. „שובה ישראל — עד ד' אלהיך". ווען א מענש הויבט אָן נאָכצודענקען אלע זיינע מעשים און ווערט באַוואוסטזיניג, שטייגט זיין נשמה אריבער אלע הימלען און גרייכט אזש ביז'ן כסא הכבוד. „גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד" (יומא פ"ו).

דער גרויסער אידישער שריפטשטעלער י. ל. פרץ דערצעהלט א שעהנע מעשה'לע פון א חסידישען רבי'ן אויף וועמען זיינע חסידים פלעגען זאָגען, אז אין די סליחות־טעג געהט ער ארויף אלע נאַכט אויפ'ן הימעל. אמאָל איז א מתנגד געקומען אין דעם שטעטעל און האָט באַשלאָסען חוקר ודורש צו זיין אויב די מעשה איז אמת.

ער האָט געוואַרט א גאַנצע נאַכט פאַר דעם רבין'ס הויז און פאַרטאָג האָט ער באַמערקט ווי דער רבי איז ארויס פון הויז מיט א האַק אין דער האַנט און האָט זיך געלאָזט געהן צום וואַלד. דער מתנגד איז נאָך איהם נאָכגעגאַנגען און ער האָט געזעהן ווי דער רבי האָט אָנגעהאַקט האָלץ און עס אוועקגעטראָגען צו אַן אָרים הייזעל, וואו אַן אַלטע פרוי איז געלעגען קראַנק. דער רבי האָט אליין אריינגעלייגט דאָס האָלץ אין אויוון, און ביז דאָס פייער האָט זיך פאַנאַנדערגעברענט און אָנגעוואַרימט דאָס הויז, האָט דער רבי דערווייל געזאָגט סליחות.

דער מתנגד איז שוין געוואָרען א שטאַרקער חסיד פון דעם רבי׳ן און ווען ער פלעגט הערען די חסידים דערצעהלען, אז דער רבי געהט אַרויף סליחות־צייט אויפ׳ן הימעל, פלעגט ער צוגעבען: „אויב ניט נאָך העכער״.

אָהן תשובה וואָלט דער מענש געוואָרען א ווילדע חיה. ווען דער געוויסען שטאַרבט אָפּ, שטאַרבען אויך אָפּ אַלע העכערע גע־פיהלען, און די נשמה ווערט אַלץ מעהר און מעהר פאַרגרעבט ביז זי זינקט אין א תהום פון פינסטערניש און שמוץ. תשובה רייניגט דעם געוויסען, שטילט אויך איין די נערוועז פון מענשען און היילט די וואונדען פון זיין האַרץ. „גדולה תשובה שמביאה רפואה לעולם״ (יומא פ״ו).

„תשובה העלפט אויך דעם מענשען ער זאָל ניט פאַרצווייפ־לען און פאַרלירען זיין האָפענונג אויף א בעסערער צוקונפט.

ווען חיים נחמן ביאַליק, ע״ה, איז דאָ געווען אין ניו יאָרק האָט ער געהאַלטען א פאָרטראַג פאַר די העכערע תלמידים פון דעם „ישיבה קאַלעדזש״ איבער דער טעמע „חכמה און תורה״. צווי־שען אַנדערעס האָט ער דאַן געזאָגט:

„חכמה, וויסענשאַפט, איז זעהר קלוג, האָט פיעל געלערנט פון דערפאַרונג און האָט א וויטען און דורכדרינגענדיגען בליק אין דער צוקונפט. זי איז אָבער צו קאַלט, צו עקזאַקט און אויך צו שטרענג. זי געהט ניט מיט דעם מענשען, זי שטעהט פון דער־ווייטענס און גיט איהרע באַפעהלען: דאָס טו, דאָס טו ניט. האָט איינער געמאַכט א פעהלער און ניט אויסגעפאָלגט איהר עצה, וואַרפט זי זיך אָפּ פון איהם און לאָזט איהם ליידען.

„די תורה אָבער״, האָט ער פאָרטגעזעצט, „איז פריינטליך, מעהר צוגענגליך. זי געהט מיט דעם מענשען, רעדט מיט איהם ווי מענשען רעדען, און אויב ער מאַכט א פעהלער, טרייסט זי איהם און לערנט איהם ניט צו ווערען פאַרצווייפעלט דערפאַר, — האָט ער אויסגעפיהרט, — איז אונזער תורה א „חכמה עליונה״, די העכסטע וויסענשאַפט״.

צו פאַרשטאַרקען זיינע ווערטער וויל איך דאָ ציטירען א

ירושלמי, וועלכער גיט אונז א וואונדערבארע אָפּשאַצונג ווי חכמה, נבואה, תורה און אמונה קוקען אויף פארברעכער:

„שאלו לחכמה חוטא מהו עונשו"? מען האָט געפרעגט דער „חכמה", וואָס איז די שטראָף פאר א זינדיגען? „אמרה להם: חוטאים תרדוף רעה", האָט די חכמה, געענטפערט, אז דאָס שלעכטס, וואָס איינער האָט געטאָן, וועט איהם אימער פאר־פאָלגען. מען האָט דיזעלבע פראגע געשטעלט דער „נבואה", און זי האָט געענטפערט, „הנפש החוטאת היא תמות", די זינדיגע נשמה מוז שטארבען. די „תורה" האָט אויף דער פראגע געענט־פערט „יביא אשם ויתכפר לו" זאָל ער ברענגען א קרבן און ער וועט קריגען זיין כפרה. „שאלו להקב"ה חוטא מה יעשה?" מען האָט געפרעגט גאָט אליין, וואָס זאָל א זינדיגער מענש טאָן אום געלייטערט צו ווערען? האָט ער געענטפערט „יעשה תשובה ויתכפר לו" זאָל ער תשובה טאָן און זיינע זינד וועלען איהם פאר־געבען ווערען" (ירושלמי מכות פ"ב).

די שטרענגסטע „חכמה", די קאַלטע וויסענשאַפט, פאַראור־טיילט איהם אויף אימער. די „נבואה", וואָס רעכענט זיך מעהר מיט דעם מאָרגען איידער מיט דעם היינט, זאָגט איהם אָפּ דעם לעבען. די „תורה", אָבער, איז מעהר פריינטליך, זי גיט איהם אַן עצה ווי ער קאָן פון זיין שלעכטער לאַגע ארויסקריכען. „אמונה" געהט נאָך ווייטער און פאָדערט אפילו ניט קיין קרבנות. תשובה, די ריינונגען פון דעם געוויסען און א „קבלה אויף להבא", א באַ־שלום: אין דער צוקונפט צו טאָן גוטס, איז גענוג אויפצוהויבען דעם מענשען אויף א העכערער שטופע און איהם ברענגען נע־העטער צו גאָט.

תשובה און די אידישע גאולה

די גמרא ראַט יעדען מענשען צו באַטראַכטען די וועלט האַלב גוט און האַלב שלעכט. אויב ער געהט טאָן א פאַרברעכען וועט ער די גאַנצע וועלט אריבערוועגען לכף חוב. צוליב איהם קאָן נאָך די גאַנצע מענשליכע געזעלשאַפט פאַרלירען איהר גלייכ־געוויכט און אַראָפּ פון דרך הישר. וועט ער אָבער טאָן א גוטע

טאט, וועט ער די וועלט אריבערוועגען לכף זכות, און די מענש־הייט וועט אויפגעריכט ווערען. „תשובה מקרבת את הגאולה" (יומא פ"ו).

תשובה אָבער מוז מען אריינכאפען אין דער צייט. אויב מען ווארט צו לאנג, ביז מען ווערט אלט און שוואך, ברייננט זי ווייניג נוצען. ווי דער „ילקוט שמעוני" זאָגט: „עשה תשובה עד שאתה בכחך", **טו תשובה כל זמן דו האָסט נאָך כח צו פארריכטען, וואָס דו האָסט קאַליע געמאכט.** „עד שהנר דולק תן בו שמן", כל זמן דאָס ליכט ברענט נאָך, גיס־צו בוימעל און פארגרעסער זיין שיין. „כבה הנר, אין השמן מועיל כלום", האָט זיך שוין דאָס ליכט אויסגעלאָשען וועט איהם בוימעל מעהר קיין נוצען ניט ברענגען. תשובה צו טאָן אויף דער עלטער, ווען מען האָט שוין ניט די כחות און די מעגליכקייט צו פארריכטען די פעהלערען, וואָס מ'איז באגאנגען, איז תשובה אַ קנאפע רפואה.

די גמרא שטעלט אונז פאָר צווייערליי אופנים. ווען און ווי די אידישע גאולה קאָן קומען: „זכו עתידין להגאל בניסן", וועלען די אידען ווערטה זיין, וועלען זיי אויסגעלייזט ווערען אין ניסן. „לא זכו עתידין להגאל בתשרי", וועלען זיי אָבער ניט ווערטה זיין, וועלען זיי אויסגעלייזט ווערען אין תשרי".

„באחד בתקופת ניסן ובאחד בתקופת תשרי היום והלילה שוים", אין די מאָנאטען תשרי און ניסן זיינען די טעג כמעט גלייך, 12 שטונדען ליכט און 12 שטונדען פינסטערניש. „מכאן ואילך אינם שוים", פון דאַן אָן און ווייטער אין דיביידע תקופות זיינען די טעג אנדערש. פון ניסן אָן הויבען אָן די טעג גרעסער ווערען און די נעכט קלענער ווערען. פון תשרי אָן אָבער ווערען די טעג קלענער און די נעכט גרעסער.

אויב די אידען טוען תשובה און ווערען באוואוסטזיניג וועגען זייערע פליכטען, דאַן קומט זייער גאולה אין ניסן, ווען די טעג ווערען אלץ גרעסער און גרעסער, און די אויסלייזונגס־ארבייט געהט פון איין דערפאָלג צו דעם צווייטען. שטעהען זיי אָבער פון דערווייטענס, יעדער פארטאָן מיט זיך, דערנעהענטערן זיך ניט צו

זייער פאָלק און ליגען ניט צו א האנט צו דער ארבייט, דאן קומט די גאולה אין תשרי, ווען די נעכט ווערען אלץ גרעסער און גרע־סער, און די בויאונגס־ארבייט שטויסט זיך אָן אָן איין שווערינ־קייט גרעסער פאַר דער צווייטער.

אָבער פאַרצווייפלען זאָלען מיר ניט. דער טשאַרטקאָווער רבי פלעגט זאָגען: „דעם אידען׳ס לעבען איז ווי דער ציפער־בלאַט פון א זייגער. שטעהען די ווייזערס אויף צוועלף, דאָס הייסט, אויף דער העכסטער שטופע, זאָל ער זיך ניט איבערנעמען און זאָגען „כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה", איך מיט מיינע אייגענע הענט האָב דאָס אלץ דערוואָרבען. די ווייזערס קאָנען זיך אָנפאַנגען דרעהען אויף אראָפּ, און דאן הויבט מען אָן צו פאלען פון דער גדולה. שטעהען אָבער די ווייזערס אויף זעקס, דאָס הייסט אויף דער נידעריגסטער שטופע, זאָל מען ניט פאַר־צווייפלען און קלאָגען „באו מים עד נפש", מען איז שוין פאַר־פאַלען. אויב די רעדלעך פון דעם זייגער ארבייטען נאָך, אויב מען לעבט וועט מען זיך דערלעבען, און די ווייזערס וועלען זיך נעהמען דרעהען אויף ארויף. די לאַגע וועט בעסער ווערען און די ישועה וועט קומען.

———o———

יום כפור

א טאָג פון באַוואוסטזיניגקייט

„ונסלח לכל עדת בני ישראל" — מיר בעטען פאַרגעבונג פאַר יעדער אידישער געמיינדע, אַוואו זי איז — „כי לכל העם בשגגה", ווייל דאָס גאַנצע פאָלק געפינט זיך אין אַ צושטאַנד פון אומבאַוואוסט־זיניגקייט...

עס איז שווער צו זיין אימער באַוואוסטזיניג. אַ געזונטער מענש פיהלט ניט זיינע גלידער. די איינציגע צייט וואָס ער הויבט אָן צו ווערען באַוואוסטזיניג, אַז ער האָט אַ קאָפּ, אַ האַנט אָדער אַ פוס איז ווען ער שלאָגט זיך אָפּ אָדער דערשפּירט פּלוצלינג אַ וועהטאָג אין זיי.

ווען אַ פאָלק לעבט רוהיג און נאָרמאַל, און זיצט אויף זיין אייגען לאַנד, דאַרף ניט יעדער בירגער שטענדיג האָבען אין זינען זיינע פליכטען צו זיין נאַציע. אויב ער אַרבייט אין פעלד, אין געשעפט, אין פאַבריק, אין אוניווערזיטעט אָדער וואו ניט איז, ביי־שטייערט ער ממילא יעדען טאָג זיין חלק צו דער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און אויך קולטורעלער אַנטוויקלונג פון זיין פאָלק און לאַנד.

דאָס אידישע פאָלק אָבער איז צעזייט און צעשפּרייט אויף אַלע שבעה ימים. אומבאַוואוסטזיניגערהייט טראָגט יעדער איד צו זיין חלק צו דער אַנטוויקלונג פון די לענדער, וואו ער געפינט זיך. די איינציגע צייט, וואָס אַ איד קען ביישטייערען פאַר זיין אייגען פאָלק איז, ווען ער ווערט באַוואוסטזיניג אויף זיין ספּעציעלער לאַגע. אָבער דאָס איז ניט אַזאַ לייכטע זאַך און קען ניט אָנגע־האַלטען ווערען שטענדיג.

„ונסלח לכל עדת בני ישראל" — אויב אַ אידישע געמיינדע אין אַ פרעמד לאַנד האָט ניט געטאָן איהר פולע פליכט צו איהר פאָלק און צו איהר גאָט, מוז איהר פאַרגעבען ווערען. עס איז ניט

אין גאנצען איהר שולד, „כי לכל העם בשגגה", מ ע נ ש ע ן זיינען געוויינליך שוגגים, אומבא־וואוסטזיניג, און אין אזא צושטאנד איז שווער צו דערווארטען גרויסע אויפטואונגען.

דער ווילנער גאון זצ"ל זאגט אויף דעם מאמר פון דער גמרא: „כל הלן שבעת ימים בלי חלום נקרא רע" (ברכות י"ד), דער וואס שלאפט איבער זיבען טעג און חלומ'ט ניט, איז א שלעכ־טער מענש — „אז דאס מיינט מען שבת".

יעדער איד איז מחויב כאטש איינמאל אין וואך צו טרוי־מען זיין גרויסען פאלקס־חלום פון „ישראל, אוריתא וקב"ה חד", אז די אידישע נשמה איז א טייל פון א געטליך וועזען, וואס לעבט אייביג און איז באשטימט געווארען צו שאפען אייביגעס. אויב אין די וואכענדיגע טעג איז א איד ניט אימשטאנד צו ווערען בא־וואוסטזיניג אויף זיין געטליכער אויפגאבע, ווייל ער איז פארנו־מען, פארהאוועט מיט זיינע געשעפטען, מיט זיינע מאטעריעלע באדערפענישען, זאל ער עס כאטש טאן שבת, ווען ער רוהט, ווען ער איז ניט באשעפטיגט. אויב אבער ער לאזט אויך דורך דעם טאג שבת און חלומ'ט ניט זיין גרויסען פאלקס־חלום פון „בנין האומה" און „בנין הארץ", איז „נקרא רע", איז ער א שלעכטער איד און א שלעכטער מענש.

איבערהויפט יום־כפור, וואס איז „שבת־שבתון", א טאג וואס דער איד ווארפט פון זיך אראפ זיין גאנצען „חומר", זיינע אלע מאטעריעלע אינטערעסען און ווערט אינגאנצען „רוח", גייסט. ער עסט ניט, פייניגט זיין גוף און דערנעהנטערט זיין נשמה צו זיין גאט מיט תפילות און געבעט, אין דעם טאג מוז ער חלומ'ען דעם גרויסען אידישען חלום.

„ביו"כ נוטל הקב"ה עוונות ישראל ונותנם על בגדיו של עשו" (מ"ר) — יום־כפור נעהמט גאט ארונטער די זינד פון די אידען און לייגט זיי ארויף אויף די קליידער פון עשו'ן. א גאנצען יאהר איז נעבאך דער איד איינגעוויקעלט אין די קליידער, אין די מנהגים און אויפפיהרונגען פון דעם פאלק אין וועמעס לאנד ער

געפינט זיך. דער פּראָצעס פון צופּאַסונג אין גלות איז פאַר דעם אידען אַ זעהר שווערער. מען קאָן ניט אַלעמאָל געהן געגען די זיטען פון אַ לאַנד און איהרע מערסטע איינוואוינער.

„יום־כפור" אָבער איז עטוואָס אַנדערש. אין דעם טאָג ווערט דער איד באַוואוסטזיניג אויף זיין גאָט. „שטן ביומא דכיפורא לית ליה רשותא לאיסטונא" (יומא כ') — דער שטן, וואָס שטערט איהם אַ גאַנצען יאָהר צו טאָן זיין פליכט צו זיין פאָלק, האָט אויף איהם יום־כפור קיין רשות ניט, קיין שליטה ניט. אין דעם טאָג זאָל ער טרוימען דעם גרויסען חלום פון זיין פאָלק און זאָל פון זיך אַרונטערררייסען עשו'ס קליידער.

„הקורע בגדיו בחלום קורעים לו גזר־דינו" (ברכות נ"ז) — דער וואָס רייסט פון זיך אַראָפּ די פרעמדע קליידער פון גלות, ווען ער טרוימט דעם חלום פון זיין פאָלק, צע־רייסט מען זיין „גזר־דין". און ער וועט האָבען אַ גוטען, גליקליכען און גייסטיגען יאָהר.

הזכרת נשמות און צדקה

עס איז געוואָרען אַ מנהג ביי אידען, דאָס פאַר „הזכרות נשמות", ספּעציעל אום יום־כפור, מאַכט מען אפילו פאַר צדקה־צוועקען אין אַלע שוהלען און מען וועקט דעם עולם, ער זאָל טאָן זיין פליכט צו די אומגליקליכע, צו די ליידענדע, ווייל „תשובה, תפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה".

„הזכרות נשמות", צו דערמאָנען די טויטע, איז ביי אונז אידען שטאַרק פאַרהייליגט געוואָרען אין די לעצטע דורות. אין די גאָר אַלטע צייטען געפינען מיר ניט אַזאַ מנהג. אין אונזער תנ"ך איז ניטאָ קיין אָהנונג פון אַזאַ מצוה. די תפלות פון „יזכור" און „אל מלא רחמים" זיינען פאַרפאַסט געוואָרען מיט פיעל יאָהר־הונדערטער שפּעטער.

אַמאָל האָט יעדער איד געזוכט מזכיר נשמות זיין זיך אַליין, צו דערמאָנען און אויפמונטערן זיין אייגענע נשמה אויף איהרע גרויסע אידישע פליכטען. ער האָט יעדען טאָג געבעטען פאַר דער

„נשמה שנתת בי”, און האָט זיך געזאָרגט, אַז זי זאָל פאַרבלייבען „טהורה היא”, ריין און זויבער. אין די לעצטע דורות אָבער, איבערהויפּט אין די לענדער, וואו די אויסערליכע אומשטענדען רייסען דעם אידען אַוועק טאָג־טעגליך פון זיין אַלטען מקור און צווינגען איהם צו פאַרגעסען זיין אייגענעם גייסט, זיין אייגענע נשמה, איז „יזכור” געוואָרען אַן אַנגעזעהענע תפילה און צו „הזכרת נשמות” קומט אַ גרויסער עולם אין די שוהלען.

אַז מען וויל אָבער קאָן מען זאָגען, אַז צו האָבען אין זינען די פאַרגאַנגענע דורות און דערמאָנען פון צייט צו צייט די פאַר־שטאָרבענע טאַטעס און מאַמעס, קרובים און פריינט, איז ווירק־ליך אַ זעהר שעהנער מנהג, די גייסטיגע רייכקייט פון אַ פאָלק, זיין גרויסער היסטאָרישער פאַרמעגען ליגט אין דער פאַרגאַנגענ־הייט. אָהן דעם „בית־עולם”, ניט אריינגעהמענדיג די פאַרשטאָר־בענע גדולים און פיהרער פון אַמאָל, באַרויבט מען אַ פאָלק פון זיינע טראַדיציאָנעלע אוצרות און פון די גרויסע כחות, וואָס האָ־בען איהם געגעבען זיין עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג. אַ פאָלק, וואָס האָט ניט קיין פאַרגאַנגענהייט האָט אויך ניט קיין צוקונפט. די געשיכטע פון אַ פאָלק באַשטעהט מערסטענס פון די גרויסע אויפ־טואונגען פון זיינע אַמאָליגע גרינדער און קעמפער. און אַזוי ווערט עס טאַקע געלערענט צו די יונגע דורות.

אין מדרש ווערט געשילדערט אַ זעהר שעהן בילד וועגען „יזכור”: „ווען די אידען האָבען געזינדיגט מיט׳ן „עגל”, ווען זיי האָבען צוליב אַזאַ קליינעם אויסרייד „כי בושש משה”, משה האָט זיך פאַרשפּעטיגט, גלייך פאַרגעסען אָן גאָט און זייער פיה־רער און האָבען אָנגעפאַנגען דינען דעם „גאָלדענעם קאַלב”, איז גאָט־ברוך־הוא שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען און האָט אויסגעּ־שריען צו משה׳ן: „הניחה לי ואכלם כרגע”, לאָז מיך אָפּ און איך וועל זיי באַלד פאַרניכטען.

„משה האָט ביי זיך געטראַכט: „הדבר תלוי בי”, די זאַך ווענדט זיך אָן מיר, ווייל גאָט זאָגט „הניחה לי”, לאָז מיך אָפּ. איז ער צוגעשטאַנען צו גאָט און האָט מיט איהם אָנגעפאַנגען איינ־טענה׳ן: „האָסטו ניט געזאָגט אברהמ׳ען, אַז אויב עס וועלען זיך

געפינען אין סדום צעהן צדיקים, וועסטו איהר ניט פארניכטען? געפינען זיך דען ניט צווישען דעם גאנצען אידישען פאלק צעהן צדיקים, וואס צוליב זייער זכות זאלסטו איהם ראטעווען און שענקען דאס לעבען?"

„זאגט צו איהם גאט: „אויב דו וועסט מיר אויסרעכענען די נעמען פון צעהן צדיקים, וועל איך טאן דיין פארלאנג. האט משה אנגעפאנגען צעהלען: „הלא יש אני", עס איז דא איך, אהרן, אלעזר, איתמר, פינחס, יהושע און כלב". דא איז ער געבליבען שטעהן. מעהר ווי זיבען האט ער ניט געקאנט אויסרעכענען. פלוצלינג פאלט איהם איין צו פרעגען ביי גאט: „חיים הם המתים?" די פארשטארבענע צדיקים לעבען? ענטפערט איהם גאט, אז יא. דאן רופט אוים משה מיט טריאומף: „זכור לאברהם, יצחק ויעקב, הלא יש עשרה" — דערמאן זיך אן די אבות, אברהם יצחק און יעקב, אט האסטו צעהן צדיקים, וואס זייער זכות דארף מגין זיין אויף דיין פאלק". ווי גאט האט עס דערהערט, האט ער אויסגערופען: „סלחתי כדבריך" — איך פארגיב די אידען, ווי דו פארלאנגסט". (ב"ר פ' מ"ד).

ווי עס איז צו זעהן, איז אפילו אין משה'ס צייטען שווער געווען צו קריגען א מנין גרויסע מענשען, ניט אריינרעכענענדיג דעם „בית עולם", די פארשטארבענע גרויסע פיהרער און גייסטיגע וועגווייזער.

„יזכור" באהעפט דעם „היינט" מיט דעם „נעכטען" און העלפט בויען א בעסערען „מארגען". מיט דעם, וואס מיר דערנעהנטערען זיך צו אונזערע עלטערען, שפינען מיר ווייטער די שטריק פון דעם „צרור החיים", דער קנופ פון אייביגען לעבען פאר אונזער פאלק.

„אין „יזכור" זאגען מיר, אז „גאט זאל געדענקען די נשמה פון אונזערע ליבע, „בעבור שנודרים צדקה", ווייל מיר וועלען געבען צדקה פאר זייער אנדענקונג. און דאס מוז יעדער איד טאן.

אונזערע חז"ל זאגען: „אדם בא לעולם בידים קפוצות" — ווען א מענש ווערט געבוירען זיינען זיינע הענט פארמאכט, ווי ער וואלט זיך פארמעסט קעגען דער וועלט און זאגען: „כל העולם

שלי", די גאנצע וועלט איז מיינע, איך וועל איהר באקעמפען און איינגעהמען. אבער „כשנפטר מן העולם ידיו פשוטות" — ווען ער געהט אוועק פון דער וועלט, זיינען זיינע הענט אפענע, ווי ער וואלט געוויזען „לא נטלתי מן העולם הזה כלום" — איך האב מיט זיך קיין זאך ניט מיטגענומען פון דער וועלט".

וואס פאר א מערקווירדיג־שעהנער געדאנק עס ליגט אין זייערע ווערטער!

ר' לוי יצחק בארדיטשעווער פלעגט זאגען: „אין די תכריכים, אין אונזערע לעצטע בגדים זיינען קיין קעשענעס ניטא. מען קאן מיט זיך גארניט מיטנעהמען פון דעם גאנצען פעקעל עשירות, וואס מיר האבען דא אנגעהאבעוועט. די בגדים אבער אליין זיינען געשטרקיט פון די מעשים טובים, וואס א מענש טוט אויף דער וועלט. „לפי בגדיו יכובד איש" — נאך זיינע קליידער נאך וועט מען איהם דארטען אכטען".

סוכות

די סוכה לערנט אונז, ווי א איד זאָל זיך פרעהען

„פון „יום כפור" צו „זמן שמחתנו" — פון „ועניתם את נפשותיכם" צו „ושמחתם לפני ה' אלהיכם" — ווען דער „נפש", דער גייסט, איז אין אָרדנונג, קען מען זיך נעהמען צו פארזאָרגען דעם „גוף", דעם קערפער.

נאָכדעם ווי דער איד האָט גערייניגט זיין נשמה מיט פאַס־טען און גאָט־בעטען, איז ער בארעכטיגט צו פייערען זיין „חג האסיף", דעם יום־טוב פון איינזאַמלען די תבואה פון די פעלדער — א געזונטער גייסט אין א געזונטען קערפער.

יום־כפור נאָכ'ן תענית זאָגט גאָט צו די אידען: „מה דאזל אזל, מן הכא ולהלן נחל חושבנא", וואָס אוועק איז אוועק, פון היינט אָן און ווייטער וועלען מיר אָנפאַנגען א נייעם חשבון (ויק"ר פ"ל). אז מען ווערט ריין פון אלע זינד, קען מען פון דאָס ניי אָנפאַנגען צו געניסען פון לעבען.

דער איד אָבער קען ניט פייערען זיין „זמן שמחתנו" אויף דעמזעלבען שטייגער, ווי אַנדערע פעלקער פייערען זייערע נאַצי־אָנאַלע שמחות, מיט באַנקעטען אין רייכע האָטעלען, מיט הוליאַנ־קעס אין נאַכט־קלובען. „אל תשמח ישראל אל גיל כעמים", אַזעל־כע שמחות זיינען צופיל חומר'דיג, צופיל תאווה'דיג. דאָס קען נאָך דעם אידען ארונטערפיהרען פון דרך הישר". זיין נשמה, וואָס ער האָט נאָר וואָס גערייניגט מיט פאַסטען און תפילה־טאָן, קען נאָך צוריק ווערען אומריין. אזא „זמן שמחתנו" שטימט ניט מיט דעם גייסט פון „יום־הכפורים".

„בסוכות תשבו שבעת ימים", אין ביידלעך זאָלט איהר וואוי־

נען זיבען טעג. אין קליינע סוכות, באדעקט מיט באשיידענעם „סכך", דורך וועלכען איהר זאלט קענען זעהן דעם „הימעל" און דורך וועלכען דער „הימעל" זאל קענען ארונטערקוקען אויף אייך — דארט זאלט איהר פייערען אייער „חג האסיף", אייער „זמן שמחתנו".

„צא מדירת קבע ושב בדירת עראי" — געה ארוים פון דיין שטענדיגער היים און וואוין אין א צייטווייליגער דירה. געלייטערטע גייסטער פיהלען זיך ניט היימיש אין גרויסע, מאסיווע הייזער. געריינינגטע נשמות קענען ניט פארטראגען צופיל ראסקאש, צופיעל וואוילטאג. דער גאנצער מענשענס-לעבען איז בלויז א צייטווייליגער — וואָרום איהם פארשקלאפען און איינשפארען צווישען שווערע ווענט מיט קאסטבארע חפצים, פאר וועלכע דו מוזט באצאהלען פיעל געלט און ארבייטען שווער אלע דיינע טעג און יאהרען?

און ווידער, א לעבען פון צופיל רחבות פירט צו גאוה און ענגהארציגקייט. דו קענסט נאך מיינען, אז דאס רייכטום, וואס דו האסט דערווארבען, איז אינגאנצען דיינס און קען פון דיר קיינמאל ניט אוועקגענומען ווערען. דערפאר ביזטו ניט מחויב צו שטיצען און העלפען דעם ארימאן, דעם נויטבאדערפטיגען. זיי וויסען, אז דיין גאנץ לעבען איז בלויז א „דירת עראי", א צייטווייליגע סוכה'לע, וואס געדויערט בלויז „שבעת ימים", א גאנץ קליינע צייט.

דער געיעג צופרידענצושטעלען זיינע אייגענע תאוות בלויז, פארטויבט זיינע געפיהלען און פארוואנדעלט דעם מענשען אין א ווילדע חיה. איהם אינטערעסירט ניט מעהר די לאגע פון זיין ברודער, חבר אדער שכן. ער ווערט אויך פרעמד צו דער געזעלשאפט און צו זיין פאלק, האלט זיך גרויס און דערקענט שוין קיינעם ניט, אזא לעבען איז ניט אידישלעך, ניט וואס גאט וויל.

ש. אנ—סקי, אין זיין גרויסער דראמא, „דער דבוק", דערצעהלט די פאלגענדע שעהנע מעשה'לע: „צו א געוויסען רבי'ן איז געקומען א רייכער חסיד פון זיין שטעטעל מיט איהם זיך אן

עצה צו האַלטען. טראָץ זיין רייכקייט איז אָבער דער חסיד געווען א קמצן און האָט ווייניג צדקה געגעבען. דער רבי האָט איהם צו־געפיהרט צום פענסטער וואָס האָט ארויסגעקוקט אין גאַס, און איהם געזאָגט: „זאָג מיר, וועמען דו זעהסט דאָרט". דער חסיד האָט אָנגערופען יעדען, וואָס ער האָט געזעהן, מיט'ן נאָמען. נאָכדעם האָט ער איהם צוגעפיהרט צום שפּיגעל און האָט איהם געפרעגט, וועמען ער זעהט דאָרט. דער חסיד האָט געענטפערט, אַז ער זעהט קיינעם ניט נאָר זיך אַליין. — „זעהסטו, מיין קינד — האָט צו איהם דער רבי געזאָגט — ד אָ ס א י ז ד אָ ך ד י ז ע ל ב ע ג ל אָ ז, ו ו י ד י פ ו ן פ ע נ ס־ ט ע ר, נ אָ ר א ב י ס ע ל ע ב אַ ז י ל ב ע ר ט, א ו ן ד ו ז ע ה ס ט ש ו י ן ק י י נ ע ם נ י ט, נ אָ ר ז י ך א ל י י ן".

אחדות און נאַציאָנאַלער שטאָלץ

די בעלי־המדרש ווילען האָבען, אז די מצוה פון „נטילת לולב" לערנט די אידען צו זיין פאַראייניגט. אזוי ווי די פיער מינים — „אתרוג", „לולב", „הדס" און „ערבה" — מוזען זיין צוזאַמענגעבונדען אינאיינעם, כדי מען זאָל קענען מיט זיי יוצא זיין די מצוה פון אתרוג, אזוי מוזען אויך אַלע קלאַסען אידען זיין צוזאַמענגעבונדען, כדי צו קענען בילדען איין פאָלק, איין נאַציע.

„אתרוג יש בו טעם ויש בו ריח, לולב יש בו טעם ואין בו ריח, הדס יש בו ריח ואין בו טעם, ערבה אין בה טעם ואין בה ריח — יוקשרו כלם אגודה אחת והן מכפרין אלו על אלו". דער אתרוג האָט א געשמאַק און א ריח; דער לולב האָט געשמאַק, אָבער האָט קיין ריח ניט; דער הדס האָט א ריח, אָבער האָט קיין געשמאַק ניט; די ערבה האָט ניט קיין געשמאַק און ניט קיין ריח — זאָלען זיי זיין צוזאַמענגעבונדען אין איין בונד און זאָלען פאַרגעבען איינע אויף די אַנדערע (ויק"ר פ"ל).

אַט די פיער מינים שטעלען פאָר אַלע קלאַסען אידען — די געבילדעטע, די רייכע, דעם מיטעל־קלאַס און די אָרימע. אַלע זיינען זיי אָבער קינדער פון איין גאָט. ווען זיי זיינען פאַראייניגט,

זיינען זיי זיך משלים איינע די אנדערע און בילדען איין פאָלק, איין נאציע.

די דאָזיגע פיער מינים שטעלען אויך פאָר דעם מענשען זעלבסט: „האתרוג דומה ללב, הלולב דומה לשדרה של אדם, ההדס דומה לעין, הערבה דומה לפה". דער אתרוג האָט דעם אויסזעהן פון דאָס הארץ, דער לולב פון דעם רוקענביין, דער הדס פון דאָס אויג און די ערבה פון דעם מויל (ויק"ר פ"ל).

אלע גלידער און חושים פון א מענשען זיינען פאראייניגט און טוען זייער אויפגאבע בשלימות. אויב דאָס הארץ פיהלט אנדערש און דאָס מויל רעדט אנדערש, איז מען ניט קיין עהרליכער מענש. אויב דאָס אויג זעהט דעם „אמת" און דער רוקענביין בויגט זיך צום „שקר", ווייל ער איז שטארקער, איז דער מענש אחונף א היפאָקריט.

הרב יצחק ניסנבוים זאָגט אויף דעם מדרש זעהר א שעהנעם רעיון:

„די הויפט מצוה פון „אתרוג" באשטעהט אין דעם, אז ער זאָל זיין אן אייגענער, פון דעם אייגענעם גאָרטען אָדער געקויפט פאר אייגען געלט. מיט א פרעמדען אתרוג, אפילו א געליהענעם, אויב יענער ווייסט ניט, איז מען ניט יוצא. דאָס לערנט אונז די גמרא אָפּ פון דעם פסוק „ולקחתם לכם פרי עץ הדר — לכם, משלכם". איהר זאָלט אייך נעהמען א שעהנע פרי, זאָל ער זיין פון אייערע, אן אייגענע (סוכה כ"ז)".

„דער אתרוג — דאָס הארץ פון דעם אידען, זאָל אימער זיין „משלכם", א אידישע, א געטריע צו איהר גאָט און צו איהר פאָלק. זי מוז מיטפיהלען די פריידען און ליידען פון איהר פאָלק. „נסדק האתרוג, פסול" — איז דער אתרוג געשפאָלטען געוואָרען, טאָר מען זיך מיט איהם ניט באנוצען. איז דעם אידען'ס הארץ אנגעשטאָכען געוואָרען פון פרעמדע אידייען און מיינונגען, איז עס א פסולה, ניט אינגאנצען א אידישע".

„דער לולב — דער רוקענביין פון א אידען דארף אויך אי-

מער זיין „משלכם", שטאַלץ אויף זיין אייגענעם אָפּשטאַם, טריי צו די אידעאַלען פון זיין פאָלק. ער טאָר זיך ניט בויגען און זיך אונטערוואַרפען דער השפעה פון פרעמדע. „נפרצו העלים פסול" — האָבען זיך די בלעטער פון דעם לולב פאַנאַנדערגענומען און צעשפּאָלטען, איז ער פּסול. דער רוקענביין פון אַ אידען מוז זיין גאַנץ. אויב זיינע ביינער האָבען זיך אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע און מאַנכע פון זיי זיינען פאַרכאַפּט געוואָרען פון פרעמדע אידייען און מיינונגען, ווערט ער אַ איד אַ בעל־מום, וואָס קען ווייניג אויפטאָן פאַר זיין פאָלק".

„די הדסים — די אויגען פון אַ אידען מוזען אימער זיין געריכטעט צו זיין פאָלק. זיי מוזען אימער זוכען מיטלען ווי צו העלפען זיין פאָלק. אויב זיי פאַרקוקען זיך אָן אַ זייט און הויבען אָן נאָכצומאַכען די שכנים, צווישען וועלכע זיי וואוינען, פאַרציכטען אויף זייערע אייגענע פאַר דעם, וואָס זיי זעהען ביי יענע, ברייגגען זיי פיעל שאָדען זייער פאָלק".

„די ערבה — דאָס מויל פון אַ אידען מוז איבערהויפּט זיין „משלכם", אָן אייגענע און געטריי. ווען אַ איד בארעדט אַ צווייטען אָדער שפּאָט אָפּ פון אַ אידישען מנהג, אָדער אידעאַל, פאַרשפּרייט ער האָס און גרינגשעצונג צו זיין פאָלק און ברייגגט שאַנד אויף זיך אַליין. קיינער האָט קיין דרך ארץ פאַר אַ מויל, וואָס שפּייט אין זיין אייגענעם געזיכט. אַ אידיש מויל מוז אויך אויסדריקען דעם וואונש פון זיין פאָלק, פאָדערען פאַר איהם אַלע רעכטען, צו וועלכע ער איז בארעכטיגט, און אויך איהם פאַרטיידיגען קעגען יעדען אָנגריף".

די סוכה — אַ סימבאָל פון דעם אידישען פאָלק

אונזערע חכמים רופען אָן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק מיט'ן נאָמען „סוכה". זינט מיר זיינען פאַרטריבען געוואָרען פון אונזער לאַנד, זיינען מיר געוואָרען די „סוכתו של עולם", די וועלטליכע סוכה. קיין פערמאַנענטע און שטענדיגע היים האָבען מיר ניט געקענט בויען פאַר זיך אין די אַלע לענדער פון אונזער לאַנגען גלות. דערפאַר טאַקי בעטען מיר אַז גאָט זאָל אויפשטעלען די

„סוכת דוד הנופלת", דאָס אידישע פאָלק, וועלכעס איז די איינ־געפאַלענע „סוכה" פון מלכות בית דוד.

דער נביא זכריה, אין דער הפטרה וואָס מיר לייענען סוכות, בייזערט זיך זעהר אויף די פעלקער, וואָס האָבען געשטערט אָדער ניט געהאָלפען דאָס אידישע פאָלק צוריקבויען זיין היים, זיין לאַנד און זיין ירושלים. ער שטראָפט זיי, אַז דערפאַר וועט אויף זייערע פעלדער קיין זאַך ניט וואַקסען, ווייל „לא עליהם יהיה הגשם" ס'וועט אויף זיי ניט רעגענען; „זאת תהיה חטאת מצרים וחטאת כל הגוים אשר לא יעלו לחוג את חג הסוכות", דאָס וועט קומען אויף מצרים און אַלע פעלקער פאַר דעם זינד, וואָס זיי זיינען ניט געקומען פייערען דעם יום־טוב „סוכות", ווען דאָס אידישע פאָלק האָט געזוכט אויפצושטעלען זיין „סוכת דוד", זיין נאַציאָנאַלען צענטער.

שמחת תורה

דער איד פרעהט זיך מיט דער תורה, און די תורה מיט איהם

„שישו ושמחו בשמחת תורה — אידען זיינען זיך משמח מיט דער „שמחה" פון דער תורה, ווייל די תורה איז זיך משמח מיט זיי.

דאָס אידישע פאָלק איז דאָס איינציגע, וואָס פייערט א „זמן מתן תורתנו" באזונדער און א „שמחת תורה" באזונדער. מיט אננעהמען א תורה קאָן מען זיך נאָך ניט פרעהען. מען קאָן ניט פאָראויסזעהן די רעזולטאטען וואָס איהרע געזעצען קאָנען ברייננ־גען. מען מוז די תורה פריהער דורכפיהרען אין לעבען, און דאַן קאָן מען מיט צופרידענקייט זיך מיט איהר משמח זיין.

נאָכדעם ווי דער איד האָט דורכגעלייענט די תורה פון „בראשית" ביז „לעיני כל ישראל", פון אָנפאַנג ביז ענד, און האָט דורכגעלערענט איהרע הויכע פרינציפּען און גרויסע אידעאַלען, מעג ער זיך מיט איהר פרעהען. אז ער האָט דורכגעפיהרט דעם „נעשה" — דאָס טאָן אזוי גוט ווי דעם „נשמע" — דאָס הערען — דאַן קאָן ער מיט רעכט זאָגען „ששו ושמחו בשמחת תורה"; ווייל די תורה פרעהט זיך אויך מיט איהם. זי איז פאַר איהם ניט א טויטער בוכשטאַב, זי פונקציאָנירט אין זיין לעבען, און פאַר־לייננערט איהר אייגענעם לעבען מיט זיין לעבען.

„דער ילקוט פרעגט: וואָרום האָט גאָט ניט געגעבען די תורה צו אברהמ'ען? ער איז דאָך געווען דער ערשטער, וואָס האָט אנערקענט די גאָטהייט און האָט איהר געלערענט צו זיינע קינדער און צו די מענשען אַרום איהם? גאָט אַליין זאָגט דאָך אויף אברהמ'ען „כי ידעתיו" — איך האָב איהם געלאָזט וויסען — „למען אשר יצוה את בניו אחריו" — אום ער זאָל אָנזאָגען זיינע קינדער נאָך איהם. אָבער דער תירוץ איז: „חכה הקב"ה לתת את התורה שהיא בת ששים רבוא אותיות, לעם ישראל בימי

משה שהיו ששים רבוא, כדי שיהיה לכל אחד אות בתורה" — גאָט האָט געוואָרט מיט געבען די תורה, וואָס צעהלט זעקס הונ־דערט טויזענט בוכשטאַבען, צו אידען אין משה'ס ציטען, וואָס האָבען געצעהלט זעקס הונדערט טויזענט נפשות, אום יעדער איד זאָל האָבען איין אות, איין בוכשטאַב אין דער תורה (ילקוט שמעוני, יתרו).

א לעבעדיגע תורה מוז באַלאַנגען צו אַלע לעבעדיגע מענשען. די תורה איז ניט געגעבען געוואָרען צו יחידים, צו איינצעלנע, צו די געלערנטע בלויז. אַזאַ תורה קאָן ניט אויסאיבען קיין אייביגע השפעה אויף דעם גאַנצען פאָלק. יעדער איד האָט אַ חלק אין דער תורה, און דערפאַר לעבען זיי ביידע אייביג. „תורה צוה לנו משה מורשה — מורשה היא לכל ישראל" — די תורה וואָס משה האָט אונז געגעבען איז אַן ערבשאַפט, אַ ירושה פאַר דעם גאַנצען פאָלק (סנהדרין צ"א).

אויך די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען נאָך דעם מוסטער, וואָס ווערט אָנגעגעבען אין דער תורה: „הקב"ה היה מביט בתורה ובורא את העולם" — גאָט האָט אַריינגעקוקט אין דער תורה און האָט באַשאַפען די וועלט (בר"ר פ"א).

אין דעם, אייגענטליך, באַשטעהט דער אונטערשייד פון דעם אָרטאָדאָקסישען אידען צו דעם רעפאָרמער. דער אָרטאָדאָקס גלויבט, אַז די תורה האָט עקזיסטירט פיעל פריהער פאַר דער וועלט, און אַז די מענשען, וואָס זיינען נאָכדעם געקומען, האָבען געמוזט איינאָרדענען זייער לעבען נאָך איהרע פאָרשריפטען. תורה און אמונה זיינען ניט די שאַפונג פון אַ בשר ודם, און דער מענש קאָן זיי ניט איבערמאַכען לויט זיינע אומשטענדען אין וועלכע ער געפינט זיך, אָדער די אָנשויאונגען וואָס ער אַליין באַזיצט. דער רעפאָרמער אָבער האַלט, אַז צוערשט איז געקומען דער מענש אויף דער וועלט, און אַז די תורה איז מעהרסטענס אַ פּראָדוקט פון דעם מענשען, דאַרום מעג ער איהר צופּאַסען צו זיין לעבען און איהר ענדערען, לויט די באַדינגונגען פון דער סביבה, אָדער די אָנזיכ־טען פון דער צייט.

און די געשיכטע האָט געוויזען, אַז די תורה און די אידישע

אמונה זיינען תמיד פארבליבען מיט דעם אָרטאָדאָקסישען אידען און ניט מיט דעם רעפאָרמירטען. יעדע רעפאָרם־באוועגונג אין דעם אידישען פאָלק האָט ניט אויסגעהאַלטען. פאר א געוויסער צייט האָט זי צו זיך טאקע צוגעצויגען די רייכערע קלאסען, די וואָס ווילען זיין פריי און ניט אונטערוואָרפען געוויסע געזעצען, וואָס מאַכען זיי פארשיידען פון די פעלקער ארום זיי און אנדערש פון די שכנים צווישען וועלכע זיי געפינען זיך. אָבער מיט דער צייט האָט זיי דער שטראָם פון זייער אייגענער געמאַכטער רעפאָרם אוועקגעריסען פון דעם אידישען פאָלק, און זייערע קינדער האָבען זיך אריבערגעכאַפּט אויף דער צווייטער זייט, צו פרעמדע גלויבענס.

דער גרויסער קריסטליכער געלערענטער אין חכמת ישראל, פּראָפעסאָר פּוט מור פון דער האַווארד אוניווערזיטעט, ריידענדיג וועגען די אידישע רעפאָרם־באוועגונגען און וואָס פון זיי האָט זיך אויסגעלאָזט, דערצעהלט דעם פאָלגענדען אנעקדאָט:

„א פארמער האָט געקויפט ביי א פעדלער א פּאר הויזען. זיי זיינען אָבער געוועזען צו לאַנג אויף איהם. זיצענדיג ביים טיש צום עסען, האָט ער געבעטען די שוויגער, די ווייב און די טאָכטער, אז איינער פון זיי זאָל קירצען די הויזען אויף צוויי אינטשעס. די ערשטע צו געהן שלאָפען איז געוועזען די שוויגער, אָבער איידער זי האָט זיך געלייגט אין בעט האָט זי זיך דערמאָנט אָן דעם פאר־לאַנג פון איהר איידעם, האָט זי געקירצט זיינע הויזען אויף צוויי אינטשעס. די פרוי איז געוועזען באשעפטיגט אין קיך פאר נאָך א לענגערער צייט איידער זי איז געגאַנגען שלאָפען, האָט זי אויך געקירצט דעם מאַן'ס הויזען אויף צוויי אינטשעס. די טאָכטער איז געקומען פון א טאַנץ שפּעט אין דער נאַכט, און וועלענדיג זיין א גוטע, געהאָרכזאַמע טאָכטער, האָט זי אויך ארונטערגענו־מען צוויי אינטשעס פון איהר פאָטער'ס הויזען. איהר קאָנט זיך שוין פאָרשטעלען וואָס פון די הויזען איז געוואָרען . . . "

אזוי גיך ווי מענשען ערלויבען זיך צו שניידען די תורה און די אמונה, איז „אין לדבר סוף". יעדער שניידט־אָפּ אביסעל דאָ און אביסעל דאָרט, ביז עס פארבלייבט זיי גאָרנישט פון די אַלטע פאָלקס־טראַדיציעס און גלויבענס. אויב א איד נעהמט־אָן

א נייע אידייע, מוז זי זיין באגרינדעט, אָדער אין איינקלאַנג, מיט די לעהרען פון „בארג סיני". דאַן האָט עס אַ קיום צווישען פאָלק. „מה שהנביאים עתידים להתנבאות בכל דור ודור קבלו מהר סיני" — וואָס די נביאים וועלען פראָפעציייען אין די שפּעטערדיגע דורות, האָבען זיי באַקומען פון בארג סיני (תנחומא יתרו).

און כל זמן דער איד היט זיין תורה און פאָלגט־אויס איהרע דירעקטיווען, איז גאָט מיט איהם. „מכרתי לכם תורתי — נמכרתי עמה" — איך האָב אייך איבערגעגעבען די תורה, און מיט איהר זיך אַליין (שמ"ר ל"ג).

די תורה באַלאַנגט צו אַלעמען

כאָטש דער איד איז דער איינציגער, וואָס פרעהט זיך מיט דער תורה, און איז שטענדיג גרייט צו ברייגען פאַר איהר די גרעסטע קרבנות, אויב נויטיג, איז ער אָבער ניט ענגהאַרציג צו זאָגען, אַז די תורה איז אינגאַנצען זיינע און באַלאַנגט נאָר צו איהם. אַלע, וואָס ווילען איהר לערנען און פאָלגען, זיינען העכסט ווילקאָמען.

„למה נתנה התורה במדבר", — וואָרום איז די תורה גע־געבען געוואָרען אין דער מדבר און ניט אין ארץ־ישראל, אין ירושלים, אויפ'ן הר־הבית? און דער ענטפער איז העכסט כאַראַק־טעריסטיש פאַר אונזערע גרויסע לעהרער, וואָס האָבען שטענדיג תפילה געטאָן פאַר אַלע פעלקער און געהאָפט אויף אַ וועלט־פרידען: „שאילו נתנה תורה בארץ־ישראל אין לאומות העולם חלק בה" — וואָלט די תורה געגעבען געוואָרען אין ארץ־ישראל, וואָלטען די פעלקער פון דער וועלט אין איהר קיין חלק ניט געהאַט (מכילתא פ"ה).

די תורה איז געגעבען געוואָרען אין דער מדבר, אַ פּלאַץ וואָס איז הפקר און פריי פאַר אַלעמען, ווייל אויך זי איז הפקר און פריי פאַר אַלעמען. אָט אין דעם ליגט די שטאַרקייט פון אונ־זער תורה. זי איז ניט באַגרעניצט און באַגרעניצט אויך ניט איהרע אָנהענגער, זיי זאָלען זיך ניט קאָנען צופּאַסען אין יעדען פּלאַץ וואו זיי געפינען זיך. די תורה אַנערקענט, אַז „דינא דמלכותא

דינא" — דאָס געזעץ פון לאַנד מוז אנערקענט און אויסגעפאָלגט ווערען. זי איז ניט ענגהאַרציג אָפּצוזונדערען איהרע אָנהענגער פון אַלע אַנדערע. „וחי בהם כתיב, ולא שימות בהם" — די תורה הייסט אונז פאָלגען איהרע געזעצען, אום צו קאָנען לעבען, און ניט צו שטאַרבען. שטרענגע געזעצען לייגען־אַרויף קייטען אויף די מענשען און שטערען זיי הנאה צו האָבען פון לעבען.

אונזערע חכמים און גרויסע לעהרער האָבען תמיד געזוכט אויסצוברייטערען דעם זין פון אונזער תורה; און אויב זיי האָבען אנערקענט א מנהג אָדער א דין פון אַן אַנדער פאָלק, האָבען זיי פאַר דעם געפונען אַן „אסמכתא" — אַן אָנשפּאַר, אַן אָנדייטונג — אין דער תורה. מיין פאָטער ע"ה האָט מיר אַמאָל געזאָגט: „עס איז א גרויסער אונטערשייד צווישען פ א ר ' א י ד י ש ע ן א גוי'אישען געזעץ און פ א ר ' ג ו י ' א י ש ע ן א אידישען געזעץ. א י ן ד ע ם ע ר ש ט ע ן פ א ל ב א ר ײ כ ע ר ט מ ע ן א ו ן פ א ר ש ט א ר ק ט מ ע ן ד א ס א י י ג ע נ ע; א י ן ד ע ם צ ו ו י י ט ע ן פ א ל א ב ע ר ר י י ס ט מ ע ן א ו י ס א ש ט י ק פ ו ן א ו נ ז ע ר ת ו ר ה א ו ן מ ע ן פ א ר ק ל ע נ ע ר ט א י ה ר װ ע ר ט ה".

ר' מרדכי אהרון, דער קאָידענאָווער רבי ז"ל, האָט אַמאָל געזאָגט שמחת תורה: ביי אונז אידען איז מען זיך נוהג צו פאַר־קויפען „חתן תורה" און „חתן בראשית", ווייל מיר האָבען ליב די כלה, די תורה, און מיר ווילען איהר צוצאָהלען. ווען א חתן נעהמט א כלה צוליב נדן, קאָן ער איהר ניט ליבען מיט'ן גאַנצען האַרצען. מיר האָבען אָבער ליב די תורה פאַר איהרע אייגענע מעלות, און מיר האָבען ניט אין זינען דעם שכר, וואָס מיר וועלען קריגען פאַר אָפּהיטען איהרע געבאָטען. דערפאַר טאַקע טאַנצען מיר צו הקפות און זינגען „שישו ושמחו בשמחת תורה", ווייל מיר פרעהען זיך מיט איהר און זי פרעהט זיך מיט אונז.

———o———

פורים

אן אלטע אידישע טראגעדיע, וואס האלט זיך אין איין ווידערהאלען

„וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים, וזכרם לא יסוף מתוך זרעם" — און די פורים טעג וועלען קיינמאל ניט אוועק פון די אידען, און זייער אנדענק וועט ניט פארשווינדען פון זייערע קינדער. „אמר ר' יוסף: אסתר ברוח הקודש נאמרה" — זאגט אויף דעם ר' יוסף, אז אסתר איז געזאגט געווארען אין א פראפעטישען גייסט, ווייל אין איהר מגילה ווערט איבערגעגעבען א אידישע טראגעדיע, וואס האלט זיך אין איין ווידערהאלען דורך אלע דורות פון דעם לאנגען אידישען גלות (מגילה ז').

דיזעלבע טענות, וואס המן האט געהאט קעגען דעם אידישען פאלק מיט טויזענטער יאהרען צוריק, ווערען נאך ביז היינטיגען טאג איבערגע'חזר'ט פון זיינע נאכפאלגער, די אנטיסעמיטען, אין די אלע לענדער, וואו זיי געפינען זיך. די טרויעריגע לאגע פון זיין „מפוזר ומפורד בין העמים" — צעזייט און צעשפרייט צווישען די פעלקער, איבעראל א קליינע און שוואכע מינאריטעט, וועמעס עקזיסטענץ הענגט אימער אויף א וואגשאל און איז קיינמאל ניט געזיכערט, איז נאך ליידער דער טרויעריגער שיקזאל פונ'ם אידישען פאלק אויך היינט. המן'ס פארלאנג פון אחשורוש'ן, אז „ולמלך אין שוה להניחם" — פאר'ן קעניג איז ניט ווערטה זיי צו לאזען צורו, ווערט נאך איצט געפאדערט פון די ווילדע אידעאפאבען און אידען-פרעסער.

א גרויס שטיק נבואה געפינט זיך אויך אין דער אנקלאגע קעגען אידען, וואס המן האט געמאכט פאר דעם קעניג. ער זאגט איהם: „דתיהם שונות מכל עם ואת דתי המלך אינם עושים" — זייערע רעליגיעזע אויפפיהרונגען זיינען אנדערש פון די פון אלע פעלקער, און די היילינע טראדיציעס, אין וועלכע דער קעניג אליין גלויבט, ווערען פון זיי ניט געהאלטען. „אין משמרים לא קלנדם

ולא סטרלינא ומבזים מועדך" — זיי היטען ניט און זיינען מבזה דיינע ימים טובים, ווייל זיי האָבען זייערע אייגענע (מ"ר).

המן האָט דאָ, ניט ווייסענדיג, אויסגעדריקט די אָנגענומענע מיינונג פון אַלע היסטאָרישע פאָרשער, וואָס האָבען זיך אָפּגעגע־בען מיט שטודירען די אידישע געשיכטע. אַלע פון זיי גיבען צו, אַז דער איינציגער כח, וואָס האָט אויפגעהאַלטען דאָס אידישע פאָלק אין דעם לאַנגען, טרויעריגען גלות, זיינען געווען און זיינען נאָך איצט די רעליגיעזע מנהגים און טראַדיציעס, וואָס די אידען האָבען מיטגענומען מיט זיך פון זייער אַלטער היים און האָבען זיי דורכגעטראָגען דורך פייער און פלאַם אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער. „האַלטען זיך אידען אָן זייערע טראַדיציעס, זייערע שבתים און ימים־טובים, בילדען זיי איין גרויס פאָלק, וואָס קאָן קיינמאָל ניט אונטערגעהן. קוים אָבער פאַנגען זיי אָן, אין מאַנכע לענדער, נאָכצומאַכען זייערע שכנים און אָפּהיטען זייערע זונטאָגס און קריסטמעס־פייערונגען, ווערען זיי צעברעקעלט אין לאַנד־גרוי־פען און רייסען איבער די קייט, וואָס האַלט זיי געבונדען אַלס אַן „עם אחד", אַלס אַ גאַנץ פאָלק". (דזשוראַאיזם, פּראָפ. פוט מור).

אסתר האָט פאַרלאַנגט, אַז פורים זאָל פאַרבלייבען אַן אייביגער יום טוב

„שלחה להם אסתר לחכמים, קבעוני לדורות"— אסתר האָט געשיקט בעטען די אידישע חכמים, זיי זאָלען באַשטימען פורים פאַר אַן אייביגען אידישען יום־טוב. „שלחו לה, קנאה את מעוררת עלינו לבין האומות" — האָבען זיי איהר געענטפערט: דו ווילסט קענען אונז דערוועקען דעם צאָרן פון די פעלקער? „שלחה להם: כבר כתובה אני על דברי הימים למלכי מדי ופרס" — האָט זי זיי צוריקגעענטפערט: איך בין שוין פאַרשריבען געוואָרען אין דער געשיכטע פון די קעניגרייכען מדי און פרס (מגילה ז'). עס איז דאָ אַ ווערטעל צווישען די געלערנטע, וואָס זאָגט: „אויב דו ווילסט זיך באַקענען מיט דער היסטאָריע פון דער וועלט, שטודיר די אידי־שע געשיכטע, ווייל די אידען האָבען געהאַט צו טאָן מיט אַלע פעל־קער". דאָ וויל די גמרא אָנדייטען, אַז כדי צו קענען די אידישע

היסטאָריע, זאָל מען שטודירען די היסטאָריע פון אַלע פעלקער, צווישען וועלכע זיי האָבען זיך געפונען, וויל צוליב פּאָליטישע אורזאַכען זיינען פיל פּאַסירונגען פון גרויס באַדייטונג אויסגעלאָזען געוואָרען פון די אידישע היסטאָריקער.

אויסער די ימים טובים פון דער תורה, וועלכע זיינען אָפּגעהיט געוואָרען פון די אידען זינט זי איז געגעבען געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני, און וועלען קיינמאָל ניט בטל ווערען, האָבען אידען אין פיעל לענדער געהאַט צוגעגעבענע ימים־טובים, אַלס פייערונג פון היסטאָרישע פּאַסירונגען אין געוויסע צייטען און ערטער. אין „מגילת תענית" אַליין ווערען אויסגערעכענט פינף־און־דרייסיג אַזעלכע פייער־טעג, ווענגען וועלכע עס ווערט געזאָגט: „די לא להתעניא בהון ודי לא למספד בהון" — אַז מען טאָר אין זיי ניט פאַסטען און ניט קלאָגען. די חז"ל אָבער האָבען זיי שפּעטער מבטל געמאַכט, אויסער חנוכה און פורים, כאָטש זיי געהערען אויך ניט צו די ימים־טובים פון דער תורה.

„אם כל המועדים יהיו בטלים, חנוכה ופורים לא נבטלים", אויב אַלע פייער־טעג וועלען אונטערגעהן, חנוכה און פורים וועלען ניט בטל ווערען (ירושלמי תענית פ"ב). און די אורזאַך איז, וויל דער ערשטער, חנוכה, האָט פּאַסירט אין ארץ־ישראל, און האָט נאָכדעם געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די שפּעטערדיגע אַנטוויקלונגען פון דער אידישער געשיכטע; און דער צווייטער, פורים, איז אַ סימבאָל פון דעם אידישען לעבען איבעראַל, און אויך אַ באַווייז, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט אימער בלייבען לעבען.

דער מדרש גיט אונז אַ מערקווירדיג טיפע אָפּשאַצונג איבער דער מעשה פון פורים: „בשעה שכתב המן להשמיד, להרג ולאבד את כל היהודים", ווען המן האָט געשריבען אין זיין באַפעהל צו פאַרטיליגען, אויס'הרג'ענען און פאַרניכטען אַלע אידען, „אמר הקב"ה, שוטה שבעולם, אני אמרתי להשמידם ולא יכלתי — ראשך יורם חלף ראשיהם", האָט גאָט געזאָגט: נאַר פון דער וועלט! איך אַליין האָב שוין זיי אַמאָל געוואָלט פאַרניכטען און האָב ניט געקאָנט — דיין קאָפּ וועט פריהער פאַלען פאַר זייערען (אסתר רבה פ"ז). דאָס אידישע פאָלק איז פון דער נאַטהייט באַשטימט גע־

וואָרען צו לעבען אייביג, ווייל „קב"ה וישראל ואורייתא חד", גאָט, די אידען און די תורה זיינען איינס. זאָל דאָס אידיש פאָלק חו"ש אונטערגעהן, וועט אויך די אמונה און די תורה קיין קיום ניט האָבען.

די אידישע פארפאָלגער וועלען ענדליך קריגען זייער פסק. „בשעה שהיה המן מקיף ומדד את העץ נפל עליו — השיב גבריאל ואמר, לעצמך בנית", ווען המן איז ארומגעגאַנגען און געמאָסטען דעם בוים, אויף וועלכען ער האָט געוואָלט אויפהענגען מרדכי'ן, איז ער אויף איהם ארויפגעפאַלען, האָט דער מלאך גבריאל זיך אָפגערופען, פאַר דיר אליין בויסטו עס (יעלינעק בית המדרש ח"ו). די אַלע המן'ס, וואָס בויען תליות אויפצוהייגען און צו טויטען די אידען, ווערען מיט דער צייט אויף זיי אליין אויפגעהאַנגען, און דאָס אידישע פאָלק בלייבט לעבען.

קריטישע מיינונגען איבער דער מגילה

ניט אַלע אונזערע בעלי אגדה זיינען צו פריינדליך געשטימט צו אסתר און מרדכי. מאַנכע פון זיי קריטיקירען די מגילה און זאָגען, אַז דאָס איז אַ בילד פון דעם אידיש אסימילאַטאָרישען לע־בען אין גלות. דער פאַקט, אַז אין דער גאַנצער מגילה ווערט ניט דערמאָנט גאָט'ס נאָמען, ווערט פון פיעל באַטראַכט אַלס אַ סימן פון גרינגשעצונג. דאָס פאָלק האָט דעם טאָג ניט אַריינגענומען אין דער רייהע פון הייליגע טעג, וואָס זיינען דערמאָנט אין דער תורה און ווערען פארהייליגט פון דעם גאַנצען פאָלק.

ר' יהונתן אייבשיץ, אין זיין „יערת דבש", זאָגט אויף דעם מאמר פון דער גמרא אין חולין— „אסתר מן התורה מנין, שנאמר הסתר אסתיר את פני" — איהר אמת'ער נאָמען איז דאָך געווען „הדסה", זי האָט עס אָבער פארביטען אויף „אסתר", וואָס איז דער נאָמען פון אַ פערזישער געטין, ווייל די אסימילאַציע ברייגנט צו „הסתרת פנים", אַז מען וויל באַהאַלטען דאָס אידישע געשטאַלט און דעם אידישען אָפשטאַם.

די הויפט געשיכטע פון דער מגילה דרעהט זיך ארום אַ „איש יהודי", וועלכער זיצט „בשער המלך" און שפּאַרט אָן אין די

הויכע פענסטער. זיין פלימעניצע, וואס האָרעוועט זיך ביי איהם, אז זי ווערט גענומען צום קעניג פאר א פרוי, זאגט זי ניט אוים איהר „עמה ואת מולדתה", איהר פאָלק און איהר שטאַם, „כי כן צוה עליה מרדכי", ווייל איהר אָנקעל מרדכי האָט איהר אזוי אָנ־געזאָגט.

בלויז אין אַן עת צרה, אז עס ברעכט אוים גרויסע גזרות אויפ'ן פאָלק, וואס דראָהען אויך זיין אייגענעם לעבען, און אין וועלכע ער איז כמעט דער הויפט גורם, ווערט מרדכי באזאָרגט וועגען דער אידישער לאגע. ער, אזוי גוט ווי אסתר המלכה, הויבען זיך אָן משתדל צו זיין פאר זייער פאָלק און בעטען דעם קעניג, ער זאָל מבטל זיין די גזרות פון דעם שלעכטען המן.

די גמרא קריטיקירט אויך דעם גאנצען אידישען דור פון יענער צייט און זאָגט: „גדולה הסרת טבעת יותר מארבעים ושמונה נביאים", דאָס וואָס אחשורוש האָט ארונטערגענומען זיין רינג און איהם איבערגעגעבען צו המנ'ען, האָט געהאַט א פיעל גרעסערע ווירקונג אויף די אידען, ווי די אכט־און־פערציג נביאים, וואָס האָבען זיי געמוסר'ט און אויפגעפאָדערט צו זיין געטריי זייער פאָלק און זייער גאָט (מגילה י"ד ע"א).

די וואָס לויפען צוריק צו זייער פאָלק צוליב אויסערליכע דרוק, צוליב פארפאָלגונגען פון שונאים, ווען זיי האָבען לכתחילה געזוכט צו שמייכלען און נאָכמאכען, האָבען ניט געשאַפען אידישע געשיכטע. דערפאַר איז טאַקע פורים בלויז א טאָג פון „משתה ושמחה", טרינקען און זיין פרעהליך, אָבער איז א קנאַפער יום־טוב. „אסור בתענית ובהספד, אבל במלאכה מותר — יום טוב לא קבלו עליהו", מען טאָר פורים ניט פאסטען אָדער טרויעריג זיין, אָבער ארבייטען מעג מען, ווייל אלס יום־טוב איז ער ניט אָנגענומען געוואָרען ביים פאָלק (מגילה ה' ע"ב).

———o———

שבת הגדול

דער ערשטער שבת, וואָס אידען האָבען געהאַלטען אלס א פריי פאָלק

דער שבת פאַר פסח איז באַקאַנט אין דער אידישער טראַדי־ציע אַלס „שבת הגדול", דער גרויסער שבת. אין פרומע אידישע הייזער איז מען זיך זאָגאַר נוהג צו זאָגען אַ טייל פון דער הגדה דעם שבת, ווייל ער ווערט צוגערעכענט צו די פסח־טעג, צו די טעג פון דער גרויסער אידישער באַפרייאונג. דער ערשטער שבת, וואָס אַ פאָלק פייערט, אַז ער ווערט פריי און זעלבסטשטענדיג, מוז זיין אַ „שבת הגדול", ווייל בלויז פרייע מענשען קאָנען פאַרשטעהן און ריכטיג אָפּשאַ־צען דעם ווערטה פון אַ נאַציאָנאַלען שבת, פון אַן אייגענעם רוה־טאָג.

ווען משה רבינו איז צום ערשטען מאָל געקומען צו די אי־דען מיט דער גרויסער בשורה, אַז ענדליך האָט זיך גאָט אויף זיי מרחם געווען און געהט זיי באַפרייען פון דעם שעבוד מצרים, האָ־בען זיי איהם געשאָנקען גאַנץ ווייניג אויפמערקזאַמקייט. „ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה" — זיי האָבען זיך ניט צוגעהערט צו משה'ן צוליב קורצען געמיט און שווערער אַרבייט.

מענשען, וועלכע זיינען פאַרשקלאַפט טאָג און נאַכט, און ווערען געצוואונגען אוועקצוגעבען אַלע זייערע כחות פאַר פרעמדע, וואָס נויטען זיי צו אַרבייטען אַלע זיבען טעג פון וואָך, און האָבען ניט קיין איין טאָג פאַר זיך, זיינען ניט אימשטאַנד צו פאַרשטעהן און באַגרייפען די באַדייטונג פון גאולה, פון באַפרייאונג.

דער בלינדער קאָן ניט זעהן און ריכטיג אָפּשאַצען די שעהנ־קייט פון דער זון, און דער שקלאַף באַגרייפט ניט דעם ווערט פון פרייהייט. די אַמעריקאַנער געשיכטע ווייסט צו דערצעהלען, אַז אין דעם בירגער־קריג פון דער נאָרטה קעגען די סאוטה, וואָס איז

הויפטזעכטליך אויסגעבראכען צוליב דעם שקלאפען־האנדעל, האָ־
בען דאָס רוב פון די נעגערס געקעמפט אין די רייהען פון זייערע
בעלי־בתים קעגען דער נאָרטה און קעגען זייער אייגענער באפריי־
אונג. פרעזידענט לינקאָלן איז געווען געצוואונגען צו שיקען רעד־
נער, אגיטאטאָרען, זיי זאָלען איבעררעדען די נעגערס און זיי
איבערצייגען, אז דער קריג ווערט געפיהרט פון זייער טובה־וועגען.

אז משה האָט געזעהן, אז די הויפט שווערקייט אין דער
באפרייאונגס־ארבייט ליגט מיט די אידען גופא, אז זיי זיינען אזוי
פאַרטרונקען אין די „מ״ט שערי טומאה״ פון שקלאפעריי, און
זיינען דעריבער ניט גענייגט איהם צו העלפען אין זיין גרויסער
אונטערנעהמונג, איז די ערשטע זאך וואָס ער האָט געטאָן, געווען
— „הלך ותקן להם יום השבת״ — איז ער אוועק און האָט פאר
זיי מתקן געווען דעם טאָג שבת (מדרש רבה פ״א). ער האָט אויס־
געווירקט ביי פרעה׳ן, ער זאָל געבען די אידען איין טאָג א וואָך,
זיי זאָלען זיך קאָנען אויסרוהען און זאמלען כחות צו שאפען
מעהר ארבייט אין די איבעריגע זעקס טעג פון דער וואָך. זעלבסט־
פאַרשטענדליך, אז זיין כוונה איז געווען, צו געבען די אידען איין
פרייען טאָג, אין וועלכען ער זאָל זיך מיט זיי קאָנען צוזאמענריידען
און ווירקען אויף זיי, אז זיי זאָלען איהם העלפען מקרב זיין די
גאולה פאר׳ן פאָלק.

אָבער מיט אלע זיינע מעלות איז דער שבת, וואָס א פאָלק
היט אָפּ אין גלות, ניט גרויס גענוג, ניט דערהויבען גענוג, צו
קאָנען אָנגערופען ווערען מיט׳ן נאָמען „שבת הגדול״. צו רוּ־
הען, אום צו קאָנען ווייטער ארבייטען, איז צו חומר׳דיג, צו מאַ־
טעריאליסטיש. אזא שבת איז בלויז א טפל צו די קומענדיגע
ארבייטס־טעג, און כאָטש ער איז, אז און פאר זיך, טאַקע קודש,
הייליג, איז ער אָבער ניט דער „שבת הגדול״, דער גרויסער רוה־
טאָג, וואָס זאָל טראָגען דעם אמת׳ן נאציאָנאלען כאראקטער. דער
שבת, אום צו זיין גרויס און וויכטיג פאר׳ן פאָלק, מוז האָבען א
„נשמה יתרה״, א גרעסערען גייסט, וואָס זאָל דעם מענשען ארויס־
הויבען פון זיין טאָג־טעגליכען לעבען און איהם ברענגען צו א
העכערער שטופע.

כל חמירא — אַ סימבאָל פון אידישער שטאַרקייט

שבת הגדול, — איז געווען איינגעפיהרט אין אַלע אידישע קהלות, — פלעגען די רבנים דרש'ענען דעם טאָג איבער אַלע דינים פון פסח. דער עולם איז טאַקע געווען העכסט נייגעריג צו וויסען די דינים, און די רבנים זיינען געווען נאָך מעהר נייגעריג זיי עס צו דערקלערען. היינטיגע צייטען, אָבער, איבערהויפּט אין אמע־ריקא, ווערען שאלות ווייניג געפרעגט, און דער עולם איז ניט אזוי להוט צו וויסען אידישע דינים, מוזען דערום די שבת־הגדול'דיגע דרשות פון די רבנים טראָגען א גאַנץ אנדער כאַראַקטער.

עס ווערט דערצעהלט וועגען ר' צבי הירש בערלינער, ווען ער איז געווען רב אין מאַנהיים, דייטשלאַנד, אַז איינמאָל אין אַ שבת־הגדול האָט ער געלאָזט אויסרופען, אַז דעם טאָג וועט ער קיין דרשה ניט האַלטען. ווען איניגע באַלעבאַטים האָבען איהם אויפמערקזאַם געמאַכט, הלמאי ער איז מבטל דעם מנהג, וועלכער איז אָנגענומען אין אַלע אידישע קהלות, האָט ער זיי געענטפערט:

— די חז"ל זאָגען אונז: „שואלין ודורשין בהלכות הפסח קודם הפסח", מען דאַרף פרעגען און דרש'ענען וועגען די דינים פון פסח פאַר פסח. פאַרוואָס שטעהט עפּעס דאָפּעלט: „שואלין ודורשין"? — נאָר די כוונה איז: דאָרט, וואו עס איז „שואלין", וואו די באַלעבאַטים און באַלעבאָסטעס קומען צום רב מיט שאלות, איז „דורשין", איז דער חוב פון רב צו האַלטען אַ דרשה און אויפ־צוקלערען זיי אַלע מעגליכע ספקות, אָבער אין אזא שטאָט ווי מאַנ־היים, וואו עס איז לגמרי קיין „שואלין" ניטאָ, מען פרעגט גאָר קיינמאָל ביים רב קיין שאלות ניט, מחמת זיי ווייסען שוין ב"ה אַלץ אַליין, דאָרט איז מען פּטור אויך פון „דורשין"...

הרב עמיאל, אין זיין „דרשות אל עמי", דריקט אויס דעם פאָלגענדען שעהנעם געדאַנק איבער „ערב פסח". ער זאָגט: „יעדער פרומער איד, אַז ער איז מבער דעם חמץ פון הויז ערב פסח, זאָגט: „אַלע חמצ"ען, וואָס געפינען זיך אין מיין רשות, זאָלען ווערען בטל ווי די שטויב פון דער ערד". אין דעם „ביטול" ליגט דער אידישער כח".

„עס זיינען דא, לויט אונזערע חז"ל, דריי וועגען ווי צו אנט־זאגען זיך פון איינעמ'ס א פארמעגען, וואס איז פון איהם פאר־לוירען געגאנגען: יאוש, הפקר און ביטול. יאוש מיינט אויפ־געבען אלע האפענונגען עס ווען צוריק־צוקריגען; הפקר מיינט, איבערצולאזען עס פאר אנדערע, און „ביטול" מיינט צו אנטזאגען זיך פון דעם, זוכען עס צו פארגעסען, אזוי ווי ער וואלט עס גאר קיינמאל ניט געהאט.

„אין דעם אידישען גלות־לעבען מאכען מיר אפט דורך את די אלע דריי פאלען צוזאמען. ווען עס ברעכען אויס גרויסע פאר־פאלגונגען און אידען ווערען בארויבט פון אלע פרייהייטען און זייער האב און גוטס ווערט פארכאפט פון די שונאים, געפינען זיך א טייל אידען, וואס ווערען פארצווייפעלט, איבערהויפט די, וואס האבען זיך שוין אסימילירט און איינגערעדט, אז מיט דעם, וואס זיי האבען אוועקגעווארפען זייער אידישקייט, האבען זיי זיך איינגעבירגערט אין לאנד און קיין שלעכטס קאן זיי ניט געשעהן. את די ווערען גלייך ארומגעכאפט פון א שרעקליכען „יאוש" און אויס פארצווייפלונג נעהמען זיי זיך דאס לעבען.

„אן אנדער טייל פון פאלק, איבערהויפט די פארמעגליכערע, וועלכע זיינען ניט אין גאנצען אוועק פון אידישקייט, אבער צו נאָ־הענט צו איהר זיינען זיי אויך ניט געשטאנען, זיינען „מפקיר" דעם גרעסטען טייל פון זייער פארמעגען, ראטעווען וויפיל זיי קאָ־נען און לויפען וואו זייערע אויגען טראגען. זיי וואנדערען אויס אין אנדערע גלות־לענדער אנצופאנגען דארט א נייע לעבען, ביז . . . יא, ביז אויך דארט וועט גרייכען די כוואליע פון אנטיסעמי־טיזם, פון אידען־האס, און דער טייפעלשער שפיעל וועט זיך איבער'חזר'ן.

„די נאציאנאל און רעליגיעז־געזאנענע אידען, אבער, ווערען ניט פארצווייפעלט און פארלירען ניט זייער מוט. זיי זיינען „מבטל" די טרויעריגע געשעהענישען און האפען אויף דער צייט פון גאולה, פון אמת'ער באפרייאונג. זיי ווייסען, אז די אורזאך, ווארום דאס אידיש פאלק איז ווי א שעפסעלע צווישען בייזע וועלף, איז, ווייל ער לעבט אין גלות און איז א קליינע מינאריטעט איבעראל. דאס

דינט די מענשען־פרעסער פאר א מיטעל אפצוציהען דעם פאלק׳ס צארן פון זיי אליין, פאר זייערע מעשים תעתועים, און עס ארויפ־ווארפען אויף די אומשולדיגע אידישע קעפ.

„זאלען אידען מבטל זיין אט דעם „חמץ”, ניט פארלירען זייער מוט. מיר לעבען אין א צייט פון ערב פסח. דער פסח איז ניט ווייט אוועק. דער טאג פון אונזער פרייהייט וועט זיכער באלד קומען”.

ר׳ לוי יצחק בארדיטשעווער, וועלכער איז געווען באקאנט אלס גרויסער „מליץ יושר” פאר אידען, איז אמאל, ערב פסח, נאך ביעור חמץ, ארויס אין מארק. טרעפט ער א גוי א שמוגלער, וואס שמוגעלט סחורה איבער׳ן גרעניץ.

— האסטו, פרעגט איהם ר׳ לוי יצחק, — אויסלענדישע זיידענס?

— יא, — זאגט דער גוי.

— וויפיל איילען האסטו? — פרעגט ער איהם ווייטער.

— איך קאן דיר קריגען, — זאגט דער גוי, — וויפיל דו ווילסט.

געהט ער אוועק פון גוי און באגעגענט א אידען.

— האסטו, — פרעגט איהם ר׳ לוי יצחק, — ביי זיך עפעס חמץ?

— חמץ? — ווערט יענער א פארציטערטער, — חלילה, רבי, אלץ מבער געווען.

טרעפט ער אן א צווייטען איד.

— האסטו עפעס חמץ?

— וואס רעדט איהר, רבי? — חידוש׳ט זיך יענער, — אצינד חמץ? בין איך, חלילה, קיין איד ניט?

שטעלט זיך אוועק דער בארדיטשעווער, הויבט אויף די הענט צום הימעל און זאגט:

— זעה, רבונו של עולם, וואס פאר א הייליג פאלק אידען זיינען: דער רוסישער קייסער איז א מלך אדיר, האט מעכטיגע

היילות, מיט כלי־זיין, מיט תפיסות, האט ער פארבאטען ארײנצו־פיהרען סחורה מן החוץ און אוועקגעשטעלט אויף דעם גרעניץ א וואך, וואס היט טאג און נאכט, און אף־על־פי־כן פיהרט מען ארײן כל מיני סחורות און מען פארקויפט זיי בריש־גלי; און דו, רבונו של עולם, האסט געשריבען אין דיין הייליגער תורה איין פסוק: „לא יראה לך חמץ", — אהן א גרעניץ, אהן א וואך, — און ערב־פסח נאכ'ן זמן געפינט מען ניט אין גאנצען אידישען גבול קיין ברעקעל חמץ! . . . (ב. יאושזאן, פון אלטען אוצר).

———o———

פסח

דער סדר-טיש, א סימבאָל פון אידישען לעבען

דער סדר, וואָס די אידען ריכטען אָפּ די ערשטע צוויי נעכט פון פסח, שטעלט פאָר דאָס אידישע לעבען אין אַלע פיער ווינקלען פון דער וועלט. די צאָהל פ י ע ר באהערשט טאַקע דעריבער די גאַנצע צערעמאָניע ארום דעם סדר-טיש. די הגדה איז געשריבען „כנגד ארבעה בנים" — קענען די פ י ע ר פאַרשידענע קלאַסען אידען, וואָס געפינען זיך אין פאָלק: דער „חכם", וואָס באַגערט אַלעס צו וויסען; דער „רשע", וואָס שפּאָט אָפּ פון אַלעס, דער „תם", דער אומוויסענדיגער, וואָס ווייסט פון קיין זאַך נישט, און דער „שאינו יודע לשאול", וואָס וויכט פון אַלעס.

מען איז מחויב צו טרינקען פ י ע ר כוסות וויין — קעגען די פיער פאַרשידענע לשונות, מיט וועלכע גאָט האָט באַצייכענט די גאולה: „והוצאתי", „והצלתי", „ולקחתי", „וגאלתי". מ'דאַרף עסען פ י ע ר הויפּט-מאכלים, וועלכע שטעלען פאָר די פיער עפּיזאָדען פון יציאת מצרים: „פסח", „מצה", „מרור" און „חרוסת". דעם קרבן פסח, אָדער ווי מיר האָבען היינט — די „זרוע", צוליב דעם נס, וואָס דער מלאך המות האָט איבערגעהיפּט די אידישע הייזער אין דער „מכת בכורות", און די אידישע קינדער זיינען געבליבען לעבען. מצה — צוליב דעם, וואָס די אידען, אין איילעניש צו פאַרלאָזען מצרים, האָבען קיין צייט ניט געהאַט צו באַקען ריכטיג ברויט, און האָבען געבאַקען מצות. מרור עסען מיר צוליב דעם, ווייל מיר מוזען געדענקען, אַז די מצריים האָבען פאַרביטערט דאָס לעבען פון אונזערע עלטערען אין מצרים. חרוסת, וואָס קוקט אויס ווי ליים, מוז זיך געפינען אויפ'ן סדר-טיש צוליב דעם, וואָס די אידען אין מצרים האָבען געשקלאַפט „בחומר ולבנים", מאַכענדיג ליים און ציגעל פאַר פרעה'ס געביידעס.

די קינדער, פאַר וועמען דער גאַנצער סדר איז געמיינט, דאַרפען אויך פרעגען פ י ע ר קשיות. אַלץ פיער און פיער —

ווייל דאָס שטעלט פאַר דאָס אידישע לעבען אין די „ארבע פנות העולם", די פיער ווינקלען פון דער וועלט.

אויף דערזעלביגער קערה, וואו עס ליגען די זרוע, מרור און חרוסת, מוז מען אויך אַרויפלייגען אַ האַרט־געקאָכטע איי, וואָס איז אַ סימן פון אבלות, ווייל — „ביום שחל בו פסח, חל בו גם תשעה באב" — אין דעמזעלביגען טאָג וואָס עס געפאַלט פסח, פאַלט אויך אויס תשעה באב (שו"ע או"ח סי' תע"ג). ביים סוף פון סדר זאָל מען אָנגיסען אַ כוס וויין פאַר „אליהו הנביא", וועלכער דאַרף אונז אָנזאָגען די גאולה, ווייל — „ביום שחרב בית־המקדש נולד משיח" — אין דעם טאָג, ווען דער בית המקדש איז צעשטערט געוואָרען, איז געבוירען געוואָרען משיח, וועלכער דאַרף די אידען באַפרייען. די הגדה מוז אויך פאַרענדיגט ווערען מיט דער תפילה „לשנה הבאה בירושלים".

אַט אַזוי דרעהט זיך דער כישוף־קרייז, אין וועלכען אונזער פאָלק געפינט זיך פאַר טויזענטער יאָהרען. „אור וחושך משתמשים בערבוביה" — ליכט און פינסטערניש צוזאַמענגעוואָרפען אין איין גרויסען מישמאַש. פרייד און טרויער, קלאַג און האָפנונג אויס־געמישט צוזאַמען — דאָס איז נאָך אַלץ דער שיקזאַל פון דעם „עם סגולה", וואָס טראָגט אַלע פאַרפאָלגונגען עקזיסטירט ער שוין טויזענטער יאָהרען. די לאַגע איז אַ העכסט טרויעריגע. דער מרור און חרוסת זיינען נאָך אַלץ דעם אידען'ס גורל איבעראַל. אין אַלע לענדער, וואו ער געפינט זיך, איז זיין לעבען ביטער, און ער פאַר־שווענדט זיינע כחות אין בויען „פתום און רעמסס" פאַר אַנדערע. ער פייערט נאָך אַלץ זיין אַמאָליגע באַפרייאונג און אבילות אויף זיין לעצטען חורבן. אָבער — פאַרצווייפלען, זיך מיאש זיין און אויפגעבען דעם קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ — דאָס ניט. די האָ־פענונג פון לשנה הבאה בירושלים — אז אויב גאָט זאָל נאָר ווע־לען, וועט דער איד שוין נעקסטען יאָהר זיין פריי און אין זיין איינען לאַנד — שטאַרקט איהם און מוטיגט איהם.

דער סדר אַמאָל און היינט

גאָר אַמאָל, ווען די אידען האָבען נאָך געוואוינט אין זייער איינען לאַנד, פלעגען די פסח'דיגע סדרים געפראַוועט ווערען גע־

מיינשאפטליך און ניט אין יעדען אידישען הויז באזונדער. אויף דעם קרבן פסח ווערט געזאגט אין דער תורה: „כל עדת ישראל יעשו אותו" — די גאנצע אידישע געמיינדע מוז איהם מאכען צוזאמען, ניט אפגעזונדערט איינער פון אנדערען. אלע פאמיליעס, וואס האבען געוואוינט אין א געגענט, פלעגען זיך פארזאמלען און אנטייל נעהמען אין דעם קרבן פסח. **קוים שטעלט דער קרבן פאר דעם פרייהייטס־סימבאל פון דעם פאלק, מוזען זיך אין איהם באטייליגען אלע אידען, ווייל נאר דורך פאראייניגונג קאן די פרייהייט פון א פאלק אויפגעהאלטען ווערען.**

דער קרבן פסח האט אויך געמוזט געבראכט ווערען אויף אן אייגענארטיגען וועג. „אל תאכלו ממנו נא" — מען האט איהם ניט געטארט עסען האלב־געבראטען. א קרבן, וואס א פאלק ברענגט פאר זיין פרייהייט, אויב ער איז בלויז האלב־פארטיג, איז ער ניט מכפר אויף דעם גאנצען פאלק. ער האט אויך ניט געטארט זיין „בשל מבושל במים" — געקאכט אין וואסער. ער האט געמוזט זיין „צלי אש" — געבראטען אויפ'ן פייער, גאנץ ווי ער איז, ווייל דאן ערשט אנטהאלט ער זיין אייגענעם געשמאק (שמו"ר י"ח). „כל בן נכר לא יאכל בו" — א פרעמדער טאר פון איהם ניט עסען. אויב איינער פיהלט זיך פרעמד צו זיין פאלק און איז ניט איינפארשטאנען מיט זיינע אידייען און איבערצייגונגען, זאל ער ניט אנטייל נעמען אינ'ם קרבן פסח. ער קאן נאך אריינברענגען נייע שטרעמונגען, וואס זאלען שטערען דער אנטוויקלונג פון דעם פאלק, לויט זיין כאראקטער און טראדיציעס.

אין דער גמרא ווערט דער קרבן אנגערופען „פסח לדורות", ווייל צו יעדער צייט, אין יעדען דור, אז די אידען זיינען גרייט צו ברענגען א פרייהייט־קרבן, מוזען זיך אלע כחות פאראייניגען צו ארבייטען פאר דער גאולה, פאר דעם בנין האומה און בנין הארץ. אויב דער קרבן פסח ווערט געבראכט פון דעם גאנצען פאלק און איז צוגעגרייט געווארען לויט די פארשריפטען און געזעצען פון דעם גאנצען פאלק, איז ער „דוחה את הטומאה" —

שטויסט ער פון זיך אָפּ אַלע אומריינקייטען (פּסחים צ"ו). אַ קרבן, וואָס אַ פאָלק ברענגט פאַר זיין פרייהייט, איז ערשט דאַן „טהור" און ליב פאַר גאָט, אויב ער קומט פון דעם גאַנצען פאָלק, פון אַלע זיינע ווירקענדיגע כחות.

דער סדר אָבער, וואָס מיר פּראַווען אין גלות, איז בלויז אַ זכר פון דעם אַלטען סדר, וואָס מיר האָבען אַמאָל אָפּגעריכט אין אונזער לאַנד. פון דעם קרבן פּסח, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק האָט פון איהם געגעסען און פון איהם גענאָסען, זיינען מיר יוצא מיט אַ „זרוע", אַ קליין ביינדעל. פון אַלע קרבנות, וואָס אַ פאָלק ברענגט פאַר זיין עקזיסטענץ אין גלות, אין פרעמדע לענדער, מוז ער זיך צופרידענשטעלען מיט אַ ביינדעל. מעהר קאָן עס ניט דער־וואַרטען. דער הויפּט פּלאַץ אויף דעם איד'ס סדר־טיש פאַרנעמען: דער „מרור", די „חרוסת" און דאָס האַרטע איי, וואָס איז אַ סימן פון אבלות און דערמאָנט איהם, אַז ער איז ניט ביי זיך אין דער היים.

דער פרומער און באַוואוסטזיניגער איד זאָגט טאַקע דער־פאַר אין זיין הגדה: „כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו" — ווי מיר האָבען זוכה געווען איהם אָפּצוריכטען, אַזוי זאָלען מיר זוכה זיין איהם צו טאָן. אין גלות קאָנען מיר בלויז מסדר זיין, איינאָרדענען אונזערע פאָלקס־קרבנות. „לעשותו" — אויפצוטאָן ממשות'דיגס פאַר דער צוקונפט פון אונזער פאָלק — דאָס קאָנען מיר נאָר דאַן באַווייזען, ווען מיר זיינען אין אונזער אייגענער היים, אין אונזער אייגען לאַנד.

וואָס דער ווילנער גאון, זצ"ל, זאָגט וועגען דער אידישער גאולה

דער ווילנער גאון, זצ"ל, אין זיין „אדרת אליהו", פּרשת עקב, זאָגט וועגען דער אידישער גאולה: „לביאת הארץ צריך שלשה דברים" — כדי צו קאָנען אריינקומען קיין ארץ־ישראל,

מוזען די אידען טאָן דריי זאַכען: ערשטענס, „הכנה לצאת מחוץ לארץ" — זיך פאַרברייטען ארויסצוגעהן פון גלות; צווייטענס, „הדרך אשר ילך" — דער וועג, דורך וועלכען צו געהן, כדי דעם ציעל צו דערגרייכען; דריטענס, „הביאה לארץ הקדושה" — דאָס אריינקומען אין דעם הייליגען לאַנד.

אין די ווערטער פון דעם גאון, זצ"ל, ליגט אַ ים מיט וואונ־דערבּאַרע געדאַנקען, וואָס יעדער, וועלכער גיט זיך אָפּ מיט „בנין הארץ", האָט באַדאַרפט וויסען און פאַרשטעהן. דער „הביאה לארץ הקדושה" — דאָס אריינקומען אין לאַנד אריין, דאָס באַזעצען זיך דאָרט און אָנפאַנגען בויען אַ היים — איז שטאַרק געווענדט אָן דעם „הדרך אשר ילך" — אָן דעם וועג, אָן דעם צוטריט צו דער הייליגער אויפגאַבע. אויב ער שטימט מיט דעם כאַראַקטער פון אונזער פאָלק, אויב די אַרבּייט איז באַזירט אויף דער לאַנגער און דויערהאַפטער דערפאַרונג, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין די לאַנגע יאָהרען פון זיין גלות, און איז דער רעזולטאַט פון אַ פול־שטענדיגער פאַרשטענדיגונג פון זיינע הויפּט־פּרינציפּען און אויפ־גאַבען, פיהרט אָט דער וועג צו דעם „הביאה לארץ הקדושה" — צו דעם ענדליכען זיג, וואָס וועט קרוינען די אַרבּייט מיט דערפאָלג.

אָבער די ביידע, אי דער „הדרך אשר ילך", אי דער „הביאה לארץ הקדושה", קאָנען נאָר דאַן זיין דערפאָלגרייך, אויב דער ערשטער תנאי, די ערשטע פליכט איז נאָכגעקומען געוואָרען אין איהר גאַנצען אינהאַלט. דער „הכנה לצאת מחוץ לארץ" — דאָס אראָוואַרפען פון זיך אָט דעם שטויב, וואָס דער גלות האָט אריינ־געהויכט אין אונזערע לונגען און אונז בּאַרויבט פון דער אַלטער וויטאַליטעט, די אַלטע שטאַרקייט און אויסגעהאַלטענקייט, וואָס אונזער פאָלק האָט אימער באַזעסען, איז זעהר אַ וויכטיגער פּונקט אין אונזער באַפרייאונגס־אַרבּייט.

כל זמן מיר וועלען זיין אונטערוואָרפען דער השפעה פון די גלות־לענדער, אַזוי לאַנג ווי מיר וועלען זיך ניט באַנוצען מיט די אָריגינעלע כחות, וואָס האָבען געמאַכט אונזער פאָלק פאַר אַן „עם סגולה", וועלען די שטערונגען אין אונזער וועג זיין שווערע און גרויסע.

קיין פאָלק האָט ניט באַקומען אַ לאַנד פאַר זיך אַלס אַ „חסד” פון אַנדערע פעלקער. אויב מען זוכט זיך צו באַזעצען אין אַ לאַנד בלויז אויף דעם גוטען ווילען פון די „ענקים”, די ריזען־פעלקער, ווערט עס אַן „ארץ אוכלת יושביה” — אַ לאַנד, וואָס פאַרניכטעט זיינע איינוואוינער. יעדע פּאָזיציע, וואָס ווערט דאָרט געשאַפען מיט דעם בלוט און געלט פון דעם פאָלק, וואָס זוכט אָט דעם „חסד לאומים”, ווערט אָפּגעשוואַכט און וואַקעלדיג, און זיין עתיד, זיין צוקונפט, איז ניט קיין זיכערע.

מיר מוזען פון זיך אַראָפּטרייסלען דעם „אבק הגלות” — די אונטערוואָרפענקייט און אונטערטעניגקייט, וואָס דער גלות האָט אויף אונז אַרויפגעצוואונגען. מיר מוזען מיט שטאָלץ פאָדערען דאָס, וואָס אונז קומט, און צו וואָס מיר זיינען היסטאָריש באַרעכטיגט. מיר טאָרען אויך ניט אַריינשלעפען קיין שטיקער פון אונזער גלות אין לאַנד אַריין. ארץ־ישראל מוז צוריק ווערען אָריגינעל אין גייסט און אין קערפּער, ווי זי איז אַמאָל געווען. אָט די טראַדיציעס, וואָס האָבען אונז געדינט אַלס שוצוואַנט אין דעם לאַנגען גלות און אונז פאַרהיט פון אונטערגאַנג, מוזען צוריק־קריגען זייער אמת'ע דערליייזונג אין אונזער לאַנד.

לאָמיר געמיינשאַפטליך אויסאַרבייטען אַ ריכטיגען „לסדר אותו”, זאָלען מיר דעם „השתא עבדי” — די איצטיגע פאַרשקלאַפונג צו פרעמדע גייסטער, צו פרעמדע קולטורען — דאָ איבערלאָזען. דאַן קאָנען מיר האָפען, אַז מיט דעם אויבערשטען'ס הילף וועלען מיר דערלעבען דעם „נזכה לעשותו” און דעם „לשנה הבאה בני חורין”.

———o———

שביעי של פסח

דער גרויסער נס פון קריעת ים סוף
משה און די אידען זינגען שירה

שביעי של פסח, דעם זיבעטען טאג פון פסח, לייענט מען אין אלע שוהלען „אז ישיר", דעם גרויסען לויבגעזאנג, וואס משה און די אידען האבען געזונגען צו גאט נאכדעם, אז דער ים סוף האט זיך געשפאלטען פאר זיי און זיי זיינען איהם דורכגעגאנגען בשלום. די מצריים אבער, וועלכע האבען זיי נאכגעפאלגט, זיינען דערטרונקען געווארען, ווייל אזוי גיך ווי די אידען זיינען אריבער, האט זיך דער ים צוריקגעקערט „לאיתנו", צו זיין שטארקייט און מיט זיינע מעכטיגע כוואליעס פארפלייצט און דערטרונקען די חיילות פון מצרים.

די חז"ל זאגען אונז, אז „בשעה שעמדו ישראל על הים", אין דער צייט וואס די אידען זיינען געשטאנען ביים ים און באמערקט ווי די מצריים יאגען זיך נאך זיי, „נתחלקו לארבע כתות", האבען זיי זיך איינגעטיילט אין פיער פארשיידענע גרופען. איינע האט גע'טענה'ט „נצווח כנגדן", לאמיר תפילה טאן צו גאט קעגען זיי. דיזע כתה איז באשטאנען מעהרסטענס פון די פרומע עלטערע אידען, וואס האבען ניט געזעהן קיין אנדער מיטעל ווי זיך צו ראטעווען פון דעם מעכטיגען פרעה און זיינע צאהלרייכע חיילות, און האבען געווארט אויף נסים.

א צווייטע גרופע האט געשריען: „נפול אל הים", לאמיר זיך אריינווארפען אין ים. זיי זיינען ווארשיינליך באשטאנען פון די „שרי יהודה", די רייכע אידען, די אסימילאטארען, וואס האבען וועניג צוטרוי געהאט צו משה'ן מיט זיינע פארשפרעכונגען. זיי זיינען נאכגעגאנגען דעם פאלק אין דער מדבר, ווייל זיי האבען אליין אין מצרים ניט געקאנט פארבלייבען. אז זיי האבען דערזעהן די מעכטיגע ארמייען פון פרעה'ן, און מורא האבענדיג, אז פרעה וועט געווים זיגען, און נאכדעם וועט ער זיי שטראפען און

שטארק פייניגען, זיינען זיי געוואָרען פאַרצווייפעלט. ניט זעהענ־דיג פאר זיך קיין אַנדער אויסוועג, האָבען זיי באַשלאָסען זיך צו נעהמען דאָס לעבען. „נפול אל הים", לאָמיר זיך אריינוואַרפען אין ים אריין און מאַכען א סוף צו דער טרויעריגער לאַגע.

א דריטע גרופּע האָט געזאָגט: „נחזור למצרים", לאָמיר זיך צוריקקערען קיין מצרים. צו דיזער גרופּע זיינען צוגעשטאַנען די אומוויסענדע טיילען פון פאָלק, ביי וועמען דער „סיר הבשר", דער טאָפּ פיש און פלייש האָט געשפּילט די הויפּט ראָלע אין לע־בען. זיי האָבען זיך אַזוי וויט איינגעלעבט אין דער שקלאַפעריי, אַז זיי האָבען ניט פאַרשטאַנען דעם ווערטה פון פרייהייט. זיי זיינען לכתחילה נאָכגעגאַנגען משה'ן, ווייל זיי זיינען פאַרכאַפּט געוואָרען פון די גרויסע נסים, וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין מצרים, און זיי האָבען געדענקט, אַז דער צוריקקערען זיך צו דעם לאַנד פון זייערע אבות וועט זיי לייכט אָנקומען. באַמערקענדיג אָבער די גרויסע שוועריקייטען און די פילע קאַמפען, וואָס זיי מו־זען דורכמאַכען, האָבען זיי חרטה געקראָגען און זיינען געוועזען גרייט צוריקצוגעהן צו דעם שעבוד, צו דער שקלאַפעריי.

א פערטע גרופּע האָט באַשלאָסען: „נעשה עמהם מלחמה", לאָמיר מיט זיי פאַרפיהרען א שלאַכט. דיזע גרופּע איז מסתמא באַשטאַנען פון די נאַציאָנאַלע עלעמענטען, וועלכע האָבען איינ־געזעהן, אַז די פרייהייט פון א פאָלק קאָן ניט אַזוי לייכט דער־גרייכט ווערען, אַז מען מוז פאַר דעם קעמפען און אויך איינשטע־לען דאָס לעבען. אויב אפילו מען זאָל דאַרפען פאַלען אין שלאַכט, איז עס פיעל אָנגענעמער, ווי צו זיין פאַרשקלאַפּט דעם גאַנצען לעבען לאַנג. בעסער צו שטאַרבען א פרייער מענש איידער לעבען אַלס קנעכט (מדרש חזית א' י"ד, ירושלמי תענית פ"ב).

משה רבינו, וועלכער האָט געהאַט גרויס אמונה אין גאָט און האָט געוואוסט, אַז צו דעם ריכטיגען מאָמענט וועט געוויס קומען די ישועה, האָט דאָס פאָלק באַרוהיגט. צו דער ערשטער גרופּע, וואָס האָט זיך אָפּגעגעבען מיט „נצווח כנגדן", מיט תפילות און תעניתים בלויז, האָט ער געזאָגט: „ואתם תחרישון", איהר שווייגט. ניט אין אַזאַ צייט קאָן מען זיך צופרידענשטעלען מיט

אזעלכע מיטלען. מיט תפילות אליין קאן מען ניט ברענגען די ריכטיגע ישועה פאר דעם פאלק און איהם פארהיטען פון סכנה. מיטווארטען אויף נסים וועט די באפרייאונג פון פאלק ניט קומען. יעדער איד מוז ביישטייערען פון זיינע אייגענע כחות צו קאנען מקרב זיין די גאולה.

צו דער צווייטער גרופע, וואס איז געווארען פארצווייפעלט און באשלאסען „נפול אל הים", אריינווארפען זיך אין ים אריין און מאכען א סוף צו זייער לעבען, האט ער געזאגט: „התיצבו וראו את ישועת ה'", האט געדולד און איהר וועט זעהן די הילף פון גאט. מענשען וואס האבען ניט קיין אמונה אין זייער גאט און אין זייער פאלק, זיינען זיך גיך מיאש און פארלירען זייער מוט. די הילף פון גאט קאן נאר דאן קומען, אויב מען האט צוטרוי צו איהם און גלויבען אין דער אייביגקייט פון זיין פאלק. אט דער צוטרוי גיט כחות צו קאנען אויסהאלטען אין א צייט פון נויט, און דערגעהנטערט די ישועה.

צו דער דריטער גרופע, וואס האט גע'טענה'ט „נחזור למצרים", לאמיר זיך צוריקקערען קיין מצרים, האט משה געזאגט: „כי אשר ראיתם את מצרים היום לא תוסיפו לראותם", אט ווי איהר זעהט די מצריים היינט, וועט איהר זיי מעהר ניט זעהן. איצט יאגען זיי זיך נאך אייך און ווייזען ארויס אז איינטערעס אין אייך. עס איז אויך מעגליך, אז זיי וועלען נאך אייך זוכען איינצורעדען, אז זיי האבען חרטה אויף דעם וואס זיי האבען אייך שלעכט באהאנדעלט פאר דער צייט, וואס איהר זייט געווען אין מצרים, אבער פון היינט אן און ווייטער וועלען זיי אייך באהאנדלען ווי זייער גלייכען. עס איז אבער א טעות פון אייך אזוי צו דענקען. קוים וועט איהר זיך צוריקקערען, וועט איהר ווייטער זיין פארשקלאפט צו זיי און וועט מוזען פארשווענדען אייערע כחות פאר זייערע נוצען; אייך וועט פון דעם גארנישט ארויסקומען (הרב יצחק ניסענבוים, דרשות לשבתות השנה).

צו דער פערטער גרופע, וואס האבען פארגעשלאגען „נעשה עמהם מלחמה", לאמיר זיי ענטפערען מיט קאמף, האט ער געזאגט: „ד' ילחם לכם", גאט וועט פאר אייך קעמפען. אייער אפ־

פערוויליגקייט וועט געווים ניט זיין אומזיסט, גאָט וועט אייך העל־פען. דער נביא, רעדענדיג שפּעטער וועגען דער אידישער גאולה, זאָגט טאַקי: „שובה אלי ואשובה אליכם", קערט זיך אום צו מיר, דאַן וועל איך זיך אומקערען צו אייך. די וואָס קעמפּפען פאַר דער פרייהייט פון זייער פאָלק, העלפט זיי גאָט און זיי זיינען זוכה צו פייערען זיין גאולה און זעלבסטשטענדיגקייט.

די צוויי ארונות וואָס אידען האָבען געפיהרט אין דער מדבר

אַז די אידען האָבען געזעהן דעם גרויסען נס פון קריעת ים סוף און ווי גאָט האָט פאַרניכטעט זייער מעכטיגען שונא, פרעה, האָבען זיי אויסגעבראָכען אין אַ שעהנעם יובעל־געזאַנג. „אז ישיר משה ובני ישראל, א"ר מאיר, שר לא נאמר אלא ישיר, מכאן לתחית המתים מן התורה", עס שטעהט ניט „שר", ער האָט גע־זונגען, בלשון עבר, נאָר „ישיר", ער וועט זינגען, בלשון עתיד, פון דאַנען איז אַ ראיה פון דער תורה, אַז די טויטע וועלען לע־בעדיג ווערען (סנהדרין צ"א ע"ב). די אידישע גאולה איז ניט אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, זי וועט נאָך קומען אין דער צו־קונפט און דער „עם סגולה" וועט ענדליך טריאומפירען. די גרויסע גייסטער, וואָס האָבען געקעמפט פאַר זיין געבורט, אַזוי גוט ווי די וואָס קעמפּפען פאַר זיין עקזיסטענץ, שטאַרבען קיינמאָל ניט אָפּ. „תחית המתים" קומט מן התורה. ווי טרויעריג די לאַגע פון פאָלק זאָל ניט זיין, ווי נאָהענט צום טויט ער זאָל ניט שטעהן, וועט ער צוריק אויפלעבען. זיין תורה האָט איהם אָנגעזאָגט „וחי בהם", דו זאָלסט לעבען מיט מיינע געזעצען, און קעגען דיזע געטליכע באַפעהל זיינען די גרעסטע אידישע שונאים אוממעכטיג. דער איד וועט נאָך זינגען זיין באַפרייאונגס־ליד אויך נאָכדעם, אַז אַלע זיינע פאַרפאָלגער וועלען פאַרשווינדען.

ביי דעם אידען איז פאַרלוירען געגאַנגען דער באַגריף „עבר" און „הוה", ער לעבט בלויז פאַר דעם „עתיד". זיין נעכטען און היינט דינען איהם בלויז פאַר דעם שעהנעם מאָרגען, צו וועלכען ער שטרעבט און האָפט אין אַלע צייטען און אונטער אַלע אומ־

שטענדען. זיין „בית עולם", זיינע פארשטארבענע גרויסע עלטערן פיהרט ער אימער מיט זיך. ביי איהם זיינען זיי לעבעדיגע און צו יעדען יום־טוב איז ער זיי מזכיר נשמות. „כל אותן שנים שהיו ישראל במדבר היו שני ארונות, אחד של מת ואחד של שכינה מתהלכים זה עם זה". די אלע יאהרען, וואס די אידען האבען פאר־בראכט אין דער מדבר, זיינען דער ארון מיט יוסף'ס ביינער און דער ארון מיט די לוחות געגאנגען צוזאמען (סוטה י"ג).

די יוסף'ס, די אידישע קעמפער, לעבען אימער אין דעם זכרון פון פאלק. צוזאמען מיט זיין תורה, פאר וועלכער ער איז גרייט צו געבען זיין לעבען, איז איהם אויך טייער דער אנדענק פון זיינע גרויסע עלטערן, וואס האבען איהם געמאכט אומשטערב־ליך. דער גאנצער מדבר, דער גרויסער און פינסטערער גלות, איז פארזייט מיט טרוקענע ביינער, און ווי דער נביא זאגט אין היינטי־גער הפטרה: „העצמות האלה כל בית ישראל המה", אט דיזע ביינער שטעלען צוזאמען דאס הויז פון ישראל. אבער אויב זיי פיהרען מיט זיך דעם ארון מיט די לוחות, וועלען זיין „תחיינה העצמות האלה", די טרוקענע ביינער פון די אידען אין גלות וועלען אויפלעבען, און די ישועה וועט געוויס קומען.

———o———

אינהאלט

די השפעה פון דער אגדה אויף דעם אידישען לעבען — — — 5

בראשית

בראשית — — — — — — — — — — — — — — 13
געשיכטע מיינט קאמף פאר עקזיסטענץ.
די וועלט מוז זיין פריי פאר אלעמען.
נח — — — — — — — — — — — — — — — — 18
א בילד פונ'ם אידישען גלות.
דאס טייבעלע, א סימבאל פון אידישען פאלק.
לך לך — — — — — — — — — — — — — — 23
דער אידישער יחזקאל.
דער ברית בין הבתרים.
וירא — — — — — — — — — — — — — — — 28
די מצוה פון הכנסת אורחים.
אברהם גדענקט זיינע שלעכטע צייטען.
ווי אברהם האט אריינגעקראגען גרים.
חיי שרה — — — — — — — — — — — — — 35
אברהם ווערט א תושב.
געשיכטע ווידערהאלט זיך.
די היילינע פלעצער אין לאנד.
אברהם צאהלט פיעל געלט פאר קברים־לאנד.
א געטליכער פרינץ ניט א תושב.
תולדות — — — — — — — — — — — — — 42
יצחק ווערט דער גייסטיגער יורש פון זיין פאטער אברהם.
מען קריגט זיך מיט איהם צוליב וואסער.
די דריי הויפט אידייען וואס האבען באאיינפלוסט
אידישע געשיכטע.
אסימילאציע און טשאריטי.
אברהם בלייבט דער סימבאל פון אידישער אמונה.
ויצא — — — — — — — — — — — — — — 51
יעקב פארזוכט דעם ערשטען טעם פון גלות.
די מלאכים פון ארץ ישראל פארלאזען איהם.
זיין גרויסער געטליכער חלום.
וישלח — — — — — — — — — — — — — — 58
יעקב זוכט זיך איבערצובעטען מיט זיין ברודער עשו.
יעקב פארלאזט ארם נהרים און געהט נאך כנען.
יעקב בעט עשו'ן אנצונעהמען זיינע מתנות.
יעקב בלייבט איבער אליין.
וישב — — — — — — — — — — — — — — 66
די גרויסע טראגעדיע פון מכירת יוסף.
די געשיכטע פון יעקב ווערט פארטגעזעצט דורך יוסף.
צוליב וואס די ברידער רייסען זיך ארום.
ביים ערשטען ברודער־קריג באשאפט גאט דאס ליכט פון משיח.

מקץ — — — — — — — — — — — — — — — 73
יוסף׳ס חלומות ווערען מקוים, ער ווערט הערשער אין מצרים.
פון וואס דער אידישער גורל איז אפהענגיג.
יוסף ראטעוועט דאס לאנד פון הונגער.
ויגש — — — — — — — — — — — — — — — 80
דער גלות מצרים פאנגט זיך אן.
ווי יוסף נעהמט אויף זיינע ברידער.
יוסף מאכט זיך פרעמד צו זיינע ברידער.
ויחי — — — — — — — — — — — — — — — 88
יעקב׳ס נבואה איבער דער צוקונפט פון זיינע קינדער.
די שכינה געהט אוועק און קומט צוריק.

שמות

שמות — — — — — — — — — — — — — — — 97
די ערשטע שריט פאר יציאת מצרים.
שטראלען פון דער גאולה.
דער אידישער באפרייער משה ווערט געבוירען.
וארא — — — — — — — — — — — — — — — 104
די אידישע גאולה ווערט פארבארייטעט.
משה׳ס ערשטע געטליכע וויזיע.
די אידען הערען זיך ניט צו צו משה׳ן.
בא — — — — — — — — — — — — — — — 110
די אידען ווערען באפרייט און פארלאזען מצרים.
די אידען און די גאולה באוועגונג.
משה דערקלערט די באדייטונג פון דער גאולה.
בשלח — — — — — — — — — — — — — — — 117
די אידען פארלאזען מצרים און וואנדערען דורך דעם מדבר.
וואס עס האט געטראפען ביי קריעת ים סוף.
מן וואס די אידען האבען געגעסען אין מדבר.
יתרו — — — — — — — — — — — — — — — 123
קבלת התורה — די גרעסטע היסטארישע פאסירונג.
די אידען קומען צום בארג סיני.
ווארום האט גאט אויסגעקליבען דעם בארג סיני ?
משפטים — — — — — — — — — — — — — — — 129
משה לערענט אידען די דינים וואס ער האט מקבל געווען אויפ׳ן בארג סיני.
משה ווייזט די אידען דעם אמת׳ן גאט.
פארבארגענע כוונות אין די דינים.
תרומה — — — — — — — — — — — — — — — 135
די אידען בויען א משכן פאר גאט.
די באדייטונג פון געבען צדקה.
די ארבייט ארום דעם משכן.

תצוה — — — — — — — — — — — — — — — 141
דער ארון און די מנורה — תורה און השכלה.
די מנורה א סימבאָל פון השכלה.
א פּאָר געלונגענע באמערקונגען.

כי תשא — — — — — — — — — — — — — — — 147
די טרויעריגע פּאסירונג מיט דעם עגל.

ויקהל — — — — — — — — — — — — — — — 152
משה פּארזאמעלט אלע אידען און גיט זיי איבער נייע לוחות.
אלע אידען גיבען פאר דעם משכן און זיינע כלים.
משה לערענט תורה ביי טאָג און תלמוד ביי נאכט.

פקודי — — — — — — — — — — — — — — — 157
משה גיט אָפּ חשבון איבער די קאָסטען פון דעם משכן.
משה אליין מוז אויפשטעלען דעם משכן.
א שעהן וואָרט פון דעם שפּאָלער זיידען.

ויקרא

ויקרא — — — — — — — — — — — — — — — 165
גאָט דערקלערט משה'ן דעם זין פון קרבנות.
תפלות אנשטאט קרבנות.

שמיני — — — — — — — — — — — — — — — 170
אהרן'ס גרויסע טראגעדיע.
וואָרום זיינען נדב ואביהו פארברענט געוואָרען ?
א העכערע אורזאך ווערט אָנגעגעבען אין פּסוק.

תזריע — — — — — — — — — — — — — — — 176
משה לערענט די אידען סאניטארע געזעצען.
קראנקהייטען זיינען א שטראָף פון גאָט.

אחרי מות — — — — — — — — — — — — — — — 181
די צוויי אידישע פאָלקס קרבנות — אחד לד' ואחד לעזאזל.
דער אונטערשייד פון די צוויי קרבנות.

קדושים — — — — — — — — — — — — — — — 187
די הויפּט פּרינציפּען פון דער תורה.
די עשרת הדברות איבערגע'חזר'ט און דערקלערט.

אמור — — — — — — — — — — — — — — — 193
די הנהגה פון די כהנים.
ספירת העומר און די הילולא דר' שמעון בן יוחאי.

בהר — — — — — — — — — — — — — — — 198
די סאָציאלע און עקאָנאָמישע געזעצען וואָס זיינען
גענעבען געוואָרען אויפ'ן בארג סיני.
די עטישע געזעצען פון די אידען.
מען דארף ניט וועלען גיך רייך ווערען.

בחוקותי — — — — — — — — — — — — — — — 204
אידישע ברכות און קללות זיינען פארבונדען מיט א תנאי.
ווענינ ברכות און פיעל קללות.
אָבער אונטערגעהן וועלען מיר אויך ניט.

במדבר

במדבר — — — — — — — — — — — — — — — — 213
משה לערנט די אידען אין מדבר ווי זיך צו פיהרען אלס פאָלק.
אידען מוזען זיך האלטען ביי זייערע אייגענע פאָהנען.
נשא — — — — — — — — — — — — — — — — 219
די נשיאים איילען זיך ניט מיט זייערע נדבות.
משה וויל ניט נעהמען די נדבות פון די נשיאים.
בהעלותך — — — — — — — — — — — — — — — 225
די ליכט פון דער אידישער מנורה.
זיין אייגענארטיג לעבען האָט דעם אידען אויפ־
געהאלטען אין גלות.
שלח — — — — — — — — — — — — — — — — 231
משה שיקט עקספערטען אויסצופאָרשען דאָס לאַנד,
זיי ווערען אָבער מרגלים.
די טרויעריגע רעזולטאטען וואָס די מרגלים האָבען געבראַכט.
קרח — — — — — — — — — — — — — — — — 237
דער קאַמף געגען אידישער נאציאָנאליטעט ווערט
פאָרטגעזעצט.
די אידישע צוקונפט באלאנגט ניט צו די מרגלים און
צו די קרח׳ס.
חקת — — — — — — — — — — — — — — — — 243
משה און אהרן פארלירען די געדולד און ווערען
שטרענג באשטראָפט.
משה שלאָגט דעם שטיין און מיינט די אידען.
בלק — — — — — — — — — — — — — — — — 249
העצעס קעגען אידען דורך לויבגעזאנג.
ברכות וואָס זיינען געמיינט פאר קללות.
פנחס — — — — — — — — — — — — — — — — 255
משה צעהלט ווידער די אידען און באשטימט פאר זיי
א נייעם פיהרער.
ווער פאסט זיך צו זיין א אידישער פיהרער.
מטות ומסעי — — — — — — — — — — — — — 261
דער עבר הירדן ווערט א טהייל פון ארץ ישראל.
אז מען דריקט אידען ערגעץ אנדערשוואו, זיינען די
איבעריגע טיילען פון פאָלק אויך ניט זיכער.

דברים

דברים — — — — — — — — — — — — — — — — — — 269
משה איז מבאר די תורה און גיט אָן די סיבות
פון דער פארלענגערטער גאולה.
משה פאנגט־אָן צו דערקלערען די תורה.

ואתחנן — — — — — — — — — — — — — — — — 275
משה טענה׳ט זיך אוים מיט גאָט, פארוואָס ער לאָזט
איהם ניט אריין קיין ארץ ישראל.
די חוקים און משפטים וועלען אויפהאלטען די אידען.

עקב — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 281
אויב די אידען וועלען אויספאָלגען די תורה
וועלען זיי לעבען אייביג.
די תורה איז דעם אידען׳ס איינציגע ישועה.

ראה — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 287
די בחירה איז איבערגעגעבען געוואָרען צום מענשען.
זעהט אויפצוהאלטען די גאנצקייט פונ׳ם פאָלק.

שופטים — — — — — — — — — — — — — — — — 293
וואָס אידישע שופטים און דיינים דארפען וויסען.
קריגערייען אין אידישע קהלות צוליב רבנים.

כי תצא — — — — — — — — — — — — — — — — 299
„מלחמת מגן" און „מלחמת רשות".
מלחמה איז דערלויבט בלויז קעגען אן אמת׳ן שונא.

כי תבוא — — — — — — — — — — — — — — — — 305
„בכורים", די ערשטע פון די מצוות התלויות בארץ.
בכורים מוז מען אליין ברייגגען אין בית המקדש.

נצבים — — — — — — — — — — — — — — — — — 311
די אידען זיינען דער מיטעלפונקט פון דער וועלט
און יענער וועלט.
די תורה איז אייער גליק.

וילך — — — — — — — — — — — — — — — — — — 317
משה געזעגענט זיך מיט די אידען.
אמאָל איז ער געפלויגען אין די הימלען און איצט קאָן ער
דעם קליינעם ירדן ניט אריבערגעהן.
זיינע לעצטע טרייסט־ווערטער.

האזינו — — — — — — — — — — — — — — — — — 323
משה׳ס גרויסע פאָעטישע צוואה.
די תורה ברענגט מיט זיך לעבען.
די אידען זיינען גאָט׳ס אייגענם.

וזאת הברכה — — — — — — — — — — — — — — 329
משה פארענדיגט די תורה און גיט איבער זיין נשמה צו גאָט.
גב"ה קושט משה׳ן און נעהמט זיין נשמה.

חגים ומועדים

ראש השנה — — — — — — — — — — — — — — — 337
א געבורטסטאָג פאַר דער מענשהייט.
ראש השנה זיינען מיר מתפלל פאַר דער גאַנצער מענשהייט.
דער שופר לערנט אונז אחדות.

שבת שובה — — — — — — — — — — — — — — — 343
תשובה צינדט אָן דאָס ליכט פון גלויבען.
תשובה און די אידישע גאולה.

יום כפור — — — — — — — — — — — — — — — 348
א טאָג פון באַוואוסטזיניגקייט.
הזכרת נשמות און צדקה.

סוכות — — — — — — — — — — — — — — — — 354
די סוכה לערנט אונז, ווי א איד זאָל זיך פיהרען.
אחדות און נאַציאָנאַלער שטאָלץ.
די סוכה — א סימבאָל פונ׳ם אידישען פאָלק.

שמחת תורה — — — — — — — — — — — — — — 360
דער איד פרעהט זיך מיט דער תורה, און די תורה מיט איהם.
די תורה באַלאַנגט צו אַלעמען.

פורים — — — — — — — — — — — — — — — — 365
אין אַלטע אידישע טראַגעדיע, וואָס האַלט זיך
אין איין ווידערהאָלען.
אסתר פאַרלאַנגט, אַז פורים זאָל פאַרבלייבען
אַן אייביגער יום טוב.
קריטישע מיינונגען איבער דער מגילה.

שבת הגדול — — — — — — — — — — — — — — 370
דער ערשטער שבת וואָס אידען האָבען געהאַלטען
אַלס אַ פריי פאָלק.
כל חמירא — א סימבאָל פון אידישער שטאַרקייט.

פסח — — — — — — — — — — — — — — — — 376
דער סדר טיש, א סימבאָל פון אידישען לעבען.
דער סדר אַמאָל און היינט.
וואָס דער ווילנער גאון זצ״ל זאָגט וועגען דער אידישער גאולה

שביעי של פסח — — — — — — — — — — — — — 382
דער גרויסער נס פון קריעת ים סוף,
משה און די אידען זינגען שירה.
די צוויי ארונות וואָס אידען האָבען געפיהרט אין דער מדבר.